STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00259

DI GESHIKHTE FUN DER LITERATUR BAY YIDN

Israel Zinberg

Permanent preservation of this book was made possible by
Charles Ritz
in memory of
Benjamin Ritz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר ישראל צינבערג

די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן

אַכטער באַנד

ערשטער בוך

פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי
ניו יאָרק, נ. י., 1943

Dr. I. ZINBERG

THE HISTORY OF THE JEWISH LITERATURE

Dr. I. Zinberg, „Di Geszichte fun der Literatur bej idn"

EIGHTH VOLUME

FIRST BOOK

PRINTED IN U.S.A.

FARLAG MORRIS S. SKLARSKY
10 MONROE ST., G. D. 4
NEW YORK 2, N. Y.
1943

יום-טוב ליפמאן (לעאפאלד) צונץ

זע זייט 10

יצחק-מרדכי יאָסט

זע זייט 32

היינריך היינע

זע זייט 22

שלמה-יהודה ראפּאָפּאָרט (שי״ר)

זע זייט 74



שמואל־דוד לוצאטו (שד״ל)

זע זייט 168

אברהם גייגער

זע זייט 218

עלפטער טייל

חכמת ישראל און גאַליציאַנער השׂכּלה



זכריה פראנקעל

זע זייט 228

יהיאל-מיכל זק״ש

זע זייט 236

ערשטער קאַפּיטל

יום טוב (לעפּאָלד) צונץ אלס גרינדער פון חכמת היהודות. — די „העפּ-העפּ"-פּאָגראָמען אויף יידן. — לודוויג בערנע און „דער עוויגע יודע". — „דער פעראיין פיר קולטור אונד וויסענשאַפט דעס יודענטומס". — דער יונגער האַרי היינע און זיינע נאַציאָנאַלע שטימונגען. — זיין „אַלמאַנזאָר" און „איבער פּאָלען". — די „צייטשריפט פיר די וויסענשאַפט דעס יודענטומס". — עמנואל וואָלף און עדואַרד גאַנז. — וויסענשאַפט דעס יודענטומס אלס הכשר אויף גלייכבאַרעכטיקונג. — בן-דויד וועגן דעם גלויבן אין ביאת המשיח. — היינע און זיין „רבי פון באַכראַך". — דער אונטערגאַנג פונם „פעראיין". — די אָפּטריניגע. — מרדכי יאָסט און זיין „געשיכטע דער איזראַעליטען".

אין דער זעלביקער צייט, ווען עס האָט אויסגעבראָכן דער קאַמף צווישן דער רעפאָרם-פּאַרטיי און אירע קעגנער [1], איז אין בערלין דער-שינען (1818) אַ קליינע בראָשור אונטער אַ ווייניק זאָגנדיקן טיטל „עטוואַס איבער די ראַבינישע ליטעראַטור". ווייניק באַקאַנט איז אויך געווען דער נאָמען פונם 24-יאָריקן פאַרפאַסער. און אָט דאָס חיבורל איז געווען אַן אָנזאָג פון אַ נייער תּקופה, איז געוואָרן דער ערשטער גרונדשטיין פאַר דעם גרויסן בנין, וואָס דאָס איראָפּעיִשע מערב-יידנטום האָט אויפגעבויט אינם 19טן יר"ה. חכמת היהדות — וויסענשאַפט דעס יודענטומס, הייסט דער בנין, און יום-טוב ליפּמאַן (לעאָפּאָלד) צונץ האָט דער פאַרפאַסער פון דער בראָשור געהייסן.

יום-טוב צונץ איז געבאָרן אין 1794 אין אַ קליין דייטשיש שטעטל דעטמאָלד. זיין פאָטער, מנחם-עמנואל, אַ ייד אַ למדן, איז געשטאָרבן, ווען יום-טוב איז סך-הכל ניין יאָר אַלט געווען. די פאַמיליע איז שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן, און דער קליינער יתום האָט געלעבט אין גרויס דחקות. מען האָט אים אויפגעצויגן אין וואָלפענביוטל, אין אַ תּלמוד-תּורה פאַר אָרעמע קינדער, וואָס איז אין 1807 רעאָרגאַניזירט געוואָרן

---

1 זע פריקן באַנד, לעצטן קאַפּיטל.

אין א יידישע מוסטער־שול. דער יונגער צונץ האט מיט גרויס התמדה געלערנט העברעישע און אויך אלגעמיינע לימודים; אין 1809 איז ער אריינגעטראטן אין דער ארטיקער גימנאזיע, און זי פארענדיקט אין 1815. אויך אין די יארן, וואס ער האט פארבראכט אין גימנאזיע, האט צונץ זיך פיל אפגעגעבן מיט העברעישע לימודים, און איז שוין דעמאלט געווען א בקי אין דער רבנישער ליטעראטור. אין 1816 קומט צונץ קיין בער־לין, ווו ער טרעט ארײן אין דעם דארטיקן אוניווערזיטעט. די ערשטע יארן אין בערלין האט ער אלס הויזלערער פארבראכט אין דער וווינונג פון הענריעטע הערץ 1, געמאכט באקאנטשאפט מיט די קרײזן, וואס זײנען געווען נאענט צו דער רעפארם־פארטיי, געווען שטארק אנטציקט פון יעקובזאנס פרעדיגן און אין 1817 איז צונץ גופא באשטימט געווארן אלס פרעדיגער אין יעקובזאנס רעפארם־טעמפל. צונץ איז אבער בכלל ניט געווען קיין קעמפער־נאמור; זײן בארוף איז געווען ניט די טריבונע, נאר דער פארשער־קאבינעט, זיצן באהלה של תורה, טעג און נעכט פאר־ברענגען איבער אלטע פאליאנטן. און שוין אין זײנע יונגע יארן האט צונץ פארמאגט דאס, וואס ס'האט אזוי שטארק געפעלט די קולטור־ און רעפארם־קעמפער פונם פריערדיקן דור, — דעם היסטארישן חוש.

געבארן אויף דער גרעניץ פון צוויי יארהונדערטן, איז צונץ גע־בליבן געטרײ דעם אפטימיסטישן גלויבן פון די אויפקלערער פון דעם פארגאנגענעם יר"ה אין דער אוניווערסאלער קראפט פונם שכל הישר; אויך ער איז געווען פעסט איבערצײגט, אז ווי נאר מען באגרײפט מיטן שכל דאס אמתע און פארנינפטיקע, איז דאך שוין לײכט אויך יענעם איבערצוצײגן אין דער ריכטיקייט פון די הנחות, וואס דער שכל איז מחייב. דערפאר האט ער אבער פון דעם נײעם יר"ה איבערגענומען דעם וויכטיקן, אמת וויסנשאפטלעכן פרינציפ וועגן היסטארישן צו־גאנג צו קולטור־פראבלעמען. די משכילים פונם פריערדיקן דור, די פרידלענדערס, די האמבערגס און די וואלפזאנס האבן געקוקט מיט ביטול אויף דער תלמודישער, נאכביבלישער ליטעראטור; זיי האבן דארטן געזען קודם־כל אבערגלויבן, גרויסע סתירות קעגן דעם שכל הישר. צונץ אבער זעט אין דער נאכביבלישער (ראבינישער, ווי זי הייסט בײ צונצן) ליטע־ראטור קודם־כל א ריזיקן צוויטוויזנטיאריקן דענקמאל פון נאציאנאלער קולטור, וואס דארף ערשט אויסגעפארשט ווערן פון אלף ביז תיו. די ביבלישע תקופה, ווײזט צונץ אן, האבן וויניקסטנס די חכמי אומות העולם געפרווט אויספארשן, צו דער ראבינישער אבער האבן זיך ס'רוב

1 זע אונזער ווערק, ב' VII, ערשט בוך, 152.

קריסטליכע פארשער פארהאלטן מיט דער גרעסטער שנאה, און מיר פון אונזער זייט האבן ביז איצט זיך דערוויַיל באגניגנט בלויז מיט „זארג־לאזיקייט" אדער מיט „oberflächlichen Tadel" (ז' 7). צונץ געפינט — ער שטייט ביי א גרעניץ, די רבנישע ליטעראטור האלט אין איין פאלן, זי גוסעט; די העברעישע שפראך ווערט גיך פארגעסן, זי ווערט פאר־דרענגט דורך „די דייטשע שפראך און די דייטשע בילדונג", און דאס דערנעענטערט נאך מער דעם אונטערגאנג פון דער „רבנישער" ליטע־ראטור. די דאזיקע ליטעראטור האלט שוין ביים סיום, זי איז שוין א פארענדיקטע, א געשלאסענע *. דארף מען אונטערפירן דעם סך־הכל, קריטיש און וויסנשאפטליך אויספארשן אונזער עבר, אונזער צוויטווינטיאריקע נאציאנאלע שאפונג. עס דארפן אבער קודם־כל גע־מאכט ווערן די אלע נייטיקע פארשטודיען, בכדי עס זאל קאנען געשאפן ווערן דער בנין פון חכמת ישראל. צונץ איז דערביי פעסט איבערצייגט, אז גראד איצט, אין דער צייט פון אויפקלערונג, בעת די רעגירונג און די געזעלשאפט טראכטן וועגן ראדיקאלע ענדערונגען אין דער רעכטלי־כער לאגע פון די יידן, וואלט די יידישע וויסנשאפט, די וויסנשאפט־ליכע באלייכטונג פון דער יידישער קולטור און עטיק, געקאנט דינען אלס זיכערער וועגווייזער ביי דער לייזונג פון פיל זייער וויכטיקע פראגן.

צונץ שטעלט דערביי ארויס א ברייטע אויסגעארבעטע פראגראם, ווי אזוי עס דארפן אויסגעפארשט ווערן די פארשיידענע געביטן פון דער יידישער וויסנשאפט; און דאס אינטערעסאנטסטע דערביי איז אט וואס: די דארטן אנטוויקלטע טעזיסן זיינען פאקטיש געווארן די פראגראם פון צונצס לאנגן לעבנס־וועג, דער פראספעקט פון זיין אומדערמידליכער, כמעט זיבעציקיאריקער וויסנשאפטליכער ארבעט... [1].

צונץ דערמאנט אין זיין ארבעט, מיט וואס פאר א האס און ביטול מען פלעגט אין דער דייטשער וויסנשאפטליכער ליטעראטור שרייבן אין פריערדיקע צייטן וועגן יידן און יידנטום, און ער פירט אויס מיט צופרידנקייט: „דאנק דיר גאט דער עווינקייט! אזעלכע צייטן זיינען שוין פאראיבער! מוטפולע און וואַרהייטליבענדע שריפטשטעלער פאר־ברייטן איצט אמתע פאלקס־אויפקלערונג, און מאכטפולע פירשטן זיינען זיי באהילפיק דערביי!" [2].

---

* געשפרייזט ביי צונצן.

1 וועגן זיינע וויסנשאפטליכע ארבעטן נאך דער רעוואלוציע פון 1848 וועט זיין די רייד אין ווייטערדיקן באנד.

2 געזאמלטע שריפטן I, 24.

גאָר אינגיכן האָט אָבער צונג געהאַט די טרויעריקע געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן, אַז די שוואַרצע שאָטנס פון דעם פינסטערן מיטלאַלטער זיינען נאָך אַלץ ניט פאַרשוואונדן. די נאַציאָנאַלע פרייהייטס־קאַמפן אין דייטשלאַנד (1812—1814) האָבן בלויז פאַרגיכערט די מפּלה פון דעם גאונישן קאָרסיקאַנער, דעם יורש פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און איבער גאַנץ אייראָפּע האָט זיך פאַרשפּרייט די בלייענע רעאַקציע אונטער דער אויבערשטער השגחה פון דעם „הייליקן בונד״. צונישט זיינען געוואָרן די האָפענונגען פון די ראָמאַנטיש־געשטימטע פרייהייטס־קעמפער אין דייטשלאַנד. ניט באַפרייט און ניט פאַראייניקט איז דאָס דייטשע פאָלק געוואָרן, נאָר ווי פריער געבליבן צעבראָקלט און צעטיילט אונטער דער דעספּאָטישער מאַכט פון זעקס און דרייסיק מאָנאַרכן. פאַרגעסן האָבן די דייטשע פירשטן אין זייערע התחייבותן, אין אַלץ, וואָס זיי האָבן זייער פאָלק פאַרשפּראָכן דעמאָלט, אין די יאָרן פון נויט און שרעק; זייער איינציקער ווונטש איז געווען — צוריקקערן צום אַלטן שטייגער, איינצוימען דאָס פאָלק אינם פריערדיקן יאָך. דאָס געפיל פון צאָרן און אומצופרידנקייט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט ביי געוויסע שיכטן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, האָט מען זייער גוט פאַרשטאַנען, ווי אומשעדלעך צו מאַכן. מען האָט אויסגענוצט דאָס אַלטגעפּרוווטע מיטל: מאַכן אויס דעם יידן אַ ציִלשייב פאַרן בלינדן פאָלקסצאָרן, דערקלערן אים פאַרן זינדנבאָק, וואָס מוז באַצאָלן פאַר דאָס גאַנצע אומרעכט, וואָס עס האָבן דורכגעפירט קעגן פאָלק די הערשנדיקע קלאַסן.

דאָס יאָר 1819 איז פאַר די יידן אין דייטשלאַנד געווען אַ יאָר פון שאַנד און רערנידערונג. אין פיל שטעט איז דער קריסטלעכער פעבל מיט ווילדע „העפּ־העפּ״־געשרייען באַפאַלן די יידישע היימער, גערויבעט זייער גוטס און די יידן געשלאָגן מכּות רצח. אין די דאָזיקע פּאָגראָמען, ביי וועלכע צענדליגער יידן זיינען געהרגעט געוואָרן, האָבן זיך אויך באַטייליקט סטודענטן און פאַרשטייער פון דער קויפמאַנשאַפט. עס האָבן זיך אויך געפונען גענוג יידן־פרעסער צווישן די געלערנטע פּראָפעסאָרן, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן די יידן מיט גיפטיקע פּאַמפלעטן און געפאָדערט, מען זאָל דעם דאָזיקן „אומגעציפער״ אויס דעם לאַנד אַרויסטרייבן. איייניקע האָבן אַפילו פאָרגעלייגט, אַז בכדי די יידן זאָלן זיך ניט פאַרמערן, „דאַרף מען די מענער מסרס זיין און די ווייבער און טעכטער אין די שאַנדהייזער אונטערברענגען״ [1].

באַשטירצט און דערשיטערט איז געווען דער אַלטער פרידלענדער;

---

[1] גרעץ, געשיכטע, ב׳ XI, 328 (1900).

ער האָט גאָר ניט געקאָנט באַגרײַפן, ווי האָט אַזוינס געקאָנט געשעען אין הײַנטיקע „אויפגעקלערטע צײַטן, ווען די ליכטיקע שטראַלן פון דעם „געזונטן מענטשנפאַרשטאַנד" האָבן פאַרטריבן די מיטלעלטערלעכע „פאַראורטיילן". אַ באַדײַטנדיק מעכטיקערע שטימע האָט זיך אָבער אויך דעמאָלט געלאָזט הערן. דער געוועזענער לייב ברוך אויס דעם פראַנק-פורטער געטאָ, וואָס איז אונטער דעם נאָמען לודוויג בערנע מגולגל געוואָרן אין דעם „ערשטן דײַטשן פּובליציסט", אין דעם אומדערמידלעכן דעמאָקראַטישן פרײַהייטסקעמפער, אויך ער איז מיט דער מאַכט פון זײַן קרעפטיקן טאַלענט אַרויסגעטראָטן ניט בלויז קעגן דער פיזישער „העפּ-העפּ"-באַוועגונג, קעגן די פּאָגראָמען און רציחות, נאָר אויך קעגן „מעטאַ-פיזישן העפּ-העפּ" — קעגן די ייִדנפרעסערישע פּאַמפלעטן און כלומרשט וויסנשאַפטלעכע טראַקטאַטן [1]. בערנע טרעט אָבער אַרויס אַלס זײַטיקער מענטש; שוין ניט אַלס ייִד, נאָר אַלס דעמאָקראַט און פרײַהייטס-קעמפער, וואָס האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז „דער יודענהאַס איסט איינער דער פאַנטינישען זימפּפע, וועלכע דאַז שענע פריהלינגסלאַנד אונזערער פרײַהייט פערפּעסטען" [2], און אַז דעם שטאַט-פּעבל האָט מען דערפאַר אַגיטירט צו זײַנע ייִדנפײַנדלעכע אָנפאַלן, „אום זאָגן צו קענען, דאַסס עס קיינער פרײַהייט ווירדיג זײַ, אונד דאַסס מאַן עס צום געפענג-ניס-וועכטער דער יודען בעשטעלט, ווײַל די געפענגניס-וועכטער וויע דיע געפאַנגענען דען קערקער ניכט פערלאַססען דירפען" [3]. בערנע איז ווי פרידלענדער פול מיט האַס און ביטול צום „ראַביניזם"; אין די נײַע רעפאָרם-טעמפּלען זעט ער אַ פּרוּוו „אויפסנײַ צו דערוועקן אין דעם יידישן גאָטעסדינסט די יראת-הכבוד-שטימונג, וואָס איז פון דאָרטן פאַרטריבן געוואָרן דורך די רבנישע אומגעלומפּערטע נאַרישקייטן (ראַבינישע אַלפּאַנ-צערייען)" [4]. אויך איז ער פעסט איבערצײַגט, אַז אין דרײַסיק יאָר אַרום, וועלן די ייִדן זיך אין דעם תּלמוד דערמאָנען „נור אום דאַריבער צו לאַכען" [5]...

אויף די טראַגישע געשעענישן פון 1819 האָט זיך אויך אָפּגערופן לעאָפּאָלד צונץ, נאָר אויף גאָר אַן אַנדער אופן. אַדאַנק זײַן איניציאַ-טיווע איז אין בערלין סוף 1819 דורך אַ גרופּע יונגע ייִדישע אינטעלי-

1 „פיר די יודען" (געזאַמעלטע שריפטען, I, 210—215, פיליפ רעקלאַם-אויס-גאַבע); „דער עוויגע יודע", דאָרטן, II, 271—302.

2 דאָרטן, II, 273.

3 דאָרטן, I, 213.

4 דאָרטן, II, 287.

5 דאָרטן, 292.

גענטן געגרינדעט געוואָרן אַ פאַראיין „פיר קולטור אונד וויסענשאַפט דער יודען". דער הויפּט־צוועק פון דעם פאַראיין איז געווען פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג און קעמפן קעגן דער שמד־עפּידעמיע, וואָס האָט זיך ווידער געשטאַרקט נאָך די פּאָגראָם־געשעענישן, קעמפן דורך פאַרשפּרייטונג פון יידישן וויסן צווישן די אינטעליגענטע יידישע קרייזן, באַקענען דורך וויסנשאַפטלעכע פאָרטראָגן און אויסגאַבן מיט דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, מיט די יסודות פון דער יידישער קולטור. צו דעם צוועק האָט דער „פעראיין" געפלאַנט צו גרינדן אַ וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. בראש פון דעם פאַראיין זיינען אויסער צונצן געשטאַנען מ. מאָזער, לודוויג מאַרקוס און עדוארד גאַנז, וואָס איז געווען ניט נאָר פּרעזידענט פון פאַראיין, נאָר אויך זיין אַגיטאַטאָר און טאַלענטפולער פּראָפּאַגאַנדיסט. באַלד זיינען צום פאַראיין צוגעטראָטן אַ ריי פּאָפּולערע פּערזענלעכקייטן, צווישן זיי אויך דער יונגער האַררי (הערץ) היינע.

היינע איז געווען ניט בלויז אַ גרויסער דיכטער, נאָר אויך איינער פון די שאַרפזיניקסטע קעפּ, וואָס דאָס יונגע דייטשלאַנד האָט פאַרמאָגט, דער אמתער מאַן מיטן אָפענעם אויג, וואָס זעט און אַנטפּלעקט דאָס פאַר פיל פאַרהוילענע, דאָס, וואָס שלומערט נאָך אינם שוים פון דער צוקונפט. זייער כאַראַקטעריסטיש איז דערפאַר זיין פאַרהאַלטן זיך צום היסטאָרישן יידנטום. העברעיש האָט ער געלערנט פיל ווייניקער ווי בערנע; זיין הויכגעבילדעטע און אינטעליגענטע מוטער, די הייסע אָנהענגערין פון רוסאָ, האָט דער עיקר געזאָרגט, איר געליבטער זון, האַררי, זאָל באַקומען אייראָפּעישע בילדונג. ער האָט געלערנט אין אַ ליצײ, וואָס איז איבערגעמאַכט געוואָרן פון אַ יעזואיטן־שול אין די ווענט פון אַ פראַנציסקאַנער קלויסטער, און די לערער זיינען געווען קאַטוילישע גייסטלעכע. דעם יונגן היינען אימפּאָנירט אָבער זייער שטאַרק דער טראַגישער גורל פונם אייביקן וואַנדער־פאָלק. דער פאַנטאַזיע־רייכער ראָמאַנטישער דיכטער פילט זיך באַגייסטערט פון דער גלאַנצפולער תקופה, וואָס דאָס שטאָלצע אַראַביש־שפּאַנישע יידנטום האָט דורכגעלעבט, און אויך פון דעם עקשנות־דיקן מאַרטירער־קאַמף, וואָס דאָס דייטשע יידנטום האָט געפירט אין משך פון לאַנגע דורות. ניט אומזיסט דערקלערט ער אין אַ בריוו צו מאָזערן, אַז ער איז אַ „יידישער דיכטער" 1. בעת ער האָט אין האַמבורג מיט אייגענע אויגן צוגעזען אין 1819 די שענדלעכע פּאָגראָם־סצענעס, האָט ער באַשלאָסן אויסצוגיסן זיין „גרויסן יידישן ווייטאָג", זיין צאָרן קעגן קריסטנטום, און ער שאַפט אין משך פון 1820—1821 זיין טראַגעדיע

1 בריפע אַן מאָזעס מאָזער, 1862, 6.

„אלמאַנזאָר". אלס קונסט־ווערק איז נאָך „אלמאַנזאָר" זייער שוואַך; בלויז אין דער שיינער בילדער־רײַכער שפּראַך שפּירט זיך דער צוקינפ־טיקער מײַסטער. דער דיכטער גופא ווײַזט אָן אין זײַן בריוו צום פאר־לעגער, אז ער האָט זײַן ווערק געשאַפן אוים רעליגיעז־פּאָלעמישע מאָטיוון, און ער באַהאַנדלט דאָרט, ניט קוקנדיק אויף דעם מיטלעלטערלעכן לבוש, אַנגעווייטאָגטע צײַטפראַגן. די מוסולמענער, די מוירן אוים דעם 15טן יר"ה, וואָס ווערן אין היינעס טראַגעדיע געצוווּנגען פון די שפּאַניער אָנצונעמען דעם קאַטוילישן גלויבן, — דאָס זײַנען די ייִדן צווישן דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, און אין די שטורמיש־פּאַטעטישע רעפּליקן פון דעם אַלטן האַסאַן גיסט אוים דער יונגער דיכטער זײַן אייגענעם צאָרן.

„גיה ניכט אין אַלי'ס שלאָס — רופט האַסאַן צום יונגן אַלמאַנזאָר.

Flieh jenes Haus, wo neuer Glaube keimt.
Dort zieht man dir mit süssen Zangentönen
Aus tiefer Brust hervor das alte Herz
Und legt dir eine Schlange dafür hinein...
Dort vertauscht man dir den alten Namen
Uud giebt dir einen neuen, damit dein Engel,
Wenn er dich warnend ruft beim alten Namen,
Vergeblich rufe [1]

אָבער אפילו דעמאָלט איז דער יונגער 23—22־יאָריקער היינע שוין געווען באַדײַטנדיק ווײַטזיכטיקער, ווי פילע פון זײַן דור. טיפּיש איז אין דער הינזיכט היינעס ארבעט „איבער פּאָלען", וואָס ער האָט פארפאַסט אין הארבסט 1822, נאָכדעם ווי ער האָט אייניקע מאָנאַטן פאַרבראַכט אין דעם גוט פון זײַן פרײַנד גראף דע ברעצא בײַ גנעזן אין פויזנער הערצאָגטום. היינע האָט דורכגערײַזט די גאַנצע פויזנער געגנט, אַ קורצע צײַט פאַרבראַכט אויך אין רוסיש־פּוילן, און דאָס ערשטע מאָל געהאַט דערבײַ די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די פּוילישע ייִדן, מיט דער עקאָנאָמישער ראָלע, וואָס זיי שפּילן אין לאַנד, און מיט זייער שטייגער לעבן. „דאָס אויסערע אויסזען פונם פּוילישן ייִדן, שרײַבט היינע, איז שרעקלעך. עס באַפאַלט מיך אַ שוידער, ווען איך דערמאָן מיך, ווי איך האָב הינטער מעזעריץ דאָס ערשטע מאָל געזען אַ פּויליש דאָרף, וואָס איז מייסטענס באַוווינט פון ייִדן". היינע דערציילט דערבײַ, ווי אין „פריִערע צײַטן זײַנען די פּוילישע ייִדן אין קולטור און גײַסטעסבילדונג געשטאַנען פיל העכער פון דעם פּוילישן עדעלמאַן, וואָס איז בלויז געווען

1 H. Heine's sämtliche Werke, II, 561—2..

באהבנט „אין דעם גראָבן קריגס־האַנטווערק און עס האָט אים נאָך געפעלט די בראַנצויזישע פּאָליטור״; אין די שפּעטערדיקע דורות זײַנען אָבער די פּוילישע ייִדן קולטורעל אָפּגעשטאַנען: „זייער גײַסטוועלט איז אַלץ מער פאַרזונקען אין אומדערקוויקלעכן אָבערגלויבן, וואָס די שפּיצפּינדיקסטע סכאָלאַסטיק האָט אײַנגעפּאַסט אין די וואונדערלעכסטע פאָרמען״. „דעננאָך, איז היינע מוסיף, ניט קוקנדיק אויף דער באַרבאַרישער פּעלצמיצע, וואָס באַדעקט זײַן קאָפּ, און אויף די נאָך מער באַרבאַרישע אידעען, מיט וועלכע דער קאָפּ איז איבערפולט, שעץ איך דעם פּוילישן ייִדן ווײַט העכער, ווי געוויסע דײַטשע ייִדן, וואָס טראָגן דעם ברייטקאַנטיקן הוט אויף דעם קאָפּ און זײַן זשאַן פּאָל * אינם קאָפּ. אין זײַן שטרענגער אָפּגעזונדערטקייט בילדעט דער פּוילישער ייִד אַן איינהייטלעך־גאַנצן כאַראַקטער... דער פּוילישער ייִד מיט זײַן שמוציגן פּעלץ, מיט זײַן (מיט אינזעקטן) באַפעלקערטן באָרד, מיט זײַן קנאָבלגערוך און געמאַשל ** איז מיר נאָך אימער ליבער, ווי אַנדערע מיט זייער גאַנצער שטאַאַטספּאַפּירענער גרויסאַרטיקייט״ 1.

מיט בײַסנדיקער איראָניע רעדט היינע וועגן די ייִדישע רעפאָרמיסטן, וועגן די דאָזיקע „הינעראויגן־אָפּעראַטערס״, וואָס דורך זייער „אונגעשיקליכקייט אונד שפּינוועביגע פערנונפטבאַנדאַזשען״ כוז דאָס פאָלק ישראל פאַרבלוטן; „מיר האָבן איצט מער נישט די קראַפט, די לאַנגע באָרד צו טראָגן, צו פאַסטן, צו האַסן און אויס האַס צו דולדן. דאָס איז דער מאָטיוו פון אונזער רעפאָרמאַציע. די וואָס האָבן דורך קאָמעדיאַנטן באַקומען זייער בילדונג און אויפקלערונג, ווילן דאָס ייִדנטום באַזאָרגן מיט נײַע דעקאָראַציעס און קולטורן, און דער סופליאָר זאָל אויבן אָרט פון אַ באָרד טראָגן אַ ווײַסן אָראָפּגעלעגטן קאָלנער. זיי ווילן דעם ים־אוקינוס אַרײַנגיסן אין דעם אויסגעפּוצטן באַסיין פון פּאַפּיעמאַשע... אַנדערע ווילן אַן עוואַנגעליש קריסטענטומל אונטער אַ ייִדישער פּירמע״.

ווען היינע האָט פאַרלאָזן (1821) דעם געטינגענער אוניווערזיטעט און איז אַריבערגעפאָרן קיין בערלין, האָט ער זיך דאָרטן באַפרײַנדעט מיט די גרינדער פון דעם „פעראיין פיר קולטור אונד וויסענשאַפט דער יודען״, און איז אין 1822 געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם פאַראיין. מיט גרויס התלהבות האָט זיך היינע אָפּגעגעבן דער קולטור־אַרבעט; ער האָט געלייענט פאַר דער ייִדישער יוגנט לעקציעס איבער געשיכטע און האָט זיך פאַרטיפט

---

* באַהוסטער דײַטשער שריפטשטעלער.

** פאַרדאָרבענע אויסשפּראַך.

1 זעמטליכע װערקע, II, 190—193.

אין שטודיען איבער ייִדישע געשיכטע, בכדי אַ ספּעציעלע אַרבעט צו שרײַבן, וואָס זאָל אויסדריקן, ווי דער דיכטער גופא ווײַזט אָן אין זײַן בריוו צו זײַן געליבטן פרײַנד מאָזעס מאָזערן[1], דעם „טראַגישען יודענשמערץ". די דאָזיקע אַרבעט האָט היינע בדעה געהאַט צו שרײַבן ספּעציעל פאַר דער וויסנשאַפטלעכער צײַטשריפט, וואָס דער „פעראיין" האָט געגרינדעט. דער פּראָיעקטירטער „ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט" האָט געהערט צו דעם פאַראיינס „האָכפליענדע גראָססע, אָבער אונאויספירבאַרע אידעאַלע", וועגן וועלכע היינע דערמאָנט אין זײַן באַוווסטן „דענקוואָרט"[2]. דאָס איינציקע, וואָס דעם „פעראיין" איז געלונגען צו פאַרווירקלעכן אויפן וויסנשאַפטלעכן געביט, איז די אונטער דער רעדאַקציע פון צונץ דערשינענע „צײַטשריפט פיר די וויסענשאַפט דעס יודענטומס".

מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן, אַז צונץ האָט אין די יונגע יאָרן געטרײַ זיך געהאַלטן בײַם דעוויז פון די אויפקלערער פון 18טן יר"ה און פעסט געגלויבט, אַז אַלע צרות נעמען זיך פון אומוויסן, און ווי נאָר דער מענטשלעכער קיבוץ וועט דערלויכטן ווערן דורך די שטראַלן פון וויסן, וועלן אמת און גערעכטיקייט געוועלטיקן איבער דער גאַנצער ערד. „פאַרשאַפן, שרײַבט צונץ אין אַ פּריוואַט-בריוו אין 1823[3], דעם ייִדנטום די לאַגע און דעם כבוד, וואָס ער פאַרדינט, און ביסלעכווײַז דערוועקן און פאַראייניקן די בעסערע כוחות פון פאָלק ישראל — דאָס קאָן געשעען נאָר מיט דער הילף פון וויסנשאַפט, וואָס אויף איר הייך דאַרף זיך שטרעבן האַלטן אונזער צײַטשריפט".

די אין 1821 פאַרטראַכטע צײַטשריפט האָט געזאָלט דערשיינען אין צוואַנגלאָזע העפטן; דאָס ערשטע איז דערשינען אין מערץ 1822. דער אײַנלייטונגס-אַרטיקל „איבער דען בעגריף איינער וויססענשאַפט דעס יודענטומס" פון עמנואל וואָלף באַווײַזט אַמבעסטן, ווי גערעכט היינע איז געווען בעת ער באַקלאָגט זיך, אַז דער גרעסטער טייל פון דער „צײַטשריפט" איז אומגעניסבאַר מחמת „דער פערוואָהרלאָזטען פאָרם"; ער בעט דערפאַר בײַ דעם אַרויסגעבער: „דרינגען זי דאָך בײַ דען מיטאַרבייטערן אויף קולטור דעס סטילעס", ווײַל אָן דעם „קאָן די

[1] בריעפע פון היינריך היינע אַן זײַנעם פריינד מאָזעס מאָזער, 1862, 11.

[2] נאָכן טויט פון לודוויג מאַרקוס.

[3] דער בריוו ווערט ציטירט אין „מאָנאַטשריפט פ׳ געש׳ אונד וויסענשאַפט ד׳ יודענטומס", 1922, 90.

אנדערע קולטור ניכט געפּערדערט ווערדען". דער פּראָפעסאָר, פונם איינליי־טונגס־אַרטיקל איז אַ הייסער העגעליאַנער און גייט אַרויס פון דעם באַקאַנטן העגעלישן פּרינציפּ, אַז אַלע געשעענישן זיינען בלויז מאַניפעס־טאַציעס „דעס זיך בעוועגענדען אונד ענטוויקעלנדען גייסטעס, אונד עבען די שטופענווייזע ענטוויקעלונג דעס לעבענדיגען גייסטעס איזט עס, וועלכע דען לעהררייכען אינהאַלט דער וועלטגעשיכטע אויסמאַכט"[1].

אין אַ צעשוואָמענעם, שווער פאַרדייליכן סטיל פּרוּווט דער פּראָ־פעסאָר אויפדעקן דעם גייסטיקן אינהאַלט „די אידעע פון דעם יודענטומס" אין דער וועלט־געשיכטע, און ער געפינט, אַז די דאָזיקע אידעע איז דער אַבסאָלוטער איינהייטס־באַגריף, וואָס געוועלטיקט אין דעם וועלטאַל, „די לעבענדיגע איינהייט אַלעס זייענדען אין עוויגקייט", וואָס ווערט אויס־געדריקט אינם וואָרט: יהוה[2]. דער טרעגער פון דער דאָזיקער גע־אָפענבאַרטער „געטליכער, לעבענדיגער גייסטיגער איינהייט" אין דער רעאַלער קערפּערליכער וועלט איז דאָס ייִדישע פאָלק. דאַדורך איז דאָס פאָלק ישראל, אַלס היטער פון דער אָפענבאַרטער געטליכער אידעע, גע־וואָרן דער עם הכהנים — „איין פאָלק גאָטטעס", און זיין היסטאָרישע אויפגאַבע איז געוואָרן, די דאָזיקע אידעע, ניט קוקנדיק אויף אַלע מניעות, „אימער מעהר ענטוויקעלן אונד צור אַ ל ג ע מ יי נ ע ן ערהעבען"[3]. אויף אַזאַ אופן, ווייזט אָן דער פּראָפעסאָר, האָט זיך דאָס ייִדנטום באַוויזן „אין דעם גרעסטען טיילע דער וועלטגעשיכטע אַלס בעדויטענדעס אונד איינפלוסרייכעס מאָמענט דער ענטוויקעלונג דעס מענשליכען גייסטעס"[4]. אַזאַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער וועלטגעשיכטע דאַרף ווי ס נ ש אַ פ ט־ל י ך אויסגעפאָרשט ווערן; דאָס, פּירט אויס דער פּראָפעסאָר, איז ביז איצט ניט געטאָן געוואָרן, ניט דורך די ייִדישע געלערטע און אויך ניט דורך די קריסטליכע, וואָס האָבן דאָך באַהאַנדלט דאָס ייִדנטום אָדער בלויז אַלס הילפס־מיטל ביים געשיכטליכן אויספאָרשן די קריסטליכע טעאָלאָגיע, אָדער מיטן באַשטימטן צוועק עס צו באַקעמפן און ווידערלייגן. די גרינדער פון דער „צייטשריפט" גייען אָבער אַרויס פון אַ גאַנץ אַנדערן שטאַנד־פונקט: זיי באַצוועקן אויסצופאָרשן דאָס ייִדנטום אין אַלע זיינע פּרטים, זיי ווילן שאַפן אַ „ווי ס ע נ ש אַ פ ט דעס י ו ד ע נ ט ו מ ס", אַ וויסנ־שאַפט, וואָס „בעהאַנדעלט איר אָביעקט אָן אונד פיר זיך, אום זיינער

[1] צייטשריפט, ז' 15.
[2] דאָרטן, 3.
[3] דאָרטן, 4.
[4] דאָרטן, 14.

זעלבסטווילען; ניכט צו איינעם בעזאנדערן צוועק, אדער אום איינער בעשטימטען אבזיכט" [1].

דער פארפאסער חזרט טאקע ווײַטער נאך אמאל איבער, אז די וויסנשאפט איז "זיך זעלבסט געגוג", ד"ה, זי האט אן אייגענעם ווערט, און זי דארף דערפאר "קיינען נוצען אויסער זיך צו בעצוועקען"; דאך געפינט ער פאר נייטיק צום סוף אונטערצושטרײַכן, אז "וויסענשאפטליכע קונדע דעם יודענטומס מוס איבער דען ווערט אדער אונווערט דער יודען, איבער איהרע פעהיגקייט אדער אונפעהיגקייט, אנדערן בירגערן גלײַך געאכטעט אונד גלײַך געשטעלט צו ווערדען, ענטשײַדען" [2].

די "וויסענשאפט דעם יודענטומס" מוז, בכן, דינען אלס הכשר צו גלײַכבארעכטיקונג...

דער דאזיקער מאטיוו קלינגט אויך אין דעם אלטן בן־דווידס ארטיקל "איבער דען גלאובען דער יודען אן איינען קינפטיגען מעססיאס" (משיח).

אליעזר בן־דויד האט געהערט צום פריִערדיקן דור, צום דור "המאספים". געבארן אין 1762 אין בערלין, האט ער שוין אין די יונגע יארן צוזאמען מיט די העברעיִשע למודים שטודירט מאטעמאטיק און פילאזאפיע. אלס איבערצײַגטער קאנטיאנער האט ער אין פארלעזונגען און שריפטן געפלײַסט זיך צו פאפולאריזירן קאנטס פילאזאפיע און עטיק. ער האט אויך זיך געשאפן א נאמען אלס טיכטיקער מאטעמאטיקער און דערבײַ פיל זיך אפגעגעבן מיט פעדאגאגישע פראגן, און איז אין משך פון א סך יארן געשטאנען אן דער שפיץ פון דער ייִדישער מוסטער־שול "חנוך נערים". ווען ס'האט זיך נאך מענדעלסזאנס טויט אין די רײַכע און אינטעליגענטע ייִדישע קרײַזן געשטארקט די שמד־באוועגונג, האט בן־דויד פארעפנטלעכט (1793) א בראשור "עטוואס צור כאראקטעריסטיק דער יודען", וו[illegible] ער אנטשיידענער קעגנער פון ייִדישן ריטואל. אלס טיפישער "אויפקלערער" פון פרידלענדערס דור, איז בן־דויד געווען פעסט איבערצײַגט, אז די אלע "מצוות מעשיות" דארפן אפגעשאפט ווערן, ווארום זייער נוצליכקייט קאן ניט דערוויזן ווערן דורכן שכל הישר. קעמפן קעגן דער שמד־עפידעמיע קאן מען נאר דורך רעליגיעזער רעפארם, ווען מען וועט אויפהערן צונויפצומישן רעליגיעזע אפגעלעבטע מנהגים מיט דער ריינער עטיק פון תורת משה, וואס געפינט זיך, לויט דער פעסטער איבערצײַגונג פון בן־דויד, אין גרעסטער קרבות מיט דער עטיק פון עמנואל קאנט [3].

---

1 דארטן, 18. 2 דארטן, 23 (געשפרײַזט פון אונז).

3 עס דארף דערבײַ אנגעמערקט ווערן, אז בן־דויד גופא אלס אידעאליסט און

אין דעם אויבן־דערמאנטן ארטיקל, וואס בן־דויד האט פארעפנט־ליכט אין דער „ציַיטשריפט" (ו׳ 297—330), פליַיסט זיך דער פארפאסער צו דערוויַיזן, אז דער גלויבן אין ביאת המשיח געהערט כלל ניט צו די גרונד־פרינציפן פון דעם יידישן דת; דער דאזיקער גלויבן, פארזיכערט בן־דויד, איז גאר א פרעמד געוויקס, וואס די „קאבאליסטן" האבן אין די שפעטערע ציַיטן אין דעם יידנטום איַינגעפלאנצט. טיפיש ביז גאר איז דער שלוס־זאץ פון דעם דאזיקן ארטיקל: „קיין מענטש קאן דערפאר אויף דעם יידן קיין פארִיבל ניט האבן, וואס יענער זעט זיַין משיח אין דעם, וואס גוטע פירשטן שטעלן אים גליַיך מיט אלע זייערע איבעריקע בירגער און דערלויבן אים צו האפן, אז בעת ער וועט דערפילן אַלע זיַינע בירגערפליכטן, וועט ער אויך אלע בירגער־רעכט באקומען" [1].

דער צווייטער ארטיקל, וואס בן־דויד האט אין דער „ציַיטשריפט" פארעפנטליכט, „איבער געשריבענעם אונד מינדליכעם געזעץ" [2], געהערט שוין צו ביבל־קריטיק. דער פארפאסער פרווט מיט גרויס בקיאות דער־וויַיזן, אז דער חומש־טעקסט איז א פראדוקט פון א באדיַיטנדיק שפע־טערער תקופה, ווי משה רבנוס דור.

אויסער בן־דויד און דוד פרידלענדער [3] האבן אין דער „ציַיט־שריפט" זיך באטייליקט בלויז מיטארבעטער אוים דעם ייִנגערן דור. דער דריַיאונצוואנציק־יעריקער עדוארד גאנז, וואס האט שוין דעמאלט זיך קונה שם געווען מיט זיַין חריפות אויפן געביט פון רעכטסוויסנשאפט, האט פארעפנטליכט אין דער „ציַיטשריפט" עטליכע ארבעטן. די באדיַי־טענדיקסטע פון זיי זיַינען: „געזעצגעבונג איבער יודען אין רֹאם, נאך דען קוועלען דעם רעמישן רעכטס" און „גרונד־ליניען דעם מאזאִיש־תלמודישען עהערעכטס" [4]. די לעצטע ארבעט האט שפעטער געבילדעט א באזונדער קאפיטל אין עדוארד גאנזס פירבענדיקן קאפיטאלן ווערק „דאס ערב־רעכט אין וועלטגעשיכטליכער ענטוויקעלונג". ניט קיין קלענערן באדיַיט האבן געהאט די ארבעטן, וואס ס׳האט פארעפנטליכט אין דער „ציַיט־שריפט" איר רעדאקטאר — לעאפאלד צונץ. צונץ איז געווען דער ערשטער

ריין עטישע נאטור, האט כל ימיו געלעבט אין דחקות און איז שטאלץ בייַגעשטאנען דעם נסיון דורך טבילה־וואסער צו דערשלאגן זיך צו א פראפעסאר־שטעלע.

1 ציַיטשריפט, 225.

2 דארטן, 472—500.

3 זיַינע אין דער „ציַיטשריפט" פארעפנטליכטע „בריעפע איבער דאס לעזען דער הייליגען שריפטען" האבן אויך פאר יענער ציַיט געהאט א זייער קנאפן באדיַיט.

4 דארטן, 419—471.

אויפן געביט פון יידישער וויסנשאפט, וואס האט אנגעוויזן [1] אויף דייער וויכטיקייט פון סטאטיסטיק פאר סאציאל=היסטארישע פארשונגען. גאר ממש עפאכעמאכנדיק איז געווען זיין וויסנשאפטליכע סטודיע איבער רש״י („סאלאמאן בן איזאאק, גענאנט רש״י״, דארטן, 277—384) [2]. מיט געוואלטיקער בקיאות איז צונצן געלונגען צו באלייכטן איינעם פון די טונקלסטע, אבער אויך אינטערעסאנטסטע מאמענטן אין דער קולטור=געשיכטע פונם דייטש=פראנצויזישן יידנטום. פון קנאפן, איבער הונדערטער ספרים צעווארפענעם מאטעריאל בויט צונץ א גאנצן בנין, גיט א מער=וויניק אינהאלטליך בילד פון דעם גרויסן „פרשנדתא״, פון זיין סביבה; פירט אריין אין זיין ביבליאטעק, באקענט מיט די קוועלן, פון וועלכע דער גרויסער מייסטער האט געשעפט דעם נייטיקן מאטעריאל פאר זיינע ווערק, וואס האבן געהאט אזא געוואלטיקע השפעה אויף דער קולטור פונם פאלק. אמת, פון היינטיקן שטאנדפונקט איז צונצס מאנאגראפיע געוויס ניט פריי פון חסרונות הן בנוגע דער מעטאדיק, ווי אויך מצד דער אומבאהאלפענער ארכיטעקטאניק; מע מוז אבער גערענקען, אז דאס איז געווען דער ערשטער פרווו, א פיאנערן=ארבעט, וואס איז געווארן דער ווינקלשטיין פאר ליטעראטור=היסטארישער פארשונג אויפן געביט פון יידישער וויסנשאפט.

היינע האט זיין פאר דער „צייטשריפט״ פארטראכטן גרויסן ארטיקל ניט פארטיק געמאכט. דער דיכטער האט אין אים גובר געווען דעם וויסנשאפטסמאן: ניט טרוקענע היסטארישע דאקומענטן, נאר אין לעבעדיקע קינסטלער=בילדער האט ער באשלאסן דעם „טראגישן יודענשמערץ״ פאר דער וועלט צו אנטפלעקן. א ראמאנטישער דיכטער איז דער יונגער היינע געווען, אבער א ראמאנטישער דיכטער פון יידישן שטאם. די דיכטער פון דער ראמאנטישער שולע ציי׳כענען זיך אוים מיט זייער נאציאנאליסטישער שטימונג; ניט דער קאסמאפאליטישער מענטש, דער ראציאנאליסט פונם 18טן יר״ה מיט זיין התפעלות פאר דער קלאסישער אנטיקער וועלט, געוועלטיקט איבער דעם וועלטבאנעם פון דעם ראמאנטישן דיכטער, נאר דער עמאציאנעלער פאלקס=מענטש, וואס שטעלט דאס געפיל, די בילדער=רייכע פאנטאזיע איבער דעם „שכל״, און איז פארליבט אין די שאטנס פונם מיטלאלטער מיט זיינע גאטישע, צו די הימלען שפארנדיקע קלויסטערס, מיט זיינע אויסטערלישע לעגענדן און

[1] אין זיין ארטיקל „גרונדליניען צו איינער קינפטיגען סטאטיסטיק דער יודען״ (523—532).

[2] אדאנק שמשון בלאכס העברעישער איבערזעצונג (תולדות רש״י 1840, איז צונצס מאנאגראפיע געווען זייער פאפולער ביי די גאליציאנישע און רוסישע משכילים.

ווונדערבארע מעשיות. אויך דער יונגער היינע איז געווען פארליבט אין דער מיטלאלטערליכער זאגען=וועלט, וויל, ווי ער גופא דריקט זיך אויס, „עס איסט דאס לאנד דער פאעזיע" [1]; ער וויל אבער באזינגען דאס י י ד י ש ע מיטלאלטער מיט זיין „טראגישן שמערץ". אים אימפאָ=נירן ניט בלויז די שטאלצע ספרדישע יידן פון מיטלאלטער, נאר אויך דאס נידערגעבויגענע, מיט דער געלער לאטע געצייכנטע דייטשע יידנטום, מיט זיין עקשנותדיקן פאסיוון קאמף, מיט זיין אומדערשיטערליכן, דורות=לאנגן וואנדערן איבער דעם via dolorosa — איבער דעם מארטירער=וועג פון ליידן און נויט. היינע קאן ניט מוחל זיין פרידלענדערן זיין שנאה און ביטול צו די רבנים [2]. „איינע פארליעבע פיר דאס קאנזע=קווענטע אונד שטרענגע ראבינערטום, שרייבט היינע, לאג שאן פאר פיעלען יאהרען אין מיר, אלס איין רעזולטאט היסטארישער אונטער=זוכונגען" [3]. און א רב, א מיטלאלטערליכער רב אויס דעם 15טן יר״ה, האט געזאלט זיין דער העלד פון היינעס אין איינקע טיילן פארטראכטן ראמאן, „דער ראבי פאן באכאראך". מיט גרויס ענערגיע און פלייס האט היינע געזאמלט דעם נייטיקן היסטארישן מאטעריאל פאר זיין ראמאן [4] אין וועלכן עס האבן געזאלט געשילדערט ווערן ניט בלויז דאס דייטשע יידנטום, נאר אויך פארשטייער פון די ספרדישע יידן. „דער גייסט דער יידישן געשיכטע אפענבארט זיך מיר איממער מעהר אונד מעהר", שרייבט היינע [5]; און וואס מער ער האט זיך פארטיפט אין די טרויעריקע היסטארישע כראניקעס, אלץ שטארקער איז געוואקסן אינם דיכטער דער צארן איבער דעם קריגערישן קריסטנטום און זיינע טרעגער, וואס האבן מיט אזא ווילדער שנאה גערודפט די שוצלאזע יידן. היינע באגניגט זיך ניט מיט זיין שפאטיש סארקאסטישן ליד „דאנא קלארא" [6], ער שרייבט אויך דעמאלט די צארנדיקע סטראפן אין „אלמאנזאר", ווו דער העלד פון זיין יוגנט=טראגעדיע וואנדלט אין קארדאווע איבער די געמע=בער פון דעם געוועזענעם מוסולמענישן טעמפעל, וואס די קריסטן האבן אין א קאטוילישן קלויסטער פארוואנדלט

Auf den Stufen, wo die Gläubigen
Das Prophetenwort gesungen,

1 עלעמענטארגייסטער 307.
2 איבער פאלען, 191.
3 בריפע אן מאזעס מאזער, 1862, 51.
4 דארטן, 99—101.
5 דארטן, 99.
6 חעגן דעם אוטאביאגראפישן מאמענט אין דעם דאזיקן ליד זע זיינע בריוו צו מאזערן, 53.

Zeigen jetzt die Glatzenpfäfflein
Ihrer Messe fades Wunder [1].

און עס חלומט זיך שפעטער דעם שטאלצן אלמאנזאר, ווי ער שטייט ווידער ביי די געמעכער פון דעם פארשוועכטן טעמפל, און ער זעט, ווי די ריזן־זיילן פונם טעמפל ווילן מער די שאנד ניט איבערטראגן

Und sie brechen wild zusammen.
Es erbleichen Volk und Priester,
Krachend stürzt herab die Kuppel,
Und die Christengötter wimmern.

און מיט פארביטערונג ווענדעט זיך דער דיכטער צו „אדומן" — דעם סימבאל פון די קריסטליכע פעלקער:

איין יאהרטויזענד שאן אונד לענגער
דולדען וויר אונז ברידערליך;
דו—דו דולדעסט דאס איך אטמע,
דאס דו ראזעסט * דולדע איך.

מאנכמאל נור, אין דונקעלן צייטען
ווארד דיר וואונדערליך צו מוט
אונד די ליעבעפראממען טעצכען **
פערבטעסט דו מיט מיינעם בלוט.

יעצט ווירד אונזרע פריינדשאפט פעסטער,
אונד נאך טעגליך נימט זיע צו;
דענו *** איך זעלבסט בעגאנו **** צו ראזען
אונד איך ווערדע פאסט ווי דו.

מיט גרויס חשק און ליבע האט היינע זיין ראמאן געשריבן. „מיט דער גרעסטער ליבע, שרייבט היינע מאזערן, טראג איך דאס גאנצע ווערק אין דער ברוסט. עס ווערד דאך אויסשליסליך אוים ליבע געשאפן,

---

1 אויף די שטאפלען, ווו די מוקלמים האבן דעם נביאס וואָרט געזונגען, באווייזן איצט די פליכעדיקע גלחימלעך די געשמאקלאזע וואונדער פון זייער גאטעסדינסט.

* ראזען — ווילדעווען, אויסברעכן אין גרויכן צארן.

** טאצע — די לאפע פון א חיה.

*** דענו — וויל.

**** האט אנגעפאנגען.

ניט אויס רום־גיר. און טאקע וויַיל עס אויס דער ליבע הערפֿארגעהט, וועט עס איין אונשטערבליך בוך ווערן, אַן אייביגע מנורה אין גאָטס היכל, ניט קיין שנעל אויספֿלאַקערנדיג טעאַטער־ליכט״. ער וויַיזט אָן 1, אַז דער ראָמאַן וועט זיַין אַ גרויסער דיקער באַנד, און בערך אַ דריטל איז שוין ביַי אים פֿאַרטיק.

די געפֿילן, וואָס דער דיכטער האָט איבערגעלעבט בעת ער האָט זיַין ראָמאַן געשריבן, האָט ער אויסגעגאָסן אין זיַין באַקאַנטן ליד, וואָס האָט געזאָלט באַצירן דעם עקזעמפּלאַר פֿון „רבי פֿאַן באַכאַראַך״, וואָס דער דיכטער וועט צושיקן זיַין ליבן פֿריַינד מאָזערן, דעם „עפּילאָג פֿון נאָטאָן דער וויַיזע״, „די קאָרעקטע פּראַכט־אויסגאַבע איינעס ווירקליכען מענשען״ 1, ווי ער הייסט ביַי היינען:

בריך אויס אין לויטען קלאַגען,
דו דיסטערעס מארטירער־ליד,
דאס איך זאָ לאַנג געטראַגען
אים פֿלאַמענשטילען געמיט!

עס דרינגט אין אַלע אָהרען (אויערן)
אונד דורך די יאָהרען אינס הערץ;
איך האבע געוואַלטיג געשוואָרן
דען טויזענדיעריגען שמערץ.

עס ווײנען די גראָסען אונד קליינען,
זאָגאר די קאַלטען הערן,
די פֿרויען און בלומען וויינען,
עס וויינען אַם הימעל די שטערן.

אונד אַלע די טרענען פֿליסען
נאַך זידען אים שטילען פֿערייַן,
זי פֿליסען אונד ערגיסען
זיך אַל אין דען יאָרדאַן היניין.

אָט דער „טויזענדיעריגער שמערץ״ שריַיט שוין אַרויס פֿון די ערשטע בלעטער פֿון היינעס ראָמאַן, ווו דער רב אויס בכרך מוז אין דער סדר־נאַכט אַנטלויפֿן פֿאַר אַ בלוט־בלבול, און וואַרטנדיק ביַי די טויערן פֿון אַ פֿרעמדער שטאָט, ווענדעט ער זיך צו זיַין פֿרוי, דער וונדער־

1 אין זיַין בריוו צו מאָזערן פֿונם 25טן אָקטאָבער 1829.

שיינער שרה: „ווי שלעכט געשיצט איזט איזראעל! פאלשע ברײַנד היטן זיינע טויערן פון אויסן, און דרינען זענען זיינע היטער נארהייט און פורכט!" און ווען דער לעבנסלוסטיקער שפאניער פון אבארבאנעלס געשלעכט, אנטציקט פון שרהס שיינקייט, לייגט איר פאר איר ריטער צו זיין און אירע פארבן צו טראגן, ענטפערט אים די שיינע שרה: „עדלער הער! ווען איר ווילט מיין ריטער זיין, וועט איר מוזן געגען גאנצע פעלקער קעמפן, און אין דעם דאזיקן קאמף קאן מען זייער ווייניק דאנק און ווייניק כבוד געווינען. און אויב איר ווילט נאך דערבײַ מײַנע פארבן טראגן, וועט איר מוזן א געלע לאטע אויף אייער מאנטל נייען אדער מיט א בלוי־געפארבטן שארף זיך ארומבינדן, ווארום דאס זײַנען מײַנע פארבן, די פארבן פון מײַן הויז, דאס הויז, וואס הייסט בית ישראל און איז זייער עלנד, און ווערט אויף די גאסען באשפאט...."

עס איז אבער ניט באשערט געווען, היינעס ראמאן זאל אויף דער וועלט דערשײַנען. אין זײַנע בריוו צו מאזערן פרעגט זיך היינע יעדעס מאל נאך, ווי האלט עס מיטן „פאראיין", און ער חידושט זיך, פארוואס יענער שרײַבט אים וועגן דעם גארנישט 1. מאזערס שווײַגן איז גאנץ לײַכט צו דערקלערן: אין דער צײַט, וואס היינע האט זיין ראמאן געשריבן, האט זיך אנגעפאנגען די לאנגזאמע גסיסה פון דעם פאראיין. די רעאקציע אין פרייסישן לאנד האט געהאלטן אין איין שטייגן. די האפענונג אויף באלדיקער גלייכבארעכטיקונג, מיט וועלכער עס האבן זיך ארומגעטראגן די יידישע בורזשואזע און אינטעליגענטע קרייזן, האט די רעאלע ווירקלעכקייט צעשטערט אויפן גרויזאמסטן אופן. די פרייסישע רעגירונג מיטן שטארק פרומען קעניג בראש, וואס דורך זיין איניציאטיוו איז אין בערלין געגרינדעט געווארן די געזעלשאפט „צור בעפערדערונג דעס קריסטענטומס אונטער דען יודען" — האבן באוווסטזיניק ניט געוואלט דערלייכטערן די רעכטלאזע לאגע פון די פרייסישע יידן, בכדי „נשמות צו פאנגען" און צווינגען די יידן דורך „טבילה־וואסער" מענטשליכע רעכט זיך צו דערווערבן. די פארשטייער פון דער יידישער יוגנט, וואס האבן דעם „קולטור־פעראיין" געגרינדעט, האבן בלויז אינסטינקטיוו געפילט זייער קרבות צום יידישן שטאם, זיינען אבער ניט אימשטאנד געווען טעארעטיש צו באגרינדן זייער צוגעבונדנקייט צום יידנטום. דערבײַ מוז מען נעמען אין באטראכט נאך איין פאקטאר: העגעל, וואס איז געווען דער וועגווייזער און גייסטיקער פירער פון יענער צייט און זיינע פילאזאפישע אידעען האבן, ווי מיר האבן שוין אויבן אנגעוויזן, אויך געוועלטיקט איבער די מיטארבעטער פון דער „צייטשריפט", — האט זיך פארהאלטן מיט

1 בריעפע אן מאזעס מאזער, 1862, 59, 68, 103, 118.

אַ געוויסן ביטול צו דער ראָלע פון דעם ייִדנטום אין דער וועלט-געשיכטע. לויט העגעלס „פילאָזאָפיע דער געשיכטע", איז דאָס ייִדנטום אַן „איבערוונדענער" שטאַנדפּונקט, ווײַל אין אים קומט „דאָס סוביעקט", דאָס הייסט דער מענטש, קיין מאָל ניט „צום בעוווסטזײַן זײַנער פּערזענליכקייט"[1]. בלויז דאָס קריסטנטום איז די שענסטע בלום, וואָס דער וועלטגײַסט האָט אויפן געביט פון רעליגיע געשאַפן, ווײַל „די נאַטור גאָטעס רייַנער גײַסט צו זײַן", ווערט ערשט דעם מענטשן „אין דער קריסטליכען רעליגיאָן אָפּענבאַר"[2].

דאָס האָט אין געוויסער מאָס נאָך דערלײַכטערט דעם פּראָצעס, וואָס די דעמאָלטיקע פּאָליטישע און סאָציאַלע צושטאַנדן האָבן ארויסגערופן — די מאַסן-טויפן, די „שמד-עפּידעמיע" אין די בורזשואַזע און אינטעליגענטע ייִדישע קרײַזן. אויך אין דעם לאַגער פונם „קולטור-פּאַראיין" האָט זיך די דאָזיקע עפּידעמיע באַוויזן, און איין מיטגליד נאָכן אַנדערן צום „טובל-בעקן" געפירט. און דער לייטער און אַגיטאַטאָר פון דעם „פּאַראיין", דער טאַלענטפולער עדואַרד גאַנז, איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס איז פונם שלאַכט-פעלד אַנטלאָפן און דורך טויף-וואַסער אַ פּראָפעסאָר-שטעלע באַקומען. אין צוואַנציק יאָר אַרום, ווען גאַנז איז שוין געווען טויט, האָט זײַן יוגנט-פרײַנד היינע נאָך אַלץ ניט געקאָנט קאַלטבלוטיק ריידן וועגן גאַנזס „אַבפאַל". „עס איז אַ פּעסט אַנגענומענער חוב — שרײַבט היינע אין זײַן „דענק-רעדע" נאָך דעם טויט פון לודוויג מאַרקוס — אַז דער שיפס-קאַפּיטאַן פאַרלאָזט דער לעצטער די שיף, וואָס האַלט בײַם אונטערגיין; גאַנז אָבער האָט צום ערשטן זיך גערעטעט". היינע גופא איז אָבער אויך דעם נסיון ניט בײַגעשטאַנען. היינעס עלטערן האָבן, ווי באַקאַנט, אין דער התחלה געהאָפט צו מאַכן פון זייער זון אַ טיכטיקן קויפמאַן, און דער יונגער היינע האָט אַ שטיק צײַט געאַרבעט אין באַנק-געשעפט פון זײַן פעטער דעם מיליאָנער אין האַמבורג. ווי דער רוב גרויסע דיכטער, האָט אויך היינע ארויסגעוויזן זייער קנאַפּע פעיִקייטן אויפן קויפמענישן געביט; האָבן דעמאָלט היינעס אייגענע אָנגענומען דעם באַשלוס, דער שלים-מזלדיקער קויפמאַן זאָל יוריספּרודענץ שטודירן. ווײַל די עקאָנאָמישע לאַגע פון היינעס עלטערן איז געווען אַ זייער געדריקטע, האָט היינען אויסגעהאַלטן אין אוניווערזיטעט דער פעטער דער מיליאָנער, סאָלאָמאָן היינע. דער רײַכער באַנקיר איז געווען אַ גאַנץ אָנשטענדיקער מענטש, נאָר מיט גרויסע קאַפּריזן, און דעם שטאָלצן, זייער עמפּפינדליכן היינען האָט עס זייער געקרענקט,

---

1 פאָרלעזונגען איבער דיע פילאָזאָפיע דער געשיכטע, 1840, 240.

2 דאָרטן, 393, 399, ח. ח.

וואָס ער מוז אָנקומען צו דער שטיצע פון דעם קאַפּריזן פעטער, וועלכער קוקט מיט ביטול אויף יעדן, וואָס איז ניט פּעיִק צו „מאַכן אַ לעבן" און מיט אייגענע קרעפטן אויסצוקעמפן אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער געזעל-שאַפט. „איך האָב מיך אַנטשלאָסן, שרייבט היינע צו מאָזערן, אַלץ אָנצוווענדן, אַבי איך זאָל צו מיין פעטער מער ניט דאַרפן אָנקומען!" 1 „איך וויל אויף קיין שום אופן, שרייבט ער אַן אַנדערש מאָל, מער קיין טובות ניט פון מיין פעטער" 2. ער וויל דערפאַר וואָס גיכער אָפּגעבן דעם דאָקטאָר-עקזאַמען און ווערן אַ דיפּלאָמירטער אַדוואָקאַט. „איך וויל בעסער מיין מיטאָג-ברויט פון טעמידעס וואָגשאָל עסן און ניט פון מיין פעטערס נדבה-שיסל" 3.

„טעמידעס וואָגשאָל" איז אָבער ניט אַזוי לייכט געווען צו דער-לאַנגען. אין דעם דייטשן לאַנד האָבן דעמאָלט מיט אַדוואָקאַטור גע-קאָנט זיך פאַרנעמען בלויז יוריסטן פון קריסטליכן גלויבן. היינעס פאַמיליע איז כלל ניט געווען דאָקעגן, היינע זאָל זיך טויפן. שוין אין 1823 שרייבט היינע צו מאָזערן, אַז אין פאַרבאַנד מיט זיין „יוריסטעריי" קומט „די טויפע צור שפּראַכע". קיינער, שרייבט היינע, איז דאָקעגן אויסער אים גופא. ער געפינט אַפילו, אַז ווען ער זאָל אָפיציעל צום קריסטנטום איבערגיין, וואָלט ער זיך געקאָנט מער אָפּגעבן „דער פער-פעכטונג דער רעכטע מיינער אונגליקליכען שטאַמעסגענאָסען"; אָבער דאָך, וויזט היינע אָן, „האַלטע איך עס אונטער מיינער ווירדע, אונד מיינע עהרע בעפלעקענד", איך זאָל מיך טויפן לאָזן, בכדי אַ שטעלע אין פּריסן צו באַקומען 4. איך פאַרשטיי איצט זייער גוט, איז היינע מוסיף, די תהלים-ווערטער: „רבונו של עולם, גיב מיר מיין טעגלעך ברויט, איך זאָל דיין נאָמען ניט לעסטערן!".

און היינע האָט דאָך אָפּגעטאָן דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן „אונטער זיינער ווירדע". בעת היינע שרייבט וועגן גאַנזס „אָפּפאַל", איז ער דערביי מוסיף, אַז „געניאַליטעט אונד טוגענד" לעבן צווישן זיך זייער זעלטן בשלום און קערן זיך „פּערדריסליך דען ריקען". דאָס האָט אויך היינע גופא דערוויזן. אין 1825, איידער ער איז צום דאָקטאָר-עקזאַמען געגאַנגען, האָט ער זיך געלאָזט טויפן, און טאַקע באַלד חרטה געקראָגן.

„איך פאַרזיכערע דיך, שרייבט ער זיין פריינד מאָזערן, ווען די געזעצן זאָלן ערלויבן זילבערנע לעפעל גנבענען, וואָלט איך מיך ניט

1 בריעפע אַן מאָזעס מאָזער, 1862, 21, 29—30.
2 דאָרטן, 101.
3 דאָרטן, 79.
4 דאָרטן, 37—38.

געטויפט״ [1]. און אין צוויי וואָכן אַרום איז ער מודיע זײַן פרײַנד, אַז ער האָט חרטה, וואָס ער האָט זיך געטויפט [2]. און איז דערבײַ מוסיף: „ווער מיך אַם מייסטען קוועלט, דאָס בין איך נאָך אימער זעלבסט״. „איך בין צופרידן, שרײַבט היינע ווײַטער, וואָס דער אַלטער פרידלענדער און בן־דויד זײַנען שוין אַלט, וועלן זיי באַלד שטאַרבן, דעמאָלט זײַנען מיר וועניגסטנס מיט זיי זיכער, און מען וועט שוין וועגן אונזער צײַט ניט קאָנען זאָגן, אַז ס׳האָט זיך צווישן אונז ניט געפונען קיין איינציקער אמת אָנשטענדיקער מענטש״ [3]. געטויפטערהייט באַזוכט ער שבת דעם האַמבורגער יודישן טעמפּל, און ער דערציילט מאָזערן, אַז ער האָט דאָרטן מיט גרויס פרייד און נחת־רוח געהערט דעם ד״ר סאַלאָמאָנס פּרעדיגט קעגן די געטויפטע יידן, „וואָס פאַרלאָזן דעם גלויבן פון זייערע אבות בלויז צוליב דער האָפענונג, אפשר וועלן זיי דאָדורך אַ שטעלע באַקומען״ [4].

דאָס דערנידערונגס־געפיל, אַז אויך ער האָט געפּרוווט „דורך די טויפע עטוואָס דערלאַנגען, עטוואָס ערשאַכערן״ [5], האָט היינען נאָך מער פאַרביטערט קעגן דעם רעאַקציאָנערן פּרײַסן, און דערפילט מיט האַס און צאָרן קעגן דער קריסטליכער קירך. „מײַן ליבע פאַר מענטשנגלײַכהייט, שרײַבט ער צו מאָזערן [6], מײַן האַס קעגן דעם קלערוס איז נאָך קיינמאָל אַזוי שטאַרק ניט געווען ווי איצט״. באַקענענדיק זיך מיט די מעמואַרן פון דעם באַוווסטן רוסישן רײַזענדער וו. מ. גאָלאָווינין, וווּ עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן און די מנהגים פון דעם נאָך דעמאָלט אַזוי ווייניק באַקאַנטן יאַפּאַנישן לאַנד, רופט היינע אויס מיט התפּעלות: קיין זאַך אין דער וועלט איז די יאַפּאַנער אַזוי ניט צוווידער ווי דאָס קריסטנטום; „איך מעכטע אײַן יאַפּאַנער ווערדען! עס איסט איהנען ניכטס זאָ פערהאַסט, ווי דאָס קרויץ, — איך וויל אײַן יאַפּאַנער ווערדען!״ [7] און פול מיט פאַרדרוס און חרטה־געפיל שלײַדערט ער זיך גופא די צאָרנדיקע סטראָפן:

אונד דו ביסט צום קרויץ געקראָכען
צו דעם קרויץ דאָס דו פעראַכטעסט,
דאָס דו נאָך פאַר וועניג וואָכען

---

1 דאָרטן, 155.
2 דאָרטן, 163 און 177.
3 דאָרטן, 178.
4 דאָרטן, 155.
5 דאָרטן, 177.
6 דאָרטן, 206.
7 דאָרטן, 228.

אין דען שטאוב צו טרעטען דאכטעסט
— — — — — — — —
געסטערן נאך איין העלד געוועזען,
איסט מאן הויטע שאן איין שורקע *.

אויך נאך דעם טויפן ארבעט היינע ווייטער איבער זיין „ראבי פאן באכראך". באלד נאך זיין טויפן שרייבט ער (דעם ערשטן יולי 1825) צו מאזערן: מיטן „ראבי" גייט עס דערוויל זייער לאנגזאם, יעדע שורה מוז אויסגעקעמפט ווערן, דאך ארבעט איך רוּיק ווייטער, פול מיטן באוווסטזיין, אז נאר איך קאן אזא בוך שרייבן, און אז דאס איז א נוצליכע גאטגעפעליקע האנדלונג. „ענדע דיעזעם יאהרעס, שרייבט ער ווייטער, דענקע איך, דען „ראבי" פערטיג צו האבען. עס ווירד איין בוך זיין, דאס פאן דען צונצען אַלער יאהרהונדערטע אלס קוועלע גענאנט ווערדען ווירד" [1]. „ווען איך נור רוהע געווינגע, דען „ראבי" אויסשרייבען צו קענען", שרייבט ער אין א האלב יאר ארום; און דעם 14טן פעברואר 1826 מעלדעט ער פון האמבורג: „אויך דען „ראבי" וויל איך היער פערטיג מאכען" [2]. ער פרווט אפילו איינפלעכטן אין דעם ראמאן זיינע פערזענליכע איבערלעבונגען פון יענער צייט. ס'איז ניט שווער צו באמערקן אווטאביאגראפישע שטריכן אין דעם יונגן שפאניער דאן איזאאק, פון אבארבאנעלס משפחה, וועלכן דער דיכטער כאראקטעריזירט מיט די ווערטער: „פאן הערצען איין יודע, דער זיך אבער אויס לוקסוס איבערמוט טאופען לאסט" [3]. דער ראבי פון באכראך ווארנט דעם לייכטזיניקן שפאניער: „היט דיך, דאן איזאאק... דאס וואסער (דו ווייסט דאך וועגן וואס איך רייד) איז דיין אומגליק, און דו וועסט אונטערגיין!" און דאן איזאאק האט חרטה, און ווי היינע גופא גיסט ער אויס זיין חרטה-געפיל אין א ליד, וואס ער שיקט דעם יונגן יהודה אברבנאל, וועלכער האט זיך שפעטער בארימט געמאכט דורך זיינע „דיאלאגן וועגן ליבע" [4].

דאך איז דער „ראבי פון באכראך" ניט פארענדיקט געבליבן. אלס געטויפטער ייִד, אליין אן „אבטריניגער" [5], האט היינע ניט געהאט דעם

---

* שורקע — א נידערטרעכטיקער מענטש.

1 דארטן, 141.

2 דארטן, 168.

3 דארטן, 228.

4 זע אונזער ווערק ב' IV, ערשטער קאפיטל.

5 די פריער-געבראכטע סטראפן זיינען געשריבן אונטערן קעפל „אן איינעם אבטריניגען".

מוט ארויסצוטרעטן פאר דער קריסטליכער וועלט מיט אזא ווערק, ווי דער „ראבי״. דעם ניט-פארענדיקטן מאנוסקריפט האט היינע ביי זיין מוטער געלאזן, און דארט איז אן אומגליק געשעען: בשעת א שריפה איז דער מאנוסקריפט פארברענט געווארן. ביים דיכטער איז בלויז פארבליבן אן אפשריפט פון די ערשטע דריי קאפיטלעך און ער האט זיי אין א צייט ארום אלס פראגמענט פארעפנטליכט.

היינע האט אבער פארט ניט פארגעסן אן דער דערקלערונג, וואס ער האט פאר זיין אינטימיין פריינד מאזערן געמאכט, אז ער איז א „יידישער דיכטער״, ניט פארגעסן, אז ער האט צוזאמען מיטן ביבלישן דיכטער די שבועה געגעבן: „תשכח ימיני אם אשכחך ירושלים״ — „פארדארבן זאל מיין רעכטער ארעם ווערן, אויב איך וועל אן דיר פארגעסן, ירושלים!״... דאס געהערט שוין אבער צו דער וויטערדיקער תקופה, און וועגן דעם וועט אונז אויסקומען צו ריידן אין די וויטערדיקע קאפיטלעך...

צוזאמען מיט דעם גוססדיקן „קולטור-פעראיין״ איז אויך אונטערגעגאנגען די „צייטשריפט פיר די וויסענשאפט דעם יודענטומס״. דאס דריטע העפט, וואס מיט אים האט זיך געשלאסן דער ערשטער באנד, איז דערשינען אין יוני 1823. מיט דעם דאזיקן העפט האט זיך אויך פארענדיקט די עקזיסטענץ פון דער „צייטשריפט״. שוין דעם פערטן מאי 1824 שרייבט צונץ צו ערענבורגן: „וואס עס וועט זיין מיט דער „צייטשריפט״, ווייסט קיין מענטש, אם אלערוועניגסטען איך. נישטא קיין געלד, נישט קיין ארבעטער, נישט קיין ארבעטן, נישט קיין קארעספאנדענץ״ 1. שטיל און אומבאמערקט איז זיך דער „פעראיין״ צעפאלן; א טייל זיינע מיטגלידער זיינען מגולגל געווארן אין פרישצאפלדיקע קריסטן, די איבעריקע האבן האפענונגסלאז דעם מוט פארלארן און געקומען צום באשלוס, אז זיי „קעמפפען פיר איינע לענגסט פערלארענע זאכע״. איין צונץ איז געטריי אויף זיין פאסטן געבליבן. און ווען מיט צענדליקער יארן שפעטער האט היינע דערציילט וועגן דעם אמאליקן קולטור-פאראיין, דערמאנט ער מיט התפעלות דעם „פארטרעפליכען צונץ״: „א מאן פון ריידן און טאן, האט ער (צונץ) געשאפן און געווירקט דארט, ווו אנדערע האבן בלויז געחלומט און מוטלאז אראפגעלאזט די הענט״ 2. צוזעענדיק דעם צעפאל פון „פאראיין״ און די אפטריניקייט פון פיל זיינע מיטגלידער, דערקלערט צונץ מיט זיכערקייט: דאס איינציקע, וואס ווערט ניט פארפלייצט פון דעם דאזיקן מבול און וועט האבן א קיום, דאס איז די

1 „מאנאטסשריפט״, 1922, 95.

2 דענקווארט אן לודוויג מארקוס.

וויסענשאַפט דעם יודענטומס... און איך בין מודה, אַז מײַן גאַנצע טרייסט און פעסטיקייט איז די באַשעפטיקונג מיט דער דאָזיקער וויסנשאַפט.

די אַלע שטורעמס און ביטערע דערפאַרונגען זײַנען דאָך ניט בכוח מיך פון מײַן וועג אָפּצוּווענדן. איך האָב געטאָן דאָס, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר מײַן חוב. ווײַל איך האָב געזען, אַז איך בין אַ קול קורא במדבר, האָב איך אויפגעהערט צו פּרעדיגן, אָבער ניט דערפאַר וואָס איך האָב אָנגעפאַנגען צו לייקענען אין דעם, וואָס איך האָב פריִער געפּרעדיגט" [1].

דעם אמת געזאָגט — האָט צונץ פאַקטיש ניט אויפגעהערט צו „פּרעדיגן". טאַקע באַלד נאָך דעם, ווי די „צײַטשריפט" איז אַנטשווּנדן געוואָרן, איז צונץ צוגעטראָטן צו אַ ווערק, וואָס איז אָנערקענט אַלס איינער פון די וויכטיקסטע גרונדשטיינער פאַר דעם בנין, וועגן וועלכן צונץ האָט געחלומט — פאַר „וויסענשאַפט דעם יודענטומס". „די גאָטעס־דינסטליכע פאָרטרעגע דער יודען" הייסט דאָס ווערק, און צונץ איז מיט דעם דאָזיקן ווערק קודם־כּל טאַקע אויסן געווען „פּרעדיגן". מיר האָבן שוין אין דעם לעצטן קאַפּיטל פון זיבעטן באַנד אָנגעוויזן, אַז די פּרײַסישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן דײַטשע פּרעדיגן אין די ייִדישע שולן [2]. צונץ, וואָס איז דעמאָלט געווען באַגײַסטערט פאַר רעליגיעזע רעפאָרמען און איז אַליין געווען אַ שטיק צײַט פּרעדיגער אין יעקובזאָנס טעמפּל, האָט באַ־שלאָסן „אויפקלערן" דער פּרײַסישער רעגירונג, אַז דער פאַרבאָט איז סותר די היסטאָרישע טראַדיציעס פונם ייִדישן פאָלק, באשר שוין זינט טויזנטער יאָרן איז אַ פעסטגעזעצטער מנהג בײַ ייִדן, אַז בשעת דעם גאָטעסדינסט ווערן געהאַלטן פּרעדיגן אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך. אָט דאָס האָט געזאָלט באַווײַזן זײַן קאַפּיטאַל ווערק „די גאָטעסדיענסטליכע פאָרטרעגע".

יאָרן לאַנג האָט צונץ מיט אומדערמידליכן פלײַס געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר זײַן ווערק, וואָס איז ערשט דערשינען אין 1832. אין משך פון

---

1 שטראַדמאַן, I, 275.

2 ס'איז כּדאי אָנצוּווײַזן אויף פאָלגענדיקן פּרט: בעת אין די רעפאָרם־טעמפּלען האָט מען זיך געפליִסט צו פאַרדרענגען די ביבלשפּראַך דורך די לאַנדשפּראַך, און די פּרײַסישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן צו האַלטן אין די סינאַגאָגען דײַטשע פּרעדיגן, זײַנען מצד די חובבי שפת עבר געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו האַלטן צײַטנחײַז פּרעדיגן אויף העבּרעיִש. איינע אַזאַ פּרעדיג האָט אַ געוויסער אהרן ראָזענבאַך געהאַלטן שבת כ"ו ניסן תקפ"א (1821) „אים קרײַזע אייניגער פרײַנדע אונד פערעהרער דיעזער שפּראַכע אים לאָקאַל דער הומאַניטעט־געזעלשאַפט צו קאַסעל". די צוהערער איז דער פאָרטראַג, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אויף דער מליצה־שפּראַך פון די „מאספים", אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז זיי האָבן אים געבעטן די פּרעדיג „דער פּרעססע איבערצוגעבען". און טאַקע אין דעם זעלבן יאָר איז די פּרעדיג פאַרעפנטליכט געוואָרן אין רעדעלהײַם אונטערן טיטול „רוח דעת ויראת ד'".

דער דאַזיקער צייַט האָט צונצס אַ יוגנט־חבר באַוויזן צו פאַרענדיקן אַ ריזן־ווערק, וואָס דאַרף מיט רעכט באַטראַכט ווערן ווי דער אמתער גרונדשטיין פאַר דער ייִדישער מאָדערנער היסטאָריאָגראַפיע. מרדכי יאָסט האָט דער דאָזיקער פאָרשער געהייסן.

זייַן ערשטע בילדונג האָט יאָסט באַקומען צוזאַמען מיט צונצן אין וואָלפענביוטל אין דער רעאָרגאַניזירטער ייִדישער מוסטער־שול. די סטודענטישע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין געטינגען און בערלין. אין בערלין פלעגט דער יונגער יאָסט גאַנץ אָפט באַזוכן הענריעטע הערצס סאַלאָן; פרידלענדערס ראַציאָנאַליסטישע אידעען און זייַן שנאה צום „רעאַקציאָנערן ראַביניזם״ האָבן געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אויף דעם צוקינפטיקן היסטאָריקער, און אויף זייַן גאַנץ לעבן [1] איז יאָסט געבליבן געטרייַ די אידעאַלן פון דער „בערלינער השכלה״. נאָך גאָר אין די יונגע יאָרן האָט יאָסט זיך פאַרמאָסטן אָנצושרייַבן אַ פיל־בענדיקע ייִדישע געשיכטע זינט דער תקופה פון חשמונאים ביז דער נייַערער צייַט; און שוין אין 1820 איז דער ערשטער באַנד דערשינען. איינע פון די הויפט־אויפגאַבן, וואָס יאָסט האָט זיך מיט זייַן ווערק געשטעלט, איז געווען „בעזייַטיגונג אונד בעקעמפונג הערשענדער אירטימע אונד פאָראורטיילע״ [2]. טיפיש פאַר יאָסטס וועלט־באַנעם איז שוין דער טיטל פון זייַן זווערק. יאָסטס געשיכטע פאַנגט אָן, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, בערך פונם לעצטן יר״ה, וואָס פאַר דער קריסטליכער רעכענונג, ווען מלכות ישראל מיט איר רעזידענץ־שטאָט שומרון איז שוין פון לאַנג חרוב געווען. יאָסט גופא ווייַזט טאַקע עטליכע מאָל אָן, אַז „דאָס פאָלק דער איזראַעליטען וואַר לענגסט ניכט מער״, „נור יודא שטאַנד נאָך״ [3]. און דאָך, שרייַבט יאָסט אויפן שערבלאַט פון זייַן ווערק „געשיכטע דער איזראַעליטען״ [4], ווייַל ער געדענקט זייער גוט די אָנווייַזונגען פון פרידלענדער אין „סולאַמיט״, אַז דאָס וואָרט „יודען״ האָט אַ נאַציאָנאַליסטישן בייַגעשמאַק. די ייִדן, שטרייַכט יאָסט אונטער, האָבן אַלס פאָלק עקזיסטירט בלויז 15 הונדערט־יאָר [5]. צוזאַמען מיטן חורבן בית שני איז אויך פאַקטיש פאַרגעקומען „דער

---

1 יאָסט איז געבאָרן אין בערנבורג אין 1793, געשטאָרבן אין 1860 אין פראַנקפורט בייַם מייַן, וווּ ער האָט די לעצטע 25 יאָר פון זייַן לעבן פאַרנומען אַ לערערשטעלע אין דער דאָרטיקער פילאַנטראָפּן־שול.

2 קולטור־געשיכטע, 1847, VII.

3 זיס. ח. ב׳ II, 164, 241.

4 Geschichte der Israeliten seit der Zeit Maccabäer bis auf unsre Tage.

5 דאָרטן, ב׳ II, 3.

אונטערגאַנג דער יידישען נאַציאָן" [1]. איצט שטעלן שוין די טרעגער פון תורת משה פאַר בלויז אַן „אויסגעברייטעטע רעליגיאָנס־געגאָסענשאַפט" [2].

יאָסט זאָגט צו אין דער פאָררעדע, אַז זיין ווערק וועט זיך פעסט האַלטן ביים פרינציפ: „ענגסטליכע געוויסענהאַפטיגקייט אונד אונפּאַרטייליכקייט" [3]. ער פלייסט זיך טאַקע צו זיין „אונפּאַרטייליך", אָביעקטיוו; פון אונטער דער דאָזיקער אָביעקטיוויטעט קוקט אָבער אַזוי בולט אַרויס דער טרוקענער „אויפקלערער" פון פרידלענדערס הדר מיט זיין קנעכטישער התבטלות פאַר דער קריסטליכער אויסנוועלט. ברענגט דאָס טאַקע דערצו, וואָס יאָסט רעדט מיטן גרעסטן ביטול וועגן דעם יידישן יוסיפון („איין אייטעלעס מאַכווערק") [4] און דער קאָלאָריטפולער „שבט יהודה" [5] הייסט ביי אים אַ „עלענדעס בוך" [6], וואָס פאַרדינט אפילו ניט דערמאָנט צו ווערן. דערפאַר אָבער באַטראַכט ער אָן דעם מינדסטן היסטאָרישן חוש די לעגענדעס, וואָס שפּינען אַרום די געבורט און דעם לעבנסוועג פון דעם באַגרינדער פון דער קריסטליכער אמונה, ווי פעסט באַגלויביקטע היסטאָרישע פאַקטן. צוויי — דריטהאַלבן הונדערט יאָר נאָך דעם בעל „חיזוק אמונה" [7], גיט יאָסט איבער ווי אַ היסטאָרישע געשעעניש די מעשה, ווי מרים אַנטלויפט מיט איר קינד קיין מצרים, באשר עס איז דאָך דורך רוח נבואה פאָראויסגעזאָגט געוואָרן, אַז גאָר אין גיכן וועט אין בית־לחם דער גואל געבאָרן ווערן. האָט טאַקע דערפאַר דער גרויזאַמער הורדוס אַ באַפעל אַרויסגעגעבן אַלע קינדער פון אונטער 2 יאָר אומצובריינגען [8]. און אין דעם זעלבן גייסט ווערן אויך די איבעריקע קריסטוס־לעגענדן באַהאַנדלט [9]. און ווידער טאַקע לשם אָביעקטיווער „אומפּאַרטייאישקייט" מאַכט יאָסט חוזק פון דער תלמודישער לעגענדע וועגן דעם יתוש, וואָס האָט געפּיקט אין דעם מוח פון „טיטוס הרשע" [10], וועלכן דער יידישער היסטאָריקער ווערט ניט מיד צו באַקרוינען מיט כל המיני שבחים ותשבחות („דער הערצהאַפטער טיטוס", „דער עדלע טיטוס" אאז"וו)

---

1 דאָרטן, 237.

2 יאָסט, קולטורגעשיכטע צור נייערען געשיכטע דער איזראַעליטען, 1847, 270.

3 יאָסט, געשיכטע, ב' I, XI.

4 דאָרטן, ב' II, 237.

5 זע אונזער הערק, ב' IV, ז"ז 90—99.

6 יאָסט, געשיכטע, II, ביילאַגען ז' 109.

7 זע אונזער הערק, ב' V, ז' 129.

8 יאָסט, ציט. ה. ב' I, 266, 269, 270.

9 דאָרטן, 295—300.

10 דאָרטן, 2, ביילאַגען, 101.

דאָס אייגענע איז אויך בנוגע די רוימער בכלל. זיי הייסן בײַ יאָסטן: „דיע האָכהערציגען רעמער״ (ב׳ II, 343), „דיע פריידענקענדען רעמער (דאָרטן, 344), און ער שטרײַכט אונטער, אַז בעת די פּרושים און תּלמידי חכמים האָבן מיט זייער פרומקייט און חומרות געבילדעט „אײַנען סקלאַווישען רעליגיאָנסזינן״, האָט דער רוימער „דעם גײַסט אַלץ מער באַפרײַט, און קונסט און וויסנשאַפט פאַרברייטערט״ 1. בכלל, די פּרושים, ווי זייערע גײַסטיקע יורשים — די רבנים פון די שפּעטערע דורות, זײַנען יאָסטן ניט ווייניקער פאַרהאַסט ווי פרידלענדערן, וואָרום זיי, די פּרושים און רבנים, האָבן עס געוועקט און געשטאַרקט בײַ „די איזראַעליטן״ סעפּאַראַטיזמוס און אָפּגעזונדערטקייט. זיי האָבן עס גורם געווען די אַלע צרות, וואָס אונזערע אָבות האָבן אין גלות געהאַט אויסצושטיין. אין דעם, אַז אַלע ייִדישע צרות נעמען זיך פון דעם „סעפּאַראַטיזמוס״, וואָס די פּרושים האָבן געפּרעדיגט, איז דער אָביעקטיווער יאָסט בכלל ניט מסופק, ווײַל ער שטעלט אַרויס דעם גרונד־טעות, אַז די לאַגע פון די ייִדן אין יעדן לאַנד איז געווען אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון דעם אופן, ווי אַזוי די ייִדן האָבן זיך דאָרטן אויפגעפירט 2. פאַר אים איז „זאָנענקלאַר״ *, אַז אין די ייִדן גופא „ליעגט דער גרונד איהרעס שיקזאַלס, ניכט אוסערהאַלב״ 3; דאָרט, ווו ייִדן האָבן ניט געלעבט אָפּגעזונדערט, און בלײַבנדיק געטרײַ זייער אמונה, האָבן זיי זיך באַפרײַט פון דעם „פאָלקסטום״ **, — האָט מען זיך פאַרהאַלטן צו ייִדן ווי צו גלײַכע און זיי האָבן גענאָסן גלײַכע בירגעררעכט 4. אַזוי איז געווען אין סיריע, ווו ייִדן זײַנען געווען „איהרער געזינונג נאָך זיריער״ 5, אין דער פערסישער מלוכה, ווו „דיע מײַסטען יודען ווורדען פּערזער״ פון מאָזעשן גלויבן, און אין אַנדערע לענדער, ווו ייִדן האָבן זיך געהאַלטן ניט פאַר קיין פאָלק, נאָר פאַר „רעליגיאָנס־גענאָסען״ 6. און וואָלטן די ייִדן אין רוים „בעסערען ווילען געצײַגט״, געפּלײַסט זיך צו זײַן געטרײַע איבערגעגעבענע בירגער און פאַרנומען זיך „מיט וויסנשאַפט און קונסט״, דעמאָלט, פאַרזיכערט יאָסט, וואָלטן „דיע פרײַדענקענדען רעמער״ געוויס ניט געזען קיין מניעה אין דער ייִדישער אמונה די ייִדן „אין אַלעם מיט דען שטאַאַטסבירגערן גלײַך צו שטעלען״.

1 דאָרטן, 343.

2 דאָרטן, 344.

3 דאָרטן, 336.

4 דאָרטן, 341.

5 דאָרטן, 294.

6 דאָרטן, 336—338.

* קלאָר ווי די זון.

** ד. ה. פון נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייטן.

דערפאַר זײַנען דעם בעלי־בתיש־געלאַסענעם יאָסט אַזוי פאַרהאַסט די קנאים, די „זעלאָטן", וואָס האָבן מיט אַזאַ עקשנות געקעמפט קעגן די רוימער און געשיצט די פרײַהייט פון זייער פאָטערלאַנד. די דאָזיקע קנאים זײַנען לויט יאָסטס שילדערונג אמתע אויסוואורפן. דאָס זײַנען געווען „אונזיניגע פאָלקספערפיהרער", „ווילדע עמפערער", וואָס „נור נאָך טיראַניי טראַכטען" — און וועגן „אומשטורץ דער פעסטשטעהענדען אָרדנונג" [1]. דאָ פאַרלאָזט זיך יאָסט בלינד אויף דעם אַלטן יוסף פלאַוויוס, דאָ פאַרגעסט ער אינגאַנצן אָן דעם, אויף וואָס ער גופא וויַיזט מערערע מאָל אָן: אַז מען דאַרף זיך בלויז מיט גרויס פאָרזיכטיקייט פאַרלאָזן אויף דעם פאַרפאַסער פון „מלחמות היהודים". ווערן דערפאַר די פירער פון די קנאים, יוחנן פון גוש־חלב און שמעון בן גיורא, בײַ יאָסטן געשילדערט ווי בלוטדורשטיקע רוצחים און ווילדע טיראַנען, וואָס האָבן מיט „אונפערשעמטער פרעכהייט" זיך פאַרנומען בלויז מיט רויבערײַען און באַטריגערײַען [2].

און דאָך, בײַ אַלע זײַנע חסרונות, האָט יאָסטס ווערק אַ באַשטימטן קולטור־היסטאָרישן באַדײַט, אַלס וויכטיקע פּיאָנערן־אַרבעט. יאָסט האָט גענומען אויף זיך די שווערע מיזאַמע אַרבעט צונויפצוזאַמלען דעם נייטיקן בוי־מאַטעריאַל פאַר דער יידישער געשיכטע, ער האָט זיך בײַ זײַן ווערק באַנוצט מיט נײַע, ביז אים ווייניק באַנוצטע, אָדער אינגאַנצן אומבאַקאַנטע קוועלן; ער האָט דער ערשטער געפּרוווט אויסנוצן אַלס געשיכטס־קוועלע דעם תלמוד און די מדרשים און מען דאַרף פולשטענדיק אײַנשטימען מיט יאָסטן גופא, בעת ער וויַיזט עניוותדיק אָן אויף דער עלטער, אַז זײַן געשיכטע דאַרף באַטראַכט ווערן „אַלס פאָרבערייטונג דעם מאַטעריאַלס פיר קינפטיגע געשיכטס־שרײַבונג" [3].

אין משך פון די יאָרן, ווען ס'איז דערשינען יאָסטס נײַנבענדיקע געשיכטע [4], זײַנען אָבער פאָרגעקומען וויכטיקע געשעענישן אויפן געביט פון יידישער קולטור און וויסן. נאָר ניט אין פרײַסן זײַנען די דאָזיקע געשעענישן פאָרגעקומען, נײַערט אין די שכנותדיקע סלאַווישע מדינות, און דאָס איז געווען אַ בשורה־אָנזאָג, אַז אויך בײַם מזרח־יידנטום פאַנגט זיך אָן אַ נײַע תקופה. די „בערלינער השכלה" באַקומט דערבײַ תיקון; אין דער נײַער סביבה ענדערט זי ביסלעכווײַז איר געשטאַלט און באַקומט אויך אַ נײַעם אינהאַלט... וועגן דעם אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלעך.

---

1 דאָרטן, 2, 3, 21, 137, 138, 145.

2 דאָרט, 92, 94, 137, 138, 139, 154, 157, א״ו.

3 קולטור־געשיכטע, 1847, VI. זע אויך יאָסטס אַרטיקל אין „כרם חמד", IX, 132—135.

4 דער לעצטער באַנד איז דערשינען אין 1828.

צווייטער קאַפּיטל

די „בכּורי העתּים״ און זייערע רעדאַקטאָרן. — יהודה־ליב מיזעס און די גאַליציאַנער מיטאַרבעטער. — די מסכּילים אַלס פּאַטריאָטן. — זייער איזאָלירטע לאַגע. — משׂכּילים יחסנים און די אָרטיקע „שררות״. — יהודה־ליב מיזעס און זײַן „קנאת האמת״. — נאָכקלאַנגען פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. — פּריולענדערס און האַמבערגס הסכּמות. — אַנזאַגער פֿון אַ נײַעם וועלט־באַנעם.

אינם פֿאָריקן באַנד [ג] האָבן מיר אָנגעוויזן, ווי דער יונגער דיכטער שלום כּהן האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק ווידער אויפֿצולעבן דעם זינט 1797 אונטערגעגאַנגענעם אָרגאַן פֿון דער „בערלינער השׂכּלה״. זײַן פּרוּוו דאָס צו פֿאַרווירקליכן אין דײַטשלאַנד גופֿא האָט געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּן דערפֿאָלג, און דער באַנײַטער „המאסף״ איז אין דער מיט פֿונם דריטן יאָר (אין 1811) אַנטשוויגן געוואָרן. שלום כּהן האָט אָבער אָן זײַן יוגנט־אידעאַל ניט פֿאַרגעסן, און ווען ער האָט אין 1820 זיך באַזעצט אין ווין אַלס קאָרעקטאָר אין דער באַוווּסטער בוך־דרוקערײַ פֿון אַנטאָן שמיד, האָט ער באַשלאָסן מאַכן אַ נײַעם פּרוּוו: גרינדן אַ העברעיִשע צײַטשריפֿט, וואָס זאָל דינען אַלס טריבונע פֿאַר דער „בערלינער השׂכּלה״. דער קריסטליכער אונטערנעמער שמיד האָט געמאַכט גוטע געשעפֿטן מיט זײַן העברעיִשער דרוק, איז ער דערפֿאַר גערן אײַנגעגאַנגען אויף דעם פֿאָרשלאָג פֿון זײַן טיכטיקן קאָרעקטאָר. ווין גופֿא איז דעמאָלט פּאַקטיש ניט געווען פֿיל גינסטיקער פֿאַר אַ העברעיִשער טריבונע ווי בערלין. אויך דאָרטן איז די יִידישע בורזשואזיע פֿון יענער צײַט און אירע אינטעליגענטע שיכטן שוין געווען אין אַ גאַנץ באַדײַטנדיקער מאָס אַסימילירט, און האָבן זיך שוין ניט געניייטיקט אין דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון אַ העברעיִשן אָרגאַן. ווין האָט אָבער געהאַט אַ ברייטן „הינטערלאַנד״ [ג]. זי איז דאָך געווען די רעזידענץ־שטאָט פֿון אַ מלוכה, צו וועלכער עס האָבן געהערט אַזוינע פּראָווינצן, ווי גאַליציע, בעהמען, אונגאַרן מיט אַ קאָמ־

ג צווייטער בוך, 249.

פאקטער יידישער באפעלקערונג, וואס האט נאך געלעבט לויטן אלטן פאטריאכאלישן שטייגער. דא איז געווען אברייט פעלד פאר השכלה־פראפאגאנדע...

אין הארבסט 1820 איז אונטער דער רעדאקציע פון שלום כהן דערשינען דער ערשטער באנד פון יאר־אלמאנאך „בכורי העתים" [1]. דער געשעפטסמאן, אנטאן שמיד, האט אבער געזארגט דערפאר, אז דער יאר־אלמאנאך זאל אויך געבן דעם לייענער פראקטישע ידיעות, און דער „בכורי העתים" דערשיינט דערפאר די ערשטע יארן אלס ביילאגע צום „פאלשטענדיגען" איזראעליטישן קאלענדער „עתים מזומנים"; אויפן שער־בלאט ווערט אויך אנגעוויזן, אז די ביילאגע איז „איין ניצליכעס אונד לעהררייכעס געשעפטס־ אונד אונטערהאלטונגס־בוך צום נייא־יאהרס־געשענק פיר געבילדעטע הויזפעטער אונד הויזמיטער, אלס פרעמיען־בוך פיר די פלייסיגע יוגענד" [2].

דער רעדאקטאר, שלום כהן, האט ניט געהאלטן פאר נייטיק צו באקענען דעם לייענער מיטן פראגראם פון דער נייער אויסגאבע. זיין העכסטער אידעאל איז דאך געווען, ווי מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן, דער „הכאסף"; און די נייע אויסגאבע איז געווען פארטראכט ניט אלס פארט־זעצונג פונם „המאסף", זי האט אים געזאלט בלויז איבערחזרן, באקענען די יידישע יוגנט פון די עסטרייכישע פראווינצן מיט דעם שוין דערכאלט זייער זעלטן געווארענעם דענקמאל פון דער „בערלינער השכלה" [3]: שלום כהן שטעלט זיך דערפאר אלס אויפגאבע איבערצודרוקן אין דער נייער צייטשריפט „אויסציגע דער שענסטען אויפזעצע אוים דעם מאסף". דרוקט ער טאקע איבער בראש פון די דאזיקע „אויסציגען" דעם „נחל

---

1 דער פולער טיטל: בכורי העתים הם פרי תבואה לשנת תקפ"א הכוללים במה דברים נחמדים ועניני מדע ותועלת נועדים לברכת הורים להוביל שי לבניהם השומעים לקולם, למען ישמע חכם ויוסיף לקח. אין די שפעטערע יארן איז דער טיטל אביסל געקירצט, און אויפן שער־בלאט פונם 8־טן באנד לייענען מיר שוין: בכורי העתים, מנחת בכורים לראשית שנת תקפ"ח חבור דברי חכמים וחידותם ועניני מדע ותועלת לדעת חכמה ומוסר, להבין אמרי בינה.

2 אין די שפעטערע יארן איז אויך דער דייטשער טעקסט אויפן שער־בלאט געקירצט געווארן; עס װערט בלויז אנגעוויזן: „אלז נייאיאהרס געשענק צור בעלעהרונג אונד אונטערהאלטונג פיר געבילדעטע איזראעליטען", דער „געשעפטליכער" טייל פאלט אפ, און דער „בכורי העתים" דערשיינט בלויז אלס „ניצליך אונד לעהררייך אונטערהאלטונגסבוך".

3 זע אונזער חערק, ב' VII, צווייטער בוך, 312. אגב, איז דארט דער טעקסט פארגרייזט: אנשטאט „דער פריערדיגער מאסף־פארערער" דארף זיין „דער פריערדיגער מאסף־פארערער".

הבשור", וואָס האָט שוין אויך באַדאַרפט באַטראַכט ווערן אַלס פּראָגראַם פאַר דעם „בכּורי העתּים".

און דער רעדאַקטאָר פלעגט זיך טאַקע געטריי זיך צו האַלטן בײַם פּראָגראַם פונם „נחל הבשור". אויך אין די ערשטע בענד „בכּורי העתּים" ווערן געדרוקט „ביאָגראַפיען גראָסער איזראַעליטען" אין דעם זעלביקן אומבאַהאָלפענעם סטיל און פון דער זעלביקער „וויסנשאַפטליכער" קוואַליטעט, ווי אינם קעניגסבערגער „המאסף". אויך דאָרט ווערן געדרוקט ליבע-לידער מלכים און שררות, בלויז מיט דעם אונטערשייד, וואָס אין „המאסף" זײַנען באַזונגען געוואָרן פרידריך דער צווייטער און יאָזעף דער צווייטער, און אין „בכּורי העתּים" — פראַנץ דער ערשטער. אויך אין „בכּורי העתּים" ווערן געדרוקט „מאָראַלישע ערציילונגען" און אידיליעס אין העברעיִש און אין דײַטש מיט ייִדישע אותיות. אַלץ אינם נוסח פונם „המאסף".

און דאָך האָבן ... שוין אין די ערשטע יאָרגענג „בכּורי העתּים", ווען אפילו קעגן דעם ווילן פון דעם רעדאַקטאָר גופא, באַוויזן אַזוינע שטימונגען, וואָס זײַנען געווען גאַנץ פרעמד דעם „המאסף". אין דער לידער-אָפּטיילונג פון „המאסף" האָבן דעם בכּבודסטן פּלאַץ פאַרנומען איבערזעצונגען פון העסנער, ראַמלער און אַנדערע אַלטע דײַטשע דיכטער. אין „בכּורי העתּים" איז שוין אָבער דער באַליבטסטער דיכטער — שילער. שילערס פּאַטעטישער סטיל, די נאָכקלאַנגען פון רוסאָס אידעען וועגן גלײַכהייט און ברידערליכקייט, און די הומניסטיש-דידאַקטישע טענדענצן, וואָס לאָזן זיך הערן אין פיל זײַנע לירישע און עפּישע לידער, האָבן גע-וווּנען די הערצער פון די ייִדישע „משכּילים". שוין אין דעם ערשטן באַנד „בכּורי העתּים" זײַנען אָפּגעדרוקט דרײַ איבערזעצונגען פון שילערן: אַ פראַגמענט פון „דער גלאָקע" (הצלחת הבית), אַ כאָר-געזאַנג אויס „דער בראַוט פאָן מעסינא" און „די מאַכט דעם געזאַנגעס". און כ'איז כּדאי אָנצומערקן, אַז אַלע דרײַ איבערזעצונגען זײַנען צוגעשיקט געוואָרן פון דעם גאַליציאַנער משכּילים-קרײַז. און טאַקע אַדאַנק די מיט-אַרבעטער פון גאַליציע איז דעם „בכּורי העתּים" אין די שפּעטערע יאָרן געלונגען זיך צו באַפרײַען אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס פון דעם „מאספּס" אַלטמאָדישע קליידער און צו באַקומען זײַן אייגענע אינדיווידואַליטעט, זײַן אייגענעם נוסח. אמת, די אָנפירער און רעדאַקטאָרן פונם „בכּורי העתּים" זײַנען געווען ניט קיין גאַליציאַנער. נאָך שלום כּהן, וואָס האָט רעדאַקטירט בלויז די ערשטע צוויי יאָרגענג „בכּורי העתּים", האָט די צײַטשריפט רעדאַקטירט דער פּראָגער פּרנס, משה לאַנדוי, אַן אייניקל פונם באַוווּסטן פּויזנער רב יחזקאל לאַנדוי. משה לאַנדוי האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען

בלויז אַלס רײַכער אַרויסגעבער און פאַרלעגער, ער גופא איז אָבער געווען אַ טאַלענטלאָזער שריפטשטעלער מיט אַ גאַנץ שוואַכן ליטעראַרישן געשמאַק. באַדײַטנדיקער פון אים איז אין דער הינזיכט געווען דער שפּעטערער רעדאַקטאָר פון „בכורי העתים", יהודה־לייב יטלש, אַ געוועזענער מיטאַרבעטער פון „המאסף" 1. ער איז געווען אַ מענטש פון ברייטן וויסן 2, האָט פיל זיך פאַרנומען מיט פילאָלאָגיע, האָט פאַרפאַסט אַ לערנבוך פאַר אַראַמישער שפּראַך (מבוא לשון ארמית, 1813) און געשריבן אַ „ביאור" צו אייניקע ביבלישע ביכער. ער האָט אויך געשריבן וויציקע עפּיגראַמען, פאַבלען, סאַטירישע און דידאַקטישע לידער 3. ער איז אויך דער פאַרפאַסער פון דער „שיחה בארץ החיים" (קעגן די פראַנקיסטן), וועגן וועלכן מיר האָבן גערעדט באַריכות אין פריקן באַנד (צווייטער בוך, 17).

ערשט אונטער יטלשס רעדאַקציע האָט דער „בכורי העתים" אויפגעהערט צו זײַן בלויז דער ווידער־קול פונם „המאסף". דער „בכורי העתים" זינגט נאָך אפילו אַלע לויב־געזאַנגען דעם בערלינער „המאסף", און פאַרזיכערט, אַז „אַלע טויערן פון וויסן זײַנען דורך דעם „המאסף" געעפנט און אין אַלע ווינקעלעך טוען זײַנע געוויקסן בליען" 4. דער

---

1 געבאָרן אין פּראַג אין 1773, געשטאָרבן אין ווין אין 1838.

2 ווי עס שײַנט, איז יטלש געווען אַ הייסער אָנהענגער פון רעליגיעזער רעפאָרם. אין זײַן עלעגיע, וואָס ער האָט געשריבן (1829) נאָכן טויט פון דעם באַרימטן כלל־טוער ישראל יעקובזאָן (זע אונזער ווערק, ב' VII, צווייטער בוך, ז' 239) ווײַזט ער באַזונדערס אָן:

כָּזאת תִּקַּנְתָּ, יַעֲקֹב, אִישׁ רַב פְּעָלִים גֶּבֶר חָיִל:
רָאה רָאִיתָ אַחֶיךָ נבוכים, תועים בַּדָּרֶךְ,
לתפלה בלי לב ידרושו לא יבינו ערך
כָּבוֹר העטיתה הוצאתָה מַחֲשַׁכַּת לָיִל

(בכורי העתים, תקץ, 42)

און דערבײַ ווערט צוגעגעבן אַזאַ באַמערקונג: מיט דעם עררייכטעטען יאַקאָבשטעמפּעל װאַרד דער גרונד צור פערבעסערונג דעס קולטוס אין מעהרערען איזראַעליטען־געמיינדען דייטשלאַנדס געלעגט.

3 אַ זאַמלונג פון זײַנע דיכטונגען, צוזאַמען מיט אַ פּאַנעגירישער ביאָגראַפיע פון זײַן פאָטער דעם אַרצט יונה יטלש, האָט יהודה יטלש פאַרעפנטליכט אונטערן טיטל „בני הנעורים" (1821). דער צווייטער טייל פון דער זאַמלונג איז געבליבן אין מאַנוסקריפּט (זע בכורי העתים, VIII, 267).

4 כָּל שַׁעֲרֵי הבינה בִּמְאַסְפִים נפתחו, בכל עבר ופנה עֲנָבִיה פָּרָחוּ (בכורי העתים, VIII, 155—156). עס איז אָבער דערבײַ כּדאַי אָנצווײַזן אויף פאָלגנדיקן פּרט. אויך דער „בכורי העתים" האָט פאַר נייטיק אונטערצושטרײַכן, אַז דער „המאסף" פון

מאסף=פאַרערער באַקומט שוין אָבער זײַן אייגענע שטימע און ער טראָגט אַרײַן אין די לעצטע יאָרן אין דער השכּלה=באַוועגונג אַ נײַע אידעען=שטרעמונג פון ברייטן וויסנשאַפטליכן פאַרנעם [1]. די דאָזיקע נײַע שטרעמונגען האָבן אָבער מיט זיך אַרײַנגעבראַכט דער עיקר די מיט=אַרבעטער אויס גאַליציע. זיי, די גאַליציאַנער, לעבנדיק בײַ גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען און אין אַן אייגנאַרטיקער סביבה, האָבן צו דער בערלינער השכּלה, וואָס זיי האָבן אַזוי געאַכפּערט און געגרייסט, געמאַכט אַ נײַעם פּירוש, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען קערנער פון אַ גאַנץ אַנדערן וועלט=באַנעם.

אין פאַריקן באַנד [2] האָבן מיר אָנגעוויזן אויף די סאָציאַלע און קולטורעלע צושטענדן, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן, אַז אין אייניקע מזרח=גאַליצישע צענטרען, בפרט אין בראָד און טאַרנאָפּאָל, זאָלן זיך בילדן משׂכּילישע קרײַזן, וואָס זײַנען געווען ניט בלויז מאַטעריעל, נאָר אויך גײַסטיק פאַרבונדן מיט בערלין און אַנדערע באַדײַטנדיקע דײַטשע צענטרען. ווי גרונדפאַרשיידן איז אָבער געווען די גײַסטיקע מיליע, אין וועלכער ס׳האָבן געלעבט די גאַליציאַנער משׂכּילים אין די צײַטן פון „בכּורי העתּים" אין פאַרגלײַך מיט דער סביבה, אין וועלכער ס׳האָבן געלעבט און געקעמפט די טרעגער פון דער „בערלינער אויפקלערונג". זיי, די „בערלינער", האָבן דאָך געלעבט אין אַן אייראָפּעיִשער סביבה צוזאַמען מיט די אויפשטײַגנדיקע בורזשואַזע אינדוסטריעלע שיכטן, געאָטעמט מיט די הומאַניטאַר=אויפקלערערישע אידעאַלן, וואָס זײַנען אימפּאָרטירט געוואָרן פון פראַנקרײַך אין די בערלינער „סאַלאָנען". דער דראַנג צו גלײַכבאַרעכטיקונג, צו לעבן „לײַטן גלײַך" האָט געשטאַרקט דעם ווונטש וואָס גיכער זיך באַפרײַען פון דער „גלות ירושה", פון דעם „אָבערגלויבן" און די מיטל=עלטערליכע „פאָראורטיילן". און דער קאַמף צווישן דעם אַלטן דור און דעם נײַעם אויפגעקלערטן, צווישן די „פאָטערס" און די „קינדער", האָט

די לעצטע יאָרן איז אַראָפּ פונם ריכטיקן וועג און האָט פאַרבלאָנדזשעט אויף פאַלשע שטעגן. אין דער אין זעקסטן באַנד (תקפּ״ו) פאַרעפנטליכער „שׂיחה בארץ החיים" — אַ צווייגעשפּרעך צווישן נפתּלי־הערץ ווײַזל אין העברעיִשער שפּראַך, קלאָגט זיך די שפּת עבר אויף די בעלי „המאספים", אַז יענע „סרו מהר מן הדרך אשר התויתי למו... אך המה היו בעוכרי, מהרסי ומחריבי מהם יצאו. שוחרי הטוב והתושיה ספו תמו, ובאו אחרימו מזמרי שירי עגבים ואוהבי אשישי ענבים וכ״ו וכ״ו" (7—8).

1 דער „מבחר המאסף" וואָרט געדרוקט אין „בכּורי העתּים" בלויז ביז דעם אַכטן באַנד, ווי עס ווערן געבראַכט אויסצוגן פון דעם פערטן יאָרגאַנג „המאסף" (תקמ״ח). אין די ווײַטערדיקע בענד „בכּורי העתּים" ווערט שוין געבראַכט בלויז נײַער מאַטעריאַל.

2 דאָרטן, לעצטער קאַפּיטל.

זיך פאַרענדיקט מיטן פולן נצחון פון די לעצטע. דער נײַער דור האָט נצחניש געשטורעמט דעם אַלטפרענקישן בנין פון די אָבות, און די אַלטע האָבן פאַרלאָרן איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער. גאָר אַנדערש איז געווען די לאַגע אין גאַליציע. אין אינדוסטריעלער הינזיכט איז גאַליציע געווען די אָפּגעשטאַנענסטע פּראָווינץ אין גאַנץ עסטרײַך. ניט די אייראָפּעיִשע אויסן־וועלט האָט אַרומגערינגלט די משכּילישע קרײַזן אין גאַליציע, נאָר די קאָמפּאַקטע אַלטפרענקישע ייִדישע מאַסע; ניט די אידעען פון די פראַנצויזישע „אויפקלערער", ניט דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־באַנעם פון די ענציקלאָפּעדיסטן האָט דאָרט באַהערשט די מוחות, נאָר די אידעען־וועלט פון דער יונגער חסידישער באַוועגונג, וואָס האָט נצחניש באַהערשט אויף איר טריומף־וועג איין צענטער נאָכן אַנדערן. די סוחריש־בעלי־בתּישע בראָדער קהילה האָט לאַנג זיך קעגנגעשטעלט דער חסידישער פּראָפּאַגאַנדע. אין די 80־ער יאָרן פונם 18טן יר"ה האָט מען נאָך דאָרט עפנטליך געברענט דעם „תּולדות" און אַנדערע חסידישע ווערק. נאָר אין אָנפאַנג פון דעם 19טן יר"ה, בפרט צום צווייטן יאָרצענט, איז אויך בראָד געוואָרן אַ חסידישער צענטער. די גאַליציאַנער משכּילים האָבן זיך צו יענער צײַט געפונען אין אַן ענליכער לאַגע, ווי פריער מיט פערציג יאָר די ערשטע חסידים אין די ליטווישע צענטרען: קלײנינקע קרײַזלעך אַרומגערינגלט פון אַ פײַנדליכער סביבה. די פײַנדליכע באַציִונג צו אויפקלערונג און אייראָפּעיִשער בילדונג·מצד די חסידים 1 האָט אין גאַליציע זיך באַזונדערס פאַרשאַרפט דורך ספּעציעלע, אָרטיקע טעמים: דאָרט איז נאָך געווען פריש אין זכרון, ווי אַזוי און וואָסערע מיטלען האָמבערג און זײַנע מיטהעלפער האָבן געפּרוווט „אויפקלערן" די ייִדישע מאַסע. די „נאָרמאַלשולען" זײַנען געשלאָסן געוואָרן אין 1806, נאָר די שנאה פון פאָלק צו די „אויפקלערער" איז געבליבן אויף לאַנג. דערצו מוז מען זיך נאָך רעכענען מיט פאָלגנדיקן פּרט. אין פּרײַסן איז אין מענדעלסזאָנס צײַטן געזעסן אויפן טראָן דער „פילאָזאָף" פרידריך דער צווייטער, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אמתן פרײַדענקער און זיך געגרייסט דערמיט, וואָס ער דערלויבט קריטיש באַהאַנדלען רעליגיעזע פראַגן. צום סוף פונם צווייטן יאָרצענט פונם 19טן יר"ה האָט אָבער אין רוימיש־קאַטוילישן עסטרײַך און אין גאַנץ אייראָפּע געוועלטיקט מעטערניכס בלײַערנע רעאַקציע. אמת, די משכּילים האָבן אויך אין דעמאָלטיקן עסטרײַך שטאַרק זיך געפלײַסט אַרויסצוווײַזן זייער פּאַטריאָטיזם און געלויבט אין טאָג אַרײַן די „אויפקלערערישע" רעגירונג. אַלס אילוסטראַציע גענוגט צו ברענגען

1 זע ב' VII, צחײַסער בוך, 228, 278 א"ח.

א פּאָר ציטאַטן אויס דעם „בכּורי העתים״, און ביידע אויס די אַרטיקלען, וואָס ס׳האָט געשריבן דער רעדאַקטאָר גופא, יהודא ליב ייטעלעס.

זיין לענגערן אַרטיקל וועגן קינדער־דערציִונג „דברים נכוחים״ [1], פאַרענדיקט ייטעלעס מיט דעם אויספיר: „דעו, אנשי אמונה! איר דאַרפט וויסן און פאַרשטיין, אַז דערמיט, וואָס איר וועט אייערע קינדער אַ נאָרמאַלע דערציִונג געבן, וועט איר ערפילן אי דעם רצון פון דעם פאָטער אין הימל, ווי אויך דעם ווילן פון אייער דערהייבענעם מלך. עס איז דאָך אַלעמען באַוווּסט דער גנעדיקער רצון פון דעם מלך און פון זיינע הויכע באַאַמטע: זייער גאַנצער ציל און ווונטש איז, אַז מיר זאָלן בעסערן אונזער וועג דורך נאָרמאַלע און גוטע קינדער־דערציִונג. דערמיט וועט איר צוציען די לייטזעליקייט פון דער רעגירונג, ווייל זי וועט זען, אַז אייער גוטער ווילן איז אויסצובעסערן דאָס, וואָס די פריערדיקע דורות האָבן פאַרדאָרבן. און מיט ליב וועלן די אַרומיקע פעלקער זאָגן: עס בינות ישראל! אַ פאַרשטאַנדיק פאָלק זיינען די יִדן, און דעם שלום המדינה זיינען זיי שטאַרק איבערגעגעבן!״.

ווען דער באַוווּסטער יִדיש־אַמעריקאַנער כּלל־טוער מרדכי עמנואל נח איז אין 1825 אַרויסגעטראָטן מיט זיין פּראָיעקט וועגן גרינדן אין צפון־אַמעריקע אַ באַזונדערן יִדישן שטאַט און האָט זיך וועגן דעם געווענדעט צו דער יִדישער געזעלשאַפט מיט אַ ספּעציעלן אויפרוף, האָט אויך ייטלעס דעם דאָזיקן אויפרוף פאַרעפנטליכט אין „בכּורי העתים״; ער האָט אָבער געהאַלטן פאַר נייטיק אים צו באַגלייטן מיט סאַרקאַסטישע, שטאַרק פּאַטריאָטיש געפאַרבטע באַמערקונגען. „צי ווייסט דען ניט — פרעגט ייטלעס — דער דאָזיקער כּלל־טוער, אַז זיין אויפרוף וועט געפינען אַן אָפּקלאַנג בלויז ביי געציילטע מענטשן? די יִדן וווינען דאָך איצט אונטער דעם שוץ פון מלכי חסד ורחמים, וואָס פאַרשפּרייטן זייער גענאַד איבער אונז צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פעלקער באַגלייך, און ווער וועט עס זיין אַזוי נאַריש, וואָס זאָל פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון זיינע עלטערן, זיין האָב און גוטס, און זוכן אַ מקום פּליטה אין אַ פרעמדן לאַנד? אחי בני ישראל! — רופט ייטעלעס אויס מיט פּאַטאָס — אין אונזער ליבן לאַנד וועלן מיר וווינען, אונזער קיניג וועלן מיר פּונקטזאַם דינען, זיין ווילן וועלן מיר טאָן און אַלע זיינע באַפעלן וועלן מיר אויך ווייטער ווי ביז איצט מיטן גאַנצן הארצן ערפילן. אין געטריִען בונד וועלן מיר זיין מיט די פעלקער, צווישן וועלכע מיר לעבן, אין זייער ליכט וועלן מיר שרייטן אויפן וועג פון אויפקלערונג; זיין גוט און נוצליך לויט

1 דעם אַרטיקל האָט ייטעלעס פאַרפאַסט נאָך אין 1816, נאָר פאַרעפנטליכט האָט ער אים ערשט מיט 13 יאָר שפּעטער („בכּורי העתים״, תקפ״ט, 133—149).

דעם ווונטש פון אונזער קיניג, און ווייל וועט זיין אונז און דעם גאנצן הויז ישראל מעתה ועד עולם!" [1].

די דאזיקע שטעלן זיינען זייער כאראקטעריסטיש ניט בלויז פאר די גאליציאנישע משכילים, נאר, ווי מיר וועלן ווייטער זען, אויך פאר די רוסישע. קליין אין צאל און אין מאכט, ארומגערינגלט פון א פיינדליך געשטימטער סביבה, האבן זיי, די משכילים, געזען זייער איינציקע שטיצע אין דער אויסערער מאכט, אין דער רעגירונג. זיי האבן ניט געוועלט, און אפשר אויך ניט געקענט באמערקן, אז די רעגירונגס-מאכט קוקט מיט שנאה און ביטול אויף דעם „אבערגלויבן" און „עקשנותדיקער ווילד-קייט" פון דער יידישער מאסע אויס גאנץ אנדערע טעמים ווי זיי, די משכילים: ניט אלס טרעגערין פון בילדונג און ראציאנאליסטישער אויפ-קלערונג, נאר אלס שטאק-פרומער אייפערער פון קאטוילישן קריסטנטום און אלס הויפט-פארשטייער פון באשטימטע פעאדאלע קלאסן-אינטערעסן. די משכילים, יעדנפאלס א באדייטנדיקער טייל פון זיי, וואס האבן מייסטנס געהערט צו די רייכערע, סוחרישע קרייזן, האבן אין זייער פאטריאטישן אייפער ניט געוועלט באמערקן די אמתע סיבות פון דער קאטאסטראפאלער עקאנאמישער לאגע, אין וועלכער עס האט זיך געפונען די יידישע מאסע אין גאליציע, און האבן דערפאר פארזיכערט, אז יענע „גענוסט" די גענאדן פון די „מלכי חסד ורחמים".

מעטערניכס רעגירונג איז אבער געווען א גאנץ אומזיכערע שטיצע פאר די אויפגעקלערטע משכילים. זי האט זיך טאקע פארהאלטן מיט ביטול צו דעם „אבערגלויבן" און „פארבלענדקייט" פון דער יידישער מאסע, זי האט אבער אויך געקוקט מיט פארדאכט אויף די ראציאנא-ליסטיש-געשטימטע „אויפקלערער". און דאס האבן טאקע זייער גוט פארשטאנען אויסצונוצן די פירער פון די ארטאדאקסן און חסידים אין זייער קאמף קעגן די משכילים. געוויסע שטיצע פלעגן יא געפינען די משכילים, און דאס אויך בלויז די רייכע צווישן זיי, ביי די ארטיקע שררות. די רעגירונגס-באאמטע אין די גאליציאנישע צענטרען, בראד, לעמבערג אאז"וו, זיינען על-פי-רוב געווען ניט פון דער ארטיקער באַ-פעלקערונג, נאר צוגעשיקטע פון ווין און אנדערע דייטשע פראווינצן, — אלץ מענטשן דערצויגענע אויף דער דייטשער שפראך און קולטור. זיי האבן זיך געפילט גאנץ פרעמד אין די פויליש-רייידנדיקע ארטיקע געזעל-שאפטליכע קרייזן. עס איז דערפאר קיין חידוש ניט, וואס זיי פלעגן זיך געפינען אין גאנץ פריינדליכע באציונגען מיט די יידישע אויפגע-קלערטע סוחרים און גבירים, וואס זיינען אויפגעצויגן געווארן אויף דער

1 בכורי העתים, תקפ"ז, 49.

„בערלינער השכלה", האָבן מיט אַנטציקונג געלייענט די דייטשע קלאַסי־קער, זייער טייער געהאַלטן די שפּראַך פון זייער „פאַטערלאַנד" און זי פּראָקלאַמירט אַלס זייער מוטער־שפּראַך. אַט דער פאַקט, וואָס פאַר־מעגליכע און רייכע משכילים זיינען געווען חשוב ביי „נאַטשאַלסטווע", ביי די אָרטיקע באַאַמטע, האָט געהאַט אַ געוויסע השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער השכלה־ליטעראַטור אין גאַליציע.

מיר האָבן שוין אין פריקן באַנד געזען [1], ווי פון אַלע אַנטי־חסידישע פּאָלעמישע ווערק, וואָס די גאַליציאַנער משכילים האָבן פאַרפאַסט, האָט דעם דרוק־וואַרשטאַט דערזען בלויז די סאַטירע פון דעם רייכן סוחר און מעצענאַט יוסף פּערל. נאָר ער איינער האָט געהאַט דעם מוט אַרויס־צוטרעטן פאַר דער עפנטליכקייט, ווען אַפילו אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען, מיט זיין „מגלה טמירין", ווייל אים, דעם רייכן סוחר, וואָס איז אַזאַ תקיף ביי די אָרטיקע שררות [2], האָבן די חסידים מורא געהאַט אָנצוגרייפן. דאָס אייגענע האָט זיך איבערגעחזרט אין עטליכע יאָר אַרום מיטן לעמבערגער רייכן משכיל יהודה־לייב מיזעס.

געבאָרן אין אַ זייער רייכער יחסנישער פאַמיליע אין 1798 [3], איז יהודה־לייב מיזעס שוין גאָר אין די יונגע יאָרן געווען אַ הייסער קעמפער פאַר השכלה און אַ פאַרביסענער שונא פון די חסידים און אָרטאָדאָקסן. ער פלעגט מיט ברייטער האַנט שטיצן יעדן וויסנבאַגיריקן ישיבה־בחור, און אַדאַנק זיין מאַטעריעלער הילף האָבן פיל יונגעלייט אויס גאַליציע געהאַט די מעגליכקייט צו פאַרענדיקן זייער סטודיום אין די עסטרייכישע און דייטשע הויכשולן [4]. דערביי איז ער אָבער אויך געווען אומדערמיד־ליך אין זיין קאַמף קעגן „פאַנאַטיזם און אָבערגלויבן". מיר וועלן נאָך ווייטער האָבן די געלעגנהייט אָנצווייזן, מיט וואָס פאַר אַ ביטול דער 18־יאָריקער מיזעס איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם אַלטן לעמבערגער רב האָרנשטיין. מיזעס איז געווען אַ קעמפער־נאַטור, מיט פיל טעמפּעראַ־

---

1 אונזער ווערק, ב' VII, צווייטער בוך, 286.

2 ווי אַזוי יוסף פּערל פלעגט אויסנוצן זיין חשיבות ביי די באַאַמטע, זע ב' VII, צווייטער בוך, ז' 285.

3 ביי דעם רוב מיזעסעס ביאָגראַפן ווערט ניט אָנגעוויזן דאָס יאָר פון מי־זעסעס געבורט. מ. ווייסבערג און אַנדערע ווייזן בלויז אָן, אַז ער איז געבוירן „אַם ערב־דעם 18טן יר״ה". לויט מ. עריקס מעלדונג (עטיודן צו דער געשיכטע פון דער האַסקאָלע, 195), געפינט זיך אין דער ווייסרוסישער מלוכה־ביבליאָטעק אין מינסק אַן עקזעמפּליאַר „קנאת האמת", אויף וועלכן דער רימאַנאָווער רופא שמואל אויס סלאַוווטע האָט פאַרצייכנט אַ חודש נאָך מיזעסעס טויט (1831), אַז דער פאַרפאַסער איז געשטאָרבן אין לעמבערג אין עלטער פון 33 יאָר.

4 זע מ. לעטעריס, זכרון בספר, 115.

מענט און מיט גרויסן וויסנסדורשט, אָבער מיט גאַנץ מיטלמעסיקע פעיִקייטן. ער האָט פיל געלייענט, געווען באַקאַנט מיט די מיטלעלטער־ליכע העברעיִשע חקירה־ספרים און אויך מיט דער מאָדערנער דייטשער וויסנשאַפטליכער ליטעראַטור, נאָר דאָס אַלץ אויבנאויפיק, אָן געהעריקער קריטיק. מיט זיין אַנטי־היסטאָרישן, ענג ראַציאָנאַליסטישן וועלט־באַנעם איז ער נאָך מיט ביידע פיס געשטאַנען אינם 18טן יר"ה. ער האָט עולם ומלואו פונם אַלטן פרידלענדער און טרעט טאָקע ניט אָפּ אויף קיין האָר פון יענעמס אידעען־וועלט.

מיר האָבן שוין אין פאַריקן באַנד 1 אָנגעוויזן, ווי דער 22־יאָריקער מיזעס האָט פאַרעפנטליכט מיט זיינע הערות דוד קאַראָס פּאָלעמיש ווערק „תכונת הרבנים". דאָס האָט אָבער ניט געקאָנט שטילן זיין קאַמפּסלוסט. פול מיט קריגערישן יוגנט־מוט, האָט ער זיך פאַרמאָסט קעמפן אויף אייגענעם חשבון פאַר די אים טייערע השכלה־אידעאַלן און שטורעמען די אים אַזוי פאַרהאַסטע פעסטונג פון חסידות און „אָבערגלויבן". דאָס האָט ער באַצוועקט מיט זיין „קנאת האמת" (וויען, 1828), וואָס האָט געמאַכט אַ גאַנץ גרויסן רושם אין די אָרטאָדאָקסישע און אויך אין די משכילישע קרייזן.

ווי אַלע השכלה־קעמפער, איז אויך מיזעס געווען דעם רמב"מס אַ פייערדיקער פאַרערער 2 און ער האָט דערפאַר זיין לעבנסווערק געשריבן אין פאָרם פון דריי געשפרעכן „בעולם הנשמות" צווישן דעם רמב"ם און זיין הייסן הסיד, דעם בעל „מרכבת המשנה" שלמה כעלמאַ 3. דער בעל „מרכבת המשנה" שטעלט בלויז פראַגן, און דער ראש המדברים איז דער בעל „המורה"; אין זיין מויל לייגט דער פאַרפאַסער אַריין זיינע באַליבטע געדאַנקען.

מיזעס ווערט ניט מיד איבערצוחזרן, ווי אַזוי יעדער משכיל איז מחויב אויפצוקלערן זיינע אומוויסנדיקע ברידער, אויפדעקן פאַר זיי דעם אמת אין פשוטע קלאָרע ווערטער, בכדי זיי זאָלן ניט דאַרפן טאַפּן אין דער פינסטער 4. קודם־כל מוז געפירט ווערן אַ קאַמף קעגן דעם ווילדן גלויבן אין רוחות, שדים און כשוף, וואָס דערפון נעמען זיך אַלע צרות (שהנה מקור כל הרעות 5). און דער דאָזיקער פינסטערער אָבערגלויבן,

---

1 ז' 307.

2 זע „קנאת האמת", 14: לא היה בישראל איש אשר פעל רב טוב להם בבחינת השכלת מינים כמו הרמב"ם, כי רק הוא הקיץ אותם מתרדמת סכלותם ויעיר שכלם.

3 זע צונצער חערק, ב' V, 284—236.

4 „קנאת האמת", 6, 9, 18 א"וו (מיר ציטירן לויט דער ערשטער אויס־גאַבע פון [illegible]).

5 קנאת האמת, [illegible].

קלאָגט זיך מיזעס, האָט זיך נאָך באַזונדערס געשטאַרקט בײַם פּאָלק די לעצטע צײַט, מיט דער פאַרשפּרייטונג פון דער „כת הבעשטנים״, פון אָט די דאָזיקע „זדים ועושי רשעה״, די „אנשי זמה ופועלי און״, וואָס טוען אונטער דער מאַסקע פון חסידות די נידערטרעכטיקסטע מעשים [1]. דער גרינדער פון דער דאָזיקער „כת״, פאַרזיכערט מיזעס, איז געווען אַ געוואַלטיקער עם־הארץ, האָט ניט פאַרשטאַנען קיין איין זאַץ סײַ אין תלמוד, סײַ אין תנ״ך, זײַן הארץ איז אָבער געווען פול מיט פאַלשקייט, און דערצו איז ער נאָך געווען אַן אימהדיקער רודף אחרי הכבוד [2]. צו אָט דעם דאָזיקן זינדיקן מענטשן זײַנען באַלד צוגעטראָטן פאַלשע, נידער־טרעכטיקע לײַט, וואָס האָבן אויך חשק באַקומען צו שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָלע, און גלײַך מיט אים (דעם בעש״ט) דורך שווינדל צו באַראַבעווען און באַגזלען דעם עולם. זיי האָבן זיך אָבער דערמיט נאָך ניט באַנוגנט און האָבן ממש פאַרפּלייצט די וועלט מיט זייערע חבורים, וואָס זײַנען איבערפולט מיט אַזוינע שטותים ודברי רוח, אַז עס עקלט ממש פון זיי יעדן בעל שכל [3].

פונוואַנען האָט זיך אָבער בײַ יידן גענומען דער נאַרישער גלויבן אין כשוף, רוחות און שדים? די פראַגע שטעלט מיזעס עטליכע מאָל, און אַן ענטפער איז בײַ אים דאָ אַ גאַנץ גרייטער, אָנגעגרייט נאָך פונם ראַציאָנאַליסטישן 18טן יר״ה: קמו אנשי מרמה, עס זײַנען אויפגע־שטאַנען שווינדלערס, וואָס האָבן געהאַט אַ שטיקל ידיעה אין „חכמת־הטבע״, און ווײַל זיי האָבן געזען, ווי נאַריש און אומוויסנדיק דער המון־עם איז, האָבן זיי דאָס פאַרשטאַנען ווי אויסצונוצן, אים צו פירן בײַ דער נאָז מיט זייערע פאַלשע שטיק (דאָרטן, 48). די דאָזיקע שווינדלערס איז נאָך דאָס אַלץ געווען ווייניק; זיי האָבן נאָך דערצו פיל ספרים געשריבן, פול מיט השבעות, פאַלשע קונצן און שווינדל. די דאָזיקע ספרים, וואָס שווינדלער און באַטריגער האָבן געשריבן, זײַנען נאָך אַרײַנ־געפאַלן אין די הענט פון טפשים און נאַראָנים; יענע האָבן געגלויבט יעדן וואָרט, וואָס שטייט אין די דאָזיקע ספרים, געזען דאָרט געוואַלדיקע סודות און טיפע חכמות, האָבן אַליין אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז אויך זיי געלינגט דורך השבעות צו באַווײַזן גרויסע קונצשטיק, — האָבן זיי אויך פון זייער זײַט צוגעגעבן אַלערליי נאַרישקייט, און אָט אַזוי — „התרחב

1 „קנאת האמת״, 7.

2 איש עני בדעת, חסר וריק מכל דברי תורה ודעת, לא הבין שום מאמר בתלמוד ומכל שכן בתנ״ך... לב האיש הזה היה מלא מרמה ובטבעו היה גאה רודף אחרי הכבוד וחפץ מאוד לקנות לו שם בארץ כאחד הגדולים (דאָרטן, 22—23).

3 דאָרטן, 26—27.

והתפשט הכזב והפתיות בישראל" 1, האָט זיך פאַרשפּרייט דער שווינדל און די טפשות ביי יידן. אַ סך פון די אָבערגלויבישע שטותים — שטריַכט באַזונדערס מיזעס אונטער — האָבן יידן אויך איבערגענומען ביי אַנדערע פעלקער, צווישן וועלכע זיי האָבן געוווינט, וואָרעם, דער־קלערט מיזעס, די „כת הכומרים והכהנים", די גלחים און פּריסטער פון יעדער אומה האָבן זיך שטענדיק געפליַסט צו פאַרפירן דאָס פאָלק אויף קרומע וועגן, מאַכן בלינד זייער פאַרשטאַנד, פּונקט אַזוי ווי די רמאים פלעגן זיך נוהג זיַן ביי אונז יידן 2.

די אַלע אָבערגלויבנס, די אַלע געצנדינסטן ביי פאַרשיידענע פעלקער — דאָס האָט מען אַלץ צו דאַנקען די שווינדלערישע פּריסטער (כהנים רמאים); זיי האָבן עס מתקן געווען פלעריי מצוות און געזעצן און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי זיַנען דערמיט פלומרשט מקיים דעם באַפעל פון די געטער. זיי, די כת הכהנים, האָבן דאָס אַלץ מיט זייער רמאות אויסגעטראַכט, בכדי די אויגן פון דעם המון צו פאַרבלענדן, זייער אייגן פאַרמעג צו פאַרגרעסערן און גרויס כבוד זיך צו דערוווערבן 3.

מיזעס האָט פיַנט צו ריידן פאַרשטעלט, מיט רמזים און אָנצוהע־רענישן — ער רעדט אָפן און קלאָר. ער וויַזט אליין אָן, אַז מען קאָן דאָך קומען מיט דער טענה: ס׳טיַטש? אין אייניקע מאמרי חז"ל באַ־מערקט זיך דאָך באַשטימט, אַז יענע האָבן אויך געגלויבט אין שדים? ענטפערט דערויף מיזעס: אין אנחנו מחויבים להטות אוזן לדבריהם בענינים האלה — דאַרפן מיר זיי בנוגע אַזעלכע פראַגן ניט גלויבן. ניט אַלע, — איז וויַטער מיזעס מוסיף, — וואָס האָבן ביי אונז געשמט פאַר חכמים און גדולים, זיַנעןווירקליך געווען אמתע חכמים. אַ סך פון זיי האָבן פאַרבראַכט אַלע זייערע יאָרן בלויז איבערן תלמוד, אין אַלע אַנדערע חכמות האָבן זיי ניט געהאַט די מינדעסטע ידיעה, בפרט אין חכמות הטבע, וואָס נאָר מיט זייער הילף קאָן מען האָבן אַ באַגריף וועגן די וועלט־געזעצן 4.

אָפן און שאַרף טרעט מיזעס אַרויס קעגן דעם דעוויז, אָן וועלכן עס האָבן זיך געהאַלטן אַזוי אייַזן־פעסט די רבנים און מנהיגי הדור: „מנהג ישראל תורה הוא", אַז אַ מנהג איז שטאַרקער פון אַ דין. מיזעס ווערט ניט מיד אָנצוווײַזן, אַז זייער פיל יידישע מנהגים זיַנען „נגד השכל הישר ודרכי העולם" און זיַנען אָן אמתע פלאָג פאַרן פאָלק ישראל. עס

---

1 „קנאת האמת", 51—52.

2 דאָרטן, 53—54.

3 דאָרטן, 33—34.

4 דאָרטן, 46, 57.

איז ניטאָ, פאַרזיכערט מיזעס, נאָך אַזאַ אומה ולשון, וואָס זאָל טראָגן אויף זיך אַזוינע בערג פון מנהגים, תקנות און כלערליי איסורים, ווי מיר ייִדן. עס דערגייט אַזוי ווייט, אַז יעדן פאַרשטענדיקן מענטשן בײַ אונז טוט עס כמש עקלען פון די דאָזיקע דרכים, אויף וועלכע עס גייט איצט דאָס ייִדישע פאָלק. און ווער ווייסט דען ניט, אַז די שנאה, וואָס איז בײַ אייניקע פון די פעלקער פאַראַן צו ייִדן, איז דאָס על-פּי-רוב מחמת די ווילדע מנהגים, וואָס דורך זיי ווערן מיר צו שפּאָט און צו געלעכטער [1].

אונזער תורה, — שטרײַכט מיזעס אונטער, — איז דאָך געבויט „על יסודי השכל", די מצוות פון דער תורה זײַנען מיט חכמה געשאַפן, — מיט דער צײַט אָבער האָבן זיך צו די נייטיקע מנהגים, וואָס אָן זיי קאָן זיך קיין קיבוץ ניט באַגיין, צוגעמישט דורך נאַרישע און שלעכטע מענטשן (ע״י אנשים רעים וחסרי הדעת) ווילדע מנהגים און שעדליכע געזעצן, וואָס ניט יעדער קאָן גאָר פאַרשטיין, צו וואָס פאַר אַ צוועק זײַנען זיי געשאַפן געוואָרן [2].

מיזעס פּלײַסט זיך אָבער צו געבן דעם לייענער צו פאַרשטיין, פאַר וואָס און צו וואָס די דאָזיקע שעדליכע מנהגים זײַנען געשאַפן געוואָרן. פאַר אים איז קלאָר, אַז אַ סך נאַרישע מנהגים (מנהגי שטות) זײַנען בײַ ייִדן אײַנגעפירט געוואָרן דורך רמאים און באַטריגער, וואָס זײַנען געווען די „מורי וראשי עם". געטאָן האָבן זיי דאָס רק אוים גיריקייט נאָך כבוד, נאָך מאַכט און גרויסקייט; וואָרום זייער גאַנץ טאָן און טראַכטן איז געווען בלויז, זייער נאָמען זאָל געגרייסט און געהייליקט ווערן בײַם פאָלק, מען זאָל אויף זיי קוקן ווי אויף אמתע „קדושי עליון" [3].

ניט אָבער בלויז רמאים און באַטריגער, פאַרזיכערט מיזעס, זײַנען געווען צווישן די מורי עם, נאָר אויך פּשוטע טפּשים. אָן אַ שיעור מנהגים האָבן זיך בײַ אונז געמערט דורך תלמידי חכמים, וואָס זײַנען, במחילה, געווען אָן פאַרשטאַנד, וואָרום — דערקלערט מיזעס — בײַ אונז, ייִדן, זײַנען אומעטום און אין פאַרשיידענע צײַטן (בכל עת ובכל מקום) געווען געננוג „שוטים ועניי השכל", וואָס האָבן אין זייער נאַרישקייט געמאַכט בלאָנדזשען דאָס פאָלק און געפירט עס אויף קרומע וועגן. און אַט די נאַראָנים און עניי השכל, וואָס זײַנען געווען ליידיק פון וויסן און וועגן וועלכע עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז „תלמיד חכם שאין בו דעת נבלה טובה הימנו" — אַט זיי, פאַרנאַרישטע, פאַרפינסטערטע, האָבן עס

---

1 „קנאת הא״ת", 79.

2 דאָרטן, 80.

3 דאָרטן, 94.

געשאפן א צוים נאך א צוים, א מחיצה אויף א מחיצה, און צוגעטראכט אלץ נייע-ווילדע תקנות און מנהגים [1].

קריטיש — טענהט מיזעס — דארף מען זיך פארהאלטן צו יעדן מנהג. מען דארף קודם-כל שטעלן די פראגע: וואס פאר א נוצן קאן דער דאזיקער מנהג ברענגען ביי איצטיקע צושטאנדן, צו וואס פאר א צוועק איז ער איינגעפירט געווארן? ברענגט ער נישט קיין נוצן — דארף ער אפגעשאפט ווערן; דארף מען אלעמען געבן צו פארשטיין, ווי שעדלעך ער איז [2]. ווארום מען דארף געדענקען, חזרט מיזעס איבער, אז דער גאנצער תכלית וכונת התורה איז „רק תועלת עמנו", נאר דער נוצן פון פאלק, זיין קיום און פארפולקומונג אין געזעלשאפטליכן לעבן (קיום והשלמת בני עמנו בבחינת החברה) [3].

מיזעס חזרט טאקע איבער, אז אויך ביי אנדערע פעלקער איז געווען גענוג ווילדער אבערגלויבן און נארישע מנהגים, ווארום אויך ביי זיי זיינען דאך געווען „כהנים רמאים", וואס פלעגן פארפירן דאס פאלק. און א סך שעדליכע אידעען און מנהגים האבן טאקע יידן איבערגענומען ביי די אומות העולם. פרעגט זיך אבער: פארוואס זשע איז דאס יידישע פאלק פארנארישטער פון אלע אנדערע פעלקער? פארוואס בליען ביי אנדערע פעלקער אלע וויסנשאפטן, דארט דערשיינען יעדעס יאר אין די הונדערטער נוצליכע ביכער פול מיט וויסן און חכמה, און ביי אונז דרוקן זיך רק „ספרים מלאים דברי רוח" — פול מיט כלערליי נארישקייטן? פארוואס זיינען ביי יידן די באגריפן וועגן מוסר און אמונה אזוי פארקרימט און פארקריפלט, — דער עיקר איז ביי זיי א טפל-זאך, און נארישקייטן זיינען ביי זיי דער גאנצער עיקר? [4].

כאראקטעריסטיש ביז גאר איז מיזעסעס ענטפער אויף ד'ער דאזיקער פראגע, — כאראקטעריסטיש ניט בלויז פאר אים גופא, נאר פאר דער גאנצער ערשטער השכלה-תקופה, ווו די אידעען-טרעגער און ווארטפירער זיינען געווען די פרידלענדערס און די וואלפזאנס.

מיזעס ווענדעט זיך צו דער געשיכטע. און דער דאזיקער ראציאנאליסטיש-געשטימטער משכיל גיט אונז א גאנץ אייגנארטיק בילד וועגן

---

1 „קנאת האמת", 95, 102. צווישן די נארישע מנהגים פארעכנט אויך מיזעס די פיל תפלות, סליחות און פיוטים, וואס זיינען על פי רוב געשריבן „בלשון עלגים, ומלאים דברי הבל ושקר".

2 81, 88—89, 93.

3 דארטן, 190—191.

4 דארטן, 119.

דער קולטור־עוואָלוציע, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט דורכגעמאַכט אויף זיין לאַנגן היסטאָרישן וועג. פאַקטיש איז גאָר ניט געווען ניט קיין קולטור און ניט קיין עוואָלוציע. וואָרום לויט מיזעס קאָנצעפּציע האָט גלייך נאָך דער תקופה פון דוד המלך און זיין זון שלמה זיך אָנגעפאַנגען די גייסטיקע און מאָראַלישע ירידה פון פאָלק. די יידן האָבן גערינט אָפּגע־טער, פון וויסנשאַפט האָבן זיי ניט געוואָלט וויסן און געטאָן די נידער־טרעכטיקסטע מעשים, ביז נבוכדנצרס חיילות האָבן די מלוכה צעשטערט. אין גלות זיינען זיי נאָך מער פאַרגרעבט געוואָרן, זיי האָבן איבער־גענומען נאָך אַ סך נאַרישע מנהגים און אידעען ביי די פעלקער, צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט, און ווען זיי האָבן אין די צייטן פון כורש זיך אומגעקערט אין זייער חרוב לאַנד, האָבן זיי מיט זיך מיטגעבראַכט די אַלטע געצנדינערישע באַגריפן פון אַמאָל און נאָך פריש צוגעקומענע, וואָס זיי האָבן דערוואָרבן אין גלות [1]. ניט בעסער איז צוגעגאַנגען דאָרט אין דער היים, אין דער תקופה פון בית שני. אין די צייטן פון דעם רשע עפּיפאַנעס האָבן זיך ווידער געשטאַרקט די געצנדינערישע באַגריפן און יידן האָבן איבערגענומען פיל „דעות משובשות״. דערנאָך האָבן זיך אָנגעפאַנגען צייטן פון מחלוקות און מלחמות, וואָס האָבן זיך געצויגן „כמעט כל מעך בית שני״. ביי אַזעלכע אומרויקע צייטן, ווייזט מיזעס אָן, „לא היתה ביד בני ישראל אז לקנות חכמה״ — האָט דאָס יידישע פאָלק קיין מעגליכקייט ניט געהאַט וויסן צו דערווערבן. דערנאָך, נאָכן חורבן בית שני, ווען עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען די שמדות און גזירות, האָבן שוין די יידן אוודאי ניט געהאַט די מעגליכקייט און אויך ניט קיין חשק זיך צו פאַרנעמען מיט וועלכע־ס׳איז וויסנשאַפטן, און זיי זיינען אינם גלות נאָך מער ווי פריער פאַרזונקען געוואָרן אינם זומפּ פון נאַרישקייט און אומוויסן [2].

אין דער אַראַביש־שפּאַנישער תקופה זיינען ביי יידן אפילו יאָ געווען מענטשן פון וויסן, נאָר יענע האָבן, ווי אַלע געלערנטע אין אַמאָ־ליקע צייטן, זיך געווענדט מיט זייערע ווערק בלויז צו יחידי סגולה און ניט צום אומוויסנדיקן פאָלק, און דערפאַר געשריבן אין אַ פילאָזאָפיש־וויסנ־שאַפטליכן סטיל. נאָר אויך זיי האָבן געהאַט גענוג רדיפות אויסצושטיין, וואָרום אויך דעמאָלט זיינען, ווי ביי היינטיקע צייטן, געווען ביי יידן פיל טפּשים, נאַראָנים, באַטריגער, פאַלשע און נידערטרעכטיקע מענטשן, וואָס

---

1 „קנאת האמת״, 121: הביאו עמהם שבה כל דעות ההבל שדבקו בלבם מעבודת האלילים ואותן הדעות המשובשות שנחלו בגלות.

2 דאַרטן, 122: על ידי זה נשקעו הרוב מהם במצולות הסכלות והבערות עוד יותר מאשר היו כבר נטבעים בהן.

האבן געשפילט די ערשטע און הייליקע, און געווען אנגענומען ביים המון, וואס גלויבט אין אלץ בלינד און אן קריטיק, פאר גדולי הדור און גרויסע חכמים. אט די טפשים און באטריגער האבן אויסגעטראכט אלערליי בלבולים אויף די געלערנטע פארשער, וואס האבן געקעמפט פארן אמת, האבן איינגערעדט דעם המון, אז יענע זיינען אפיקורסים און זיינען עובר אויף אלע מצוות פון דער תורה, און מען טאר דערפאר זייערע חיבורים אין די הענט ניט נעמען [1].

נאכדעם ווי דער בעל „קנאת האמת" האט געשילדערט אין אזוינע שווארצע פארבן די יידישע קולטור-געשיכטע, אדער ריכטיקער געזאגט — די יידישע קולטורלאזיקייט, גייט דער פארפאסער איבער צו די אומות העולם. דא באקומט זיך גאר אן אנדער בילד; דא שימערירט עס מיט די שענסטע גלענצנדיקסטע פארבן. יא, דארט ביי די אומות העולם, צווישן וועלכע די יידן האבן געוווינט, בפרט ביי די אייראפעישע פעלקער, איז עס גאר אנדערש צוגעגאנגען. ניט נאר וואס ביי זיי האבן קיין גילטונג ניט געהאט די אלע טרויעריקע סיבות און שטערונגען, נאר אדרבה: דארט האבן נאך די היסטארישע צושטאנדן פיל מיטגעהאלפן, עס זאלן זיך פארשפרייטן וויסן און בילדונג. ערשטנס האבן דארט פון גאר אלטע ציטן, נאך פון פארן בית שני אן עקזיסטירט פיל העכערע שולן, וווּ מען האט שטודירט שפראכן און וויסנשאפטן, און יעדער, ווער עס האט נאר געוועלט, האט אומגעשטערט געקאנט דערווערבן וויסן און חכמה ביי די גרעסטע פארשער און וויסנשאפטלער, און דאס אן געצאלט. חוץ דעם דארף מען נאך נעמען אין באטראכט דעם אלעמען באוווסטן פאקט, אז די קריסטליכע גייסטליכע האבן געמוזט גוט קענען די גריכישע שפראך, בכדי צו האבן די מעגליכקייט צו לייענען זייערע רעליגיעזע ספרים, וואס זיינען געשריבן אויף דער דאזיקער שפראך, און אדאנק דעם זיינען זיי אויך געווען אימשטאנד זיך צו באקענען מיט די ווערק פון פלאטו, אריסטו און די אנדערע גריכישע דענקער, און דורך דעם זיך צו דערווערבן פיל נוצליכע ידיעות. פיל פון די קריסטליכע גייסטליכע און אויך פון די מלכים זיינען געווען גרויסע ליבהאבער פון בילדונג און וויסנשאפט, האבן אליין זיך מיט זיי פיל אפגעגעבן און אויך געגרינדעט בילדונגס-אנשטאלטן

---

1 „קנאת האמת", 125: הרגה טפשים, סכלים ורמאים בני בליעל ובלי שם, חכמים בעיניהם המטהרים והמתחסדים אשר היו נחשבים בעיני ההמון, המאמינים בכל דבר מבלי בחינה, לגדולי ארץ וַחֲכָמֶיהָ. הרמאים והשוטים האלה המציאו בחרון אפם עלילות דברים נגד מחברי הספרים אשר עמדו ללחום מלחמת השכל לקנא קנאת האמת ולכתוב נגד הפתיות והרמאות, והשתדלו להבאיש את ריח החכמים והוציאו דבה ופערו פיהם עליהם לבלי חוק לאמור שסרו מדרך דת ישראל ועברו על מצות ד'. גזרו על ישראל שלא יקראו בספרים ההם וכינו את מחבריהם בְּשֵׁם מינים.

פאַרן פאָלק; זיי האָבן אויך אַליין געשריבן ווערק אויף פאַרשיידענע וויסנס־בראַנשן, האָבן מיט זייער פאַרמעג פיל געשטיצט די וויסנשאַפט־לער און פאָרשער און ניט דערלויבט, דער המון און די פרומאַקעס (המתקדשים) זאָלן שלעפּן טאָן די מענטשן פון וויסן, און אויב עס זיינען געווען אַזעלכע מלכים, וואָס האָבן קיין חשק ניט געהאַט צו שיצן די אידעיִשע אמת־קעמפער פאַר די רדיפות און נגישות פון די נאַרישע פאַנאַטיקער, האָבן די פאַרפאָלגטע געפונען שוץ אין אַנדערע מדינות אונטער „מלכי חסד אוהבי השכל", וואָס האָבן ניט בלויז דערלויבט די גערודפטע געלערנטע שרייבן און עפנטליך פרעדיגן וואָס זייער האַרץ גלוסט, נאָר האָבן זיך נאָך געחברט מיט זיי און מיט ברייטער האַנט זיי געגעבן שטיצע. עס איז אויך אַלעמען באַקאַנט, — ווייזט דערביי מיזעס אָן, — אַז כמעט אַלע קריסטליכע געלערנטע און וויסנשאַפטס־מענער, וואָס האָבן געקעמפט פאַרן אמת און געפּרעדיגט קעגן די פאַרנאַרישטע פרומאַקעס און באַטריגער, האָבן מיט אַ כיוון געשריבן אין אַ גאַנץ לייכטער און פשוטער שפּראַך, אויף וועלכער די ברייטע פאָלקס־שיכטן האָבן אין יענע צייטן גערעדט, בכדי יעדער מענטש, הן מענער, הן פרויען זאָלן דאָס לייכט פאַרשטיין [1]. צווישן די ווייטערדיקע פאַקטאָרן, וואָס האָבן ביי די אומות העולם מיטגעהאָלפן אויפקלערן און בילדן דאָס פאָלק, רעכנט מיזעס אויך אַריין די טעאַטער־פאָרשטעלונגען און בעלעטריסטישע ווערק (ספורי מעשיות הנקראות אצלם ראָמאַנע).

מיט וואָס־זשע קאָן מען העלפן דעם יידישן פאָלק? — פרעגט מיזעס. — דורך וואָסערע מיטלען קאָן מען צערייסן דעם געדיכטן שלייער פון נאַרישקייט און פינסטערניש, אין וועלכע עס זיינען איינגעהילט אונ־זערע ברידער? און מיזעס האָט דערויף אַ גרייטן ענטפער: רעפאָרמירן דאָס דערציִונגס־סיסטעם ביי יידן, באַקענען די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט נישט בלויז מיט תנך און מיט דער העברעיִשער שפּראַך, נאָר אויך מיט אייראָפּעיִשע שפּראַכן, מיט די גרונד־יסודות פון נאַטורוויסנשאַפטן, פון עטיק, פסיכאָלאָגיע און געשיכטע. מען דאַרף שרייבן אויף אַ לייכטער העברעיִשער אָדער אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך (יידיש) וואָס מער שריפטן, וואָס זאָלן באַקעמפן די פאַלשע אידעען (הדעות המשובשות) און ביי אונז געוועלטיגנדיקע ווילדע מנהגים, בכדי מיר זאָלן מער ניט זיין צו שפּאָט און צו געלעכטער „בעיני חכמי ושרי האומות" — אין די אויגן פון די געלערנטע און שררות פון די אַרומיקע פעלקער [2]. און מיזעס

---

1 „קנאת האמת", 130—134.

2 דאָרטן, 134.

שטרײַכט טאַקע אונטער, אַז ער וויל זײַן אַ נאה דורש ונאה מקיים, און ווײַזט אָן, אַז זײַן „קנאת האמת" איז טאַקע געשריבן „בלשון קלה".

דער „קנאת האמת" אונטערשיידט זיך טאַקע פון די אַנדערע שריפטן אויס דער ערשטער השכלה־תקופה דערמיט, וואָס ער איז גע־שריבן אָן מליצות, אָן פסוקים און שברי פסוקים. מיזעס מיידט אויך אויס תלמודישע אויסדריקן — ער וויל דאָך שרײַבן אַ לײַכט העברעיִש. זײַנע ליטעראַרישע רעסורסן זײַנען אָבער צו באַגרעניצט, ער זאָל זײַן ביכולת צו שאַפן זײַן אייגענעם סטיל; שרײַבט ער מיט אַ הילצערנעם לשון, און ניט זעלטן באַגעגנט מען בײַ אים אַזוינע אומבאַהאָלפענע פראַזן, ווי „לא קם בהם רוח תשוקה להתעסק בחכמה מה", „בלתי ספק גם הוא פתי בכל ימיו" אאַז"וו.

מען טאָר אָבער ניט פאַרגעסן, — דערקלערט מיזעס, — נאָך איין וויכטיקע אויפגאַבע: באַקעמפן די אַזוי גערופענע „חכמת הקבלה" און בפרט דעם ספר הזוהר. זאָלן די „משכילי בני עמנו אויפשטיין און דערוויַזן „על פי התורה והשכל", אַז דעם זוהרס אַלע רייד זײַנען „שקר והבל", זײַנען איבערפילט מיט שטותים און אפיקורסות 1. זאָלן אַלע וויסן, אַז די חכמת הקבלה ווערט פאַרשפּרייט „על ידי איזה שוטים ועל ידי איזה רמאים" *, וואָס האָבן פאַרפירט און געמאַכט בלאָנדזשען דאָס פאָלק ישראל מיט זייערע נאַרישקייטן, בכדי זייער נאָמען גרויס צו מאַכן און זיי זאָלן קאָנען טאָן מיט די פאַרבלאָנדזשעטע, וואָס זייער האַרץ גלוסט.

מען דאַרף אָבער, — וואָרנט דער בעל „קנאת האמת", — זיך ניט באַגניגן בלויז דערמיט אַליין, וואָס מען וועט דערווײַזן, אַז משה די ליאון גופא האָט אויסגעטראַכט (בדה מלבו) אַלץ, וואָס געפינט זיך אין זוהר, און האָט אויף אַ באַטריגערישן אופן דערקלערט, אַז ר' שמעון בן יוחאי איז זײַן פאַרפאַסער. ניין! מען דאַרף אויך קלאָר און דײַטלעך אויפווײַזן, אַז די גרונדגעדאַנקען, וואָס ווערן געבראַכט אין ספר הזוהר און אין אַלע אַנדערע קאַבאַליסטישע ווערק, סײַ די עלטערע, סײַ די שפּעטערע — זײַנען זיי לויטער שקר און נאַרישקייט, און דער רוב פון זיי שטאַמט פון די געצנדינערישע באַגריפן, וואָס האָבן געוועלטיקט בײַ ייִדן אין אַמאָליקע צײַטן.

אמת, מיזעסעס פּרוּוו דאָס וויסנשאַפטליך צו דערווײַזן, איז ניט קיין גאַנץ געלונגענער, און די בלעטער אין „קנאת האמת", וואָס באַ־

1 דאָרטן.

* דורך נאַראָנים און באַטריגער.

האַנדלען די דאָזיקע פֿראַגע (139—147) באַווייזן בלויז, אַז דער פֿאַרפֿאַסער איז ניט שטאַרק באַהבֿנט ניט בלויז אין „חכמת הקבלה״, נאָר אין פֿילאָזאָפֿישע פּראָבלעמען בכלל. דאָך איז ער זיכער, אַז יעדער בר דעת, ווער עס וועט נאָר פּרוּוון פֿאַרגלייכן די דעות המקובלים מיט די אידעען, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין די ווערק פֿון די אַמאָליקע געצנדינערישע פֿעלקער (בספרי הגוים מעובדי ע״ז), וועט ער גלייך זיך איבערצייגן, אַז די קבלה האָט אַלץ געשעפּט אָט פֿון דעם דאָזיקן פֿאַרדאָרבענעם קוואַל (ממקור משחת הזה). מער נישט, די שפּעטערדיקע מקובלים האָבן אין יעדן דור נאָך צוגעגעבן פֿיל נייע נאַרישקייטן [1].

עס איז לייכט זיך פֿאָרצושטעלן, וואָס פֿאַר אַ גרימצאָרן מיזעסעס פּאָלעמיש ווערק האָט אַרויסגערופֿן גלייך נאָך זיין דערשיינען (ווין, 1828) אין די חסידישע און אָרטאָדאָקסישע קרייזן. קעגן דעם רייכן און יחסנישן מיזעסן, וואָס איז געווען אַ חשוב ביי די אָרטיקע שׂררות, האָבן אָבער די אָרטאָדאָקסן מורא געהאַט עפֿנטליך אַרויסצוטרעטן. ערשט אין דריי יאָר אַרום, ווען דער דריי־און־דרייסיק־יאָריקער מיזעס איז בשעת דער כאָלערע־עפּידעמיע פּלוצלינג געשטאָרבן, האָבן די קעגנער אויסגעלאָזן זייער גאַנצן צאָרן און נקמה־געפֿיל איבער דעם לעבלאָזן קערפּער פֿון דעם זיי אַזוי פֿאַרהאַסטן אפּיקורס. מיט פֿייפֿערייַ און געלעכטער, מיט „טרומייטן און שאַלמייען״ און מיט ווילדע יובֿל־געשרייען האָט מען דעם יונגן „קנאת האמת״־פֿאַרפֿאַסער צו קבר ישׂראל געבראַכט...

ניט אָבער בלויז אין אָרטאָדאָקסישע קרייזן האָט מיזעסעס ווערק אַנטשיידענע קעגנער געפֿונען, נאָר אויך אין דעם לאַגער פֿון די משׂכּילים. באַלד נאָך דעם דערשיינען פֿונעם „קנאת האמת״ איז אויף די בלעטער פֿון די „בכורי העתים״ [2] שלמה־יהודה ראַפּאָפּאָרט שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן מיזעסעס קריטיק־מעטאָדע. עס האָבן זיך אויך געפֿונען אַנדערע אָנגעזעענע פֿאָרשטייער פֿון די משׂכּילישע קרייזן, וואָס האָבן אַרויסגעזאָגט זייער אומצופֿרידנקייט מיט די אין „קנאת האמת״ אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען. בכדי צו פּאַראַליזירן די דאָזיקע קריטישע אַרויסטרעטונגען, וואָס קאָנען נאָך, ווי מיזעס גופֿא ווייזט אָן אין זיין דייטש געשריבענער דערקלערונג, אָפּשרעקן דעם פּשוטן לייענער, „ביי וועלכען די פֿערנונפֿט זיך אירע רעכטע נאָך ניכט ערוואָרבן האַט״, און יענער וועט

---

1 „קנאת האמת״, 147, 151.

2 בכורי העתים 1829, אין דער פֿאָררעדע צו דער מאָנאָגראַפֿיע וועגן רבנו נתן בעל הערוך, IV—V: לסכור פיות דוברי עתק המתכבים והמתפרצים יום יום, אשר כל חכמתם זו לעגם על חכמים באמת, מבלי דעת דרכי חייהם וכל הגדולות אשר עשו בימיהם וכו׳ וכו׳.

פארלירן דעם חשק מיט זיין בוך זיך צו באקענען, — האט ער, מיזעס, זיך געווענדעט צו אנגעזעענע אויטאריטעטן, קודם כל צו די אכציקיאריקע פרידלענדער און האמבערג. און טאקע זייערע הסכמות האט ער פארעפנטליכט בראש פונם בינטל בריוו, וואס ער האט אפגעדרוקט אינם עלפטן באנד (1830) „בכורי העתים" [1]. דער אלטער פרידלענדער פארזיכערט מיזעסן, אז ביים „ערנסטהאפטען שטודיום" פון זיין „קנאת האמת" וועלן די „איזראעליטען" באקומען „איינען שאטץ פאן נייען אנזיכטען אונד ערקענטניסען", וועלכע ס'איז שווערליך צו געפינען „אין דען פיל עלטערען שריפטען איהרער אייגענען געלעהרטען". אגב באמערקט פרידלענדער גאנץ ריכטיק, אז ער גופא האט „אין פריהען יאהרען עהנליכע פצארזעצע ווי די איהריגען געפאסט". און דאס איז פאקטיש די שארפסטע קריטיק קעגן מיזעסעס ווערק. ער, דער דרייסיק־יאריקער, איז פאקטיש געשטאנען אויף דעם זעלבן אנטיהיסטארישן שטאנדפונקט, ווי דער אלטער אכציקיאריקער פרידלענדער, און ער האט, משמעות, קיין שום באגריף ניט געהאט וועגן די גרויסע שנוים, וואס זיינען פארגעקומען אויפן פארשונגס־געביט פון פילאזאפיע און געשיכטע אין משך פון די דאזיקע פופציק יאר... די הסכמות פון די פרידלענדערס און האמבערגס האבן אבער קארג וואס געקאנט העלפן. ניט קעגן מיזעסן גופא, נאר קעגן זיין וועלטבאנעם, קעגן זיין אנטיהיסטארישן ראציאנאליזם און זיין וויסנשאפטליך ניט באגרינדעטער קריטיק־מעטאדע איז ארויסגעטראטן א דענקער, וואס איז געשטאנען אויף דער שפיץ פון דער קולטור און וויסנשאפט פון זיין צייט, די באדייטנדיקסטע פערזענליכקייט, וואס די גאליציאנער השכלה־תקופה פארמאגט.

נחמן קראכמאל האט דער דענקער געהייסן. וועגן אים אין ווייטערדיקן קאפיטל.

---

1 בכורי העתים, XI, 126—142.

דריטער קאַפּיטל

נחמן קראָכמאַלס קינדער־יאָרן. — דער יונגער קראָכמאַל אַלס חתן־
װײַזער און לערער. — ראַפּאַפּאָרט און זײַן משכּילישער קרײַז אין
לעמבערג. — דער לעמבערגער רב האָרנשטײן און דער „פּסק חחרם"
קעגן די משכּילים. — דער אַריסטאָקראַטיזם קעגן קראָכמאַלן, און קראָכמאַלס
„כּתב ההתנצלות". — די בעלי־תשובה צװישן די משכּילישע יונגע־
לײַט. — קראָכמאַל און ראַפּאַפּאָרט קעגן די „בעלי־תשובה". — ראַ־
פּאַפּאָרטס „נר מצוה". — ראַפּאַפּאָרט און ביק: צװײ װעלט־באַנעמען. —
ביק דער „אַנטרינניקער". — „אהבת ישראל" און ליבע צום מענטשן. —
ראַפּאַפּאָרטס װיסנשאַפטלעכע אַרבעטן.

נחמן קראָכמאַל איז געבאָרן דעם 17טן פעברואַר 1785 אין בראָד, אין אַ רײַכער סוחרישער פֿאַמיליע. זײַן פֿאָטער, שלום קראָכמאַלניק, פֿלעגט נאָך אין די יונגע יאָרן, בעת ער האָט געאַרבעט אין אַ גרױסן ײַדן־געשעפֿט, פֿאָרן קײן לײַפּציג און בערלין, װוּ ער האָט געהאַט די געלעגנהײט אָפֿט זיך צונױפֿצוקומען, אַלס געשעפֿטסמאַן, מיט מענדעלס־זאָנען, װאָס האָט דאָך, כּידוע, אױך געאַרבעט אין אַ ײַדן־פֿאַבריק. אַדאַנק זײַנע אָפֿטע רײַזעס, איז שלום קראָכמאַלניק שױן געװען אַ ביסל „הײַנטװעלטיק", דאָך האָט ער זײַן יונגן נחמנען געגעבן אַ שטרענג טראַ־דיציאָנעלע דערציִונג. זײַן פֿרומע װײַב האָט גערן געצאָלט יעדעס שטראָ־געלט זעקס דוקאַטן דערפֿאַר, װאָס זי האָט איר זון ניט געלאָזט באַזוכן די אָרטיקע „נאָרמאַלשול", ער זאָל, חלילה, קײן אפּיקורס ניט װערן [1].

דער יונגער נחמן איז אָבער דאָך „נתפּקר" געװאָרן. אױף דעם װײַטער רײַך באַגאַבטן גבירישן ייִנגל האָט געװאָרפֿן אַן אױג דער אָרטיקער משכּיל דוב־בער גינצבורג [2], און אַדאַנק אים האָט דער װיסנסבאַגיריקער

---

1 צונץ, געזאַמעלטע שריפֿטן, II, 150.

2 זע אונזער װערק, ב׳ VII, ז׳ 249. אײניקע ביבליאָגראַפֿן װײַזן אָן, אַז אױף קראָכמאַלן האָט אױסער גינצבורגן געהאַט אין דער יוגנט אַ גרױסע השפּעה אױך מענדל לעפֿין. דאָס איז אָבער ניט ריכטיק; װען לעפֿין האָט זיך באַזעצט אין גאַליציע (בערך אין 1808), איז נחמן קראָכמאַל שױן געװען אַ דערװאַקסענער מענטש מיט רײַכן װיסן.

קראכמאל, שוין נאר אין די יונגע יארן זיך באקענט מיט דער השכלה־ליטעראטור. צו 14 יאר האבן אים די עלטערן חתונה געמאכט פאר דעם זשאלקעווער גבירס, שמערל האבערמאנס, טאכטער. דאס יונגע איידעמל האט זיך באזעצט ביים רייכן שווער אויף קעסט. דוב־בער גינצבורג האט אים מיטגעגעבן קיין זשאלקעוו א רעקאמענדיר־בריוו צום לערער פון דער ארטיקער נארמאל־שול, ברוך צבי נייא. די דאזיקע באקאנטשאפט איז געווען פון גאנץ גרויסן באדייט פאר קראכמאלס גייסטיקער אנטוויקלונג. נייא איז געווען א געבילדעטער מאן, האט געהאט א זייער רייכע ביבליאטעק, און איז געווען צופרידן, וואס מיט איר באנוצט זיך אזוי גערן זיין נייער יונגער באקאנטער. פאר קראכמאלן פאנגען זיך אן די פרוכטבארסטע לערן־יארן. אין משך פון צען יאר, זיצנדיק ביים רייכן שווער אויף קעסט, האט קראכמאל מיט אומדערמידליכן פלייס שטודירט שפראכן און וויסנשאפטן, אויסער העברעיש, אראמיש, אראביש און סיריש, האט ער גרינדליך שטודירט לאטייניש, גריכיש, דייטש און פראנצויזיש, און די דאזיקע שפראכן האבן אים געדינט ווי שליסל, וואס האבן אים געגעבן די מעגליכקייט אריינצודרינגען אין בי פארשיידנסטע געביטן פון וויסן. זיינע שוין פון פריער יוגנט באליבטסטע יידישע פארשער און דענקער: דער רמב"ם, דער אבן עזרא [1] און עזריה דע רוססי, האבן נים ווייניק מיטגעווירקט, וואס ער האט אממייסטן זיך פארנומען מיט צוויי וויסנס־געביטן: פילאזאפיע און געשיכטע. אויסער די דענקער פונם אלטערטום, האט ער פלייסיק שטודירט שפינאזען, מענדעלסזאנען, לעסינגן, שלמה מיימון און באזונדערס קאנטן, וואס האט געהאט אויף אים א זייער גרויסע ווירקונג נים בלויז אלס גאונישער באשעפער פון „קריטיק דער ריינען פערנונפט", נאר אויך אלס לערער פון עטיק. דערנאך האט ער סיסטעמאטיש זיך פארנומען מיט דער נייער דייטשער פילאזאפיע: פיכטע, שעלינג און באזונדערס העגעל. קראכמאל האט נים ווייניק אויך זיך אפגעגעבן מיט פאעזיע; דעם יונגן משכיל, וואס איז אויפגעצויגן געווארן אויף דער תלמודישער ליטעראטור, פלעגן אבער אממבעסטן געפעלן די פאעטישע ווערק, אין וועלכע עס איז באהאלטן א מוסר־השכל, וואס „לאזן אונז עפים הערן". און די באליבטסטע דיכטער זיינען ביי אים געווען: פון די אלטע — הוראץ, און פון די נייע — דער באשעפער פון „נאטאן דער וויזע" [2].

---

1 וועגן די דאזיקע צוויי פארשער שרייבט קראכמאל מיט פיל יארן שפעטער: מי מכל אשר החל רוח ד' לפעמו בחכמת ישראל אשר לא ינק לראשונה מָמִיץ תבונתם של שני המעינים הטובים הללו?

2 זע קראכמאלס דערקלערונג, וואס ווערט געבראכט ביי לעטעריסן אין זיין „זכרון בספר", 70.

די ריזיגע גײַסטיקע אָנשטרענגונג איז אָבער געווען איבער די כּוחות פון דעם שוואַכן, קרענקליכן קערפּער. קראָכמאַל איז שווער קראַנק געוואָרן. מיט גרויס מי, נאָך לאַנגן געראַנגל, איז אים געלונגען גובר צו זײַן די קראַנקהייט, נאָר די פיזישע קרעפטן זײַנע זײַנען שוין אויף שטענדיק געווען געבראָכן. דאַר, אײַנגעצערט, אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן, פלעגט ער ווי א שאָטן וואַנדלען איבער די גאַסן, און די פרומע ווייבער פלעגן גאַטספּאַרכטיק שאָקלען מיט די קעפּ און זאָגן: דאָס זיצט אין אים די קליפּה, ווײַל ער האָט זיך מיט „טריף־פּסולם" אַרומ־געטראָגן...

ניט געבראָכן איז אָבער זײַן גײַסט געבליבן. ער איז געוואָרן דער צענטער, אַרום וועלכן עס האָבן זיך גרופּירט אַלע וויסנסבאַגיריקע אין זשאָלקיעוו און אין דער גאַנצער אומגעגנט. ער האָט אימפּאָנירט און געצווינגען צו זיך ניט בלויז מיט זײַן רײַכן וויסן, נאָר אויך מיטן צויבער פון מאָראַליש שטאַרקער פערזענליכקייט. עס פלעגן קומען צו אים ניט בלויז דערוואַקסענע, נאָר אַפילו 11—12־יאָריקע קינדער. אויף פאַר זיי האָט ער געפונען די פּאַסנדיקע ווערטער, דעם אינטימען קאָנטאַקט, און מיט פריידיקער דאַנקבאַרקייט פלעגן זיי מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער דערמאָנען די דאָזיקע גליקליכע מינוטן, וואָס זיי האָבן אין די קינדער־יאָרן פאַרבראַכט בײַ דעם „אויפקלערער" פון זשאָלקיעוו [1]. קראָכמאַל פלעגט מייסטנס פירן זײַנע געשפּרעכן מיט די וויסנסבאַגיריקע יונגע לײַט אויפן פרײַען פעלד, אין דעם וואַלד, וואָס אויסער דער שטאָט, ווײַל דער קרענקליכער „אויפקלערער" האָט זיך דאָך זייער גענייטיקט אין פרישער לופט. ווי די אַנטיקע פּעריפּאַטעטיקער, פלעגן די גאַליציאַנער משׂכּילים שפּאַן די תּורה פון זייער יונגן לערער אונטערן פרײַען הימל, שפּאַצירנדיק איבער די לאָנקעס און גערטנער. און די תּלמידים פלעגן דערנאָך מיט דער גרעסטער באַגײַסטערונג דערמאָנען די דאָזיקע שפּאַ־צירונגען מיט קראָכמאַלן אַרום זשאָלקיעווער אומגעגנט. „איך געדענק נאָך, — דערמאָנט שלמה־יהודה ראַפּאָפּאָרט נאָך קראָכמאַלס טויט [2], — די טײַערע צײַט, ווען איך פלעג צו אים יעדעס מאָל פאָרן אויף א טאָג, אויף צוויי אָדער אויף א גאַנצער וואָך, צי ער פלעגט קומען צו מיר, און מיר פלעגן אַרומשפּאַצירן איבערן פעלד. זיסער פון אַלע פאַרגע־ניגנס אין דער וועלט זײַנען בײַ מיר געווען די דאָזיקע שפּאַצירן, נישט

---

1 זע די ערינערונגען פון לעטעריס אין „זכרון בספר" 34—35.

2 כּרם חמד VI, 47: אזכרה עוד עתות יקרות אשר נסעתי אליו כפעם בפעם על יום או יומים או שבוע, או הוא בא אלי, והלכנו לשוח בשדה. מה מתקו לי טיולים אלה מכל מנעמי חלד, אזני לא שבעה חכמת אמרותיו ובכל מלה הוסיף לקח.

אַנצוזעטיקן איז זיך געווען מיט זיינע קלוגע רייד, פול מיט וויסן איז געווען זיין יעדעס וואָרט!" נים מיט קיין קלענערן ענטוזיאַזם דערמאָנען די דאָזיקע וויסנשאַפטליכע אונטערהאַלטונגען אויפן בריינען בעלד שמשון בלאָך [1] און דער דיכטער מאיר לעטערים [2]. פיל וויסנסבאַגיריקע יונגע לייט אויס שטאַרק פרומע און חסידישע פאַמיליעס פלעגן מורא האָבן עפנטליך זיך צו באַווייזן אין איין קאָמפּאַניע מיט קראָכמאַלן און זיינע חברים, — פלעגן זיי אים באַזוכן בסוד אין דער טיפער נאַכט, קיינער זאָל נים באַמערקן.

דער „צד שכנגד" האָט אָבער אויך נים געשוויגן. אינם יאָר 1815 זיינען די קעגנער פון די משכילים פּלוצלינג אַרויסגעטראָטן מיטן אַלטן קאַמף־געווער — מיט דעם „פּסק החרם". דער דאָזיקער פיינדליכער אָנפאַל, וואָס האָט שטאַרק אויפגערודערט די משכילישע קרייזן אין גאַליציע, האָט געהאַט אויך אַ גרויסע השפעה אויף קראָכמאַלס לעבנס־גאַנג.

אויסגעבראָכן האָט דער אָנפאַל אויף די משכילים אין דער הויפּט־שטאָט פון מזרח־גאַליציע, אין לעמבערג. בראש פון די אָרטיקע משכילים איז געשטאַנען דער אָפט שוין דערמאָנטער קראָכמאַל־פאַרערער, שלמה־יהודה ראַפּאָפּאָרט (שי"ר). ראַפּאָפּאָרט איז געווען מיט פינף יאָר יינגער פון קראָכמאַלן (געבאָרן אין לעמבערג דעם 1טן יוני 1790); זיין פאָטער, אהרן־חיים, אַ מיטעלער בעל־הבית און יודע ספר, האָט דערצויגן זיין זון לויט דעם אַלטן סדר. געבענטשט מיט אַ געוואַלטיקן זכרון, האָט שלמה ראַפּאָפּאָרט שוין גאָר אין די יונגע יאָרן געשמט אַלס גרויסער בקי אין דער תּלמודישער און רבנישער ליטעראַטור, און דער חריף אריה־ליב כהן, דער פאַרפאַסער פונם „קצות החושן" [3] האָט אים געגומען פאַר אַן איידעם.

די גרעסטע השפעה אויף ראַפּאָפּאָרטס גייסטיקער אַנטוויקלונג האָבן געהאַט, ווי ער גופא ווייזט אָן, דער רמב"ם און — נחמן קראָכמאַל. „טויזנט דאַנק — רופט שי"ר פאַטעטיש אויס — דיר, רבנו משה, מיין לערער און וועגווייזער! דאָס ווייניגע וואָס איך פאַרמאָג — האָב איך עס דיר צו פאַרדאַנקען. ווען נים דיין לערע און דיין שטיצע, וואָלט איך געווען אומגעקומען, נאַקעט אָן וויסן, ווי דער רוב פון אונזערע אומגליקליכע ברידער!" [4]. נים פון קלענערן באַדייט, ווי די באַקאַנטשאַפט מיט דעם

---

1 אין דער פאָררעדע צום ערשטן טייל „שבילי עולם".

2 זכרון בספר, 57—58.

3 חידושים אויפן „חושן משפט" אין צוויי טייל.

4 זכרון בספר, 125; כרם חמד, I, 76—77.

רמב״מס ווערק, איז באַר ראַפּאָפּאָרטן געווען די פּערזענליכע באַקאַנטשאַפט מיט קראָכמאַלן, מיט וועלכן ער האָט זיך צום ערשטן באַקאַנט, ווען יענער איז קראַנקערהייט געקומען צו פאָרן קיין לעמבערג זיך היילן בײַ די דאָרטיקע דאָקטוירים. „שוין דרײַסיק יאָר — שרײַבט שי״ר נאָך קראָכמאַלס טויט 1 — זינט איך האָב זיך מיט אים צום ערשטן באַקאַנט; אָדאַנק זײַנע רייד האָט זיך אין מיר דערוועקט דער גײַסט פון וויסן און פאַרשטאַנד, און איך בין כמעט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַנדער מענטשן״ (ובדברו עמי צלחה עלי רוח בינה ודעת וכמעט נהפכתי לאיש אחר). דײַטש האָט ראַפּאָפּאָרט געלערנט מיט דער הילף פון מענדעלסזאָנס חומש־איבערזעצונג. מיט דער פראַנצויזישער שפּראַך האָט אים באַקאַנט אַן אָפיציר, וואָס האָט קוואַרטירט אין דעם זעלבן הויז, ווו ראַפּאָפּאָרט האָט געוווינט.

גאַנצע נעכט האָט ער פאַרבראַכט איבער דעם מאָנומענטאַלן ווערק פון דעם פראַנצויזישן פאַרשער פּיער בײַל „Dictionnaire historique et antiqe“ און מיט אַנטציקונג האָט ער שטודירט די דײַטשע קלאַסיקער לעסינג און שילער. דער תורני איז אַ משכיל געוואָרן, האָט אַליין אויך געפּרוווט שרײַבן שירים און מליצות, און אין 1814, ווען די מאַכט פון דעם גאונישן קאָרסיקאַנער, נאַפּאָלעאָן, איז געווען געבראָכן און מען האָט אים אויפן אינזל עלבא פאַרשפּאַרט, האָט ראַפּאָפּאָרט אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור „תכונת עיר פאריז ואי עלבא״, אַ באַשרײַבונג, אין מליצישן סטיל, פון דער נאַפּאָלעאָנישער עפּאָפּעע.

ראַפּאָפּאָרטס הויז איז געוואָרן דער צענטער, ווו עס פלעגן זיך צונויפקומען די אָרטיקע משכילים: דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער סאַטיריקער יצחק ערטער, דער דעמאָלט נאָך גאָר יונגער יהודה־לייב מיזעס, בנימין־צבי נטקיש, לייב פּאַסטור, מרדכי־צבי יולס און פיל אַנדערע. דער טעמפּעראַמענטפולער און גײַסטרײַכער ראַפּאָפּאָרט, וואָס איז נאָך דערצו געווען געבענטשט מיט אַן אויסגעצייכנטן רעדנער־טאַלענט, פלעגט ניט מיד ווערן צו פירן מיט זײַנע פרײַנד שעהן־לאַנגע וויסנשאַפטליכע געשפּרעכן, צוגעפּעפערטע מיט וויציקע באַמערקונגען און חריפותדיקע אײַנפאַלן. אונטער דער השפעה פון ביילס שאַרפזיניקער קריטיק און פון פערזענליכן פאַרקער מיט קראָכמאַלן פלעגט דער יונגער ראַפּאָפּאָרט זיך דערלויבן מאַכן מער־ווייניקער פרײַע באַמערקונגען און דערקלערונגען צו געוויסע שטעלן אין די כתבי הקודש. קלאַנגען וועגן די דאָזיקע „אפּיקורסישע״ געשפּרעכן זײַנען זיך ביסלעכווײַז צעגאַנגען איבער דער שטאָט און אויפגערודערט

---

1 זע זײַן אַרטיקל אין „כרם חמד״ VI, 47.

די אָרטאָדאָקסישע און חסידישע קרייזן. דערצו זיינען צוגעקומען ריין פּערזענלעכע מאָמענטן. בראש פון דער לעמבערגער קהילה איז געשטאַנען דער רב יעקב משולם אָרנשטיין, וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען מיט זיין שאַרפזיניקן פּירוש אויפן שולחן ערוך „ישועות יעקב". דער גרויסער בקי און גוואַלטיקער בעל־זכרון ראַפּאָפּאָרט האָט זיך אָבער קריטיש פאַרהאַלטן צום באַרימטן חבור פון דעם מרא דאתרא, און אינם קרייז פון זיינע פריינד פלעגט ער אָפּט אָנווייזן, אַז דער בעל „ישועות יעקב" האָט זייער פיל גענאַשט ביי אַנדערע מחברים, האַלט אָבער ניט פון דער מדה איבערצוגעבן „בשם אומרו", ד"ה, אָנצוווייזן די קוועלן, פון וועלכע ער האָט זיין חכמה און בקיאות געשעפּט. דאָס איז דערגאַנגען צום רבס מקורבים; באַזונדערס האָט דאָס דערצאָרנט דעם רבס זון מרדכי זאב, — אַ ווילדער קנאי מיט אַ קריגערישן טעמפּעראַמענט. ער מיט זיינע מקורבים האָבן באַשלאָסן „לעשות נקמה בגויים" — זיך אָפּצורעכענען מיט דער „כת הרשעים", די אַפּיקורסים. דער מאָמענט איז דערצו געווען אַ גאַנץ פּאַסנדיקער. דער שטערן פונם „יורש פון דער גרויסער רעוואָלוציע", דעם גאָונישן קאָרסיקאַנער, איז אָקערשט אויפן טראַגישן אופן אונטערגעגאַנגען און די שווערע מעטערניכישע רעאַקציע האָט פאַרשפּרייט אירע בלייענע פליגל איבער גאַנץ אייראָפּע.

אין אַ פינסטערער נאַכט איז אויף די טירן פון דער גרויסער לעמבערגער שול אויפגעקלעפּט געוואָרן אינם נאָמען פונם רב[1] אַ „פּסק החרם" קעגן די אָנפירער פון די אָרטיקע משכילים. דער טעקסט פון דעם חרם איז צו אונז ניט דערגאַנגען. עס איז בלויז אויפגעהיט געוואָרן אין די רעגירונגס־אַרכיוון די דייטשע איבערזעצונג פון דעם דאָזיקן דאָקומענט. די איבערזעצונג ווערט אָבער געבראַכט פון דעם „צד שכנגד" — פון די משכילים אין זייער אָנקלאָגע צו דער רעגירונג, און ס'איז אפשר באַרעכטיקט ש. בערנפעלדס חשד (אין תולדות שיר", 17), אַז די משכילים האָבן דעם „פּסק החרם" ניט געטריי איבערגעזעצט, נאָר ערטערווייז מיט אַ כיוון געפעלשט דעם טעקסט, בכדי לעכערליך צו

1 דער בעלי־בתים־מעסיקער שמשון בלאָך פאַרזיכערט אפילו (אין דער פאָררעדע צום צווייטן טייל „שבילי עולם"), אַז דער חרם איז דערשינען אָן דעם רבס וויסן (פרחח קמו... ולמען תפוש השומעים בלבם ולהוגותם כזבו בלשונם לקרוא שמות הגדולים על נבלותם לאמר כי בעצתם כל רעתם). דאָסזעלבע פאַרזיכערט אויך מ לעטעריס אין זיין „זכרון בספר", 45 (קמו בני בלי שם אנשי בליעל בעיר לעמבערג ויקראו בשמות גדולי ארץ עלי נבלותם). דער גאַליציאַנער יעקב־חיים קאָרן, וואָס האָט געשריבן אונטערן אַנאַגראַם יחל"ק, וואַרפט אויפן אַנטשיידנסטן אופן אָפּ די דאָזיקע ווערסיע, און דערקלערט באַשטימט, אַז דער חרם איז בפירוש אויסגעקלעפּט געוואָרן מיטן וויסן פונם לעמבערגער רב (הקול, V, 382).

מאַכן דעם קעגנער, דעם אָרטאָדאָקסישן רב, אין די אויגן פון די שררות. לויט דעם אויפגעהיטן דײַטשן נוסח פאַנגט זיך אָן דער חרם בזה הלשון: „ליבע אחינו בני ישראל! עס איז באַקאַנט, אַז זינט אַ געוויסער צײַט הויבט אָן זיך פאַרשפּרייטן צווישן אונז קולטור און בילדונג און אויך דאָס לערנען די דײַטשע שפּראַך. די הויפּטשולדיקע זײַנען צוויי באַקאַנטע יונגעלײַט, שלמה ראַפּאָפּאָרט און הירש נאָטקיש. זיי דעקלאַמירן עפנטליך דעם תנ״ך מיט אַ ריין דײַטשער איבערזעצונג און מיטן ביאור פון דעם פילאָזאָף משה מענדעלסאָן. אויך אַגיטירן זיי צווישן אַלע זייערע פרײַנד און באַקאַנטע, יענע זאָלן שטודירן שפּראַכן און וויסנשאַפטן. דערפאַר זײַנען מיר מיטן כוח פון דער תורה און פון די הייליקע רבנים גוזר אויף זיי און אויף זייערע חברים און אויף אַלע, וואָס האַלטן מיט זיי, דעם גרויסן חרם״ אאז״וו.

דער חרם האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם. די משכּילים האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ גרויסע געפאַר עס שטעלט פאַר זיי פאָר אָט די דאָזיקע עפנטליכע מלחמה־דערקלערונג. זיי, — אַ קליין קרײַזעלע, אַרומגערינגלט מיט אַ קאָמפּאַקטער מאַסע פון שונאים און קעגנער, באַוווּסטזיניקע און אומבאַוווּסטזיניקע, — האָבן געקאָנט האָפן בלויז אויף דער הילף פון „מחוץ למחנה״, אויף דער אויסערער רעגירונגס־מאַכט. די משכּילים האָבן גלײַך אַפּעלירט צו דער אָרטיקער מאַכט, אָנווייזנדיק דערבײַ, אַז די עסטרײַכישע רעגירונג האָט נאָך אין יאָזעף דעם צווייטנס צײַטן פאַרבאָטן די רבנים זיך צו באַנוצן מיטן חרם אַלס שטראָף־מיטל. די משכּילים איז טאַקע געלונגען צו פּועלן בײַ דער אָרטיקער מאַכט, יענע זאָל צווינגען דעם רב, יעקב אָרנשטיין, ער זאָל עפנטליך אין דער גרויסער שול אָפּרופן דעם חרם און דערקלערן, אַז דער פּסק החרם איז אויפגעקלעפּט געוואָרן אָן זײַן וויסן. און ווען דער אַלטער רב, וואָס האָט געגאָלטן בײַ די אָרטאָדאָקסן אַלס גאון בישראל, האָט זײַן דערקלערונג געמאַכט מיט אַ שוואַכער ציטערדיקער שטימע, האָט דער יונגער יהודה־ליב מיזעס נצחָניש אויסגעשריען: „העכער, רבי, העכער! מען הערט ניט! 1.

די משכּילים זײַנען אָבער געווען גאַנץ ווײַט פון נצחון. דער בזיון, וואָס דער אַלטער רב איז אויסגעשטאַנען, האָט נאָך מער פאַרביטערט די אָרטאָדאָקסן, און דער לפנים צוריקגערופענער חרם איז פּאַקטיש געווען דער קאַמפּסיגנאַל פאַרן גאַנצן קלעריקאַלן לאַגער אַרויסצוטרעטן לשם „מלחמת מצוה״, צו רודפן די משכּילים און די „אַפּיקורסישע״ ליטעראַ־

---

1 הקול, V, 382.

טור, וואָס שטאַמט פון „משה דעסער" (משה מענדעלסזאָנען אויס דעסוי). דעם רײַכן יחסנישן יהודה־ליב מיזעס האָט מען ניט געוואָגט צו רודפן, אָבער דער אָרעמער יצחק ערטער, וואָס האָט געלעבט פון העברעיִשע שטונדן, האָט געמוזט אַנטלויפן פון לעמבערג קיין בראָד. דער אויבן ציטירטער קאָרו דערציילט, אַז אַן ערך 50 יונגע בעלי־ביתלעך, וואָס מען האָט זיי חושד געווען, אַז זיי חברן זיך מיט די משכּילים און לייענען „טריפֿ פּסולן", האָט מען מיט געוואַלט אָפּגעגט [1].

די לעמבערגער אָרטאָדאָקסן האָבן זייער גוט געוווּסט, אַז דער גײַסטיקער פירער פון די גאַליציאַנער משכּילים איז נחמן קראָכמאַל. האָבן זיי דערפֿאַר געהאַלטן פֿאַר אַ זייער וויכטיקער אויפֿגאַבע אים צו דיסקרעדי־טירן, עפנטליך דערקלערן פֿאַר אַ „כּופר בעיקר". די אָרטיקע חסידים האָבן זיך דערוווּסט, אַז קראָכמאַל געפינט זיך אין פרײַנדליכע באַציִונגען מיט אַ קאַראַיִמישן „חכם", וואָס האָט געוווינט ניט ווײַט פון זשאָלקיעוו אינם דאָרף קאָקוזוב. מיט בלעדליי המצאות איז זיי געלונגען צו באַקו־מען אַן אָפּשריפט פון קראָכמאַלס אַ בריוו צום קאַראַיִמישן „חכם". דער בריוו איז אפילו געווען פון גאַנץ אומשולדיקן אינהאַלט, דאָך האָבן דאָרט די אָרטאָדאָקסן אַרויסגעפונען אַ געוואַלטיקע „אפּיקורסות": אים, דעם קאַראַיִם, וואָס לייקנט אין תּורה שבעל פּה, פֿאַרזיכערט קראָכמאַל אין זײַן בריוו, אַז ער איז אַ „בן עולם הבא", ווײַל ער איז אַ גאָטס־פֿאַרכטיקער מענטש און דערפילט מיטן גאַנצן האַרצן די מצוות פון דער תּורה. דעם דאָזיקן בריוו האָט דער „צר שכּנגד" פֿאַרשפּרייט אין פיל אָפּשריפטן מיט די געהעריקע פירושים, אַז קראָכמאַל איז אַרויס לתרבות רעה און וויל איבערגיין צו די קאַראַיִמען. קראָכמאַל האָט זיך געפילט געצוווּנגען צו ענטפערן אויף דעם דאָזיקן אָנפאַל, און אין פאָרם פון אַ בריוו צו זײַנעם אַ באַקאַנטן, זאב־דוב שיף (דער בריוו איז דאַטירט: י"ג תמוז תקע"ו), שרײַבט ער זײַן „כּתב ההתנצלות" [2]. אין אַ רויִקן געלאַסענעם טאָן צערײַסט ער ווי שפּינוועבס די קליינליכע באַשולדי־קונגען פון זײַנע קעגנער, אָט די „מכּת המתחסדים", וואָס זײַנען ערשט ניט לאַנג אַליין געווען דערנידעריקט און גערודפט, און איצט, אַז זיי האָבן זיך געשטאַרקט, און די מאַכט איז אין זייערע הענט — „גבה לבם עד להשחית, והרחמן יצילנו מן הנרדף ששב להיות רודף" [3]. דעם

---

1 הקול, V, נומ' 26, 395.

2 דער „כּתב ההתנצלות" איז מערערע מאָל איבערגעדרוקט: צום ערשטן אין „סולאַמיס", V, שפּעטער אין לעטעריסעס זאַמלבוך „הצפירה" און אין זײַן „זכרון בספר", דערנאָך אַלס בײַלאַגע צו די אויסגאַבן פון „מורה נבוכי הזמן".

3 גאָט זאָל אונדז אָפּהיטן, פון אַ גערודפטן, וואָס ווערט אַליין אַן אונטערדריקער.

„כתב ההתנצלות״, א מייסטערווערק פון עפּיסטאָלאַרישן סטיל, האָבן קראָכמאַלס פריינד פאַרשפּרייט אין פיל אָפּשריפטן איבער אַלע בתּי־מדרשים, און אַפילו אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזן האָט ער געמאַכט א גרויסן רושם מיט זיין פאַרנעמענעם טאָן און איבערציינגנדיקער קראַפט 1.

ניט אַלע האָבן אָבער געהאַט די מאָראַלישע קראַפט ווי קראָכמאַל. פיל משכּילישע יונגעלייט, איידעמלעך אויף קעסט, זיינען געווען שטאַרק איינגעשראָקן, — האָבן זיי דערפאַר הכנעהדיק אַרויסגעגעבן צום פאַרברענען די „טריף־פּסולים״, וואָס האָבן זיך ביי זיי געפונען, און צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן שוין ווייטער גיין בדרך הישר. אייניקע זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער, זיי האָבן געזען: די משכּילישע קרייזלעך, שוואַך און קליין אין צאָל, ווערן גערודפט פון די אָרטאָדאָקסן, און דאָרט, אין די חסידישע קלייזלעך, איז לעבעדיק און פרייליך: די חסידישע יונגעלייט זיינען זיך משמח, מען דערציילט וואונדערבאַרע מעשיות, מען טרינקט „תּיקון״, מען טאַנצט און מען זינגט, ווייל – „דער רבי האָט געהייסן פרייליך זיין״. זיינען זיי דעם נסיון ניט ביינגעשטאַנען, אַט די משכּילישע יונגעלייט, און „חוזר בתשובה״ געווען, צוריק זיך פאַרבונדן מיטן רוב, מיט דער חסידישער מאַסע...

אַט די דערשיינונג האָט געפונען איר אייגנאַרטיקן אָפּקלאַנג אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. עס זיינען אָפּגעהיט געוואָרן ליטעראַרישע דאָקומענטן, וואָס כאַראַקטעריזירן אַמבעסטן אי די דעמאָלטיקע גייסטיקע פירער פון דער גאַליציאַנער השׂכּלה, ווי אויך די סביבה, אין וועלכער זיי זיינען געווען טעטיק. אויך די דאָזיקע דאָקומענטן זיינען אין בריוו־פאָרם געשריבן. אין פאָריקן באַנד (צווייט בוך, ז׳ 132) האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז אין דער ערשטער בלי־תּקופה פון חסידות פלעגן די מנהיגים פון דער באַוועגונג צושיקן צו זייערע אָנהענגער עפנטליכע בריוו און קונטרסים, ווו עס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן פאַרשיידענע געזעלשאַפט־ליכע און רעליגיעז־עטישע פראַגן. די דאָזיקע בריוו פלעגן אויף די ערטער פאַרמערט ווערן אין פילצאָליקע קאָפּיעס און אויף אַזאַ אופן פאַרשפּרייט ווערן איבער דער גאַנצער געגנט. אייניקע פון די דאָזיקע בריוו געהערן צו די וויכטיקסטע בוישטיינער פון דער חסידישער ליטע־ראַטור, ווי, אַ שטייגער, דעם ליאַדיער רבינס „לקוטי אמרים״ (תּניא). אַן ענליך בילד זעען מיר אויך ביי די משכּילים אין גאַליציע. דער בריוו־נוסח איז דאָרט געווען די באַליבטסטע ליטעראַרישע פאָרם, און מיר

1 אינטערעסאַנטע פּרטים זע: זכרון בספר, 53.

וועלן ווײַטער זען, ווי אין גאַליציע זײַנען אפילו דערשינען צײַטשריפטן, אין וועלכע דער גאַנצער מאַטעריאַל איז דערלאַנגט געוואָרן דעם לייענער-פּובליקום אין לבוש פון „אגרות יקרות", וואָס עס האָבן געשיקט איינער דעם אַנדערן די „חכמי הזמן"...

באַלד נאָכן „כתב ההתנצלות" איז קראָכמאַל אַרויסגעטראָטן מיט אַ אָפֿיטן בריוו, געווענדעט צו איינעם פון די יונגע „משכילים", וועגן וועלכן קראָכמאַל האָט זיך דערוווּסט, אַז יענער האָט זיך געלאָזט אײַנשרעקן פון די קריגערישע חסידים און זיי אַרויסגעגעבן צו פאַרברענען אַלע השכלה-ספרים, וואָס ער האָט פאַרמאָגט [1]. דער דאָזיקער בריוו איז זייער וויכטיק אויך צו דער כאַראַקטעריסטיק פון קראָכמאַלן גופא. דער קרענקליבער קראָכמאַל איז טאַקע געווען אַ נחבא אל הכלים און אַ רודף שלום, אָבער בלויז ביז צו אַ געוויסער גרעניץ. דאָס געפיל פון זעלבסטאַכטונג, דאָס שטאָלצע באַוווּסטזײַן פון זײַן אייגענער מאָראַלישער פערזענליכקייט, האָט אין אים פּראָטעסטירט צו זײַן נאָכגיביק דאָרט, ווו עס האַנדלט זיך וועגן פאַרטיידיקן זײַן אינטימען וועלט-באַנעם, זיינע דורך שווערע גראַנגלעניש אויסגעקעמפטע אידעאַלן.

„אַ קול פון אַ שופר, שרײַבט קראָכמאַל, האָבן דערהערט מײַנע אויערן, דאָס שאָלן פון מלחמה. דיך האָבן אַרומגערינגלט אַ קאָמפּאַניע חסידים * פון דײַן שטאָט, געלויערט אויף דיר בײַנאַכט, זײַנען דיך באַפאַלן און געסטראַשעט מיט חרם און רדיפות, בכדי זאָלסט אויפהערן גיין אויפן וועג פון פאַרשטאַנד, און באַגייגן זיך מיט זייערע נאַרישקייטן. דערהערנדיק דאָס האָט אויפגעקאָכט מײַן האַרץ, אָבער נאָך מער בין איך צעטומלט געוואָרן הערנדיק, אַז זיי האָבן דיך אײַנגעשראָקן, און דער פּחד איז בײַ דיר געווען אַזוי גרויס, אַז דו האָסט מוטלאָז מסכים געווען איבערצוגעבן זיי אַ טייל פון דײַנע גוטע און ציכטיקע ביכער צום פאַר-ברענען, און דו האָסט זיך געבעטן בײַם נאַרישן רשע, וואָס אין זייער שפּיץ, ווי אַ ייִנגל, וואָס וויינט אונטער דער רוט. געליבטער מײַנער! דו האָסט זיך באַנאַרישט און זייער אומרעכט געטאָן... איך ווייס גאָר ניט, וואָס מיט דיר איז געוואָרן! דו ביזט דאָך יונג, שטייסט ערשט בײַם פרילינג פון דײַן לעבן, און עס איז ניט שיין, דו זאָלסט זײַן אַ פּחדן; אַ צוואַנציק-יאָריקער, דאַרפסטו זײַן אַ קעמפער, ניט ציטערן און מורא האָבן פאַר אַ מינדסט נישטיק מענטשעלע... דו קענסט מיך דאָך, מײַן

---

1 לויט לעטעריס (זע זײַן קראָכמאַל-ביאָגראַפיע אין דער צווייטער אויסגאַבע פון „מורה נבוכי הזמן", 23), האָט דער דאָזיקער משכיל געהייסן אברהם גאָלדבערג.

* קראָכמאַל געברויכט ניט דאָס וואָרט חסידים, נאָר „מתחסדים".

פריינד, — שרייבט קראָכמאַל ווייטער, — פאַר אַ איש שלום, וואָס האָט ניט גערן קריג צו פירן, און דאָך — אויב ס׳איז טאַקע אמת, ווי מען דערציילט און ווי די פּרומאַקעס באַרימען זיך דאָ, און די שענדליכע מעשה איז טאַקע געשעען: מען האָט דיך ווירקליך געשראָקן מיט „חרם ונדוי ושמתא״ און דיך געצווּנגען אַרויסצוגעבן אַ סך פון דיינע ביכער צום פאַרברענען, — דאַרף מען זיך נוקם זיין אין זיי... און גיין אויף זיי מיט דער האַק פון די געזעצן פון דער רעגירונג 1. און איך בין זיכער, אַז זיי וועלן באַשטראָפט ווערן פאַר דער דאָזיקער זינד...

לא תכנע ולא תערוץ מפניהם — שרעק זיך ניט פאַר זיי און גיב זיך זיי ניט אונטער, — דערקלערט קראָכמאַל צום שלום, — אַ ניט — וועסטו ווערן צו שאַנד ניט בלויז ביי די, וואָס גייען אין ריכטיקן וועג, נאָר אַפילו אין די אויגן פון די פּרומאַקעס גופא; וואָרום ס׳איז דאָך פאַר אַלעמען קלאָר, אַז די איבעריקע מורא און די הכנעהדיקייט פאַר אַ מאַ־ראַליש־ווערטלאָזן מענטשן איז אַ באַווייז פון אַ שלאַבעריקן גייסט און נידעריקער נשמה, וואָס איז פון דער נאַטור אַליין באַשטימט צו קנעכט־שאַפט און אונטערטעניקייט (שנוצרה בטבע לעבדות ושעבוד). ווער עס וויל אָבער זיין אויסדערוויילט און דערהייבן איבער דעם המון־עם מיט זייערע פאַרגרייזטע באַגריפן און נידעריקע מדות, דער דאַרף זיין אַ מוטי־קער, קעמפעריש־אַקטיווער מאַן (צריך שיהיה איש חיל רב פעלים), וואָס איז גרייט ווי אַ לייב צו קעמפן פאַר זיינע אידעאַלן קעגן די קעגנער און אַנפאַלער. ווען ער זאָל אָבער יעדעס מאָל שטעלן פאַר זיך די פראַגע: מה יאמרו הבריות? וואָס מיינען די פּרומאַקעס? און וואָס פאַר־טראַכטן די שונאים? — דאָס וואָלט אים בלויז פאַרפינסטערט דעם געדאַנק און מבלבל געווען דעם שכל. און ווען עס זאָלן אָט די דאָזיקע פּחדנישע מדה געווען האָבן די וויכטיקסטע פון די „חכמי אומתנו״, וואָלטן מיר ניט פאַרמאָגט זייערע בעסטע אוצרות, און זייערע טייערסטע ווערק וואָלטן די ליכטיקע וועלט ניט דערזעען. וואָרום זיי אַלע האָבן זייער גוט געוווּסט, ווי פיל צער און יסורים זיי וועלן אויסשטיין פאַר זייערע פאַרעפנטליכטע חבורים. און דער בעסטער באַווייז איז — „הרב המורה נר ישראל״, רבנו משה בן מיימון, וואָס האָט אָפן דערקלערט אין זיין אַריינפיר צום „מורה״, אַז ער ווייסט זייער גוט, דאָס זיין ווערק „וועט באַפרידיקן און באַגייסטערן נאָר דעם אויסדערוויילטן יחיד און וועט דערביי אויפרייצן צענער־טויזנטער נאַראָנים״. און אַז דו וועסט געניי

---

1 ד״ה זיך שטיצן אויפן געזעץ, וואָס פאַרבאָט זיך צו באַנוצן מיט דער שטראָף פון חרם.

נאָכפּאָרשן, וועסטו איַנזען, אַז אַזוי איז געווען אויך מיט אַנדערע גדולים, פון די לעצטע דורות אָן ביז צו די גרויסע נביאים. דער המון — ער גייט תמיד אויף דער קייט בײַ אַ ליאַדע פאַלשן פּריסטער, פּרומאַק און טאַרטיוף, מכשף און קונצנמאַכער, בײַ אַ מינדסטן בעל־שם און בעל־שד. און ווער עס פּרוּווט זיך אַנטקעגנשטעלן, אויף דעם רייצן זיי אָן אַט די „ווילדע חיה אָן אויגן און מיט פיל שאַרפע מײַלער", ווי דער המון און פעבל הייסט בײַם פּרײַסישן מלך פרידריך דעם צווייטן" [1].

עס הערן זיך גאַנץ שאַרף אין די דאָזיקע קריגערישע אַקאָרדן פון דעם גאַליציאַנער קעמפער די נאָכקלאַנגען פון מיימונים גײַסטיקן אַרי־סטאָקראַטיזם, מיט זײַן שטאָלצן ביטול און פאַראַכטונג צום „נאַרישן אומוויסנדיקן המון"... [2].

טיפּיש זײַנען אויך די בריוו, וואָס עס האָט אין יענער צייט גע־שריבן צו איינגעשראָקענע יונגע משכּילים קראָכמאַלס תּלמיד און חבר, שלמה־יהודה ראַפּאָפּאָרט. אין 1815 האָט ער פאַרפאַסט דעם קונטרס „נר מצוה", וואָס ער האָט בלי־ספק אין דער התחלה בדעה געהאַט גלײַך צו פאַרעפנטליכן [3]. ער האָט אָבער, ווי עס שײַנט, פחד געקראָגן פאַר די „מתחסדים", — איז דער קונטרס געבליבן אין כּתב־יד, פאַרשפּרייט גע־וואָרן בלויז אין אָפּשריפטן, און ערשט נאָך ראַפּאָפּאָרטס טויט איז ער אין דרוק דערשינען (נחלת יהודה, 1863, 1—25).

דער „נר מצוה" איז אַדרעסירט צו ראַפּאָפּאָרטס אַ געוועזענעם תּלמיד אויס הרובעשוב, אַ יונגן מאַן, אַ משכּיל, אַ רבס אַ זון, וועגן וועלכן ראַפּאָפּאָרט האָט געהערט, אַז ער ווערט אַ בעל־תּשובה און חברט זיך מיט די חסידים. דער גאַנצער קונטרס איז פול מיט האַס און פאַר־ביטערונג קעגן דעם „צד שכּנגד" — די חסידים. די „גדולי החסידים וקדושיהם" טיילט ראַפּאָפּאָרט איַן אין צוויי קאַטעגאָריעס: 1) פאַרפירטע פאַנטאַסטן, מענטשן אָן וויסן און פאַרשטאַנד, וואָס האָבן מיט זייער איבערהיצטער פאַנטאַזיע זיך איַנגעבילדעט, אַז אויף זיי רוט דער רוח הקודש, און 2) נידערטרעכטיקע רמאים, וואָס פון יוגנט´אָן איז געווען זייער גאַנץ טראַכטן רק אָפּצונאַרן מענטשן און דעם המון צו פאַר־בלענדן און פאַרפירן. „זיי, די חסידים, קלאָגט זיך ראַפּאָפּאָרט, האָבן זיך אויסגעטראַכט נײַע געזעצן, פון וועלכע אונזערע אבות האָבן קיין

1 דער בריוו איז געדרוקט אין „כּרם חמד", I, 90—92, בײַ לעטעריסן אין „זכרון בספר", 65—69; כּתבי רנ"ק, תס"ז—תי"ח.

2 זע אונזער ווערק, ב' I, 211—212.

3 דערויף זאָגט, אַ סטײַגער, עדות פאָלגנדיקער אויסדרוק: והנני אומר לנגד בני זמני ולנגה השמש: כל קורא אשר יהיו דברי אלה בעיניו כזרים (נחלת יהודה, 21).

באגריף ניט געהאט. די דאָזיקע נײַע געזעצן האָבן פארגיפטעט דעם בע־כער פון דער אמונה, האָבן באטרונקען געמאכט דאָס גאנצע פאָלק ישראל און געלאָזט אים זינקען אין דעם זומפּ פון נארישקייט. אָט זיי, די דאָזיקע געזעצן, האָבן אונז געמאכט צו שפּאָט און געלעכטער בײַ אַלע פעלקער ארום. ברומען טוט מיין הארץ אויפן בראָך פון מיין פאָלק!״ 1.

די דאָזיקע פארביטערטע שנאה צו די חסידים איז פארבליבן בײַ ראפּאָפּאָרטן אויפן גאנצן לעבן, און אין 25 יאָר ארום, ווען ער איז שוין געווען רב אין פּראָג, רעדט ער מיט ניט ווייניקער גיפט וועגן די „צוררי האומה אלה המתחסדים״, אָט די „ברענענדיקע שלענג, וואָס טוען פאר־ברענען מיטן שוועבל פון זייערע מײַלער יעדן משכילס נאָמען״ 2.

ניט ווייניקער טיפּיש איז ראפּאָפּאָרטס א צוּוייטער בריוו, וואָס ער האָט געשריבן אין אייניקע מאָנאַטן ארום צו אן אנדערן יונגן פרײַנד 3.

אויך דער דאָזיקער יונגער משכיל איז וואקלדיק געוואָרן; די חסידים זײַנען צו אים צוגעשטאנען אי מיט בייזן, אי מיט גוטן. זיי האָבן אים געסטראשעט און אָנגעוואָרפן אויף אים אן אימה, און טאקע דערבײַ אָגיטירט און געפרוּווט אים אײַנרייידן, ער זאָל צושטיין צו זייער כנופיא. האָט דער משכיל, וואָס איז געשטאנען על פרשת דרכים, זיך געווענדעט צו ראפּאָפּאָרטן, געבעטן, יענער זאָל אים באהילפיק זײַן און אים געבן מאָראלישע שטיצע. ראפּאָפּאָרט באדויערט אין זײַן ענטפער, וואָס דער יונגער משכיל האָט ניט געלערנט די דײַטשע שפּראך, וואָס איז דער שליסל צו אַלע אוצרות פון וויסן. ער עצהט זײַן יונגן פרײַנד, יענער זאָל „טרינקען פון דעם ריינעם קוואַל, אויס וועלכן עס האָבן גע־שעפּט און טוען אויך איצט שעפּן כל משכילי עם ישראל, אָבער אין זײַנע ווירקליכע טיפן זיינען זיי נאָך אַלץ ניט ארײַנגעדרונגען,—דאָס איז אונזער האר, וואָס באלײַכט אונזער פינסטערניש, רבנו משה בר מיימון ז״ע״ז״. „אין זײַנע ספרים און מאמרים, — שטרײַכט ראפּאָפּאָרט אונ־

---

1 נחלת יהודה, 24, 21—22.

2 כרם חמד, VI, 43: אלה הנחשים השרפים השורפים בהבלי פיהם ובגפרית אשר בשפתם וגם בידיהם את שם כל משכיל וגם את ביתו כאשר שמענו רבות לצרותינו ולבשתנו... צוררי האומה אלה המתחסדים המשתגעים בתפלתם כקראים ומרקדים כאילים... אל תשמעו אל דברי נביאי השקר, אל קסמיהם ואל חלומותיהם ואל ענניהם ואל כשפיהם, אשר הם אומרים אליכם לא תעבדו את מלך הכבוד כי אם בשגעון ובתמהון; חדלו לכם מן המנועלים והמאוסים אשר יסבלו בכל בקריהם במים סרוחים ומעופשים, מבלים ימיהם בבתי מחראות ויקראו לכל זה נקיה וטהרה.

3 דער בריוו איז צום ערשטן פארעפנטליכט אין כרם חמד, I, 75—77; איבערגעדרוקט בײַ לעטעריסן אין זכרון בספר, 122—125.

טער, זאָלסטו זיך פאַרטיפן, וועלן דײַנע אויגן דערלויכטן ווערן. זיי וועלן דײַן נאָקן שטאַרק מאַכן ווי אײַזן, און ווי קופער פעסט דײַן שטערן קעגן יעדן אָנפאַלער און אָנשרעקער. און שפּאָטן וועסטו צו די פײַלן פון די קעגנער... אויך מיט די בריוו זײַנע זאָלסטו זיך באַקענען, וואָרום אין אַלע זײַנע רייד וועסטו אַ גרויס ליכט דערזעען און פיל מוסר און באַלערונג, וואָס טוט די נשמה דערקוויקן".

ראַפּאָפּאָרט ווײַזט דערבײַ אָן, אַז ווען זײַן תלמיד אויס הרובשוב זאָל אים געוועזן פאָלגן און וואָלט פלײַסיק שטודירט דעם רמב"ם ווערק, וואָלט ער ניט געפאַנגען געוואָרן אין דעם נעץ פון די „מתחסדים".

אין איינציקע יאָר אַרום האָט אָבער שלמה ראַפּאָפּאָרט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו איבערצײַגן, אַז אויך דעם רמב"ם ווערק קאָנען נישט שטענדיק פאַרהיטן פאַר דעם נעץ פון די „מתחסדים". איינער פון די גלענצנדיקסטע פאַרשטייער פון דעם גאַליציאַנער משכּילים-קרײַז, שלמה ראַפּאָפּאָרטס קרוב, דער פײַן געבילדעטער, וויציקער און פון אַלע זײַנע חברים געליבטער יעקב שמואל ביק [1], האָט אין זײַנע מיטעלערע יאָרן [2] פאַרלאָזן די השכּלה-פאָן און אָפן דערקלערט זײַנע סימפּאַטיעס צו די „מתחסדים", די „מורדי אור". בכדי צו באַווײַזן, אַז ער איז מורד קעגן די אָנערקענטע ווענפירער פון די משכּילים און לייקנט אין די השכּלה-אידעאַלן, האָט ער דעמאָנסטראַטיוו פאַרקויפט זײַן עקזעמפּלאַר „מורה נבוכים" [3]. ביקס „אַבטריניקייט" האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אין דעם משכּילישן וועלטל. בײַ די משכּילים איז דאָך געווען אַזוי קלאָר און זיכער, אַז אַלע צרות נעמען זיך פון אָבערגלויבן און אומוויסן, און די איינציקע תּרופה איז בילדונג און אויפקלערונג, ווײַל זיי צעברעכן די מאַכט פון פינסטערניש און זיכערן די ממשלה פון דעם קלאָרן שׂכל הישר... און פּלוצלינג איז געשען דאָס אומבאַגרײַפליכע, עפּעס אַזוינס, וואָס ס'איז גאָרנישט צו פאַרשטיין מיטן שׂכל הישר: איינער פון די אָנגעזעענסטע משכּילים און אויפגעקלערטע ווערט אַ בעל תשובה, חברט זיך מיט דער „כּת המתחסדים", רעדט מיטן גרעסטן רעספּעקט וועגן די רביים, די „רמאים" און „מורדי אור"...

---

1 זע אינזער ווערק, ב' VII, צווייטער בוך, 262—265.

2 שמשון בלאָך ווײַזט אָן אין זײַן בריוו צו ביקן פון 1830: אתה בעוד לפני שש שנים בעת הֶחֵלּו עיניך רק להיות כהות (כרם חמד, I, 121; המאסף, I (1862), 181. ביקס „אַפּטריניקייט" איז, בכן, פאָרגעקומען אין 1823—1824.

3 דאָרטן.

„ווי גרויס איז מײַן פאַרוווּנדערונג, — שרײַבט יהודה ליב מיזעס [1] צו זײַנעם אַ חבר, וואָס האָט אים געמעלדעט וועגן ביקס אַבטריניקייט, — איך וואָלט דאָס נישט געגלויבט, ווען איך זאָל דאָס ניט לייענען אין דײַן בריוו... ווער וואָלט דאָס געקאָנט גלויבן אויף אַזאַ מענטשן, וואָס האָט דאָך שטענדיק געשטרעבט, אַז זײַן גאַנץ טראַכטן און טאָן זאָל זײַן רק „על פי השכל והצדק"; וועמען וואָלט עס געקאָנט קומען אויפן געדאַנק אַפילו צו גיין צו אַזאַ מענטשן און זאָגן: עס וועט קומען אַ צײַט און דו וועסט זיך אָפּווענדן פון דער חכמה, וועסט זיך חברן מיט פאַרנאַרישטע און וועסט גיין צוזאַמען מיט די אנשי הבעשטנים". „ווי גרויס איז מײַן עגמת נפש, שרײַבט מיזעס ווײַטער, מיר און די חכמה האָבן פאַרלאָרן אַ געטרײַען פרײַנד, און דער כת הסכלים והבעשטנים וועלן זיך פרייען ווי אויף אַ גרויס געווינס". מיזעס טרייסט זיך אָבער מיטן געדאַנק, אפשר איז דאָס בלויז אַן אָנשטעל. „אפשר — שרײַבט מיזעס — האָט זיך אונזער פרײַנד אָנגעקליידעט מיט אַ כּיוון אין די בגדי חחסידות, בכדי זיי זאָלן זיך אים אָנפאַרטרויען, און אַזוי אַרום געוואָר ווערן זייערע סודות, ווײַל די פירער פון דער כת הבעשטנים וועלן פאַר אים שוין גאָרנישט האַלטן פאַרהוילן. בײַ מיר איז טאַקע קיין שום ספק נישט, אַז אונזער פרײַנד וועט זיך צוריק אומקערן צו אונז און מודה זײַן אויף זינד, וואָרום זינט די וועלט עקזיסטירט האָט נאָך קיין פאַרשטענדיקער מענטש אויס איבערצײַגונג נישט אָפּגענייגט פונם וועג פון חכמה; און אויב אַפילו עס האָט אַזוינס יאָ פּאַסירט, האָט ער אין אַ צײַט אַרום צוריקגעקערט זיך אויפן ריכטיקן וועג. מיר טאָרן אָבער לאַנג נישט וואַרטן, מיר דאַרפן אַלע אונזערע קרעפטן אָנווענדן, ער (דער פריינד) זאָל וואָס גיכער צוריקקערן צום וועג פון חכמה, בכדי מיר זאָלן נישט ווערן צו שפּאָט און געלעכטער אין די אויגן פון די שונאי התבונה. איך קאָן דאָס ניט פאַרטראָגן, ווײַל איך האָב פּחד, טאָמער וועלן זיך פון אונזער פרײַנד אָפּלערנען יונגע ייִדישע לײַט, וואָס הויבן זיך ערשט אָן צו בילדן (המתחילים בהכמה), און אויך זיי וועלן פאַרלאָזן דעם וועג פון לעבן און זיך לאָזן, ווי ער, אויף די וועגן פון נאַרישקייט".

אַ באַדײַטנדיקן קולטור־היסטאָרישן אינטערעס האָבן די אויפגעהיטע בריוו, וואָס עס האָבן געשריבן איינער דעם אַנדערן שלמה ראַפּאַפּאָרט און יעקב־שמואל ביק. מיר האָבן שוין אין פאַריקן באַנד אָנגעוויזן, מיט וואָס פאַר אַ התפעלות די בעלי „המאספים" האָבן אויפגענומען דעם

---

1 דער בריוו איז פאַרעפנטלעכט אין „בכורי העתים", XI, 131—142. ביקס נאָמען הערט אַפילו אין בריוו ניט דערמאָנט, עס איז אָבער אויסער ספק, אַז חעגן אים איז דאָרט די רעדע.

דורך די פראנצויזישע „אויפקלערער“ פראקלאמירטן אידעאל וועגן ברי־דערליכקייט, גלייכהייט און מענטשנליבע. ניט מיט קיין קלענערן פאטאס רופט זיך דערויף אפ דער „בכורי העתים“. מאקס נארדויס פאטער, גבריאל זידפעלד, רופט פאטעטיש אויס אין זיין ליד „השיווי“ (בכורי העתים, תקפ״ז, 81—84): „פאר גאט זיינען אלע מענטשן ברידער, אלע זיינען גלייך און אונטערשייד!“ ברוך שיינפעלד איבערזעצט שילערס באקאנט ליד „אן די פריידע“ מיטן פאטעטישן אויסרוף: „זייד אומשלונ־גען, מיליאנען! דיזען קוסס דער גאנצען וועלט!“ [1]. אין די אינטעליגענטע יידישע קרייזן פון די גרעסערע פרייסישע שטעט האט, ווי מיר האבן געזען, דער אבסטראקטער דעוויז פון גלייכהייט און ברידערליכקייט געפירט צו אסימילאציע. די גאליציאנער סביבה מיט דער קאמפאקטער ארטא־דאקסישער מאסע איז אבער פאר אסימילאציע דעמאלט געווען א ווייניק פאסנדיקער באדן. דאס אומבאוווסטע נאציאנאלע געפיל האט נאך געפונען, ווי מיר וועלן וויטער זען, א באדייטנדיקע שטיצע אין דעם געשטייגערטן אינטערעס צו היסטארישע פארשונגען. סימפטאמאטיש איז אין דער הינזיכט ראפאפארטס פאררעדע צו זיין העברעישער איבערזע־צונג פון ראסינס פיעסע „אסתר“ [2], וווּ ער רעדט מיט פאטאס וועגן „אהבת האומה“, וועגן ליבע צו די קינדער פון דער „פאראיינזאמטער מוטער ציון“ (אמכם ציון הגלמודה).

די דאזיקע פאטעטישע רייד האבן אבער ניט געקאנט באפרידיקן יעקב־שמואל ביקן. ווארום ביק און ראפאפארט זיינען געווען מענטשן פון פארשיידענע וועלטבאנעמען. מיר האבן אין דריטן באנד באריכות גערעדט וועגן דעם עקשנותדיקן קולטור־קאמף, וואס איז פארגעקומען צווישן צוויי לאגערן פון דער יידישער אינטעליגענץ: צווישן ראציאנא־ליסטן מיט זייער קאמף־דעוויז: שלטון השכל! און מענטשן, וואס זייער פירער אין לעבן איז געווען דאס געפיל, די עמאציע און דער אויף איר זיך שטיצנדיקער ווילנס־אקט. אט דער דאזיקער קאמף האט זיך איצט אפגעשפיגלט אין דעם צוזאמענשטויס פון די צוויי פארשטייער פון איינעם און דעם זעלביקן לאגער.

מיר האבן שוין אין פאריקן באנד געזען, ווי ביק איז נאך מיט פיל יארן פריער גאר אנדערש צוגעגאנגען צו דער פראגע וועגן דער פאלקס־שפראך [3]. אויך אין דעם פרט איז ער זיך פונאנדערגעגאנגען מיט ראפאפארטן, וואס איז, ווי דער רוב משכילים, געווען אן אנטשיידענער

---

1 בכורי העתים, VII, 100: אלפי רבבות נחבק! נשיקה זו ליושבי תבל!

2 געדרוקט אונטערן טיטל „שארית יהודה“ אין „בכורי העתים“ VIII, 171—254.

3 זע אונזער ווערק, ב׳ VII, צווייטער בוך, 263—265.

קעגנער פון „זשארגאָן״ [1]. אויפן שאַרפסטן אופן זײַנען זיך די דאָזיקע צוויי משכילים צעגאַנגען בנוגע דעם דעוויז „אהבת האומה״ (ליבע צום פאָלק). ביק קאָן ניט באַגרײַפן, ווי קאָן עס ראַפּאָפּאָרט ריידן וועגן אהבת האומה, וועגן ליבע צו די קינדער פון דער „פאַראיינזאַמטער מוטער ציון״, און אין דער זעלביקער צײַט האָסן תכלית שנאה די „כת החסידים״, וואָס איז דאָך דעמאָלט געווען דער רוב מנין ורוב בנין פון דער גאַליציאַנער ייִדישער באַפעלקערונג. „דו האָסט דאָך אַזוי ליב — שרײַבט ביק ראַפּאָפּאָרטן — דעם דײַטשן דיכטער שילער און איבערזעצסט גערן זײַנע לידער, — פאַר וואָס־זשע האָסטו ניט אײַנגעחזרט פאַר זיך גופא זײַן קאָסמאָפּאָליטישן פערז: אַ קוש דער גאַנצער וועלט! און ביסט דעם דאָזיקן פערז ניט מקיים בנוגע צום פאָלק ישראל: האַלזן און קושן אַלע אונזערע ייִדישע ברידער מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה — אַפילו ווען מען דאַרף דערמיט באַצאָלן אי מיטן שכל אי מיט דער נשמה? [2]. ביק גלויבט ניט אין דעם גײַנד־דעוויז פון דער השכלה, אַז דורך אויפקלערונג און בילדונג וועט דער ייִדישער קיבוץ פון אַלע צרות געהאָלפן ווערן. טיפּיש איז, אַגב, זײַן אויסרוף אין זײַנעם אַ בריוו צום צוקינפטיקן רעדאַקטאָר פונם „כרם חמד״, שמואל־ליב גאָלדענבערג: „איך וויל ניט אײַנקליידן מײַנע רייד אינם לבוש פון מליצה (במלבושי הצחות); וואָס טויג אונז שיינקייט, בעת עס גיסן זיך די טרערן פון אונזערע ברידערס אויגן, וואָס זײַנען צו אונז געווענדעט מיט געבעט אַנצושפּײַזן זייערע קינדער, וועלכע גייען אויס פון הונגער״ [3]. זײַנע אינטימע געדאַנקען האָט ביק אַרויסגעזאָגט אין זײַנע מעמואַרן, וואָס זײַנען לײדער פאַרלוירן געגאַנגען [4], און ווען זײַנע חברים משכילים האָבן זיך באַקענט מיט אייניקע פראַגמענטן, זײַנען זיי געבליבן שטאַרק אומצופרידן פון ביקס „אַפּיקורסישע״ געדאַנקען. „איר האָט זיך צעשריגען אויף מיר, שרײַבט ביק ראַפּאָפּאָרטן, און מיך, ווער ס׳האָט באמת ליב וואָס מער ליכט אָנצוצינדען אין דעם הייליקן היכל, האָט איר באַשולדיקט, אַז איך פאַרדיג פינסטערניש. אין אײַלעניש האָט איר פאַרגעסן, אַז ווער עס לעשט אויס אַ ליכט אויס מורא פאַר אַן אָנפאַל פון פרעמדע, פון גזלנים

---

1 זע פּכורי העתים VIII, 11: לשון יהודית־דײַטש בארץ פּולניא למה? פרעגט ראַפּאָפּאָרט, אַ לשון הקודש און לשון פולניא.

2 אוצר הספרות, III, אורות מאופל, 27.

3 כרם חמד, I, 68.

4 זע אונזער חערק ב׳ VII, צחייטער בוך, 263.

און פאר א שלעכט באגעגעניש אדער בכדי דער חולה זאל קאנען איינשלאפן — איז ער פטור" [1].

ביק האט אנגעווארן דעם גלויבן, אז די השכלה=אידעאלן קאנען ווירקלעך ברענגען די ישועה דער שווער=ליידנדיקער יידישער מאסע אין גאליציע; ער איז געקומען צום געדאנק, אז דער פון די משכילים פארהאסטער חסידיזם ברענגט ווייניקסטנס דער מאסע די נייטיקע טרייסט און זארגט דערפאר, „דער חולה זאל קאנען רויק איינשלאפן". קעגן דעם איז ראפאפארט מיט זיין קעמפערנאטור צום שארפסטן ארויסגעטרעטן. דו — שרייבט ער ביקן — באשולדיקסט מיך, אז איך האב פארגעסן אין דעם גרונדגעזעץ פון טאלעראנץ דערפאר, וואס איך האב פיינט די „אנשי הכת שלך" (ד"ה די חסידים). איך פארשטיי אבער אונטער דעם דאזיקן דעוויז, אז בלויז פאר איבערציייגונג טאר מען ניט שטראפן, ניט רודפן און בפרט ניט אומברענגען ח"ו. דאס קאן מיך אבער כלל ניט באוועגן, איך זאל אויס טאלעראנץ זיך ניט דערלויבן ארויסזאגן מיין מיינונג וועגן יעדן אומוויסנדיקן נאר, וועגן יעדן שווינדלער און פארפירער. גאט האט דערויף דערלויכטן אונזער שכל, בכדי מיר זאלן משפיע זיין וואס מער ליכט דעם המון, וואס טאפט אין דער פינסטער, ניט מיר זאלן קושן יעדן נאר, אפילו ווען דער דאזיקער קוש „נעמט אפ דעם שכל און די נשמה". מיר ווען זיך ניט משוגע מאכן און שפרינגען ווי די צאפעס דערפאר, וואס מיר זיינען ארומגערינגלט מיט משוגעים, און דאס געפינט זיך כלל ניט אין סתירה מיטן טאלעראנץ=באגריף [2].

ער, — שרייבט ראפאפארט צו זיין פריינד ליב הוליש וועגן ביקן [3], — רעדט אלץ וועגן אהבת ישראל און פארגעסט דערביי אין ליבע צו מענטשן בכלל. ער רעכנט, אז אמתע אהבת ישראל דארף באשטיין אין שנאה צו אלע אנדערע פעלקער (?), צו אלץ וואס שטאמט פון דער פרעמד. אזא ליבע רעכן איך אבער פאר דער גרעסטער שנאה! זי האט אונז שטענדיק רק שלעכטס געבראכט, זי האט געשטארקט צו אונז די שנאה פון אלע אנדערע אומות, זי האט אונז אריינגעווארפן אין דער שטאקפינסטערניש אויף די הונדערטער יארן, — מאכטלאז זיינען אונזערע הענט געווארן אויף גוטס צו שאפן, און צו לאסט זיינען מיר געווארן ביי אונזערע שכנים אין אלע לענדער. איך זאג אבער ניט ח"ו, אז מיר איז ניט טייער דאס הויז פון יעקב. חלילה! איך שווער דיר ביי גאט, וואס האט

---

1 בחפזכם שכחתם שהמכבה את הנר מפני שהוא מתירא מפני גויים, מפני ליסטים, מפני רוח רעה או בשביל החולה שיישן — פטור.

2 אוצר הספרות, III, אורות מאופל, 29—30.

3 כרם חמד, I, 83—84.

מיר מײַן נשמה געגעבן, אַז איך בין מיט מײַן גאַנץ האַרץ איבערגעגעבן די קינדער פון ישורון! מיט אַלע מײַנע קרעפטן ליב איך מײַן פאָלק און בין גרייט ביז אין סוף פון מײַנע יאָרן אַלץ איבערצוטראָגן פון זײַן טובה וועגן... אָבער אַלע מײַנע לאַנגיאָריקע פאָרשונגען אויפן געביט פון ייִדישער געשיכטע האָבן מיך איבערצײַגט, אַז נישט דורך דעם, וואָס זיי וועלן זיך אָפּזונדערן פון אַלע אַנדערע פעלקער, ניט וועלנדיק אָנטייל נעמען אין זייער קולטור, וועלן אונזערע ברידער דערגרייכן די הויכע מדרגה, וואָס איז פאַר זיי באַשטימט; נאָר ווען זיי וועלן זיך פלײַסן איבערצונעמען בײַ יעדן פאָלק דאָס נוצליכע און גוטע, וועלן זיי ווירקליך אַלעמען איבערשטײַגן מיט זייער ריינער און אמתער אמונה און וועלן טאַקע ווערן אַן „עם חכם ונבון״...

צו דער זעלביקער פראַגע קערט זיך ראַפּאַפּאָרט אום אין זײַן ליד, וואָס ער האָט אַרײַנגעשריבן ביקן אין זײַן אַלבאָם [1]. ריע אהוב! — אַזוי פאַנגט זיך אָן דאָס ליד, — געליבטער פרײַנד, דו רעדסט אַלץ וועגן גליק און רו פאַרן פאָלק ישראל. דו קומסט אָבער מיט אַן עצה, וואָס איז זייער ווײַט פון מיר, און איך קאָן ניט איינשטימען מיט איר. דיר איז אַזוי ליב און טײַער דעם פאָלקס לאַנגער דרימל, און דײַן גאַנץ זאָרגן איז רק אים פון שלאָף ניט שטערן. מײַנע געדאַנקען זײַנען אָבער ווײַט פון דײַנע. איך ליב מײַן אומה מיט אַלע ציטערן פון מײַן נשמה. איר גע־הערט מײַן לעבן און אַלע מײַנע קרעפטן, — איך קאָן אָבער ניט ווי דו רויק צוזען איר דערנידערונג (לא כמוך תדום נפשי לשפלתה), מײַן גאַנץ טראַכטן און שטרעבן איז אַרײַנצוברענגען ליכט אין איר פינסטערניש. די בעסטע געריכטן וועל איך איר פאַר אַ מתנה ברענגען, די שענסטע אוצרות פון פאַרשיידענע פעלקער וועל איך צו אירע פיס דערלאַנגען, אויף וועלכער שפּראַך איך וועל נאָר פונקען פון חכמה געפינען, וועל איך זיי פאַר מײַן פאָלק אויפזאַמלען און אין זײַן שפּראַך זיי איבער־פלאַנצן; אפשר וועט ער פון זײַן שלאָף אויפוואַכן, זײַנע אויגן וועלן דאָס העלע ליכט דערבליקן, און ער וועט שוין דאַן באַגרייפן, אַז חכמה דאַרפן מען פון אַלע קוועלן שעפּן, ווייל ערשט דעמאָלט קאָן מען די העכסטע שטאַפּלען דערגרייכן [2]...

---

1 „בכורי העתים״, VIII, 278—281. ביקס נאָמען חערט דאָרט ניט אָנגעוויזן, עס איז אָבער אויסער ספק, אַז דאָס איז ער דער „געליבטער פרײַנד און קרוב״, צו וועמען דאָס ליד איז געווענדעט.

2 כל מחשבותי אערוכה להפיץ אור באפלתה. כל מגדים ומנעמים אביא תשורה אליה, מחמדות כל העמים אבחר להקריב לרגליה... אם אך חכמה בשפתם, אל כלי אריקנה להטעים לעמי תנובתם, ללשונו אעתיקנה, אולי יקץ משנתו, יראו עיני אור בהיר... למוד חכמה מכל אדם, אז תגיע לראש סלם.

אין דער אויבן ציטירטער פאָררעדע צו „שארית יהודה“, ווו ראַפּאָפּאָרט רופט פאַטעטיש אויס, אַז יעדער משכיל דאַרף מיט אַלע כוחות וועקן אין זיינע ברידער די ליבע-פונקען צום פאָלק און צו זיין אמונה, ווייזט ער דערביי אָן, אַז ער גופא, „הקטן והצעיר בעמי“, נים קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז אַזוי טרוד מיט דאגת פרנסה און פטרט אַזוי פיל צייט אַלס שכיר יום [1], גיט ער אָפּ יעדע פרייע מינוט, וואָס ער האָט, נאַציאָנאַלע אינטערעסן און האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו שאַפן אַן אומפאַנגרייך ווערק „אנשי שם“, וואָס וועט כולל זיין די לעבנס- און שאַפונגס-באַשרייבונגען פון אַלע באַרימטע מענער, וואָס זיינען געווען ביי יידן פון נאָך דער ביבלישער תקופה אָן. און טאַקע באַלד, אין משך פון דריי יאָר, זיינען אין די „בכורי העתים“ איינע נאָך דער אַנדערער דערשינען ראַפּאָפּאָרטס זעקס מאָנאָגראַפיעס וועגן מיטלאַלטערליכע גדולי ישראל [2], וואָס האָבן זיין נאָמען באַרימט געמאַכט אַלס איינעם פון די וויכטיקסטע בוימייסטערס אויפן געביט פון חכמת ישראל. אויף דעם מאָדערנעם לייענער מאַכט די אַרכיטעקטאָניק פון ראַפּאָפּאָרטס מאָנאָגראַפיעס ניט קיין באַזונדערס גינסטיקן איינדרוק. די פילצאָליקע הערות פאַרנעמען ביי ראַפּאָפּאָרטן פיל מער פלאַץ ווי די מאָנאָגראַפיעס גופא. מע מוז אָבער געדענקען, אַז ראַפּאָפּאָרט איז געווען אַן אמתער פּיאָנער אויף זיין געביט. די תקופה, וועלכע ראַפּאָפּאָרט באַהאַנדלט אין זיינע אַרבעטן (צענטער — צוועלפטער י״ה) איז אין זיין צייט געווען אַן אמתע „קרקע בתולה“ — אַן אומבאַאַרבעט פעלד. און ראַפּאָפּאָרט האָט טאַקע אויף דעם געביט באַוויזן ממש גאונישע חריפות. מיט ריזיקן פלייס זאַמלט ער דעם אים נייטיקן מאַטעריאַל איינציקווייז, פון קליינע זעמדע-לעך און קערנדלעך. פון צופעליקע באַמערקונגען, צייטנווייז מיט דער הילף פון שאַרפזיניקע אויסטייטשונגען פון איינצלע ווערטער, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער די הונדערטער חבורים, כראָניקעס און שאלות-תשובות, געלינגט אים צונויפצוזאַמלען דעם אים נייטיקן קולטור-היסטאָרישן מאַטעריאַל. דאָרטן, ווו אַנדערע האָבן געזעען בלויז הויפן זאַמד און אַש, האָט ער פאַרשטאַנען די טייערסטע פערל אַרויסבאַקומען; אין די פאַר-פּלאָנטערסטע און שטאַרק פאַרגרייזטע טעקסטן געלינגט אים, דעם

1 ראַפּאָפּאָרט איז אין משך פון אַ סך יאָרן געזעסן נאָמן און קאַסיר אין דער שטאָט-טאַקסע אין לעמבערג.

2 תולדות רבנו סעדיה גאון וקורות ספריו (בכורי העתים, IX), תולדות רבנו נתן איש רומי בעל הערוך וקורות ספרו (דאָרטן, X), תולדות רבנו האי גאון וקורות ספריו (דאָרטן), זמן ומקום ר׳ אליעזר קליר ועניני פיוטיו (דאָרטן), תולדות רבנו חננאל בן רבנו חושיאל ורבנו נסים ב״ר יעקב ממדינת קירוואן (דאָרטן, XII).

חריף, מיט זיין שכל-הישר, ארויסצובאקומען דעם היסטארישן אמת, אויפ-צוקלערן די ביז אים אומבאקאנט געבליבענע פאקטן. עס גענוגט צו ברענגען איין ביישפיל פון הונדערט. מיר האבן אין צווייטן באנד (10—11) באריהרט די אלטע אגדה, לויט וועלכער די ערשטע פארשפרייטער פון חכמת היהדות איבער די רייןֿפראווינצן איז געווען די פאמיליע קלונימוס, וואס דער „מלך צרפת קארלא״ האט מיט זיך אוים דער לאמבארדיע מיטגעבראכט און באזעצט אין מיינץ. אין די יידישע קוועלן איז א גרוי-סער פלאנטער, עס איז שווער געווען צו דערגיין, וואסער קארל ווערט דא געמיינט: צי קארל דער גרויסער צי קארל דער קרח. אין אייניקע קוועלן ווידער איז געווען אנגעוויזן א באדייטנדיק שפעטערדיקע דאטע, ווען אי דער גרויסער קארל אי קארל דער צווייטער זיינען שוין ביידע פון לאנג אויף דער וועלט ניט געווען. ראפאפארט האט אבער אין איינער פון זיינע הערות צו „ר׳ נתן בעל הערוך״ מיט גרוים חריפות דערוויזן, אז די דאטע איז פארגרייזט, און איז דערביי געקומען צום ריכטיקן אויספיר, אז „הכוונה לקרל קרח״ — אז דאס איז געשען אין קארל דעם קרחס צייטן. אמת, ווייל ראפאפארט איז געווען א פיאנער אויף א נאך גאנץ אומבאארבעטן געביט, האט אויך צייטנווייז פאסירט, אז ער איז ביי זיין גאנצער חריפות געקומען צו פאלשע הנחות, ווי דאס איז, צום ביישפיל געווען דער פאל ביי זיין ארבעט וועגן אליעזר קליר, ווו ער האט זיך געלאזט פארפירן דורך די צוגעשפיצטע השערות און איז געקומען צו גאנץ פאלשע אויספירן בנוגע דער צייט און דעם ארט פון דעם בארימטן פייטנס טעטיקייט. אויך מצד זייער ליטעראַרישער פארם זיינען ראפא-פארטס קולטור-היסטארישע ארבעטן א באדייטנדיקע דערשיינונג אין דער העברעישער ליטעראטור. זיי זיינען געשריבן אין א וויסנשאפטליכן, אבער קלארן אין לייכט פארשטענדליכן סטיל, אן איבעריקע מליצות, וואס האבן זיך געלאזט באמערקן אין זיינע פריערדיקע ארבעטן. דערביי פילט זיך, אז מיר האבן פאר זיך ניט קיין טרוקענעם געלערנטן, נאר א מענטשן מיט א באדייטנדיקן פובליציסטישן טאלענט. ווארום אויסער ריין וויסנ-שאפטליכע צוועקן איז ראפאפארט נאך עפעס אוים. דאס איז א וויסנ-שאפטליך באגרינדעטער ענטפער אויף מיזעסעם פאלעמישע ארויסטרע-טונגען, אויף זיין האס און ביטול צום יידישן מיטלאלטער. ניט מיט פאלעמישע וכוחים, נאר מיט דער איבערצייגנדיקער קראפט פון היסטא-ריש-באגרינדעטע און קריטיש באלויכטענע פאקטן פרווט ראפאפארט דערוויזן, אז אין די פינסטערע צייטן פון אייראפעישן מיטלאלטער זיינען ביי יידן געווען דענקער און פארשער, וואס זיינען געשטאנען אויף דער שפיץ פון דער דעמאלטיקער קולטור.

ראַפּאָפּאָרטס וויסנשאַפטליכע אַרבעטן האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אין די געלערנטע קרייזן. זיי, די אייראָפּעיִש־געבילדעטע און דיפּלאָמירטע, האָבן מיט שטוינען צוגעזען, ווי דער גאַליציאַנער נאָמן איבער כשר פלייש עפנט פאַר זיי גאַנץ נייַע פאָרשונגס־קוועלן. צונץ רעדט אין דער פאָררעדע צו זיין אין 1832 דערשינענעם ווערק „גאָטעסדיענסטליכע פאָרטרעגע" מיט גרויס התפעלות וועגן ראַפּאָפּאָרטס בקיאות און גרויס חריפות, וואָס יענער האָט אַנטפּלעקט אין זיינע קולטור־היסטאָרישע פאָרשונגען. ער וויַזט אויך אָגב אָן, אַז ער ציטירט ראַפּאָפּאָרטן אין זיין ווערק איבער הונדערט מאָל. „איש כלבבי ם בישראל! * רופט פּאַטעטיש אויס שמואל דוד לוצאַטו אויס פּאַדואַ אין זיין בריוו צו ראַפּאָפּאָרטן [1]; אָחי אתה ואודך, אבי וארוממך"! „ראַפּאָפּאָרטס אין „בכורי העתים" דערשינענע זעקס ביאָגראַפיעס — שרייבט פראַנץ דעליטש [2], — זיינען דימענט־אוצרות (דיאַמאַנט־גרובען) פאַר יעדערן, וואָס נעמט זיך שרייבן די געשיכטע פון יידישער ליטעראַטור". אפילו מיט צענדליקע יאָרן שפּעטער האַלט דער געשיכטס־פאָרשער גרעץ פאַר נייטיק אָנצוּווייַזן: „די כראָנאָלאָגיע, די געשיכטליכע געאָגראַפיע, די ליטעראַטור־געשיכטע און פיל אַנדערע צווייגן, וואָס זיינען אַזוי וויכטיק צו דער קריטישער אויספאָרשונג פונם גאַנג פון דער געשיכטע, — זיי אַלע זיינען ביז יענער צייט אָדער בכלל ניט באַהאַנדלט געוואָרן, אָדער אויף אַ זייער אויבערפלעכליכן אופן, און האָבן ערשט דורך ראַפּאָפּאָרטן באַקומען תיקון, ערשט ער האָט זיי באַגרינדעט און אָנגעוויזן אויף זייער אמתן באַדייט. די חריפות, אויף וואָס פאַר אַן אופן ער בינדט צונויף אַזעלכע ענינים, וואָס שיינען אויפן ערשטן קוק אַזוי גרונד־פאַרשיידן, און טיילט פונאַנדער דווקא דאָס, וואָס שיינט צו זיין אין גרויס קרבות; דער קריטישער פרוּווּשטיין, וואָס ער האָט געשאַפן און וואָס מיט זיין הילף געלינגט עס אים אָפּצוטיילן דאָס עכטע פונם פאַלשן, היסטאָרישע געשעענישן פון פשוטע לעגענדעס, — דאָס אַלץ האָט געהאַט אַזאַ גרויסע השפעה, אַז ער איז מיט פולן רעכט פאַררעכנט נעבן קראָכמאַלן פאַרן פאָטער פון דער יידישער וויסנשאַפט. דאָס, וואָס יאָסט און אַנדערע פאַרגאַנגענער האָבן געשאַפן, פאַרשווינדט אין פאַרגלייך מיט זיינע פאָרשונגען, ווי פשוטע פלוידעריי (אָבערפלעכליכע גערעדע) אין פאַרגלייך מיט אַ גוט דורכגעטראַכטער, שטרענג געגליעדערטער און קונסטפול געבויטער רעדע" [3].

---

* עס איז אויפגעשטאַנען אַ מאַן אין פאָלק ישראל, ווי מיין האַרץ האָט געוואונשן.

1 אגרות שד"ל, 165.

2 צור געשיכטע דער יידישען פּאָעזיע, 1836, 119.

3 געשיכטע דער יודן XI, 1900, 450.

ראפאפארטן האבן בארימט געמאכט זיינע ביאגראפיעס. ער האט זיך פארמאסטן צו שאפן א גרויס ווערק „אנשי שם“, וואס זאל כולל זיין די לעבנס־ און שאפונגס־באשרייבונגען פון אלע גדולי ישראל פון נאך דער ביבלישער תקופה. זיין פאך איז — איינצלנע ציגל, סאלידע, פון בעסטן מאטעריאל געפארמטע און קונציק געשליפענע בוי־שטיינער, אבער ניט קיין גאנצער בנין. אין די פילצאליקע הערות, וואס באגלייטן ראפאפארטס ארבעטן, געפינען זיך גאנצע אוצרות פון קולטור־היסטארישן מאטעריאל, אבער דאס אלץ אלס רוי־מאטעריאל, וואס נייטיקט זיך ערשט אין דער געניטער האנט פונם בוי־מייסטער, פונם ארכיטעקטאר...

ראפאפארט האט געשפירט דעם נייעם גייסט פונם יונגן 19טן יר״ה, דעם הויך פון היסטארישן וועלט־באנעם. אים האט אבער געפעלט דער פינטעטישער צוגאנג צו דער געשיכטליכער אנטוויקלונג, און פרעמד זיינען אים געבליבן די אלגעמיינע פראבלעמען, וואס האבן א שייכות צו פילאזאפיע פון געשיכטע. דאס וואס ראפאפארט איז ניט געווען אימשטאנד אויסצופירן, דערויף האט זיך פארמאסטן זיין לערער און חבר נחמן קראכמאל אין זיין לעבנס־ווערק „מורה נבוכי הזמן“.

פערטער קאַפּיטל

דער נײַצײַטיקער „מורה נבוכים". — מײמוני און קראָכמאַל. — קראָכמאַל און די דײַטשע אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע. — וועגן העגעלס השפעה אויף קראָכמאַלן. — די זעלבסט־דערקענטעניש פונם וועלט־גײַסט און דאָס זעלבסטבאַוווסטזײַן פון דער מענטשליכער פערזענליכקײט. — קראָכמאַלס קולטור־היסטאָרישע מעטאָדע. — דער „קנאת האמת" און דער „מורה נבוכי הזמן". — דער „שר האומה" און „אליה האומה". — די אײגנאַרטיקײט פון דעם ייִדישן פאָלק. — דער באַדײַט פון „שכינה בישראל". — קראָכמאַלס שטאַנדפּונקט בנוגע דעם נאַציאָנאַלן גײַסט פון דער ייִדישער אומה. — דער באַדײַט פונם „כרם חמד", זײַן פאַקטישער רעדאַקטאָר. — אליקם מילזאַגי און זײַן „ראביה". — די „רואים" און דער „עמק שושנים".

דער „פסק החרם", וועגן וועלכן מיר האָבן גערעדט אין פאָריקן קאַפּיטל, האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף קראָכמאַלן. מיר האָבן, אמת, געזען, ווי שאַרף ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם יונגן משכיל, וואָס האָט זיך געלאָזט אײַנשרעקן מצד די חסידים און זיי אַרויסגעגעבן צו פאַרברענען די השכלה־ספרים, וואָס האָבן זיך בײַ אים געפונען. קראָכמאַל גופא איז אָבער כלל קיין קעמפער־נאַטור ניט געווען. ניט אומזיסט דערמאָנט ער מענדעלזאָנס ווערטער, וואָס יענער האָט אַמאָל זײַנעם אַ פרײַנד געשריבן: דער מענטש איז ניט מחויב שטענדיק אָפן דעם אמת אַרויסצוזאָגן, — ער טאָר אָבער ניט זאָגן דאָס, וואָס איז קעגן דעם אמת. די חסידישע מאַסע, דער המון, וואָס איז בײַ אים, דעם גײַסטיקן אַריסטאָקראַט, געווען געגליכן צו „דער ווילדער חיה אָן אויגן און מיט פיל שאַרפע מײַלער" — האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַ פחד. ער האָט אַפילו די ערשטע צײַט געוואָלט אינגאַנצן אָפּטרעטן אין אַ זײַט און זיך פאַרנעמען מיט מסחר [1]. מיר האָבן שוין אין פינפטן באַנד געבראַכט די שטראָף־רייד, מיט וועלכע מענדל לעפין, דער טיפּישער אויפקלערער,

---

1 קראָכמאַל האָט אָבער װײניק געפּאַסט צו מסחר, און ער האָט דערבײַ אַ באַדײַטנדיקן טייל פון זײַן פאַרמעגן אָנגעוואָרן.

איז ארויסגעטראָטן [1] קעגן קראָכמאַלן דערפאַר, וואָס יענער איז אַ נחבא אל הכלים, און בעת ער איז דער מאַן, וואָס איז ביכולת צו ברענגען ליכט דעם פאָלק און וועמען גאָט האָט באַשטימט צו עפענען די אויגן פון די וואָס טאַפּן אין דער פינסטער, צו באַפרייען די נשמות, וואָס שמאַכטן אין געפענגעניש, — זיצט ער פאַרשפּאַרט אין זיין חדר, באַגניגנט זיך דערמיט, וואָס ער האָט פאַר זיך פיל וויסן געזאַמלט, און זיין האַנט וויל די פעדער ניט באַנוצן" [2].

קראָכמאַל איז אָבער פון לעפינס רייד ניט נתפעל געוואָרן. אמת, לעפינס טענות זיינען געווען באַרעכטיקט בלויז בנוגע קראָכמאַלס תורה שבכתב. מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן אויף דער אויסשליסלעכער אויפקלערערישער ראָלע, וואָס קראָכמאַל האָט געשפּילט אין גאַליציע דאַנק זיין פערזענלעכן פאַרקער און מינדליכע געשפּרעכן, וואָס ער פלעגט פירן ניט בלויז מיט דערוואַקסענע וויסנסבאַגיריקע יונגעלייט, נאָר אפילו מיט צוועלף־יאָריקע קינדער. דאָס אַלץ אָבער בלויז בעל־פה. גאַנץ אַנדערש האָט זיך אָבער קראָכמאַל פאַרהאַלטן צום געדרוקטן וואָרט. „זינט מיינע יונגע יאָרן, דערקלערט ער, האַלט איך מיך פעסט ביי דער עצה, וואָס דער חכם יש״ר מקנדיא האָט געגעבן: „איידער איך וועל פאַר אַנדערע לערנען דאָס, וואָס איך ווייס, וועל איך פריִער פאַר מיר לערנען דאָס, וואָס איך אַליין ווייס נאָך ניט". ער פלעגט זיך גופא איראָניש רופן „דער אייביקער סטודענט". אים האָט נאָך אַלץ געדאַכט: ער ווייס צו ווייניק. ער איז נאָך אַלץ דער „זוכער" געווען...

דאָך איז סוף־כל־סוף געקומען די צייט, ווען קראָכמאַל גופא האָט זיך איבערצייגט, אַז ער טאָר מער ניט בלייבן קיין נחבא אל הכלים און „באַגניגן זיך דערמיט, וואָס ער האָט פאַר זיך פיל וויסן געזאַמלט". און דערצו האָט ניט ווייניק מיטגעהאָלפן טאַקע מיזעסעס „קנאת האמת" און שמואל יעקב ביקס תשובה־שטימונג. דער „קנאת האמת" האָט גע־קלונגען ווי אַ וואָרעניש. קראָכמאַל האָט געזען, ווי די ייִדישע אינטע־ליגענץ פון זיין דור, די מאָדערנע „זוכערס" („המבקש"), שטייען „על פרשת דרכים". דאָס אַלטע, טראַדיציאָנעלע קאָן מער ניט באַפרידיקן, מען מוז זוכן נייע וועגן; מען קאָן זיך ניט באַגניגן מיט שמואל־יעקב ביקס פּראָגראַם: „אויסלעשן דאָס ליכט" און לאָזן דעם קראַנקן ווייטער שלאָפן, בעת די ליכט־שטראַלן שפּאַרן אַריין אַפילו דורך די צוגעמאַכטע לאָדן און וועקן פונם שלאָף און וויזן, ווי פינסטער, ווי ענג ס׳איז אין

---

1 אונזער ווערק, V באַנד, 328.

2 מענדל לעפינס רעדע איז צום ערשטן פאַרעפנטליכט אין „כרם חמד" I, 74—75.

איינגענעם תחום. און ווען עס געפינען זיך ניט קיין אייגענע מורי דרך — זוכט מען וועגווייזערס פון דער פרעמד... און פרעמדע מוזן ברענגען צו פארפרעמדונג און דערווייטערונג, צו אומקריטישן פארהאלטן צו אייגענער נאציאנאלער קולטור, און דורך דעם פארגרעסערן די צאל פון די „לייכטזיניקע אפשפעטערס" („קלי הדעת המתלוצצים"), וואס זיינען קראכמאלן ניט ווייניקער דערווידער, ווי די „הכסילים שבמאמינים" — די נאראנים, וואס גלויבן אין אלץ.

„ווי אין די פריערדיקע דורות — ווייזט קראכמאל אן — איז געווען א סכנה אויפצודעקן דאס פארהוילענע, אזוי איז היינטיקע צייטן א סכנה צו האלטן פארבארגן דאס, וואס ס'איז שוין דורך אנדערע אנטפלעקט... אמאל, אשטייגער, האט מען געקאנט רעכענען פאר א פעסטן אמת, אז גאנץ ספר תהילים, אפילו דעם קאפיטל „על נהרות בבל" האט דורך רוח הקודש דוד המלך פארפאסט. דעם היינטיקן לייענער קאן דאס אבער כלל ניט באפרידיקן; צו אים איז שוין דערגאנגען, אז דארט אין דער אייראפעישער וועלט, זיינען שוין ארויסגעזאגט געווארן גרויסע ספיקות וועגן דעם; וועט ער אן קריטיק זיך אנכאפן אין די דאזיקע דעות, אויפנעמען דאס ריכטיקע צוזאמען מיטן פאלשן" („בתערובות אמת ושקר" [1]).

קראכמאלן איז אפשר אומבאקאנט געבליבן, אז ממש די זעלביקע ווערטער האט שוין ארויסגעזאגט איינער פון די, וואס האט געלעבט אין די „פריערדיקע דורות", און יענער איז אויך ווי ער געווען א הייסער מיימוני-פארערער. מיר האבן שוין אין צווייטן באנד אנגעוויזן (ז' 145), ווי דער „מורה"-איבערזעצער, שמואל אבן תיבון, האט אין זיין „יקוו המים", — א פילאזאפישער פירוש אויף „מעשה בראשית" [2], — געהאלטן פאר נייטיק אנצווייזן: „זאל מען אויף מיר זיך ניט כתרעם זיין דערפאר, וואס איך האב אפשר צו פיל אויפגעדעקט דאס, וואס אונזערע חכמים האבן געבאטן צו האלטן בסוד. גאט איז מיין עדות, אז איך האב דאס געטאן טאקע נאר פאר זיין כבוד וועגן, ווייל איך האב מיך איבערצייגט, אז די סודות, וואס אונזערע נביאים און חכמים האבן בשעתם געהאלטן פאר נייטיק ניט מגלה צו זיין, — זיינען איצט אלע אנטפלעקט פאר די אומות העולם, און זיי דערקלערן טאקע לויט די דאזיקע אויפגעדעקטע

---

1 זע הקדמה צו „מורה נבוכי הזמן"; זע אויך דארטן, שער י"א, ז' 107 און 119 (מיר ציטירן לויט דער צווייטער אויסגאבע, 1863).

2 דאס חערק איז געבליבן אין כתב-יד און איז ערשט פארעפנטליכט געווארן אין 1837 אין פרעסבורג.

אמתן די אַלע טיפע ענינים, וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין דער תורה און אין די רייד פון די נביאים״.

קראָכמאַל האָט טאַקע געפונען, אַז די ייִדישע אינטעליגענץ פון זיין צייט שטייט אויף דעם זעלביקן שיידוועג, ווי אין דעם רמבמ׳ס דור, ווען די מוחות זיינען געווען מבולבל און זיי האָבן אויך פּונקט אַזוי בעסטן ווילן ניט געקאָנט מקיים זיין דעם אַלטן כּלל „גם מזה ומזה אל תנח ידך״ *, און ניט באַמערקן דערביי קיין שום סתירות צווישן די צוויי וועלטן — דער תּלמודיש־רבנישער און דער אַלגעמיין־וויסנשאַפטליכער.

און קראָכמאַל, דער נחבא אל הכּלים, דער קראַנקער און שוואַכער, וואָס איז אָפט ניט געווען אימשטאַנד צו האַלטן אפילו די פּען אין דער האַנט [1], קומט צום באַשלוס צו ווערן אַ וועגווייזער פאַר די בלאָנדזשענדיקע און „זוכערס״, צו שאַפן אַ נייעם „מורה נבוכים״, וואָס זאָל ווערן דער לייכט־טורעם פאַר זיין דור, ווי מיימונים „מורה״ פאַר די דעמאָלטיקע דורות [2]. וועגן די שוועריקייטן, וואָס שטייען אים דערביי פאָר, שרייבט קראָכמאַל שמואל־דוד לוצאַטון אין 1836 [3]: „עס איז איצט פיל שווערער ווי אין דעם בעל „המורה״ צייטן צו ריידן אָפן פאַר אַלעמען וועגן פראַגן, וואָס באַרירן די עיקרים, אָדער דאָס, וואָס ווערט פאַררעכנט צו די עיקרים. זיינע דעות בנוגע די סתרי תורה האָט דער רמב״ם ארויסגעזאָגט פאַר די ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אין די אַראַבישע מדינות און אין דער שכנותדיקער פּראָוואַנס; מיט די איבעריקע ייִדישע קיבוצים האָט ער זיך כּלל ניט גערעכנט, — אַזוי ווייניק איז דעמאָלט געווען דער פאַרבאַנד מיט די דאָזיקע קיבוצים. איצט אָבער איז די לאַגע גאָר אַן אַנדערע. ווי באַ־קומט מען די מעגליכקייט צו ריידן אַזאַ שפּראַך, צו באַנוצן אַזוינע ווערטער, וואָס זאָלן זיין אימשטאַנד אויף אַ גלייכן אופן אריינצודרינגען אין די הערצער און צו באַזיצן די זעלביקע איבערצייגנדיקע קראַפט הן בנוגע די איטאַליענישע הן די אָריענטאַלישע ייִדן, ווי אויך בנוגע די אויפגעקלערטע

* אי דאָס, אי יענץ ניט פאַרלאָזן.

1 אין 1831 שרייבט שד״ל צום רעדאַקטאָר פון „כּרם חמד״: צר לי מאוד בשמעי כּי החכם המופלא ר׳ נחמן הכּהן חלש בּגופו עד בּלתּי יוכל לכתוב אגרות בּזולת הכּרח (כּרם חמד, I, 72).

2 מורה נבוכי הזמן, שער י״ג, 160: וכבר הכפלנו כּמו כן שמטרת כּוונתנו דומה ממש למטרת חפץ הרב בּספר „המורה״ אצל אנשי זמנו, ושאנחנו תּמיד בּמה שנוגע לורך הדרישה יוצאים בּעקבותיו בּלי הבדל אחר זולתי ההבדל שבּין בּני דורו והמבוכות שנפלו בּו והמרפּא ההכרחי להן ובין מעמד הדור הנוכחי והענין שהם בּו.

3 דער בּריוו איז צום ערשטן געדרוקט אין מכתבי בּני קדם, 1866, 65—67, איבערגעדרוקט אין „כּתבי רנ״ק״.

דייטשע ייִדן און די פּרומאקעס פון די פּוילישע מדינות (בּאזני מתחכמי אשכּנז ובאזני מתחסדי מלכות הצפון), און איצט זיינען דאך אויך די פארבינדונגען ניט ווי אמאל: ווי ווייט די קיבּוצים זיינען ניט איינער פון דעם אנדערן און ווי פארשיידן עס זיינען ניט זייערע דעות, געפינען זיי זיך דאך אין אפטער פארבינדונג, זיי ווייסן איינער פונם אנדערן, האבן פיינט איינער דעם אנדערן, און יעדער באזונדער פארזיכערט, אז ווען אלע זאלן זיין איין דעה מיט אים, וואלטן מיר גלייך געהאלפן געווארן".

ס'איז כאראקטעריסטיש, וואס קראכמאל לאזט דערביי אומבּארירט איין וויכטיקן פּרט — ווארשיינליך אוים גרוים פּיעטעט צו מיימוני. דאס איז די שפּראך, אויף וועלכער דער „מורה נבוכים" איז געשריבּן. קראכמאל שרייבּט וועגן מיימוני: „כּנראה דבר דבריו בסתרי תורה רק באזני היהודים שישבו במלכות הערביים" *. דאס ווארט „כּנראה" איז אבער לחלוטין איבּעריק, ווייל דער „מורה" איז דאך אין אראבּיש געשריבּן, אויף דער שפּראך, וועלכע איז געווען צוגענגליך בּלויז פאר די ייִדן, וואס זיינען דערצויגן געווארן אויף דער אראבּישער קולטור. קראכמאל האט אבער געהאלטן פאר זיך פּרינציפּיעל אומדערלאזבּאר צו שאפן דעם נייעם „וועגווייזער" אויף אן אנדער שפּראך, ניט אויף העבּרעיִש, אין וועלכער ער האט געזעען די נאציאנאלע שפּראך פונם ייִדישן פאלק. און בּעת ער רעדט וועגן דעם, ווי דער בּאדייטנדסטער טייל פון דער ליטעראטור, וואס דער גריכיש-ריידנדיקער ייִדישער קיבּוץ האט געשאפן אין אלכּסנדריא, איז פארלוירן געגאנגען, האלט ער פאר נייטיק גלייך דערבּיי אנצווייזן: „דאס איז אויסער ספק זייער (די ייִדן אין אלכּסנדריא) עונש דערפאר, וואס זיי האבּן זייער נאציאנאלע הייליקע שפּראך פארלאזן. זאלן דאס די שפּעטערדיקע דורות געדענקען און זיך א מוסר נעמען" [1].

ניט אבער ״־ויז אין דער שפּראך אונטערשיידט זיך קראכמאלס ווערק פון מיימוני׳ס „מורה נבוכים". די מעטאדע, דער גאנצער וועלט-בּאנעם איז בּיי קראכמאלן א גאנץ אנדערער ווי בּיים רמבּ"ם.

מיר האבּן שוין מערערע מאל אנגעוויזן, ווי פרעמד עס איז מיימונין געווען דער געשיכטליכער צוגאנג צו קולטור-פּראבּלעמען. אלע דינים און געזעצן, ווי אויך די טעמי המצוות, בּאטראכט דער רמבּ"ם אויסשליסליך פונם ראציאנאליסטישן שטאנדפּונקט. דאס האט נאך געקאנט בּאפרידיקן די ייִדישע „אויפקלערער" פון סוף 18טן יר"ה, אבער

---

* ווי עס שיינט, האט ער געשריבּן זיינע רייד בּנוגע די סתרי תורה בּלויז פאר די ייִדן, וואס וווינען אין די אראבּישע לענדער.

1 מורי נבוכי הזמן, שער י"ב, ז׳ 127; ובלי ספק לענוש להם על עזבם את השפה הקדושה מורשה; יראה דור אחרון, ויקח מוסר.

ניט קראָכמאַלן, וואָס האָט אַזוי טיף געשפּירט דעם נייעם געשיכט-ליכן גייסט פונם נייעם יר״ה. ניט אומזיסט איז שוין אין זיינע פריסטע לערניאָרן עזריה די רוסי געווען איינער פון זיינע באַליבטסטע וועגווייזער [1], און אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער מיט גרויס פלייס שטודירט דעם איטאַליענער וויקאָס קלאַסיש ווערק „נייע וויסענשאַפט" (Principj de una szienia nuova) וואָס איז אין 1822 דערשינען אין וועבערס דייטשער איבערזעצונג.

קראָכמאַל גייט אַרויס פון קולטור-היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, און מיט ביטערן סאַרקאַזם רעדט ער וועגן די „קלי הדעת מעדתנו", וואָס ווייזן אַרויס זייער „אויפגעקלערטקייט" דערמיט, וואָס זיי לייקענען אין אַלץ, — אי אין דער עקזיסטענץ פון משה רבנו, אי אין די ספרי הנבואה, — און זאָגן אַרויס זייערע ספיקות: „אולי חברם רב רמאי" — אפשר האָט זיי גאָר געשריבן עפּעס אַ רב אַ שווינדלער [2]. ער שטעלט זיך דערפאַר די אויפגאַבע אויסצופאָרשן די גענעזיס, דעם „שורש ומקור", ווי עס הייסט ביי אים, אונטער וועלכע באַדינגונגען און אויס וועלכע סיבות עס האָבן זיך געבילדעט אָט די אידעען, מנהגים און געזעצן, וואָס אָט די „קלי הדעת מעדתנו" טרעטן קעגן זיי אַרויס מיט אַזאַ געשפּאָט און געלעכטער (בשחוק מרבה להכיל). אויס צוויי טיילן האָט געזאָלט באַשטיין דאָס פון קראָכמאַל געפּלאַנטע ווערק „אמונה צרופה" [3]. דער ערשטער — אַ היסטאָרישער, אין 18—20 קאַפּיטלעך [4], און דער צווייטער — אַ ריין פילאָזאָפישער. דער קרענקליכער קראָכמאַל האָט ניט באַוויזן זיין ווערק צו פאַרענדיקן; בלויז 17 קאַפּיטלעך האָט ער פאַרטיק געמאַכט, פערצן פאַרן ערשטן טייל און דריי פאַרן צווייטן. און דאָך איז אָט דאָס ניט פאַרענדיקטע ווערק איינס פון די מערקווירדיקסטע דענקמעלער, וואָס דער ייִדישער געדאַנק האָט געשאַפן אויפן ייִדישן געביט אין דער נייער תקופה.

קראָכמאַלס וועלטבאַנעם איז געווען אַ ריין אידעאַליסטישער; דערוויף איז ער דאָך געווען דעם רמב״ם אַ הייסער פאַרערער, און זיך

---

1 דער בעל „מאור עינים" ווערט עפטערס ציטירט אין „מורה נבוכי הזמן", זע דאָרטן, 39, 126, 186, 190.

2 מונ״ה, שער א׳, 2. עס איז אויסער ספק, אַז די דאָזיקע ווערטער, ווי אויך אין אייניקע אַנדערע שטעלן, ווי, אַשטייגער, אין שער י״ד, ז׳ 186, וווּ עס ווערט דערמאָנט אַ „חכם האחרון בזמן" — זיינען געווענדעט קעגן דעם בעל „קנאת האמת".

3 דעם נאָמען: „מורה נבוכי הזמן" האָט קראָכמאַלס ווערק צו פאַרדאַנקען דעם אַרויסגעבער לעאָפּאָלד צונצן.

4 זע דעם אויבן ציטירטן בריוו צו לוצאַטאָן.

אויפגעצויגן אויף דער קלאסישער דייטשער אידעאליסטישער פילאזאפיע. דעם גרעסטן איינדרוק האבן אויף אים געמאכט קאנט און העגעל, און זייער השפעה פילט זיך גאנץ שטארק אין קראכמאלס לעבנסווערק. פיכטע האט אויף אים געווירקט ניט מיט זיין פילאזאפישן סיסטעם, נאר דער עיקר מיט זיינע בארימטע „רעדן צום דייטשן פאלק", ווו ער גיט א גלענצנדיקע פילאזאפישע באלייכטונג דער נאציאנאלער פראגע. אייניקע פארשער [1] פרווון קריינען קראכמאלן מיטן נאמען: העגעליאנער, און שילדערן אים אלס געטרייען תלמיד פון דעם בארימטן דייטשן דענקער. דאס איז אבער ניט ריכטיק. אמת, אין פיל זייער וויכטיקע שטעלן פון „מורה נבוכי הזמן" שפירט זיך טאקע גאנץ בולט העגעלס השפעה, ווי, צום ביישפיל, בעת קראכמאל באטראכט אויף ריין דיאלעקטישן אופן דאס זיין און ניט זיין (ההיות והאין) ניט ווי צוויי עקסטרעמע קעגנזאצן, נאר ווי צוויי מאמענטן פון איינער און דער זעלביקער אומאונטערגעבראכענער דערשיינונג [2], אדער ווען ער דערקלערט, ווי קוואליטעט (איכות) גייט איבער אין קוואנטיטעט (כמות) [3]. עס פעלט אבער ביי קראכמאלן גראד דער וויכטיקסטער מאמענט פון העגעלס פילאזאפיע, די באוועגנדיקע קראפט פון געשיכטליכער אנטוויקלונג — די דיאלעקטיק פון ווידעראנאנדן און קעגנזאצן, די לערע וועגן דער טריאדע פון טעזע, אנטיטעזע און סינטעזע, וועגן דעם געראנגל פון דעם עקזיסטירנדיקן מיט די פון אים גופא געבארענע נייע פארמען, וואס ווערן מיט אייזערנער אומפארמיידליכקייט זיין קברן און צעשטערער, און אט דורך דעם צעשטערונגס-פראצעס גייט דער מענטשליכער קיבוץ איבער צו העכערע אנטוויקלונגס-שטופן. דאס אלץ לאזט קראכמאל אומבארירט, און ראווידאוויץ [4] איז טאקע גערעכט, בעת ער קומט צום אויספיר, אז קראכמאל באטראכט דעם גאנג פון דער געשיכטע ניט פון דיאלעקטישן, נאר פון ריין גענעטישן שטאנדפונקט. אנדערע זייער וויכטיקע עלעמענטן פון העגעלס „פילאזאפיע דער געשיכטע" באקומען ביי קראכמאלן א גאנץ אנדערן פירוש, און דאדורך אויך א נייעם מער קאנקרעט-רעאליסטישן אינהאלט. העגעל לערנט אין זיין „פילאזאפיע דער געשיכטע", אז דער תמצית פון דער וועלט-געשיכטע

---

1 ווי, צום ביישפיל, י. ל. לאנדוי אין זיין דייטשער ארבעט „נחמן קראכמאל איין העגעליאנער", 1904; אויך בערנפעלד אין „דור חכם", 15.

2 הפכים, ואם זאת המה אחד, ולא יצויר ביניהם שום הבדל... הוה ונפסד, היינו מורכב מהיות ואין (מורה נבוכי הזמן, שער ט״ו, 214—215).

3 דארטן, 218. אפילו פילוס פילאזאפישער חעלטפאנעם באקומט אין קראכמאלס אונטערפרעטאציע א העגעלישע באפארבונג (דארטן, סוף שער י״ב).

4 אין זיין אריינפיר צו „כתבי רנ״ק".

אין די אָביעקטיווע אנטוויקלונג פון דער אַבסאָלוטער אידעע, די אנטוויקלונג, וואָס דורך איר קומט דער אוניווערסאַלער גײַסט צו זײַן פולן זעלבסטבאַוווּסטזײַן, צו דער דערקענטעניש פון זיך אַליין[1]. בעת אָבער העגעל באַטראַכט די היסטאָרישע נאַציאָנאַלע מלוכות און „פאָלקס־גײַסטער״ בלויז אַלס באַשטימטע עטאַפּן אין דעם זעלבסטבאַוווּסטזײַן פון דעם אַבסאָלוטן גײַסט, און דעם איינציקן באַדײַט און ווערט פון דעם געשיכטליכן פּראָצעס האָט ער געזען טאַקע בלויז אין דעם, וואָס „דער וועלטגײַסט דערקענט זיך אַליין״, — האָט קראָכמאַלן דער עיקר אינטערעסירט דער פּראָצעס גופא: ווי אַזוי נאַציאָנאַלע קולטורן ווערן געבאָרן און געשאַפן, ווי אַזוי דער נאַציאָנאַלער קיבוץ הייבט זיך אויף אין זײַן געשיכטליכער אַנטוויקלונג פון די נידעריקסטע קולטור־שטאַפּלען ביז צו די העכסטע מדרגות. בעת העגעל האָט אין דער מלוכה, אין דעם שטאַט געזעען די העכסטע אַנטפּלעקונג פונם אָביעקטיוון גײַסט, די פולקומענסטע פאַרקערפּערונג פון דער געטליכער חכמה אין דעם לעבן פון דער מענטשהייט, — האָט קראָכמאַל געזען די אויסשליסליכע גײַסטיקע קראַפט פון דעם ייִדישן קיבוץ דוקא אין דעם, וואָס יענער איז איבערגעוואַקסן דעם מלוכה־אינסטיטוט און זײַן נאַציאָנאַלע קולטור איז ניט צונויפגעבונדן מיט די ענגע גרעניצן פון אַ באַשטימטער טעריטאָריע. קראָכמאַלס הויפּט־אינטערעס צו געשיכטע ליגט ניט אין דעם, וואָס דורך איר אַנטוויקלונגס־גאַנג „קומט דער אוניווערסאַלער גײַסט צו זײַן פולן זעלבסטבאַוווּסטזײַן״, צו דער „דערקענטעניש פון זיך גופא״ — נאָר וואָס דורך אויספאָרשן און דערקענען די קולטור־היסטאָרישע פּראָצעסן קומט צום „זעלבסטבאַוווּסטזײַן״ די מ ע נ ט ש ל י כ ע פ ע ר ז ע נ ל י כ ק ײ ט.

עס איז אומבאַדינגט נייטיק — דערקלערט קראָכמאַל — צו פאָרשן, ווי ווײַט ס׳איז נאָר מיגליך, און זיך באַקענען מיט דער פאַרגאַנגענהייט פון אונזער פאָלק, מיט זײַנע וויכטיקסטע איבערלעבונגען, מיט די צוזאַמענשטויסן און פאַרבינדונגען מיט אַנדערע קיבוצים און סביבות, און מיט די דערבײַ אין פאַרשיידענע תקופות געשאַפענע דעות, שטרעמונגען, האָפענונגען און תביעות. דאָס איז נייטיק, פאַרזיכערט קראָכמאַל, ווײַל אין דעם אַלץ אַנטפּלעקט זיך דאָך דער מהות פון דעם קאָלעקטיוון נאַציאָנאַלן גײַסט (שהיא נפש ישראל הכללית); נאָר דורך דעם קאָנען מיר אויפקלערן און דערקענען אונזער אייגענעם מהות (לבירור הכרת עצמותינו ומהותינו), און דאָס פאַרגאַנגענע קאָן אונז דינען אַלס וועגווײַזער פאַרן קומענדיקן (ומזה נקיש על הבאות)[2]. קראָכמאַל האָט אָבער

---

1 העגעל, „פילאָזאָפיע דער געשיכטע״, 2טע אויפלאַגע, 23, 79 א״ה.

2 מורה נבוכי הזמן, שער י״ב, ז׳ 127. זע אויך שלוס פון שער י׳: והדרישה בכל אלה מעולה ויקרה למען נחכם באחריתנו.

זייער גוט געוווסט, ווי ווייניק באַהבנט און ווי אומבאַהאָלפן זיין אוידי־טאָריום איז בנוגע צו געשיכטליכע פּראָבּלעמען. אַפילו לומדים און תּלמידי חכמים זיינען דאָך געווען זיכער, אַז יעקב אבינו האָט געלערנט אין די ישיבות פון שם ועבר, אַז עתניאל, איינער פון די ערשטע שופטים, האָט דורך קונציקן פּלפּול באַנײַט אַ סך פאַרגעסענע הלכות, דוד המלכם טאַפּפערער קריגסמאַן עמשא פלעגט יעדן טאָג גיין, אָרומ־געגורט מיטן שווערד, אין בית־המדרש אַרײַן [1]; יעדער דין אין שלחן ערוך איז „הלכה למשה מסיני", און ווער עס וויל באַווײַזן, אַז דאָס תהילים־געזאַנג „על נהרות בבל שם ישבנו" האָט ניט דוד המלך געשאַפן ברוח הקודש, נאָר אַ דיכטער אויס דער תקופה פון גלות בבל, — איז אַ כופר בעיקר. „אין היזק יותר רב לערבב הזמנים והמעשים", — דערקלערט קראָכמאַל, — דעם גרעסטן שאָדן ברענגט דער פלאַנטער פון צײַטן און געשעענישן. און ער געפינט, אַז אויף אים ליגט דער חוב אויפצודעקן דעם דאָזיקן פלאָנטער, צו ווערן דער וועגווײַזער פון די „נבוכי הזמן".

אין רויִקן, געלאַסענעם טאָן, וואָס זאָל קאָנען באַפרידיקן אי דעם וויסנסבאַגיריקן „אמת־זוכער" אי דעם ווייניק צוגעגרייטן, פּרוּווט ער אַנאַליזירן די מסורה און די כתבי הקודש בײַם ליכט פון וויסנשאַפט־ליכער קריטיק. ער באַגניגט זיך ניט דערמיט, וואָס ער, דער ערשטער צווישן די יידישע פאָרשער, גיט פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט אַ מײַסטערהאַפטן איבערבליק וועגן דער אַנשטייִונגס־צײַט פון די וויכ־טיקסטע ביבלישע ווערק [2] און וועגן זייער באַדײַט אַלס היסטאָרישע דאָקומענטן. ער שטעלט זיך גאַנץ באַריכות אָפּ אויף דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער יידישער קולטור זינט דעם גלות בבל ביז דער חתימת התלמוד. ער איז געווען דער ערשטער געשיכטס־פאָרשער, וואָס האָט העל באַלויכטן די טונקלסטע תקופה אין דער יידישער געשיכטע: פון זרובבלן און דער ערשטער עליה ביז די חשמונאים. מיט גרויסער חריפות און גײַסטרײַכער אינטויִציע נוצט קראָכמאַל אויס אַלס ווערט־פולן געשיכטליכן מאַטעריאַל פיל מימרות, מוסר־השכל, אגדות און תקנות, וואָס זײַנען צעשפּרייט איבער דער אַלט־תלמודישער ליטעראַטור.

1 מורה נבוכי הזמן, שער י"ג, 161.

2 אייניקע פאָרשער חײַזן אָן, אַז קראָכמאַל מײַדט אויס בײַ זײַן היסטאָריש־קריטישן אַנאַליז צו באַרירן די פּראַגע וועגן דער ענדגילטיקער רעדאַקציע פון תורת משה. דאָס איז אָבער ניט אינגאַנצן ריכטיק. פאָרזיכטיק, אָבער גאַנץ באַשטימט גיט ער דאָך דעם לייענער אָנצוהערן, אַז געוויסע טיילן פון תורת משה געהערן צו אַ שפּעטערער תקופה. זע, צום בײַשפּיל, קראָכמאַלס אָנווײַזונגען: ודע שברכת יעקב לבניו כל עיקרה לזמן זה נתנבאה (שער ח', 29) און אַז די צוויי „תוכחות" געהערן צו אַ שפּעטערער צײַט (שער ט', 34).

אויך די אייגנאַרטיקייטן פון דער שפּראַך, געוויסע לעקסיקאַלאַגישע עלע־מענטן ווערן דורך קראָכמאַלן מיט דערפאָלג אויסגענוצט. בכדי פעסט־צושטעלן די צייט, ווען אַ באַשטימטע החלטה אָדער דין איז אָנגענומען געוואָרן. ממש עפּאָכעמאַכענדיק זײַנען די קאַפּיטלעך (XIV—XIII), ווו קראָכמאַל פרוווט געבן אַ ריין וויסנשאַפטליכן אַנאַליז, ווי אַזוי עס האָט זיך אין משך פון דורות אַנטוויקלט די תורה שבעל־פּה (די הלכה, ווי אויך די אגדה) פון עזרא הסופרים צײַטן ביז דער קאָדיפיקאַציע פונם תלמוד. בעת אויפן געביט פון ביבל־קריטיק האָט קראָכמאַל געהאַט פאָרגענגער צווישן די קריסטליכע אייראָפּעיִשע געלערנטע, איז ער אויפן תלמוד־געביט געווען אַן אמתער פּיאָנער און אַן אָנערקענטער וועגווײַזער פאַר די שפּעטערדיקע תלמוד־פאָרשער [1]. און דאָס אַלץ געשעעט אין אַ רויִקן, ריין־וויסנשאַפטליכן טאָן, אָן שום מליצות, אין אַן ענג־געפּאַסטער, אַ ביסל אַלטמאָדישער שפּראַך, וואָס דערמאָנט די אַלטע חקירה־ספרים, די אבן תיבונס און דעם טיפן חסדאי קרעשקאַס [2]. מיט גרויס בקיאות און מוסטערהאַפטער סיסטעמאַטישקייט גיט ער אַ בולט בילד, ווי אַזוי די תורה שבעל־פּה האָט עוואָלוציאָנירט אין משך פון דורות אונטער דער דירעקטער השפּעה פון דעם פאַמעליך געענדערטן לעבנס־שטייגער. מיט אײַזערנער לאָגיק פרוווט ער קלאָר מאַכן אפילו פאַר דעם אָרטאָדאָקסישן לייענער, אַז „ווען מען זאָל האָבן אַ מער קלאָרן באַגריף וועגן די פּרי־מיטיווע לעבנסצושטאַנדן, אין וועלכע די ייִדן האָבן געלעבט אין די צײַטן פון די שופטים און אפילו אין דער תקופה פון די מלכי יהודה, וואָלט מען ערשט רעכט פאַרשטאַנען, ווי ווייניק מען האָט זיך דעמאָלט געניי־טיקט אין די פיל הלכות, וואָס זײַנען אונז פאַררעכנט אַלס „הלכה למשה מסיני״ [3].

---

1 אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט די שטעלע אין די מעמואַרן פון א. ה. ווײַס (דעם פּראָפעסאָר פונם קלאַסישן „דור דור ודורשיו״), ווו ער שרײַבט וועגן דער השפּעה, וואָס קראָכמאַלס ווערק האָט געהאַט אויף זײַן אייגן שאַפן (זכרונותי, 121—123; זע אויך „דור דור ודורשיו״ ב׳ II, 204).

2 בלויז אין דעם ווײַטערדיקן קאַפּיטל (שער ט״ו, דרך החיצונים), ווו עס ווערן באַהאַנדלט די ייִדיש־קריסטליכע גנאָסטיקער און די קבלה־לערע, פאַרלירט קראָכ־מאַל צײַטנווײַז זײַן וויסנשאַפטליכע אָביעקטיוויטעט. ווײַל די קבלה האָט אידעיִש גע־שפּײַזט די שבתי צבי־באַוועגונג און די אים אַזוי פאַרהאַסטע חסידות, שטרײַכט ער באַזונדערס אונטער, אַז די טעאָזאָפישע קבלה־אידעען שטאַמען על־פּי־רוב פון די טעקסטן, וואָס זײַנען אַוועק פונם ייִדנטום.

3 מורה נבוכי הזמן, שער י״ג, 161, 162—163. און דער לייענער מוז דערבײַ קומען צום לאָגישן אויספיר, אַז די דאָזיקע הלכות זײַנען אַ פּראָדוקט פון באַדײַטנדיק שפּעטערע דורות.

אז מען פארגלייכט די באטרעפנדיקע „שערים" פון קראכמאלס „מורה נבוכי הזמן" מיט די בלעטער אין „קנאת האמת", ווו מיזעס גיט אן אלגעמיינעם איבערבליק וועגן דער יידישער קולטור-געשיכטע, זעט מען ערשט בולט, ווי גרויס ס'איז די דיסטאנץ צווישן היסטאריש-קריטישער, אמת וויסנשאפטליכער פארשונג, און אויבנאויפנדיקע, דילעטאנטישע ראציאנאליסטישע סברות, געשעפט פון דריטער האנט און זעלבשטענדיקער קריטישער באלייכטונג.

קראכמאל באגנוגנט זיך אבער ניט בלויז מיט געשיכטע אליין, ער פארמעסט זיך אויך קלאר צו מאכן דעם לייענער דעם מוסר השכל, די פילאזאפיע פון דער געשיכטע. נישט בלויז די יידישע מסורה באטראכט קראכמאל אלס פראדוקט פון א דורות-לאנגן געזעצמעסיקן אנטוויקלונגס-פראצעס פון קולטור-נאציאנאלן שאפן. לויט קראכמאלס קאנצעפציע פארנעמט בכלל דער נאציאנאלער פרינציפ דעם צענטראלן פונקט אין יעדן קולטור-היסטארישן פראצעס. יעדער נאציאנאלער קיבוץ, — דערקלערט קראכמאל, — בעת ער טוט אויף זיין היסטארישן לעבנסוועג שטופנווייז אנטוויקלען זיינע גייסטיקע כוחות, לייגט ער ארויף אויף די אלע קולטור-עלעמענטן, וואס ער זאמלט אין זיך אויף, דעם אייגנארטיקן שטעמפל פון זיין גייסט, פון זיין „איך"-נוכח. און טאקע אט די אלע אינדיווידועל-ספעציפישע פארבן און ניואנסן, וואס די קולטור-אוצרות באקומען ביי יעדן פאלק באזונדער, — זיינען עס דער תמצית, דער וויכטיקסטער מהות פון דער נאציע (עצמות האומה). דער קאנקרעטיזירטער סימבאל פון דער אייגנארטיקייט, וואס כאראקטעריזירט די נאציאנאלע גייסטיקע כוחות — דאס איז דער „אלהי האומה" אדער „שר האומה", ווי עס הייסט אין דער תלמודישער ליטעראטור. א לאנגן, מיזאמען וועג מוז יעדע נאציע דורכמאכן פון די פרימיטיווסטע קולטור-שטופען, ביז זי שאפט איר „גאט" (אלהי האומה) — דעם אפגלאנץ און באגרעניצטן באגריף וועגן דעם אוניווערסאלן גייסט (הרוחני המוחלט). יעדע נאציע, ווי יעדער אנדערער לעבעדיקער ארגאניזם אין דער נאטור, מאכט דורך, לויט קראכמאלס קאנצעפציע, דריי אנטוויקלונגס-סטאדיעס: מועד הצמיחה והגידול — די סטאדיע פון בליען און וואקסן, מועד העוז והמפעל, די תקופה פון העכסטער קראפט-אנטוויקלונג און אקטיווער טעטיקייט, און מועד ההיתוך והכליון — די תקופה פון נידערגאנג און צעפאל [1]. מיט דער ירידה פון דער נאציאנאלער קולטור, שטרייכט קראכמאל אונטער, גייט אויך די נאציע אונטער, ווארום דער תמצית פון דער אומה איז

---

1 מורה נבוכי הזמן, שער ח', עם עולם ומועדיו.

דאָך איר גײַסטיקע אײגנאַרטיקייט; און שטאַרבט אָפּ דער גײַסט, צעפֿאַלט גלײַך דער קיבוץ [1]. דער גײַסט איז אָבער אומשטערבליך, און אַלץ, וואָס אַ נאַציאָנאַלע קולטור פֿאַרמאָגט אמת ווערטפֿולס, וואָס איז ניט ענג פֿאַרבונדן מיט די פֿאַרגענגליכע צוימען פֿון צײַט און אָרט, ווערט אויפֿגענומען אין די אוצרות פֿון דער אַלוועלטליכער קולטור [2].

צווישן אַלע קולטורן פֿון די אַנטיקע פֿעלקער, ווײַזט קראָכמאַל אָן, טיילט זיך אָבער אויס מיט איר אייגנאַרטיקייט די קולטור פֿונם ייִדישן פֿאָלק. בײַ יעדער אַנדער פֿאָלק האָט זיך זײַן קולטור אַנטפּלעקט אין באַגרעניצטע, איינזײַטיקע פֿאָרמען: בײַ איינעם איז דער העכסטער קרי־טעריום, די מאָס פֿון אַלע ווערטן געווען שיינקייט, בײַם אַנדערן גבורה אאַז״וו, און לויט די דאָזיקע באַגריפֿן זײַנען אויך געווען געפֿורעמט די „אלהי האומה", די „געטער", וואָס יעדער פֿאָלק האָט געשאַפֿן. דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אָבער אויף די העכערע שטאַפּלען פֿון זײַן קולטור־לעכער אַנטוויקלונג ניט געלאָזט זיך באַגניגן מיטן באַגרעניצטן און איינ־זײַטיקן, נאָר געווענדעט זיך אויסשליסליך צום אַבסאָלוטן און אוניווער־סאַלן. דער נאַציאָנאַלער געניוס פֿון דער ייִדישער אומה האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט אויף די באַזונדערע אַנטפּלעקונגען פֿון דעם וועלטגײַסט, נאָר אויף זײַן אַלאומפֿאַסנדיקער אומבאַגרעניצטקייט און אַבסטראַקטער נויטווענדיקייט. אָט אַזוי איז דער „אלהי האומה", דער נאַציאָנאַלער גאָט פֿון ייִדישן פֿאָלק, געוואָרן דער אַבסאָלוטער גײַסט פֿונם אומענדליכן (הרוחני המוחלט והאין סוף). דאָס כאַראַקטעריסטישסטע אין דער נאַציאָ־נאַלער קולטור פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק באַשטייט אין דעם, וואָס זי איז אין משך פֿון איר היסטאָרישער אַנטוויקלונג איבערגעוואַקסן די ענגע נאַציאָנאַלע גרעניצן, און האָט זיך דערהויבן צו אוניווערסאַלן פֿאַרנעם. און אין דעם, איז קראָכמאַל מוסיף, ליגט דער סוד פֿון די אַזוי אָפֿט אין דער תורה איבערגעחזרטע ווערטער: „ושכנתי בתוכם", „כי אתכם אני", „ורוחי עומדת בתוכם"! * אָט דאָס איז דער באַטײַט פֿון דעם סימבאָלישן אויסדרוק: שכינה בישראל [3]. קראָכמאַל האַלט פֿאַר נייטיק מערערע מאָל

---

1 מורה נבוכי הזמן, שער ז׳, 22: רק הרוחני ההוא בעצמו ולבדו, הוא המוליד ומקיים הקשר ההוא כל ימי היות האומה... אין עצמיות האומה במה שהיא אומה כ״א עצמות הרוחני שבה... לא תקום שום אגודה וחברה אנושית, כי תפרד החבילה כרגע.

2 דאָרטן: הבאים על ידי זה לנחלה לכל המין האנושי ולרוחניותו הכוללת שתצא בו לפועל ולאורה במשך כל ימי עולם.

* איך וועל רוען צווישן זיי, איך בין מיט אײַך צוזאַמען, און מײַן גײַסט איז צווישן אײַך.

3 דאָרטן, 23--24.

אונטערצושטרײַכן, אַז די עוואָלוציע, וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט דורכגעמאַכט פֿונם פֿאַרענדערליכן און באַגרעניצטן נאַציאָנאַלן צום אוני־ווערסאַלן און אַבסאָלוטן, איז אַ פּראָדוקט פֿון אַ פֿיל־דורות־לאַנגן קולטור־היסטאָרישן פּראָצעס. ווײַבאַלד אָבער דער דאָזיקער פּראָצעס איז צו זײַן גמר געקומען, האָט, אדאַנק זײַן השפּעה, דער אונטערגאַנגס־גורל פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער — איבער דעם ייִדישן פֿאָלק שוין קיין שליטה ניט געקאָנט האָבן. דער גײַסט פֿון אוניווערסאַלן און אַבסאָלוטן, צו וועלכן דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט זיך דערהויבן, האָט אים אַליין געמאַכט אומשטערבליך, אומאָפּהענגיק פֿון מלוכה־גרעניצן און באַשטימטער טערי־טאָריע (ורוחני הכללי בתוכנו יָגֵן עלינו ויצילנו מדין כל בני חלוף). און דערפֿאַר, ווען ס׳האָט זיך פֿאַרענדיקט די אַנטוויקלונגס־„טריאַדע״ פֿון דער ייִדישער געשיכטע, און נבוכדנצרס חיילות האָבן צעשטערט דאָס קיניגרײַך פֿון יהודה, האָט זיך דערמיט ניט פֿאַרענדיקט דער לעבנסוועג פֿונם ייִדישן פֿאָלק, ווי דאָס איז געווען דער פֿאַל בײַ אַנדערע פֿעלקער; דער גורל פֿונם ייִדישן פֿאָלק שפּינט זיך ווײַטער, עס פֿאַנגט זיך גלײַך אָן דער היסטאָרישער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פֿון אַ נײַער „טריאַדע״. אַזוינע „טריאַדען״ אין דער ייִדישער געשיכטע מערקט קראָכ־מאַל אָן גאַנצע דרײַ. דער ערשטער רינג פֿון דער צווייטער טריאַדע (מועד הצמיחה והגידול) איז, לויט קראָכמאַל, די תּקופֿה פֿון דער ערשטער עליה אויס גלות בבל ביז אַלכּסנדר מוקדון; דער „מועד העוז והמפעל״ פֿאַרענדיקט זיך מיטן טויט פֿון אַלכּסנדר ינאַיס פֿרוי דער קיניגין שלומית; די דריטע תּקופֿה (מועד ההיתוך והכליון) פֿאַרענדיקט זיך מיט הריסות ביתר און דעם דורכפֿאַל פֿון בר־כּוכבאָס אויפֿשטאַנד. דעם אָנהויב פֿון דער דריטער „טריאַדע״ רעכנט קראָכמאַל די תּקופֿה פֿון דער משנה־קאָדיפֿיקאַציע; די בלי־תּקופֿה פֿאַנגט זיך אָן מיטן אַרויסטרעטן אויף דער וועלט־אַרענע פֿון דער מוסולמעניש־אַראַבישער קולטור און דויערט ביז דער צײַט פֿון מיימוני, און פֿונם 13טן יר״ה פֿאַנגט זיך אָן די ירידה־תּקופֿה. ניט גאַנץ דײַטליך, בלויז דורך רמזים, וואָס געפֿינען זיך אין דעם אָנגעשריבענעם טייל „מורה נבוכי הזמן״, קאָן מען זיך משער זײַן, אַז לויט קראָכמאַל האָט די ערשטע תּקופֿה פֿון אַ נײַער „טריאַדע״ אין דער ייִדישער געשיכטע זיך אָנגעפֿאַנגען קרוב צו זײַן צײַט, אין סוף 18טן יר״ה מיט די ערשטע השכּלה־שפּראָצונגען.

דאָס איז אָבער, ווי געזאָגט, בלויז דורך רמזים אָנגעמערקט. ניט אויפֿגעקלערט זײַנען אויך געבליבן אייניקע אַנדערע, זייער וויכטיקע מאָמענטן אין קראָכמאַלס וועלטבאַנעם. און עס איז שווער פֿעסטצו־שטעלן, צי האָט קראָכמאַל מיט אַ כּיוון ניט געוואָלט קלאָר באַלײַכטן

געוויסע פרטים, כדי ניט צו דערצערנען די „סכלים שבמאמינים״; אָדער ער האָט בדעה געהאַט צו ריידן וועגן זיי מער באריכות אין דעם צווייטן, פילאָזאָפישן טייל, וואָס ער האָט שוין מחמת דעם פריצײַטיקן טויט ניט באוויזן אָנצושרײַבן. עס איז דערבײַ כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף איין וויכ- טיקן פונקט. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז קראָכמאַלס וועלט- באַנעם איז געווען אַ אידעאַליסטישער. בעת ער שטרײַכט עפּעס אונטער דעם באַדײַט פון קולט און רעליגיעזן ריטוס [1], ווײַזט ער דאָך אָן אַלס געטרײַער תּלמיד פון מײַמוני, אַז „דעת אלהים״ איז אַ העכערע מדרגה פון „עבודת אלהים״, ווײַל נאָר דורך גאָט-פאָרשונג, דורך דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע (הפילוסופיאה של הדת) קאָן מען דערגרייכן צו דער העכסטער איינהייט, צו דעם אבסאָלוטן. אין יעדן יחיד, ווי אויך אין יעדן נאַציאָנאַלן קיבוץ, דערקלערט קראָכמאַל, געפינען זיך שוין אַפילו אויף די נידעריקסטע קולטור-שטופן פונקען פון גאָט-דערקענען (התנוצצו שביבי אש דת) און דורך אַ לאַנגער געשיכטליכער עוואָלוציע אַנטוויקלען זיך אָט די טונקעלע, ניט גאַנץ באַשטימטע שפּירונגען און שטרעבונגען צו דערהויבענעם, צו דער מדרגה פון „אמונה תוריית״ — פון אַ פּאָזיטיווער רעליגיע, וואָס איר באַשטימונג איז, לויט קראָכמאַלס דערקלערונג, — „היותה דעת האמת המוחלט״, וויסן און באַגרײַפן דעם אבסאָלוטן אמת, די אור-סיבה פון אַלץ, וואָס בלויז דורך איר און אין איר באַקומט עס דעם באַדײַט פון רעאַלער עקסיסטענץ (ודעת מה שיש לו קיום ועמידה בו — הרוחני) [2]. „אי אפשר — זאָגט קראָכמאַל אויף אַן אַנדער אָרט [3] — להיות תכלית העולם בכללו ובמוחלט זולתו הרוחני ועצמותו״ — דער ענדציל פון דער וועלט קאָן קיין אַנדערער ניט זײַן ווי דער אין אים און דורך אים אַנטפּלעקטער גײַסט. „הרוחני ועצמותו״, „הרוחני הכללי״, „הרוחני המוחלט״, — חזרט קראָכמאַל מערערע מאָל איבער. ער פּרוּווט אָבער אין די שערים, וואָס ער האָט באַוויזן אָנצושרײַבן, קיין איינציק מאָל ניט אויפצוקלערן, וואָס ער באַגרײַפט, אייגנטלעך, אונטער דעם „רוחני המוחלט״. ער ווײַזט בלויז אָן אין דעם זעקסטן שער „שגם

---

1 זע שלוס פונם זעקסטן שער, און אויך קראָכמאַלס אַרטיקל אין „כרם חמד״ IV, 269—270. קראָכמאַל זעט דעם באַדײַט פונם קולט ניט בלויז אין דעם, וואָס ער דינט אַלס מיטל צו נאָרמירן און דערהייבן (הייליקן) דאָס לעבן פונם קיבוץ. זײַן חיבטיקייט ליגט, לויט קראָכמאַלס באַנעם, דער עיקר אין דעם, וואָס דורך אים דריקט זיך אויס אין אָקטיווע, קאָנקרעטע מעשים דאָס אינערלעכסטע גײַסטיקע באַוווסטזײַן, און העלפט דורך דעם פיל מיט דער איינציקונג און פאַרבינדונג פונם קאָלעקטיוו.

2 דאָרטן, שער ו׳, 17—18.

3 דאָרטן, שער י״ד, 187.

לעצמו יתודע הרוחני אך ורק על ידי פעולותיו" — בלויז דורך זיינע אקטיוו-דורכגעפירטע מעשים קומט דער וועלטגייסט צו זיין זעלבסט-דערקענטעניש. מיר ווייסן שוין אבער, אז לויט קראכמאלס קולטור-היסטארישער קאנצעפציע האט יעדער קולטור-פאלק זיין גאט באשאפן, אים אין זיינע גייסטיקע אוצרות אויפגעהיט (שנאצרות לאוצר קודש רוחני באומה); און ווען אפילו דאס פאלק גייט פארלארן, גייען זיינע גייסטיקע אוצרות איבער לנחלה „לכל המין האנושי ולרוחניותו הכוללת" [1]. דאס יידישע פאלק איז אין זיין גאט-באשאף, לויט קראכמאלס וועלט-באנעם, נאך ווייטער געגאנגען: „יוצר הכל הוא!" — עס האט אין זיין קולטורעלן אויפשטייג באשאפן דעם באגריף וועגן דעם אוניווערסאלן, אלצאומפאסנדיקן וועלטגייסט; זיין דערווארבן אייגנטום („שבט נחלתו") איז — ד' צבאות שמו [2]. דער „ד' צבאות" איז דער אלהי ישראל, דער „רוחני המוחלט" — דער רוח הלאומי, דער נאציאנאלער גייסט פון דער יידישער אומה. דער געדאנק פונם „הויכן רבי לייב", פונם אלטן מהר"ל מפראג, אז די יידישע אומה איז דער מענטשן-גאט, אין וועלכן דאס גאנצע מענטשן-געשלעכט, דער גאנצער קאסמאס האט באקומען זיין באשטימטע געשטאלט, זיין ציל און תכלית [3] — באקומט ביי קראכמאלן א מאדערנעם, א „העגעליאנישן" פירוש. העגעלס לערע וועגן דער זעלבסטדערקענטעניש פונם וועלטגייסט ווערט דא באלויכטן פון א גאנץ אייגנארטיקן שטאנדפונקט: דורך גאט-באשאף און גאט-דערקענען קומט דער נאציאנאלער קיבוץ צו זעלבסטדערקענטעניש, צו דער אנטפלעקונג פון זיינע קולטורעלע כוחות...

ניט אומזיסט האט קראכמאל מיט אזא איראנישן שמייכל זיך פארהאלטן צו די וויכוחים, וואס זיינען פארגעקומען צווישן די העגעליאנער נאך דעם טויט פון זייער גרויסן לערער. אין איינעם פון זיינע לעצטע בריוו, וואס ער האט געשריבן זיין עלטערן זון, דערציילט ער, ווי אזוי די מחלוקת צווישן לעא (א דעמאלט באוווסטער געשיכטספארשער) און העגעלס תלמידים האט אים אין דער התחלה פיל פארדרוס פארשאפט, נאר דערנאך האט ער געלאכט איבער זיך אליין, צו וואס נעמט עס ער, וואס שטייט דאך אזוי ווייט פון דער גאנצער רייסעריי, דאס אלץ נאענט צום הארצן. יא, דער ריז איז טויט, אבער „דיע ארמען נאכפאל-גער מעכטע מאן ניכט גערן צו בראד קאממען לאססען" [4].

---

1 מורה נבוכי הזמן, שער, ז׳, 22.

2 דארטן, 23.

3 זע אונזער ווערק, V באנד, 105.

4 זע צונץ, געזאמעלטע שריפטען, II, 157—158.

צונץ, וואָס ציטירט דעם דאָזיקן בריוו, באַמערקט דערבײַ: „די העגעליאַנער און זייערע קעגנער האָבן קיין באַגריף ניט געהאַט, אַז ערגיץ אין גאַליציע זיצט אַ פּוילישער ייִד און טראָגט אַרויס איבער זיי אַ שאַרפן פאַרניכטנדיקן אורטייל".

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, איז דער „מורה נבוכי הזמן" געבליבן ניט פאַרענדיקט. דעם 31טן יולי (ראש חודש מנחם אב [1]) 1840 איז קראָכמאַל געשטאָרבן אין טאַרנאָפּאָל בײַ זיין עלטערער טאָכטער אויף די הענט, בײַ וועלכער ער האָט פאַרבראַכט די לעצטע צוויי יאָר פון זײַן לעבן [2]. פאַר זיין טויט האָט ער באַפוילן, מען זאָל זײַן ניט-פאַרענדיקטן מאַנוסקריפּט איבערשיקן צונצן קיין בערלין. צונץ האָט זייער הויך געשעצט דעם גאַליציאַנער דענקער און פאָרשער און דורך זיין איניציאַטיווע האָט די בערלינער קהילה אַ האַלב יאָר פאַר קראָכמאַלס טויט זיך צו אים געווענדעט מיט דער אײַנלאַדונג, ער זאָל פאַרנעמען דעם ראַבינערפּאָסטן אין דער פּרייסישער רעזידענץ. קראָכמאַל האָט זיך אָנטשיידן אָפּגעזאָגט, אָנווייזנדיק דערבײַ, אַז בײַ זיין וועלטבאַנעם און בײַ זיינע „טעאָלאָגישע פאָרשונגען" האַלט ער עס פאַר אוממעגליך „יעמאָלס אײַן אמט אַלס געוויסענסראַט צו באַקליידען" און זיך פאַרנעמען „מיט לייטונג דער רעליגיעזען אַנגעלעגנהייטען איינער געמיינדע".

צונץ האָט ערפילט דעם ווונטש פונם פאַרשטאָרבענעם דענקער. נאָר ווײַל ער איז געווען זייער פאַרנומען מיט זיינע אייגענע פאָרשונגען, איז דער „מורה נבוכי הזמן" ערשט דערשינען אין עלף יאָר אַרום נאָך זיין פאַרפאַסערס טויט. אין משך פון דער דאָזיקער צייט זיינען פאָרגעקומען וויכטיקע שנויִים אין די גאַליציאַנער משכּילישע קרייזן. פון קראָכמאַלס באַדייטנדיקסטע מיטקעמפער האָבן אייניקע פאַרלאָזן גאַליציע, אַנדערע האָבן פאַרענדיקט זייער לעבנסוועג. די וויכטיקסטע צייטשריפט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויפן גאַליציאַנער באָדן, איז אַנטשוויגן געוואָרן. די גלאַנץ-תּקופה פון דער גאַליציאַנער השכּלה האָט זיך פאַרענדיקט, און אַנדערע צענטרען פאַרנעמען דעם פאָדערגרונט...

אין דעם זעלביקן יאָר, ווען קראָכמאַל איז געשטאָרבן, פאַרלאָזט ראַפּאָפּאָרט גאַליציע. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז ראַפּאָפּאָרט

---

1 שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט האָט די דאָזיקע דאַטע אויסגעניצט אין דער עפּיטאַפיע, וואָס ער האָט געשריבן נאָכן טויט פון זײַן יוגנט-פרײַנד: אזל מנחם* — יום א׳ מנחם** אין לי מנחם;

* נחמן.

** חודש אב.

2 פריער האָט ער אייניקע יאָר פאַרבראַכט אין זײַן געבורטס-שטאָט בראָד.

האט זיין פאמיליע מפרנס געווען דערמיט, וואס ער איז געווען נאמן און קאסירער אין דער שטאט־טאקסע. ראפאפארט האט זיך שטארק מצער געווען, וואס די שטעלע נעמט ביי אים צו זייער פיל צייט, און עס בלייבט אים שוין ווייניק פרייע צייט פאר וויסנשאפטליכער ארבעט. אין זיין באקאנטן בריוו צום זשאלקעווער רב, צבי הירש חיות, קלאגט זיך ראפאפארט, אז ער לעבט איבער די ליידן פונם לעגענדארן טאנטאלוס: ער זעט פאר זיינע אויגן די דערפרישנדיקע קוועלן פון וויסן, ער קאן זיי אבער ניט דערגרייכן. ער איז דערפאר חיותן מקנא, וואס יענער אלס רב און ראש הקהלה קאן רויק זיצן על התורה ועל העבודה [1]. קראכמאל, ווי מיר האבן געזען, האט ביי זיין וועלטבאנעם געהאלטן פאר אומדערלאזבאר צו ווערן א רעליגיעזער פירער פון א קהילה. ראפאפארט איז ניט געווען אזא שטארקער מקפיד. דערצו האט ער נאך געהאט פיל אויסצושטיין פון די ארטיקע ארטאדאקסן, וואס האבן, בראש מיט דעם רבס זון מרדכי וואלף הארנשטיין, אים גערודפט, און אפילו גענומען אין ארענדע די שטאט־טאקסע מיט דעם באשטימטן ציל אפצוזאגן ראפאפארטן פון דער שטעלע און אים צו לאזן אן פרנסה [2]. אין 1838 איז ראפאפארטס ווונטש דערפילט געווארן. מיט דער הילף פון זיין פריינד יוסף פערל, וואס האט אדאנק זיין רייכטום און חשיבות ביי די ארטיקע באאמטע געשפילט א זייער אנגעזעענע ראלע אין דער טארנאפאלער קהילה, איז ראפאפארט באשטימט געווארן פאר א רב אין טארנאפאל. דאס האט געמאכט א געוואלטיקן רושם אין די משכילישע קרייזן. זיי האבן געהאלטן פאר א גרויסן נצחון, וואס א משכיל און וויסנשאפטליכער פארשער פארנעמט דעם כסא הרבנות אין אן אנגעזעענער גאליציאנער קהילה. מען האט ראפאפארטן באגריסט מיט אדעס און לויב־געזאנגען, און מיט פרייד אנגעוויזן, אז אויפן ארט פון „מתעים" און „מורים חסרי לב", וואס מען פלעגט זיי אנפארטרויען „לרעות צאן קדשים", איז איצט געווילט געווארן „איש גבור ומחזק בדק לעקור קוצי כרמו ואמת לטעת [3].

די פרייד איז אבער באלד פארשטערט געווארן. די ארטאדאקסן אין טארנאפאל האבן זיך זייער פיינדליך פארהאלטן צום „אפיקורסישן" רב. עס האט אויסגעבראכן א שטארקע מחלוקת, מיט מסירות און רדיפות [4]. ראפאפארטס לאגע אין טארנאפאל האט זיך נאך מער פאר־

---

1 אוצר נחמד, I, 23.

2 זע „אגרות שי"ר", 1885, 49.

3 כרם חמד, IV, 253—259.

4 אן איינזייטיקע באשרייבונג וועגן דער דאזיקער מחלוקת געפינט זיך אין „כרם

ערגערט נאָך פּערלס טויט (1839). ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער קאָן אין טאַרנאָפּאָלער קהילה לענגער ניט בלייבן. אין דעם דאָזיקן קריטישן מאָמענט זיינען אים צו הילף געקומען זיינע פריינד, און אדאנק זייער השתדלות האָט ער פון דער פּראָגער קהילה באַקומען אַן איינלאַדונג צו פאַרנעמען דאָרטן די ראַבינער-שטעלע. צוויי וואָכן נאָך קראָכמאַלס טויט האָט ראַפּאָפּאָרט פאַרלאָזן גאַליציע. די פּראָגער קהילה האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד; דאָך האָט ער זיך באַלד איבערצייגט, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט: פאַרשוואונדן איז זיין האָפענונג, אַז אויפן כסא הרבנות וועט ער קאָנען אומגעשטערט זיך פאַרנעמען מיט וויסנשאַפטליכער אַרבעט. קהלשע ענינים האָבן ביי אים זייער פיל צייט געפאָדערט, דערצו איז צוגעקומען נאָך איין וויכטיקער פאַקטאָר: אַלס רעליגיעזער פאָרשטייער פון אַ קהילה, ווו די אָרטאָדאָקסן האָבן נאָך געשפּילט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ראָלע, האָט ראַפּאָפּאָרט מורא געהאַט, מען זאָל אים ניט דערמאָנען די „חטאות נעורים״ און אים ניט חושד זיין אין „אפּיקורסות״. דאָס האָט גורם געווען, וואָס מיטן אריבערפאָרן קיין פּראָג פאַנגט זיך פאַקטיש אָן די ירידה-תקופה אין ראַפּאָפּאָרטס וויסנשאַפטליכן שאַפן 1.

דער לעמבערגער נאָמען איבער כשר פלייש האָט מער געגעבן דער יידישער ליטעראַטור און וויסנשאַפט, ווי דער פּראָגער רב און ראש הקהילה. דאָס האָט אויך באַוווירקט, וואָס די וויכטיקע צייטשריפט, אין וועלכער ראַפּאָפּאָרט איז געווען דער פאַקטישער רעדאַקטאָר, איז אויך אין גיכן נאָך ראַפּאָפּאָרטס אריבערפאָרן קיין פּראָג אנטשוויגן געוואָרן. דאָס איז דער שוין אָפּט ציטירטער „כרם חמד״.

נאָך אין 1817 האָט שמואל-יעקב ביק אין בראָד געמאַכט דעם פּרווו צו פאַראייניקן די משכילישע קרייזן אַרום אַ ליטעראַרישן צענטער און אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ צייטשריפט „עולת שבת״, אין וועלכער עס האָבן אויסער דעם רעדאַקטאָר גופא אָנטיילגענומען דער אַלטער מענדל

חמד״, IV, 241—252; אַ מער אָביעקטיווע שילדערונג גיט ש. בערנפעלד אין זיין „תולדות שי״ר״.

1 ראַפּאָפּאָרט איז דאָס טאַקע אויף דער עלטער אַליין מודה אין זיין בריוו פון 1860 צו שמואל-דוד לוצאַטו: ידעת, אחי, איך מלצנים הודעתי ברבים חפצי לאיזה משמרת של רבנות. אחת שאלתי אותה אבקש שבתי בבית ד׳ כל ימי חיי, לחזות בנועם התורה, ולבקר בקדמוניות ישראל ואותותם ונפלאותם, ולדרוש בדברי רז״ל הקדמונים, להפיץ ענגים מחשיכים ממצדיקי הרבים, ולהראות זהרם כזהר הרקיע וככבים לעולם ועד. אכן לעצביני ראיתי אחרי נמלאה שאלתי, מה מאוד התעני דמיוני, כי אמנם יותר הרבה יכולתי וגם פעלתי לרשום דרישותי ומחקרי בעת הייתי חפשי בלי אדונים, מאשר יכולתי לעסוק בכאלה מעת נהייתי עבד לאדונים רבים כי לא שררות נוטל לו מורה דת אמת ורב בישראל כי אם עבדות נוטל על עצמו (אגרות שי״ר, 216).

לעפין, קראכמאל, שי"ר, יצחק ערטער, אברהם גאלדבערג און דער דע־מאלט נאך גאנץ יונגער דיכטער מאיר לעטערים. די צייטשריפט איז פארשפרייט געווארן ניט דורכן דרוק, נאר דורך האנטשריפטליכע אפ־שריפטן אין א זייער באגרעניצטער צאל. ווי פיל נומערן „עולת שבת" עס זיינען דערשינען, איז אומבאקאנט, ווייל עס איז קיין איינציקער עקזעמפלאר ניט איפגעהיט געווארן, און די איינציקע קוועלע, וואס דער־מאנט די דאזיקע צייטשריפט, איז לעטערים אין זיין „זכרון בספר" (ז' 133). אין פיר יאר ארום האט, ווי מיר ווייסן שוין, שלום כהן געגרינדעט אין ווין דעם „בכורי העתים", אין וועלכן עס האבן אמטייסטן אנטיילגענומען מיטארבעטער פון גאליציע, און ערשט אדאנק דעם גאליציאנער ראפא־פארט און זיינע וויכטיקע וויסנשאפטליכע ארבעטן, האט די דאזיקע צייט־שריפט זיך דערווארבן א בלייבנדיקן ליטעראטור־היסטארישן באדייט. דער „בכורי העתים" האט געהאט א בערך באדייטנדיקע צאל לייענער, ווייל איינעם און דעם זעלביקן עקזעמפלאר האבן געלייענט צענדליקע מענטשן. די צאל אבאנענטן איז אבער געווען א גאנץ באגרעניצטע, און דער פארלעגער און דרוקער אנטאן שמידט האט דערפאר נאכן דערשיינען פונם צוועלפטן באנד (1832) זיך אפגעזאגט דעם „בכורי העתים" ווייטער ארויסצוגעבן. דאס איז געווען א גרויסער קלאפ פאר די גאלי־ציאנער משכילים, עס איז זיי אבער גלייך צו הילף געקומען דער יונגער משכיל אויס באלעבאוו שמואל־ליב גאלדענבערג, א זון פון א גבירישער פאמיליע, וואס האט חתונה געהאט קיין טארנאפאל און געגעסן קעסט ביים רייכן שווער.

דער רייכער איידעם האט פארמאגט גאנץ קנאפע ליטעראַרישע פעיקייטן, דערפאר איז ער אבער געווען א טיכטיקער אונטערנעמער און ארגאניזאטאר. ווי נאר ער איז געווואר־געווארן, אז דער „בכורי העתים" וועט מער ניט דערשיינען, איז ער גלייך צוגעטראטן צו א נייער אויס־גאבע, וואס האט אבער געזאלט טראגן א גאנץ אנדערן כאראקטער ווי דער „בכורי העתים". ער האט אויסגעשלאסן דעם בעלעטריסטישן טייל און, צום גרויסן באדויערן פון די יונגינקע, ערשט פון די אייעלעך אויס־געשיילטע משכילים, זיך אפגעזאגט צו דרוקן שירים און מליצות. אין 1833 איז דערשינען דער ערשטער באנד אונטער דעם טיטל „ספר כרם חמד כולל אגרות יקרות" — א זאמלבוך פון וויכטיקע בריוו, אשר הריצו חכמי זמננו איש אל רעהו — וואס עס האבן געשריבן איינער צום אנדערן די געלערנטע פון אונזער צייט, בעניני אמונה וחכמה, וועגן רע־ליגיעזע און וויסנשאפטליכע פראגן.

מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן [1], וואָס פאַר אַן אויסשליסלעכע ראָלע די בריוו-פאָרם האָט געשפּילט אין דעם ליטעראַרישן שאַפן פון די מטפּילישע קרייזן. „ביי מיר — שרייבט ראַפּאָפּאָרט שמואל-דוד לוצאַטאָן — איז איין שעה, וואָס איך פאַרנעם זיך מיט שרייבן וויסנשאַפטלעכע בריוו צו גוטע פריינד, טייערער פון גאַנצע טעג וויסנשאַפטלעכע אַרבעט איבער ווערק, וואָס איך גרייט צום דרוקן, וואָרום בנוגע צום געדרוקטן ספר קאָן איך דאָך ניט וויסן, אין וואָסערע הענט ער וועט אַריינפאַלן, צי וועט דער לייענער זיין אַ פאַרשטאַנדיקער אָדער אַן אומוויסנדיקער, וואָס איז גאָרנישט אימשטאַנד צו שאַצן דעם ווערט פון מיין גאַנצער מי און אָנגעזאַמעלטן וויסן, און אַפילו ביים פאַרשטענדיקן לייענער האָב איך אויך קיין שום באַגריף ניט, צי וועלן אים געפעלן מיינע רייד, צי ניין. יעדער פאַרפאַסער באַגניגנט זיך פאַרויס דערמיט, אַז פון טויזנט לייענער וועט זיך בלויז איינער געפינען, וואָס איז אים געוווּנטשן, און צו אים זיינען זיינע ווערטער געצילט. אָבער ביי אַ ספּעציעלן בריוו איז מיר דאָך דער לייענער באַקאַנט, און איך ווייס פאַרויס, אַז מיין מי גייט ניט פאַרלאָרן. וואָרום דער, צו וועמען דער בריוו איז געווענדט, איז דאָך דער געוווּנטשענער לייענער-פריינד, דער איינער פון טויזנט אויסדערוויילטער, און איך ווייס אַז איך וועל באַלד אַן ענטפער באַקומען מיט דער אָפּגעהאַרציקער דערקלערונג, צי האָב איך רעכט מיט מיינע רייד אָדער איך האָב אַ טעות געהאַט. איך לערן דערפאַר פון אַזאַ בריוו, וואָס איז ספּעציעל צו מיר געשריבן, פיל מער ווי פון אַ בוך, וואָס איז געדרוקט פאַר טויזנטער [2].

אין די משכּילישע קרייזן איז אַפילו געווען אָנגענומען דער מנהג, אַז איינעם און דעם זעלביקן בריוו פלעגט דער פאַרפאַסער צעשיקן אין אָפּשריפטן אַלע זיינע נאָענטע פריינד [3], און יענע ווידער פלעגן זיי ווייטער פאַרשפּרייטן. אין דערפאַר גאָלדענבערג געקומען צום געדאַנק צו ווענדן זיך צו די באַדייטנדיקסטע פאָרשטייער פון די משכּילישע קרייזן, זיי זאָלן אים צושיקן זייער וויסנשאַפטלעכע קאָרעספּאָנדענץ, און ער וועט די דאָזיקע ידידות-בריוו „איינפלאַנצען" אין זיין „ליבלעכן גאָרטן" (כרם חמד) [4].

---

1 זע אויבן ז״ז 64, 65 און ווייטער.

2 „אגרות שי״ר", 28.

3 זע לעטעריסעס הערה אין „הצופה לבית ישראל", 92.

4 ב׳ I—1833; ב׳ II—1836; ב׳ III—1838; ב׳ IV—1840; ב׳ V—1841; ב׳ VI—1841; ב׳ VII—1843. אין צען יאָר אַרום האָט שניאור זק״ש אין בערלין געפּרוּווט אויפנסניי פאָרטזעצן דעם „כרם חמד". עס זיינען דערשינען בלויז צוויי בענד: ב׳ VIII—1854; ב׳ IX—1856. אין דעם זעלבן יאָר (1856) האָט

גאָלדענבערג איז פּאַקטיש געווען בלויז דער אַרויסגעבער, ער האָט זיך ניט געפּונען פּאַר באַרופן צו רעדאַקטירן די בריוו פון די „חכמי זמננו". ער ווייזט דערויף אַליין אָן אין דער „הקדמת המוציא לאור", ווו ער דערקלערט, אַז ער „נעמט זיך ניט אונטער צו זיין דער שר ושופט איבער די אַרבעטן, וואָס עס שיקן אים צו די חכמי הדור, ער איז אויך ניט ערב פּאַר די מיינונגען פון די פּאַרפאַסערס, וואָס זיי פּאַרפּלאַנצן אין זיין גאָרטן... ער קוקט בלויז צו, וואַרעמט זיך ביים ליכט פון די גרויסע חכמים" 1.

און גאָלדענבערג האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט: ער האָט די מיט־אַרבעטער קיין דעות ניט געזאָגט, און ער, וואָס האָט געהערט צום רעכטן פּליגל פון דער השכּלישער באַוועגונג, האָט, אַשטייגער, פּאַרעפנטליכט אָן שום רעדאַקציאָנעלע באַמערקונגען און דערקלערונגען אין צווייטן באַנד „כּרם חמד" (ז' 85—94) אַזאַ שאַרפן אַרטיקל ווי פּלאָיס וועגן די „פּוסקים האחרונים". די פּוסקים אחרונים — דאָס זיינען די קאָדיפיקאַטאָרן פון זינט קאַרוס און רמ״אס צייטן. מיט שנאה און פּאַרביטערונג רעדט דער אומבאַקאַנטער פּאַרפאַסער, וואָס באַהאַלט זיך אונטערן פּסעוודאָנים „פּלאָי", וועגן די דאָזיקע קאָדיפיקאַטאָרס, וואָס האָבן, ווי ער פּאַרזיכערט, פּאַראַכט יעדע בראַנזשע פון וויסן און מיט עקל זיך פּאַרהאַלטן צו פּאָעזיע און שיינעם סטיל (כּל משל ומליצה געלה נפשם); זיי זיינען געשריטן אַלץ ריקווערטס, ניט פּאָרווערטס, און ווי בלינדע געטאַפּט אין דער פינסטער. זינט גלות ספרד איז אונזער אומה שרעקליך געפאַלן, ווי אין תורה, אַזוי אויך אין חכמה און אין מדות... אונזערע מחברים האָבן אין אַ געוואַלטיקער צאָל געשריבן ספרים אָן אַ סדר, אָן אַ סטיל (בלעגי שפה). צעמישט און פּאַרדאָרבן איז זייער שפּראַך, פּאַרפינסטערט איז זייער שכל... און ווער האָט זיי דערלויבט יעדן טאָג צו מערן נייע דינים, נייע חומרות, וועגן וועלכע די „ראשונים" (די אַמאָליקע קאָדיפיקאַטאָרס) האָבן גאָר קיין באַגריף ניט געהאַט! לאַנג ווי דער גלות זיינען די חבורים פון די „אחרונים", ווייל ביי זיי זיינען צונויפגעמישט מיט די דינים זייער פיל זאַכן, וואָס האָבן מיט די דאָזיקע דינים קיין שום שייכות

דער ברודער משכּיל יצחק בלומענפעלד אַנגעפאַנגען אַרויסגעבן אין חין דעם „אוצר נחמד", אויך אַ זאַמלונג פון „אגרות יקרות מאת חכמי זמננו", אין וועלכער ס'האָבן אָנטיילגענומען די זעלביקע מיטאַרבעטער, וואָס אין „כּרם חמד". עס זיינען דערשינען פיר בענד. ב' I—1856, ב' II—1857, ב' III—1860, ב' IV—1863.

1 לא שמתי את נפשי שר ושופט על הנתן תחת ידי מחכמי הדור ואני אינני ערב בעד כל דברי המחברים הנוטעים שורק בתוך כּרמי, ואין אנכי נכנס לדון על הענינים המדברים בספר ההוא... ואשב מנגד להתחמם לאורן של החכמים הגדולים האלה משתאה ומחריש איך יפיל חובר.

ניט, און אפט ווערן דארט סאנקציאנירט מנהגים, וואס שטאמען פונם פארדארבנסטן קוואל — פונם זוהר־בוך און דער קבלה, וואס האבן אינ־גאנצן אנטשטעלט די תורה און די אמונה. ווי האבן זיי עס קיין אפשיי ניט געהאט פאר דעם כבוד פון דער תורה און זיך דערלויבט זי ביז צו דער ערד צו דערנידערן דערמיט, וואס זיי האבן אירע געטליכע געזעצן צונויפ־געמישט מיט אזעלכע שעדליכע און ווילדע זאכן, און דערביי נאך צו פארזיכערן, אז זיי שטאמען פון איין קוואל!

משה בן מיימון, דער געטליכער מאן, האט מיט זיין „משנה תורה" געוואלט געבן דעם פאלק אן ענדגילטיקן רעליגיעזן קאדעקס. וואס וואלט ער געזאגט, ווען ער זאל דערזעען אט די גאנצע בערג ספרים, וואס זיינען נאך אים אויף דעם געביט געשאפן געווארן? ניט די שריפט צו דערקלערן איז געווען דער ציל פון די דאזיקע מחברים, נאר צו באווייזן, ווי קונציק זייער פלפול איז, וואס פאר שארפע מוחות זיי האבן. זייער גיר נאך כבוד און מאכט האט עס געבראכט דאס גאנצע אומגליק. אט דורך דעם איז די תורה אזוי דערנידעריקט געווארן. זיי, די דאזיקע מחברים, האבן זי פארפינסטערט, איר שיינקייט אנטשטעלט. אט זיי האבן עס דורך זייערע אומצאליקע חומרות מיט ביידע הענט דערווייטערט די שוואכע און וואקלדיקע, און יענע האבן מיט פחד דערקלערט: עס איז אוממעגליך גאנס געזעצן צו דערפילן — כי עול ברזל עולם, זיי דריקן ווי אן אייזערנער יאך, ס'איז אוממעגליך זיי צו דערטראגן...

מיט באזונדערן גרימצארן רעדט דער „פלאי" וועגן דעם רמ״א [1], וועלכן ער דערקלערט פארן „אבי המחמירים", וואס איז געווארן „לאבן נגף ולצור מכשול" פאר די קומענדיקע דורות [2].

א רעש אין די לומדישע קרייזן האט אויך אנגעמאכט דער אין ערשטן באנד „כרם חמד" פארעפנטליכטער ראפאפארטס אויבן־דערמאנטער בריוו צו זיין פריינד ליב הוליש, ווו ער באהאנדלט דעם אופן הלימוד אין די צייטן פון די אמוראים אין ארץ ישראל און אין בבל. ראפאפארט גיט א טרויעריק קולטור־היסטאריש בילד פון יענער צייט, און שטעלט זיך באזונדערס אפ אויפן שלעכטן סדר הלימוד אין דער באוווסטער ישיבה פון פומבדיתא, וווּ ס'איז באזונדערס באליבט געווען דער פרוכט־לאזער און איבערגעשפיצטער פלפול.

---

1 זע אונזער הערק, ב' V, ז' 39—51.

2 לויט האלבערשטאם און וואכשטיין זאל דעם דאזיקן שארפן ארטיקל האבן פארפאסט דער איטאליענער הלל די לאטורה (זע די העברעאישע פובליציסטיק אין וויען, 1930, 229).

דער „כרם חמד" איז אָבער ניט לאנג פארבליבן אָן א פאקטישן רעדאקטאָר. פון דעם דריטן באנד אָן האָט פאקטיש דעם „כרם חמד" רעדאַקטירט דער גייסטרייכער ראפאָפּאָרט. זיין נאָמען האָט ניט פיגורירט אויפן שער־בלאט, אפילו זיינע אייגענע פילצאָליקע ארטיקלען זיינען דערשינען אַ נ אָ נ י ם [1], נאָר אין די משכילישע קרייזן האָט מען זייער גוט געוווּסט, ווער עס איז דער ווירקליכער פירער פונם „כרם חמד". ראפאָפּאָרטס נאָמען האָט צוגעצויגן די באדייטנדיקסטע העברעישע שריפטשטעלער פון יענער צייט. אמת, אויך אין „כרם חמד" איז, ווי אין די „בכורי העתים", דער באדייטנדיקסטער טייל מיטארבעטער געווען אויס גאליציע [2]. עס האָבן אָבער אינם „כרם חמד" אויך אָנטיילגענומען וויסנשאפטלער אויס איטאליע, בעהמען, דייטשלאנד, רוסלאנד און אנדערע לענדער. עס זיינען געדרוקט געוואָרן פאָרשונגען איבער די פארשיידנסטע וויסנשאפטליכע געביטן: עקזעגעטיק, ארכעאָלאָגיע, תּלמוד־פאָרשונג, געשיכטע, אַסטראָנאָמיע, מאטעמאטיק, אָפּהאנדלונגען וועגן מיטלאלטערליכער ליטעראטור, אין וועלכע עס זיינען צום ערשטן פארעפנטליכט פיל וויכטיקע וויסנשאפטליכע און פּאָעטישע ווערק אויס דעם מיטלאלטער. אויך קריטישע ארטיקלען זיינען דאָרט דערשינען, וואָס זיינען צייטנווייז געשריבן אין א שארף־פּאָלעמישן טאָן. אין דער הינזיכט איז באזונדערס כאראקטעריסטיש דער זעקסטער באנד, וואָס באשטייט אין זיין גרעסטן טייל אויס ראפאָפּאָרטס פּאָלעמישע ארטיקלען.

מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, מיט וואָס פאר א התפעלות עס זיינען אויפגענומען געוואָרן אין די וויסנשאפטליכע קרייזן ראפאָפּאָרטס קריטיש־היסטאָרישע פאָרשונגען. ; גאנץ אומדערוואַרטעט איז אָבער קעגן ראפאָפּאָרטן ארויסגעטראָטן א גאנצע גרופּע יונגע משכּילים, ארויסגעטראָטן מיט חוצפּה, מיט שארפע פּאָלעמישע אָנפאלן. דאָס איז ניט געווען קיין אידעען־קאמף פון „האבות והבנים", פון דעם יונגן דור קעגן דעם עלטערן, אָפּגעשטאנענעם. די דאָזיקע יונגע לייט זיינען געווען פון גאנץ באגרעניצטן וויסן און מיט קנאפער באגאבונג, דערפאר אָבער מיט גרויסער אַמביציע און יוגנטליכן אימפּעט. דורך גרויס געפילדער,

---

1 דעם רייסטער פון ראפאָפּאָרטס אין „כרם חמד" פארעפנטליכטע ארבעטן זע: „דיע העברעישע פובליציסטיק אין וויען", 1930, 175—178. די באדייטנדיקסטע פון זיי איז זיין אויסגעצייכנטע פאָרשונג וועגן די עשרת השבטים און פירקאָוויטשעס פעלשונגען בנוגע די אין טשופוט־קאלע געפונענע מיטלאלטערליכע דענקמעלער („כרם חמד" V, 197—232).

2 שוין מ. ווייסבערג האָט אין זיין „אויפקלערונגס־ליטעראטור אין גאליציען" אָנגעוויזן (ז' 63), אז צווישן די 18 מיטארבעטער, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין ב. II און VI, זיינען 14 אויס גאליציע.

דורך א ליטעראַרישן סקאַנדאַל האָבן זיי געהאָפט זיך צו שאַפן א נאָמען, ווערן א „שם דבר״...

אין 1837 האָבן פיר לעמבערגער משכּילים, יעקב בודק, יעקב מענטש, מנחם מענדל מור און נחמן פישמאַן, פאַרעפנטליכט א זאַמלונג קריטישע אַרטיקלען „הרואה ומבקר ספרי מחברי זמננו״ [1]. עס ווערן דאָרט קריטיקירט די אַרבעטן פון צונץ, ראַפּאָפּאָרט און לוצאַטאָ. באַזונדערס שאַרף טרעטן די „רואים״ אַרויס קעגן ראַפּאָפּאָרטן. אין זייערע גראָבע אַנפאַלן פילן זיך פּערזענליכע מאָטיוון, און דאָס ווערט אויך באַשטעטיקט דערמיט, וואָס זיי האָבן אַנטיילגענומען אין די רדיפות, וואָס ראַפּאָפּאָרט האָט געהאַט אויסצושטיין אין טאַרנאָפּאָל.

אין דער זעלבער צייט איז קעגן ראַפּאָפּאָרטן אַרויסגעטראָטן אויך אַן אַנדערער, א מער זאַכליכער און ערנסטער קריטיקער — אליקים בן יהודה המילזאהגי (מעלזאַק) אויס בראָד. געבוירן אין א יחסניש־רבנישער פאַמיליע [2] איז ער דערצויגן געוואָרן אויף דער תּלמודישער ליטעראַטור, און אויף דעם געביט האָט ער מיט זיינע גלענצנדיקע פעיִקייטן זיך דערוואָרבן געוואַלדיקע בקיאות. א גרויסער בקי איז ער אויך געווען אין קבלה; ער האָט געשריבן א גרויסן פירוש אויף „זוהר״ און אים איבערגעזעצט פון אַרמית אויף העברעיִש. ער האָט אויך געשריבן א פירוש אויף דער „פּסיקתא רבּתי״ און פאַרפאַסט פיל אַנדערע ווערק [3]. זיי זיינען אָבער אַלע געבליבן אין מאַנוסקריפּט, ווייל ער איז געווען א גרויסער אביון [4] און דערצו נאָך, ווי ער גופא זאָגט אויף זיך עדות [5], איז ער געווען א „נחבא אל הכּלים״ און ווענן זיינע ווערק, ווי וועגן זיין גרויסן וויסן, האָבן געוווּסט בלויז זיינע נאָענטסטע פריינד. ביי זיין שווערער מאַטעריעלער לאַגע האָט מילזאַגי דאָך באַוויזן צו דערווערבן אויך געוויסע אייראָפּעיִשע בילדונג, און ער איז געווען באַהבנט אין דער דייטשער וויסנשאַפטליכער ליטעראַטור. באַלד נאָכדעם, ווי ס׳איז דערשינען צונצס „גאָטעסדיענסטליכע פאָרטרעגע״, האָט מילזאַגי פאַרפאַסט א גאַנצן חיבּור מיט „השגות״, אין

1 אין צוויי יאָר אַרום איז דערשינען דאָס צווייטע העפט (אין צפון). אין דעם דאָזיקן העפט האָבן שוין אָנטיילגענומען בלויז דריי „רואים״, ווייל יעקב מענטש איז באַלד אַרויס פון דער גרופּע.

2 דער פאָטער זיינער איז געווען רב, זיין פאָטערס שוועסטערס זון איז געווען דער באַוווּסטער רב זלמן מרגלית, זיין קרוב איז אויך געווען דער באַוווּסטער ליסער רב יעקב חריף.

3 מילזאַגי גופא ווייזט אָן: „חברתי ספרים רבים״. זיין פירוש אויף זוהר האָט ער פאַרפאַסט נאָך פאַר 1821.

4 ואני עמוס התלא׳ת מתפרנס בצער מעמלי, מתפרנס בצער מיגיע כּפּי ואין בידי לקנות ספרים, — קלאָגט זיך עפּעטערס המילזאַגי.

5 ראביה, דף כב, עמ׳ א׳ (דורך א טעות הדפוס איז אָנגעוויזן דער דף י״ט).

וועלכע ער באַקעמפט צונצס פיל אויספירן און קריטיקירט אויך אייניקע ראַפּאָפּאָרטס הנחות, אויף וועלכע צונץ שטיצט זיך אין זיין ווערק. באַזונדערס גלענצנדיק איז די חריפישע קריטיק, מיט וועלכער מילזאַגי טרעט אַרויס קעגן ראַפּאָפּאָרטס השערה, וואָס ער שטעלט אַרויס אין זיין אַרבעט וועגן דעם פּיטן קליר, אַז אין פיל קלירס פּיוטים איז אַנגעוויזן דעם פייטנס נאָמען דורך פלערליי גימטריאות [1]. אויך דאָס דאָזיקע ווערק וואָלט געבליבן אין כתב־יד, און מילזאַגיס נאָמען וואָלט איננאַנצן פאַרלאָרן געגאַנגען, ווען עס זאָל זיך איבער אים ניט געווען דערבאַרעמען זיין בן־עיר, דער משכיל בערוש בלומענפעלד (געבאָרן אין 1779, געשטאָרבן אין 1853), וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען מיט זיין דייטשער „איוב"־איבערזעצונג (פאַרעפנטליכט אין 1826 מיט אַ „ביאור" און מיט אַ לאַנגן אַריינפיר). ער האָט אויף זיין חשבון פאַרעפנטליכט (אָפּען 1837) מילזאַגיס „השגות" אונטערן נאָמען „ספר ראביה" [2].

דער „ראביה" האָט געמאַכט אַ רושם אין די יידישע געלערנטע קרייזן. „יחי ראביה ואל ימות", — האָט ענטוזיאַסטיש אויסגערופן שמואל־דוד לוצאַטו [3]. אויך צונץ האָט מודה געווען, אַז אייניקע מילזאַגיס „השגות" אויף זיין „גאָטעסדיענסטליכע פאָרטרעגע" זיינען פולשטענדיק ריכטיק. אַנדערש האָט זיך אָבער פאַרהאַלטן ראַפּאָפּאָרט. ביי זיינע גלענצנדיקע פעיִקייטן האָט ער געהאַט אַ זייער גרויסן חסרון: ער איז געווען אַ נצחנישער עומד על דעתו [4]; פאַר יעדן געדאַנק, וואָס ער האָט אַמאָל אַרויסגעזאָגט, איז ער געשטאַנען שטאָל און אייזן, אַפילו ווען אַנדערע האָבן מיט די שאַרפסטע ראיות דערוויזן, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט און זיין אַרויסגעזאָגטער געדאַנק איז פאַלש. אַזוי איז, אַשטייגער, געווען מיט זיין השערה וועגן אָרט און צייט, אין וועלכע עס האָט געלעבט און געשאַפן דער פּייטן אליעזר קליר. פיל געלערנטע האָבן אויפן גרונד פון וויכטיקע באַווייזן אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן ראַפּאָפּאָרטס השערה, יענער האָט אָבער מיט גרויס עקשנות זיך אַלץ געהאַלטן ביי זיינעם. דאָס אייגענע האָט זיך אויך איבערגעחזרט מיט די גימטריאות, וואָס ראַפּאָפּאָרט זאָל האָבן אַרויסגעפונען אין קלירס פּיוטים. צונץ האָט גלייך מודה געווען, אַז נאָך מילזאַגיס „השגות" גלויבט ער מער ניט אין ראַפּאָפּאָרטס השערה. ראַפּאָפּאָרט האָט זיך אָבער ניט געוואָלט אונטערגעבן.

---

1 דאָרטן, דף ט"ז—י"ט.

2 ראביה — ראשי תיבות פון רבי אליקים בן יהודה המילזאגי.

3 אגרות שד"ל, 602.

4 אויף די חסרונות פון ראַפּאָפּאָרטס כאַראַקטער ווייזט אָן קראָכמאַל אין זיינעם אַ בריוו פון 1836: אין להכחיד שמעלות שכלו גברו על מעלות לבבו עשר ידות (כתבי רנ"ק, 424).

ער האָט פאַרזיכערט, אַז דווקא די טענות פונם „ראביה״ האָבן אים ערשט רעכט איבערציַיגט, ווי ריכטיק ס׳איז זיַין המצאה מכוח די גימטריאות. און אין זיַינע פּאָלעמישע אַרטיקלען, וואָס פאַרנעמען בערך דריַי פערטל פונם זעקסטן באַנד „כרם חמר״, רעכנט ער זיך אָפּ מיט מילזאַגין „עם כל הנערים״, מאַכט איין קאָמפּאַניע פון אים מיט די „רואים״ און מיט דעם בחור מנחם מענדל ראָזענטאַל, וואָס איז ארויסגעטראָטן אין 1839 מיט אַ הוצפישן פּאַמפלעט „עמק שושנים״ קעגן ראַפּאָפּאָרטן, וועלכן ער באַשולדיקט, אַז יענער „האָט געשענדעט די חכמי התלמוד״.

דעם באַטרעפנדיקן אַרטיקל, אויף וועלכן דער יונגער ראָזענטאַל איז אַזוי שאַרף אָנגעפאַלן, האָט ראַפּאָפּאָרט נאָך געשריבן אין די צוואַנציקער יאָרן [1]. אין די דריַיסיקער יאָרן, ווען ער האָט זיך שוין ארומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו פאַרנעמען אין אַ גרעסערער קהילה דעם כסא הרבנות, האָט ער אין זיַינע אַרבעטן אויסגעמיטן וועלכע-ס׳איז ארויסטרעטונגען קעגן די רבנים אָדער דער רבנישער ליטעראַטור. בלויז זיַין האַס- צו די חסידים האָט ראַפּאָפּאָרט ניט געהאַלטן פאַר נייטיק צו פאַרבאָרגן, און אויך אין זיַינע אַרטיקלען אין „כרם חמד״ [2] רעדט ער וועגן די „מתחסדים״ ווי וועגן אַ „באַנדע פאַרברעכער״, וואָס „כלו סג יחדיו נאלחו, כלו חנף ומרע, כלו תועבה ומזמתה, השחיתו התעיבו עלילה אין עושה טוב אין גם אחד״, און די חסידישע קליַיזלעך דערקלערט ער פאַר אַ „מערת פריצים״, ווו עס האַלטן זיך אויף „משוקצים ומתועבים״, וואָס זיַינען „אַן אמתע שאַנד פאַרן מענטשן-געשלעכט״ [3]. מיט גרויס כעס רעדט ער אין זיַין נעקראָלאָג נאָך קראָכמאַלס טויט וועגן די „מתחסדים״, וואָס רודפן אָן רחמנות יעדן, וועמ עס שטרעבט צו בילדונג און וויסן [4].

ראַפּאָפּאָרט פלעגט ארויסטרעטן אין זיַינע אַרטיקלען קעגן די חסידים יבלויז אגב אורחא. צוויי אַנדערע מיטאַרבעטער פונם „כרם חמד״ האָבן אָבער זיך געשטעלט פאַר זייער אויפגאַבע צו פירן אַ סיסטעמאַטישן פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער „כת המתחסדים״. דאָס זיַינען: דער אונז שוין באַקאַנטער יוסף פערל און דער גיַיסטריַיכער בעל „הצופה לבית ישראל״ ד״ר יצחק ערטער.

וועגן זיי אין וויַיטערדיקן קאַפּיטל.

---

1 זע אויבן ז׳ 100. 2 זע צום ביַישפּיל „כרם חמד״, IV, בריוו 10. 3 דאָרטן, ז׳ 46 – 48. 4 כרם חמד, VI, 45: הלא ידעת כי יש מתחסדים בארץ ובעיר; ישרצו הצפרדעים בכל בית ובכל חדר. אלה הנחשים השרפים השורפים בהבלי פיהם .. את שם כל משכיל... ולרוב גם אם לבו כלב הארי המס ימס, ולכן עוד עד היום ימעטו שם המשכילים הישרים.

פינפטער קאַפּיטל

יוסף פּערלס אַנטוויקלונג. — זיין סאַטירע „בוחן צדיק". — פּערלס קריטיק בנוגע די פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן פונם ייִדישן קיבוץ. — מענטשן פון יושר קאָן מען געפינען בלויז צווישן ערדאַרבעטער. — דער דיכטער אַריה-ליב קינדערפריינד. — די אידיליע אין די ייִדישע קאָלאָניעס אין דרום-רוסלאַנד. — יצחק ערטער דער „צופה לבית ישראל". — דער משכיל יוסף טראַלער. — ערטער׳ס פּאָעטישער סטיל. — זיינע „זעאונגען". — ערטערס קאַמף קעגן חסידות און רבנים. — ערטערס פּאַמפלעטס „תשליך"; דער באַדייט פון זיין סאַטירע „גלגול נפש". — די רעוואָלוציע פון 1848 און אירע אָפּקלאַנגען אין גאַליציע. — דער קאַמף צווישן די אָרטאָדאָקסן און די „דייטשן". — דער רעפאָרם-ראַבינער אַברהם כהן און זיינע „בריוו אויס גאַליציע". — די פּוילישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג און דער קאַמף אין דער לעמבערגער קהילה. — די סאָציאַלע יסודות פון דעם קאַמף. — דער אַנאָנים און זיין „זענד-שרייבן". — אַברהם כהנס טראַגישער טויט. — ערטערס פּראָגראַם-אַרטיקל „תולדות החלוץ". — ערטערס פלוצלינגדיקער טויט.

יוסף פּערל האָט נאָך דעם דערשיינען פון זיין „מגלה טמירין"[1] איבערגעלעבט ניט קיין קליינע אַנטוויקלונג. די „אויפקלערער" פונם 18טן יר"ה זיינען דאָך געווען פעסט איבערצייגט, אַז אין דעם גאַנג פון דער וועלט-געשיכטע איז פאָרגעקומען אַ געוואַלטיקער טעות: מענטשן האָבן ניט פאַרשטאַנען, מען האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון שווינדלערס און באַטריגערס, און דערפאַר געשטעקט אין אָבערגלויבן און ווילדן אומוויסן, געגאַנגען אויף קרומע פאַלשע וועגן; מען דאַרף דערפאַר אויפקלערן, אויפדעקן דעם אמת, דערלייכטן די אויגן דורכן ליכט פון וויסן — און אויפשיינען וועט איבער דער גאַנצער מענטשהייט די זון פון גערעכטיקייט. יוסף פּערל האָט אין דעם חסידיזם געזען די גרעסטע געפאַר, די הויפּט-סיבה פונם אומנאָרמאַלן ייִדישן לעבן; אין די באַגרינדער פון דער חסידישער באַוועגונג האָט ער געזען בלויז שווינדלער און געלט-

1 זע פאָריקן באַנד, צווייטער בוך, 285—288.

גיריקע באַטריגער, און ער האָט געגלייבט, אַז ווי נאָר מען וועט דעם פאַרפירטן עולם „עפענען די אויגן" און אים געבן צו פאַרשטיין, אַז די חסידישע אידעען-וועלט איז לויטער אָבערגלויבן און געצנדינסט, וועט עס נעמען אַ סוף מיט די רביים און צדיקים און מיט דער גאַנצער חסידישער באַוועגונג, און אויפשײַנען וועלן איבער דער ייִדישער גאַס די ליכטיקע שטראַלן פון אויפקלערונג. צו דעם צוועק האָט ער זײַן „מגלה טמירין" געשאַפן, איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם געפערליכן שונא מיט דער בײַטש פון סאַטירע און מיט די פאַרניכטנדיקע פײַלן פון שפּאָט און געלעכטער.

מיט טיפן ווייטאָג האָט אָבער פּערל געמוזט צוזען, ווי דווקא אין די ערשטע צען יאָר נאָך דעם דערשײַנען פון זײַן סאַטירע, איז די מאַכט פון חסידות שטאַרק געשטיגן אין גאַליציע [1]. דאָך האָט פּערל, בײַ זײַן קעמפערישער נאַטור, דעם מוט ניט אָנגעוואָרן. „ווען אַפילו — דערקלערט פּערל — אונזערע רייד זײַנען איצט אומזיסט, דאַרפן מיר איצט אונזער חוב דערפילן, זאָל זײַן פאַר די קומענדיקע דורות. און אויך אין איצטיקן דור, ווען אַפילו איינער פון טויזנט וועט אַדאַנק אונזערע ווערק זײַן געהיט און ניט לאָזן זיך פאַרפירן דורך די שווינדלער און פאַרבלענדער, זײַנען מיר אָט צוליב דעם איינציקן מחויב צו טאָן אַלץ, וואָס מיר זײַנען אימשטאַנד, ווי די חכמים זאָגן: כל המקיים נפש אחת מישראל כאלו קיים עולם מלא — ווער עס ראַטעוועט איין ייִדישע נשמה, איז גלײַך ווי ער וואָלט געראַטעוועט אַ גאַנצע וועלט [2]. און בערך אין צען יאָר אַרום נאָך דעם דערשײַנען פונם „מגלה טמירין", שרײַבט פּערל זײַן צווייטע סאַטירישע ווערק „בוחן צדיק" [3].

אויך דער „בוחן צדיק" איז געשריבן אין בריוו-פאָרם. ער איז אַפילו פון ברייטערן פאַרנעם, ווי דער „מגלה טמירין", און דאָך ניט אין פאַרגלייך שוואַכער. דער סטיל איז ניט קיין אויסגעהאַלטענער: אין אָנפאַנג איז ער געשריבן אין דעם זעלביקן סאַטירישן נוסח, ווי דער „מגלה טמירין", אין דער מיט גייט ער אָבער איבער אין דעם פּאַטעטיש-משכילישן. אויך די פאַבולע איז אַ צו געקינצלטע. דער שומר פון דעם

---

1 דערויף ווײַזט אויך ראַפּאָפּאָרט אין זײַן רעצענזיע איבער „בוחן צדיק" (כרם חמד, V).

2 „בוחן צדיק", 112.

3 דער „בוחן צדיק" איז דערשינען ערשט אין 1838, אָבער שוין אין אַ בריוו צו יצחק-בער לעווינזאָן פון 1833 שרײַבט פּערל, אַז עס איז שוין פון לאַנג פאַרטיק בײַ אים דער „בוחן צדיק" און ער האָט שוין אויף אים זינט 2 יאָר די דערלויבעניש פון דער צענזור (באר יצחק, 41).

בעש״טס כתבים האָט איבערגעגעבן עובדיה בן פתחיהן, דעם פאַרפאַסער פון „מגלה טמירין״, אַ ספּעציעלן כתב מיט געוואַלדיקע סודות. אַדאַנק דעם דאָזיקן כתב קאָן עובדיה ווערן אַ רואה ואינו נראה, פליען אויף אַ וואָלקן. ער באַקומט אויך דורך דעם שומרס הילף אויס אַ פאַרבאָר־גענער הייל אַ וואונדערבאַרע שרייבטאַפל: אויף אירע בלעטער ווערן פון זיך אַליין פאַרשריבן אַלע רייד, וואָס ווערן געהערט אַרום איר. וואַנדערט אַרום עובדיה מיט דער שרייבטאַפל אין דער טאַש איבער די מאַרקן, בתי מדרשים און פאַרשיידענע הייזער אַלס רואה ואינו נראה, הערט זיך צו, וואָס מען רעדט וועגן זיין „מגלה טמירין״, און אַלץ ווערט גלייך אויטאָמאַטיש פאַרנאָטירט אין דער שרייבטאַפל. פערל פרוווט דערביי איבערגעבן אין העברעישער ווערטליכער איבערזעצונג די אייגנאַרטיקע יידישע ריידשפּראַך פון זיינע פאַרשוינען. פערל גיט מיט אַ כיוון די דאָזיקע ריידשפּראַך איבער אין קאַריקאַטוריסטישער פאָרם, און עס באַקומען זיך אַ שטייגער אַזעלכע רעפּליקעס: „ידעתי מכבר שאתה רוצה להראות כי אתה בריה גדולה ושידעת כל העסקים וכל החכמות, הניחה לי״; „... מה אתם שואלים מהיכן אני יודע זאת, אני בודאי יודע טוב״; „אני איני מאמין בזה, מי פתי מאמין לו שהיה רואה ואינו נראה, מה לי לזה שהוא כותב שהיה רואה ואינו נראה, בודאי לא היה רואה ואינו נראה״ [1].

די ווערטער, וואָס זיינען פון זיך אַליין אויף אַ וואונדערבאַרן אופן פאַרצייכנט געוואָרן אויף די בלעטער פון דער שרייבטאַפל, איז אָבער ניט מעגלעך געווען אָפּצומעקן מיט קיין זאַך אין דער וועלט; דערצו איז געווען נאָר איין איינציקע סגולה: דער אָטעם פון אַן אמת אָרנטליכן מענטשן. ווי נאָר דער מענטש, וואָס איז ריין פון פאַלשקייט און זינד, ניט אַ בלאָזן אויף די באַשריבענע בלעטער — גלייך פאַרשווינדן די געשריפטסן און די בלעטער ווערן ווידער ריין. אַז די בלעטער פון דער שרייבטאַפל זיינען דורך די איבערגעכאַפּטע שמועסן געוואָרן באַשריבן פון אַלע זייטן, פאַנגט עובדיה אָן צו זוכן דעם פּאַסיקן מענטשן, וואָס זאָל דורך זיין ריינעם אָטעם ווידער ריין מאַכן די שרייבטאַפל. איז דאָס אים אָבער ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען. ער ווענדט זיך קודם־כל צום צדיק הדור — צום חסידישן רבין, דערציילט אים די גאַנצע מעשׂה

---

1 עס איז אויסער ספק, אַז פערלען האָט דערביי געדינט אַלס מוכסער לעווינזאָנס סאַטירע „דברי צדיקים״, וואָס האָט אין דער התחלה געטראָגן דעם נאָמען „מגלה סוד״. די דאָזיקע סאַטירע האָט לעווינזאָן אין מאַנוסקריפּט צוגעשיקט פערלען נאָך אין 1820, און זי איז אַדאַנק פערלען אין דרוק דערשינען (צוזאַמען מיט לעווינזאָנס צווייטע סאַטירע „עמק רפאים״) אין 1830 (זע „באר יצחק״, 11, 41—43).

און בעט אים, ער זאָל מיט זײַן הייליקן אָטעם א בלאָז טאָן אויף דער שרײַבטאָפל. יענער האָט דאָס אָבער באין־אופן ניט געוואָלט טאָן; „געווים אוים גרויס ענִיוות״. — דערקלערט מיט איראָניע עובדיה און גייט צו אַן אַנדער רבין, דערציילט שוין אָבער יענעם ניט, אַז צום ריין מאַכן די בלעטער איז נייטיק דוקא דער אָטעם פון א מענטש, וואָס איז ריין פון זינד. פאַר א גוטן פּדיון האָט דער רבי מיטן גאַנצן כוח געבלאָזן אויף דער שרײַבטאָפל, דעם רבינס בלאָז האָט אָבער ניט געהאָלפן, און די אותיות האָבן זיך פונם אָרט ניט גערירט. דאָס איז, דערקלערט עובדיה מיט א פרומער מינע, וואָרשײַנליך דערפאַר, וואָס דער רבי האָט אין דער יוגנט געזינדיקט דערמיט, וואָס ער האָט געלערנט גמרא אויפן מתנגדישן שטייגער. איז ער געגאַנגען ווײַטער פון איין רבין צום אַנדערן — און די שרײַבטאָפל איז אַלץ געבליבן באַשריבן פון אַלע זײַטן. לאָזט זיך דעמאָלט עובדיה צו די גאוני הדור — צו די רבנים, אָבער אויך זייער אָטעם האָט איבער די געשריפטסן פון דער שרײַבטאָפל קיין שליטה ניט געהאַט. דערבײַ איז כּדאי אָנצומערקן פאָלגנדיקן כאַ־ראַקטעריסטישן פּרט: דער אומבאַקאַנטער „פלאי״ אוים דעם „כּרם חמד״ 1 טרעט אַרויס קעגן די רבנים פאַר זייערע חומראָס און אָנצאָליקע סְגים, וואָס זיי שאַפן אַרום דער תורה. דער מער מעסיקער פּערל פאַלט אָבער אָן אויף די גאַליציאַנער רבנים דער עיקר דערפאַר, וואָס זיי האָבן ניט דעם מוט זיך אַקעגנצושטעלן דער מאַכט פון די רביים, זיינען נכנע פאַר זיי און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי זײַנען בּלומרשט אויך פונם רבינס חסידים און גלויבן אין זײַן הייליקייט 2. פּרוּווט עובדיה זיך ווענדן צו די אַנדערע שיכטן פון דעם ייִדישן קיבוץ אין גאַליציע, קודם כּל צו די כּוחרישע קרײַזן. צו דעם צוועק לאָזט ער זיך צו דער טיפּי־שער האַנדלס־שטאָט בראָד (אבדרי).

„אין אבדרי — דערציילט עובדיה — איז די גאַנצע באַפעלקערונג שטאַרק פאַרטאָן בעסקי מסחר... איך בין דאָרט געווען בײַ א סך נגידים, האָב איך געזען, אַז זיי האָבן אפילו ניט קיין באַשטימטע שעה, ווען צו עסן, און אויך שבת און יום־טוב ווייסן זיי ניט וואָס זיי עסן און טרינ־קען, וואָרום אַלע זייערע געדאַנקען זיינען פאַרטאָן אין די מאַרק־טעג, וואָס קומען פאָר אין די דײַטשע און רוסישע מדינות. פיר וואָכן פאַר די מאַרק־טעג זײַנען אַלע טרוד מיט די הכנות: דער מלוה גרייט זיך געלט

---

1 זע אויבן ז״ז 99—100.

2 פערל נוצט דערבײַ אויס די געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט דעם לעמבערגער רב, האָרנשטיין, פאַר זײַן רודפן די משכילים מיט דער שטראָף פונם חרם (בוחן צדיק, 49—54).

צו פארלייען, דער לווה — צו מאכן הלוואות, דער מוכר — צו פארקויפן די סחורות, וואס זיינען אים פארבליבן פון דעם פריערדיקן מארקטאג, דער קונה — צו קויפן די דאזיקע סחורות פאר א וואלוועלן פרייז, דער באנקיר — געלט צו בייטן, דער סרסור — דורכצופירן די אלע געשעפטן, וואס דארפן פארענדיקט ווערן פאר די מארקטעג; די בעלי עגלות, משולחים, משרתים — אלע זיינען זיי שטארק טרוד און גרייטן זיך צום מארקטאג, וואס שטייט פאר; אפילו דער מלמד און די קינדער־אם זיינען אויך פארטאן אין געשעפטן: זיי גיבן זייער בעל־הבית א באַ־שטימטע סומע צו קויפן פון זייערטוועגן עפעס וואסערע־ס׳איז סחורה און עס זאל זיי קיין שכר־עגלה ניט קאסטן. די נסיעה אויפן מארקטאג צוזאמען מיטן צוריקפארן פארנעמט אזוי א וואך זעקס. אין משך פון דער גאנצער צייט זיינען די מענער און פרויען, וואס בלייבן אין דער היים, טרוד צוצוגרייטן באציטנס שכר־עגלה אויף צו ברענגען די סחורה, וואס ווערט אין מארקטאג איינגעקויפט, און אויך די נייטיקע סומע צו דעקן די הלוואות, וואס זיינען געמאכט געווארן אינם משך פון די מארק־טעג, בכדי זי גלייך אויסצוצאלן, ווי נאר די סחורה ווערט אהיים געבראכט. ווען די סוחרים קערן זיך צוריק אהיים, זיינען זיי ווידער שטארק טרוד מיט קויפן־פארקויפן, לייען, אויסצאלן, געבן און נעמען מתנות, צעשיקן די סחורות אין די פארשיידענע מדינות, קויפן פראדוקטן, אויסבייטן ניט־פאסיקע סחורות אויף בעסערע און אזוי ווייטער. און ווי נאר עס נעמט א גמר מיט די דאזיקע עסקים, דערנענטערט זיך שוין די צייט פון די ווייטערדיקע מארקטעג. אט אזוי זיינען עס די אבדריר לייט שטענדיק שטארק פארטאראמעט, אז זיי וויסן ממש ניט, אויף וואסער וועלט זיי גייען ארום״ [1].

אזוי וואנדערט עובדיה מיט זיין שרייבטאפל איבער די פאר־שיידנסטע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג. ער קוקט זיך צו צו דער התנהגות פון די סוחרים, באנקירן, מעקלער, קרעמער, הענדלער — אומעטום פאלשקייט, שווינדל און גנבה; מען שאכערט, מען פעלשט, מען נארט אפ איינער דעם אנדערן. „און די אלע פארשווינען רעבענען זיך פאר די שענסטע שטאט־בעלי־בתים, שטייען אין מזרח־וואנט, קריגן ששי, און אונזערע רבנים זיינען זיך גערן מיט זיי משדך״. אפילו ביי די יגיעי־כפים, ביי די בעלי־מלאכות, איז אויך ניט בעסער. אויך דארט אין פוילקייט און דעמאראליזאציע. זיי קאנען ניט ווי געהעריק זייער פאך, זיי באצוולען שטארק זייערע לערנייינגלעך, באנוצן זיי דער עיקר

1 „בוחן צדיק״, 62—66.

צו שטוב־ארבעט, צווינגען זיי ניאַנטשען די קינדער, און די מלאכה לערנען זיי מיט זיי אויפן שפּיץ מעסער, און ווען די לערן־ייִנגלעך וואַקסן אויס, קענען זיי ניט ווי געהעריק די מלאכה, כּוזן זיי פּעלשן, אָפּנאַרן און באַגנבענען די קליענטן.

די איינציקע רעטונג זעט פּערל בלויז אין ערד־אַרבעט. דעם אָרנטליכן מענטשן, וואָס פון זײַן אַטעם זײַנען גלײַך שפּאָגל רײַן געוואָרן די פאַרשריבענע בלעטער פון דער שרײַבטאָפל, האָט עובדיה געפונען אין דעם ערשטן ייִדישן קאָלאָניסט, מיט וועלכן ער האָט זיך באַקענט אין דרום־רוסלאַנד.

מיר האָבן שוין פריִער געהאַט די געלעגנהייט אָנצוּווײַזן [1], ווי די דאָרף־ און הירטן־אידיליעס האָבן געהערט צום באַליבטעסטן זשאַנר בײַם דור „המאספים“ און זייערע נאָכפאָלגער. אין דער זעלביקער צײַט, ווען פּערל האָט זײַן „בוחן צדיק“ פאַרפאַסט, האָט אין לעמבערג דער באַגאַבטער אריה־לייב קינדערפרײַנד [2] פאַרעפנטליכט (1834) זײַן לידער־זאַמלונג „שירים שונים“, וווּ עס באַרנעמט דעם חשובסטן פּלאַץ דער ציקל לידער „המשורר בכפרים“, אין וועלכע עס ווערט אין צאַרטע, מילדע טענער געשילדערט דאָס דאָרף־לעבן אויפן שויס פון דער נאַטור, און דאָס לעצטע ליד „בערב“ פאַרענדיקט זיך מיט דעם פרומען פאַרלאַנג:

שׁוֹכֵן בִּגְבוֹהִים
וְרוֹאֶה יְגִיעָמוֹ,
אָנָּא אֱלֹהִים
הַעֲרֵב שְׁנָתָמוֹ [3].

אויך יוסף פּערלס סאַטירע „בוחן צדיק“ פאַרענדיקט זיך מיט אַ דאָרף־אידיליע. אין ליכטיקע, נאַיִוו־צאַרטע פאַרבן ווערן געשילדערט [4] די ערשטע ייִדישע קאָלאָניעס, וואָס די רעגירונג פון ניקאָלאַי דעם ערשטן האָט געשאַפן אין דרום־רוסלאַנד. דער, פאַר די „משכּילים“ פון יענער תקופה אַזוי כאַראַקטעריסטישער נאַיִוו־בלינדער גלויבן אין דעם גוטן ווילן פון דעם „וואָלטעטיקן אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם“ האָט עס מיטגעהאָלפן, וואָס דער טאַלענטפולער סאַטיריקער און טיכטיקער סוחר און כּלל־טוער יוסף פּערל האָט זיך געלאָזט פאַרפירן דורך צוויי בראָדער

1 באַנד VII, צווייטער בוך, 247—248.

2 געבוירן אין זאַמאָשטש אין 1797, געשטאָרבן אין לעמבערג אין 1837.

3 דו, וואָס רוסט אין די הייכן; דו זעסט זייער מי, בעט איך דיך, גאָט, פאַרזיס זייער שלאָף!

4 „בוחן צדיק“, 97—102.

ענטוזיאַסטישע דאַמען. די דאָזיקע דאַמען האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן אין אָנפאַנג פון די צוואַנציקער יאָרן די ייִדישע קאָלאָניעס, ווו עס האָט זיך באַזעצט די ערשטע גרופּע ייִדישע קאָלאָניסטן, וואָס זײַנען געקומען אין 1806—1807 פון דער מאָהליווער געגנט בראש מיט דעם ענערגישן נחום פינקעלשטיין. די דאָזיקע דאַמען זײַנען געווען איבערפלעכליכע באָאַבאַכטערינס. זיי האָבן קיין שום באַגריף ניט געהאַט פון די שרעקליכע מאַטעריעלע לײַדן, וואָס די הונדערטער ייִדישע פאַמיליעס האָבן געהאַט אויסצושטיין בײַ דער אומגעלומפּערטער און גרויזאַמער קאָלאָניזאַציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אונטער דער השגחה פון די צאַרישע ביוראָקראַטן 1. פון דער שווערער טראַגעדיע ווערט בײַ זיי אַ אידיליע, וועלכע זיי באַשרײַבן אין אַ ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז פאַרעפנטליכט געווען אין 1823 אין דער וואַרשעווער צײַטונג „דער בעאָבאַכטער אַן דער ווײַכסעל" 2. אָט די קאָרעספּאָנדענץ האָט פּערל כמעט וואָרט בײַ וואָרט אויסגענוצט אין זײַן „בוחן צדיק", און מיט דער לאַקריץ־זיסער פרויען־מאַלערײַ פאַרענדיקט זיך פּערלס קעמפעריש־סאַטירישע טעטיקייט.

פון אַ גאַנץ אַנדערן סטיל איז געווען דער צווייטער סאַטיריקער, וואָס די גאַליציאַנער השכּלה האָט פאַרמאָגט — יצחק ערטער.

יצחק ערטער איז געבאָרן אין 1792 אין אַ דאָרף בײַ פּרעמיסל. ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע צײַטן, האָט מען אים צו 13 יאָר חתונה געמאַכט. האָט אָבער אַן אומגליק געטראָפן, און אין אַ האַלב יאָר אַרום איז זײַן ווײַב געשטאָרבן. דער פאָטער האָט ניט לאַנג געוואַרט, און טאַקע באַלד דעם יונגן אַלמן צום צווייטן מאָל חתונה געמאַכט. דאָס 14־יאָריקע בעל־הבּיתל איז אַוועקגעפאָרן צום שווער, וואָס האָט געוווינט אין שטעטל ווילקיע־אָטשי. ווי יוסף פּערל אין די יונגע יאָרן, איז אויך דער יונגער ערטער געווען אַ הייסער חסיד, געטובלט זיך יעדן טאָג אין מקווה, געטאַנצט מיט די חסידים און געהערט וווּנדער־מעשׂיות וועגן רביים און צדיקים. „ניט אויפגעלײַכט האָט מײַן פאַר־שטאַנד אין דעם דאָזיקן חשכות, — דערציילט ערטער שפּעטער וועגן זײַנע יוגנט־יאָרן (אין „חסידות וחכמה"). — מיט די הענט איז געווען אָנצוטאַפּן די שטאָקפינסטערניש אַרום!" אומדערוואַרט איז פאָרגעקומען אַן איבער־ברוך אין זײַן לעבן. פון אַ שכנישן שטעטל איז אָנגעקומען קיין ווילקיע־

1 געניי דאָקומענטאַלע ידיעות וועגן דעם זע: Никитин, Евреи-земледѣльцы 8—92. С. Боровой, Евр. земледельч. Колонизация 1928 41—71.

2 איבערגעדרוקט אין „ליטעראַרישע בלעטער" 1934.

אַטשי אַ יונגערמאַן אַ משׂכּיל און זיך באַזעצט טאַקע אין דעם זעלביקן הויז, וווּ ערטער האָט געלעבט. יוסף טראַלער האָט דער משׂכּיל געהייסן. אין זײַן רעצענזיע וועגן פּערלס „בוחן צדיק״ דערציילט ראַפּאַפּאָרט (כרם המד IV, 50), ווי איינער אַ חסיד האָט פאַרגעוואָרפן אַן אָנגעזעענעם משׂכּיל: „אמת, בײַ אונז חסידים געפינען זיך גענוג ציגײַנער (ד״ה, שווינדלערס), בײַ אײַך אָבער זײַנען פאַראַן נאָך אַ סך גרעסערע״. אַן אַנדערס מאָל (כרם חמד, VI, 42) קלאָגט זיך ראַפּאַפּאָרט אויף דעם סאָרט משׂכּילים, וואָס מאַכן פון זייער בילדונג אַ „כּלי משחית להרע* און נוצן אויס זייער שפּראַך־קענטעניש אויף צו שיקן דער רעגירונג מסירות און פּאַסקווילן. אָט צו דער קאַטעגאָריע משׂכּילים, וואָס האָבן בילדונג און וויסן פאַרבונדן מיט אוממאָראַלישע מעשׂים, האָט אויך געהערט יוסף טראַלער. בײַ זײַן דורשט נאָך וויסן האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט ניט קיין קלענערן גיר נאָך רײַכטום. ער האָט באַלד אײַנגעזעען, אַז דורך בילדונג אַליין וועט אים ניט געלינגען צו שאַפן פאַר זיך אַן אָנגעזעענע שטעלונג אין דעם געזעלשאַפטליכן לעבן: דערצו זײַנען קודם־כּל נייטיק רײַכע מאַטעריעלע מיטלען. איז דאָס ניט מעגליך צו דערגרייכן בכּשרות, דאַרף מען זיך ניט אָפּשטעלן פאַר רמאות און פאַר־ברעכן. טראַלער האָט געהאַט אַ קונציקע קאַליגראַפישע האַנטשריפט, – איז ער געפאַלן אויף אַזאַ המצאה: ווען איינער פון די אַרומיקע רײַכע גוטסבאַזיצער איז געשטאָרבן, האָט ער נאָכגעמאַכט פאַלשע וועקסלען אויף אַ באַשטימטער סומע מיט דער חתימה פונם פאַרשטאָרבענעם פּריץ. אַזוי אַרום האָט ער זיך געשאַפן אַ באַדײַטנדיק פאַרמעגן. וועגן טראַלערס פעלשונגען איז מען סוף־כּל־סוף געוואָר־געוואָרן, און בכדי זיך צו ראַטעווען פון דער שווערער שטראָף, וואָס איז איבער אים געהאַנגען, האָט ער זיך געשמדט. ער איז דערנאָך לאַנגע יאָרן געווען צענזאָר פון העבראיִשע ביכער אין לעמבערג, געווען שטאַרק שטרענג צו דער חסידישער ליטע־ראַטור און געשטיצט די משׂכּילים. מען דערציילט, אַז ער איז סוף ימיו אַ בעל־תשובה געוואָרן, פלעגט אָפט זיך באַווײַזן אין שול און דאַווענען מיט גרויס כּוונה [1]. מיט ערטערן האָט ער זיך באַקאַנט, ווען ער איז נאָך אַ יונגער משׂכּיל געווען. ער האָט „געעפנט די אויגן״ דעם יונגן פאַרברענטן חסיד, אים באַקענט מיט דער השׂכּלה־ליטעראַטור און קודם־כּל מיט די ווערק פון „ביידע משה׳ס״, ד״ה, מיט משה בן מײַמונס „מורה נבוכים״ און מיט די ווערק פון משה מענדעלזאָן. ערטער מאַכט דורך די זעלביקע עטאַפּן, וואָס פּערל בשעתו: פון אַ חסיד ווערט ער אַ פאַר־

* אַ געהער אויף שלעכטס צו טאָן.

1 הקול, V, נומ׳ 24 און 25; מ. ווײַנבערג, מאָנאַטסשריפט 1928, 185.

ביסענער קעגנער פון חסידות. ער פּאַרלאָזט באַלד וויעלקיע-אָטשי און באַזעצט זיך אין לעמבערג, ווו ער לעבט פון פּריוואַטע לעקציעס. ער פאַר-נעמט באַלד אַן אָנגעזעענעם אָרט אין די לעמבערגער משכילישע קרײַזן, און דאָס האָט טאַקע גורם געווען, וואָס ער איז געווען איינער פון די ערשטע, קעגן וועלכע עס זײַנען געווען געצילט די פײַלן פון האָרנשטיינס חרם אין 1815. ערטער האָט געמוזט פאַרלאָזן לעמבערג און ער פאַרט אַריבער קיין בראָד. דער חרם האָט אויף ערטערן געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. ער קומט צום אויספיר, אַז ניט בלויז חסידות, נאָר אויך די אָרטאָדאָקסישע רבנות איז אַ שעדליכע פײַנדליכע קראַפט, קעגן וועלכער מען דאַרף קעמפן. און ער באַשליסט צו קעמפן מיט דעם איינציקן געווער, וואָס געפינט זיך אין זײַן רשות: מיט דער מאַכט פונם וואָרט, מיט דער בײַטש פון דער סאַטירע. און פאַר דעם ציל-שײַב פון זײַן ערשטער סאַטירע מאַכט ער טאַקע דעם אַזוי פּאָפּולערן אין די לומדיש-רבנישע קרײַזן לעמבערגער רב האָרנשטיין, וואָס האָט איבער זײַן קאָפּ די חרם-דונערן געשלײַדערט.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט (ז' 61) ווי ראַפּאָפּאָרט האָט געפּרוּווט דערווײַזן, אַז דער דאָזיקער גאון בישראל האָט אין זײַן חיבור „ישועות יעקב", וואָס איז אַזוי שטאַרק אָנגענומען אין די רבנישע קרײַזן, באַגאַנגען אַ פּלאַגיאַט: ער זאָל האָבן שטאַרק אויסגענוצט זייער פיל פרעמדע ווערק און אין ערגעץ די קוועלן ניט אָנגעוויזן. אָט די דאָזיקע באַשולדיקונג נוצט ערטער אויס אין זײַן סאַטירע „מאזני משקל"[1]. „חזון ליל" — נאַכט-וויזיע, — ווערט אָנגעוויזן אינם אונטערקעפּל. בײַנאַכט אין חלום האָט זיך פאַרן סאַטיריקער אַ גאָלדענע וואָגשאָל באַוויזן. און אַ ווונדערבאַרע קראַפט איז אין דער וואָג באַהאַלטן — זי שאַצט איבער אַלע ווערטן. דאָס, וואָס אין געוויינלעכן לעבן ווערט הויך געשעצט און פאַררעכנט צווישן די טײַערסטע אוצרות, ווערט אויף דער ווונדער-וואָג מיט אַמאָל אײַנגעשרומפּן, פאַרלירט זײַן געוויכט, און אַנטבלויזט ווערט גלײַך זײַן גאַנצע נישטיקייט. אויך ביכער אָן אַ צאָל, גאַנצע בערג ביכער, וואָס זײַנען געשאַפן געוואָרן אין משך פון לאַנגע דורות, האָבן זיך פאַר אים באַוויזן, און די וואָג האָט זייער ווערט באַדאַרפט באַשטימען. אויך דאָ זײַנען ווונדער געשען. פיל ריזיקע ספרים, וואָס האָבן געשמט בכל תפוצות ישראל, זײַנען דעם פּרוּוושטיין ניט אויסגע-שטאַנען. „אָט האָב איך אַזאַ דיקבײַכיקן חיבור אויף דער וואָגשאָל דערזעען, און פּלוצלינג האָט זיך אַ האַנט באַוויזן און געשווינד אָנגעפאַנגען

1 צום ערשטן געדרוקט אין „בכורי העתים", III, (1823).

רייסן אויסן ספר א בלאט נאך א בלאט, — אלץ, וואס דער מחבר האט ביי פרעמדע געגאשט און גענגבעט. איינגעשרומפן איז מיט אמאל דער דיקער כל־בו געווארן, בלויז דער שער־בלאט און די הקדמה זיינען געבליבן. איך האב אויפן שער־בלאט א בליק געווארפן, און האב דערזען, אז זיין פארפאסער איז א מאן, וואס „הוקם על לישועת יעקב בעיר ואם בישראל", איז געזעסן על כסא הרבנות אין א גרויסער יידישער קהילה..."

אין דעם דאזיקן ערשטלינגס־ווערק באווייזט זיך נאך ניט אין זיין גאנצן גלאנץ ערטערס סאטירישער טאלענט, דאך באמערקט זיך שוין אויך דא די צארטע שיינקייט פון ערטערס פאעטישן סטיל. ערטער בלייבט אפילו געטריי די טראדיציעס פון די „בעלי המאספים" און באנוצט זיך בלויז מיט דעם בערך קנאפן ווארט־אוצר, וואס איז אויפגעהיט אין דער ביבל. מיטן חוש פון אן אמתן קינסטלער ווייס ער אבער, ווי גובר צו זיין דעם צויבער פון דעם ביבל־זאץ, די פארכישופנדיקע און דערביי אויך פארקנעכטיקנדיקע מאכט פון דעם קלאסישן נוסח. ערטער שרייבט ניט קיין „מליצה", ער געברויכט ניט קיין פסוקים און קיין שברי פסוקים; דעם ביבלישן ווארט־שאץ שמעלצט ער איבער אין זיין קונסט־לאבארא־טאריע, און שאפט זיך זיין אייגענעם פאעטישן סטיל, א רייכן מיט מזרח־לענדישע בילדער און פארבן.

פאר דעם דארפס־יינגל מיט זיין פאעטישער נשמה, וואס איז אויפדערצויגן געווארן אויף דער תלמודיש־רבנישער ליטעראטור, אויפן טרוקענעם פלפול און אויף חסידישע מעשיות, צו וועלכע ער האט זיך שפעטער אלס משכיל פארהאלטן מיט ביטול און ראציאנאליסטישן שמייכל, — האט זיך צום ערשטן אנטפלעקט די וועלט פון פאעזיע און שיינקייט אין דער ביבל און אין איר קלאסישער שפראך. פאר ערטערן איז די ביבל־שפראך כלל ניט פארערכנט געווען פאר אן אפגעלעבטער שפראך — זי איז דאך זיין ערשטע ליבע געווען, די פארקערפערונג פון וואונדערבארער שיינקייט, פול מיט זאפט און יוגנט. און די ביבלישע בילדער־וועלט, די טריבונען אויס דער ביבלצייט, די נביאים, געוועלטיקן איבער זיין פאנטאזיע; אויך זיין אויפגאבע איז א נאציאנאלער טריבון צו ווערן, און אן אויפהער קלינגען אין זיינע אויערן די באפעלערישע ווערטער: בן אדם! צופה נתתיך לבית ישראל! — דו ביזט באשטימט צו זיין דער באאבאכטער און וועכטער איבער דעם הויז ישראל, אויפצו־רעקן פאר זיינע אויגן אלץ וואס איז פאלש און נידערטרעכטיק, אלץ וואס ברענגט צו דערנידערונג און פארקנעכטונג... און דאס איז שוין ניט דעם דיכטערס שולד, וואס זיין וועלטבאנעם, זיינע באגריפן וועגן גוטס

און שלעכטס, וועגן באַפרייונג און פאַרקנעכטונג זיינען געווען איינגעצוימט דורך דער באַגרעניצטקייט פון די השכלה-אידעאַלן...

נאָך „מאזני משקל" ווערט ערטער אויף לאַנגע יאָרן אַנטשוויגן. זיין מוזע איז בכלל געווען אַ ווייניק פרוכטבאַרע, דערצו האָט ער נאָך געשטעלט זייער שטרענגע פאָדערונגען צום געדרוקטן וואָרט; ער פלעגט פיילן און שלייפן יעדעס וואָרט און מיזאַם אַרבעטן איבער יעדער שורה. „דו דאַרפסט זיך האַלטן ביי פאָלגענדיקן כלל, — לערנט ערטער זיין יונגן פריינד פאַביוס מיזעס, — אויב דו וועסט פאַרפאַסן פאָעזיע אָדער אַ וויסנשאַפטליכע אָפּהאַנדלונג, זאָל עס ליגן אין דיין טישקעסטל גאַנצע צען יאָר, און זאָלסט זיך ניט איילן עס דרוקן. אויב עס וועט דיר אויך דעמאָלט געפעלן און דאַרטן וועסטו קיין פעלער ניט געפינען, ערשט דעמאָלט מעגסטו עס פאַרעפנטליכן. אַזוי איז אויך פון שטענדיק אָן מיין מנהג, און איך האַלט מיך תמיד אין דעם דאָזיקן כלל צו שלייפן אָנצאָליקע מאָל יעדע זאַך, וואָס גייט אַרויס פון מיין פעדער, און דאָס אין משך פון אַ סך יאָר" [1].

אין דער צייט איז פאָרגעקומען אַ וויכטיקע ענדערונג אין ערטערס פּריוואַטן לעבן. אין עלטער פון 32 יאָר קומט ער צום באַשלוס זיך צו דערוווערבן אַ פּראָפעסיע. און ער לאָזט זיך קיין פּעשט מעדיצין שטודירן. אין די לערן-יאָרן שטיצן אים און זיין פאַמיליע זיינע פריינד און זיין ערשטער לערער טראַלער. נאָכן ענדיקן (אין 1829) פאַרברענגט ער אַ שטיק צייט אין ראַווע, און אין 1831, ווען די כאָלערע-עפּידעמיע האָט אויסגעבראָכן, באַזעצט ער זיך אַלס פּראַקטיצירנדיקער אַרצט אין בראָד. און טאָקע אין דעם זעלביקן טאָג גלייך ביי זיין אָנקומען קיין בראָד שטאַרבט אויף זיינע הענט פון דער עפּידעמיע זיין פריינד, דער בעל „קנאת האמת", יהודה מיזעס. אין בראָד פאַרבלייבט שוין ערטער אויף זיין גאַנץ לעבן, און ער דערוווערבט זיך גרויס פּאָפּולאַריטעט ביי דער אָרעמער באַפעלקערונג פאַר זיין מסירת-נפשדיקער איבערגעגעבנקייט אַלס אַרצט און מענטש.

ערשט אין 1834, עלף יאָר נאָך דעם „מאזני משקל", דערשיינט (אין „כרם חמד", II) ערטערס צווייטע סאַטירע „חסידות וחכמה". די דאָזיקע סאַטירע, וואָס איז אויך געשריבן אין פאָרם פון אַ נאַכט-וויזיע,

---

[1] אוצר הספרות, III, תולדות אנשי שם, 17. זע אויך ערטערס בריוו צו י. ב. לעווינזאָן („באר יצחק" 62). אַז ער איז געווען אַ נאה דורש ונאה מקיים, באַווייזט אַזאַ פאַקט: שוין אין 1841 איז די סאַטירע „גלגול נפש" געווען כמעט ווי פאַרטיק, נאָר איבערגעגעבן אין דרוק האָט זי ערטער ערשט אין 1845 (זע זיינע בריוו צו ש. זק"ש אין „העבר" I, 2—150).

טראָגט אויף זיך געוויסע אויטאָבּיאָגראַפישע שטריכן. ער דערציילט, ווי אַזוי ער האָט אין די יונגט-יאָרן געטאַפּט אין דער פינסטער פון אומ-וויסן, ביז עס האָט זיך אויף אים דערבּאַרעמט אַן אויפגעקלערטער מאַן, וואָס האָט געלעבּט אין הויז פון זיין שווער, און אים די אויגן געעפנט, באַקענט אים מיט די ווערק „פון ביידע משהס", און ער דערזעט מיט אַמאָל, ווי אומוויסנדיק ער איז. עס פאַנגט זיך אין אים אָן אַ אינערליכער קאַמף, און אָט באַווייזן זיך צו אים אין חלום צוויי פרויען, וואָס יעדע באַזונדער וויל אים פאַר זיך דערווערבּן, ער זאָל זיין איר איבּערגעגע-בּענער דינער. גרונד-פאַרשיידן איז דאָס אויסזען פון די דאָזיקע פרויען. איינע — אַ געלע, אַ פאַרדולטע, מיט לאַנגע שטאַרצנדיקע אויערן, מיט אַ גרויסן קנאָפּ אויפן גאָרגל. אַ קול ווי פון אַ רוקבעט, רעדט אויף אַ ווילדן קוידערוועלש, חזרט מערערע מאָל איבּער איין און דאָס זעלביקע וואָרט, וואַרפט דערביי מיט די הענט און שאָקלט זיך מיטן גאַנצן קערפּער. די צווייטע — אַ געלאַסענע, אַ רויקע, מיט אַ ליכטיק שיינענ-ריקן פּנים, אַ קרוין לייכטנדיקע שטערן רינגלען איר קאָפּ אַרום, איר קול איז צאַרט ווי פידל-טענער, רעדט שיין און געלאַסן, ריין און ציכטיק איז איר קליידונג. די ערשטע — איז חסידות, חכמה — די אַנדערע. די רייד פון חסידות, מיט וועלכע זי וויל אים איבּעררייד[ן], ווערן, זעלבּסט-פאַרשטענדליך, פאַרוואַנדלט אין באַשולדיקונגס-אַקט, וואָס דאַרף בולט באַווייזן, אַז די גאַנצע חסידות-באַוועגונג איז אַ קנויל פון טפשות, ווילדן אַבּערגלויבּן, פאַלשקייט און נידערטראַכט, און אירע פירער — לויטער רמאים און באַטריגער. דערנאָך טרעט אַרויס די חכמה מיט אירע גע-לאַסענע און פאַרנינפּטיקע רייד: „זי, די חסידות, וויל דיך בּלענדן מיט ריכטום, וואָס זוערט דערוואָרבּן דורך פאַלשקייט און נידערטראַכט! דאַרפסט וויסן, מיין זון, אַז פאַלשע נביאים און מיט זינד באַפלעקטע פּריסטער זיינען פון תמיד אָן די פּלאָג פון אונזער פאָלק. זיי האָבּן אים אויך אין די וואָגל-יאָרן, אין די צייטן פון גלות, ביז צו דער ערד דערנידער-ריקט און געמאַכט אים צו שאַנד און צו שפּאָט ביי די אַנדערע פעלקער. ווילסט אויך דו רויבּן דיין פאָלק, צוזאַמען מיט יענע שווינדלער זיין כּבוד אין שטויב טרעטן, בּכדי דיין כּבוד זאָל געגרייסט ווערן צווישן נאַראָנים? ווילסטו דיין פאָלק טרעטן ווי בּלאָטע אין די גאַסן, בּכדי דיינע אוצרות מיט גאָלד אָנצופילן?"

און די חכמה באַווייזט פאַר אים אַלע אירע אָנצאָליקע אוצרות, רעכנט פאַר אים אויס אַלע וויסנסבּראַנזשן, וואָס דער מענטש דאַרף פאַרשן און דערגרייכן. אַנציקט ווערט דער פאַרפאַסער פון דער חכמהס וווּנדער-באַרע רייד. „איך בין פאַר איר אויף די קניע געפאַלן. אָן ווערטער איר

מיט גרויס פרייד דערקלערט, אז איך וויל נאָר זי און ניט קיין אנדערע. און ווי די נאכט־שאָטנס אנטלויפן פאַר די ליכטיקע שטראַלן פון דער אויפ־שײַנענדיקער זון, אזוי איז די חסידות פאַרשווּנדן פאַר דער חכמהס ליכט, וואָס איז געוואָרן אלץ העלער און שטאַרקער אין פאַרלויף פון דער חכמהס רייד. פול מיט ליכטיקן שײַן איז דער צימער געוואָרן, און איך האָב אויפגעוואכט"...

אין דרײַ יאָר־ארום איז דערשינען (כרם חמד, III) ערטערס קליינע סאטירע „תּלונת סָנִי סַנְסָנִי וְסַמַּנְגְּלוֹף". אויך זי איז געווענדעט קעגן חסידות, קעגן איר פאַנטאַסטישער אידעען־וועלט מיט איר גלויבן, ווי פון יעדן רבינס שפּרוך ווערט א מלאך געבאָרן, און מיט איר אָבערגלויבע־רישן שרעקן פאַר לילית, וואָס לויערט נאָך ייִדישע קינדער און וויל זיי אומברענגען.

פון א ווײַט ברייטערן פאַרנעם איז די אין 1840 דערשינענע סאטירע „תּשליך". דאָס איז פאַקטיש ניט קיין סאטירע, נאָר מיט פיל טאלענט און מײַסטערישער שפּראַך געשריבענער פּאַמפלעט. בײַם ברעג פונם טײַך, בעת ייִדן גייען פרום צום „תּשליך" און וואַרפן אין וואַסער זייערע זינד, שטייט דער שטן גרייט מיט זײַנע באַדינער, זיי פאַנגען גלײַך אויף די אלע אין וואַסער געוואָרפענע זינד. און מיט א טײַוואָלאַנישן געלעכטער ווענדט זיך דער שטן צום „צופה לבית ישראל" און זאָגט: „זע, וואָס עס טוט זיך". האָב איך מיך אומגעקוקט — דערציילט דער „וועכטער" — און געזען: אָט האָבן זיך פאַרזאַמלט די אָנגעזעענסטע פון דער עדה, אירע רבנים, אירע רביים, אלע אירע הייליקע, חסידים, פרו־מאַקעס, וואָס אײַפערן פאַר גאָט און פאַר זײַן תּורה. זיי זײַנען געקומען, געשעפּטשעט מיט די ליפּן, געשאָקלט מיט די קעפּ און די פאַלעס אויסגעטרייסלט: דער שטן האָט פאַר אים די אלע אין וואַסער געוואָר־פענע זינד באַוויזן — און דערשראָקן און אנטזעצט איז דער „וועכטער" געוואָרן פון דעם, וואָס זיינע אויגן האָבן דערזעען. די זינד פון דער הייליקער קהילה, זיי האָבן בילדער און געשטאַלטן באַקומען — עקלהאַפטע, שרעקליכע בילדער פון נידערטראַכט, פאַרברעכן, חוצפּה און פינסטערן אומוויסן. אין די שוואַרצסטע פאַרבן שילדערט ערטער די רבנים, וואַרפט זיי פאַר מאַראַלישע נישטיקייט, פאַלט אויף זיי אָן פאַר די אומצייליקע חומרות און איסורים, וואָס זיי וואַרפן אָן ווי א שווערע לאַסט אויף דער מאַסע, ניט איבערצוטראָגן, פאַר זייערע בערג חבורים פול מיט נאַרישע המצאות און ווילדע אײַנפאַלן, וואָס פאַרסמען מיט זיי די מוחות. ערטער קאָן נאָך אלץ דערבײַ ניט פאַרגעסן דעם לעמבערגער רב און זײַן זון דעם ווילדן קנאי מרדכי זאב האָרנשטיין, מיט זייער

חרם און רדיפות קעגן די משכילים. ווען ערטער האט זײַן „תשליך״ געשריבן, איז שוין דעם רבס זון זינט דרײַ יאָר אויפן בית־הקברות געלעגן, דאָך איז נאָך ערטערס כעס ניט געשטילט, און ער האָלט פאר נייטיק אים מיט זײַן שפּאָט צו באַגיסן און אים אַרויסצושטעלן אין זײַן גאַנצער מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט, אלס דעם שטנס איבערגעגעבנסטער דינער [1]. ניט ווייניקער שאַרף טרעט ערטער אַרויס קעגן די רביים, חסידים און פרומאַקעס. עס איז ניטאָ די זינד, פאַרזיכערט דער סאַטי־ריקער, וואָס האָט זיך ניט אַרויסגעשאָטן פון אונטער זייערע פאָלעס: חטאת גנבה, חטאת כחש בעמיתו, חטאת מרכה ותוך, חטאת הונות את אחיו, חטאת תת כסף בנשך, חטאת שנוא את עמיתו, חטאת שומו לחרפה, חטאת רדפו באיבה (זינד פון גנבה, זינד פון רויב, זינד פון באַליגנערן דעם צווייטן, זינד פון פאַלשקייט און פאַרברעכן, זינד פון געלט לײַען אויף פּראָצענטן, זינד פון אָפּנאַרן דעם צווייטן, אים שענדן און רודפן אים מיט שנאה). פערל באַרירט מיט זײַן קריטיק אין „בוחן צדיק״ אויך די משכילים און ווײַזט אָן, אַז צווישן זיי געפינען זיך אויך אַ שפּאָר ביסל עם־הארצים, וואָס זייער גאַנצע בילדונג באַשטייט פון אַ ביסל אויפ־געכאַפּטע אויבנאויפיקע ידיעות. אויך ערטער איז מודה, אַז אויך זײַן לאַגער איז ניט ריין פון זינד; אַ טייל פון זיי ווערן אויף דער עלטער בעלי־תשובהס, פיל פון די משכילים דערווײַטערן זיך פון פאָלק, קאַלט ווי אײַז פאַרהאַלטן זיי זיך צו די באַדערפענישן פון פאָלק; עס דערוואַרעמט זיך ניט זייער האַרץ צוזעענדיק דעם פאָלקס לײַדן; זיי זאָרגן ניט, וואָס דאָס פאָלק איז אַזוי פאַרנאַרישט, פאַרפינסטערט, זיי ווילן ניט קומען אים צו הילף, דערהויבן אים פון זײַן נידעריקער לאַגע, זיי טראַכטן נאָר וועגן זיך, וועגן אייגענעם וווילשטאַנד [2].

אין פינף יאָר אַרום (אין 1845) איז דערשינען ערטערס פּאָפּולערסטע סאַטירע, זײַן „גלגול נפש״. אין משך פון צענדליקער יאָרן האָט זיך געשפּירט די שטאַרקע השפּעה פון דער דאָזיקער סאַטירע אין דער העברעיִשער און אויך יִידישער ליטעראַטור. יונגע משכילים פלעגן ערטערס מײַסטער־ווערק אויסלערנען אויף אויסווייניק. מען האָט עס גע־דרוקט אין באַזונדערע אויסגאַבעס, א. כ. דיק האָט עס אין יִידיש איבער־געזעצט און א. ב. גאָטלאָבער איבערגעדיכטעט אויף אַ נײַעם שטייגער („דער גלגול״)...

די פאַבולע פון „גלגול נפש״ איז פאָלגנדיקע: ערטער איז דאָך אַ פּראָפעסיאָנעלער אַרצט געווען, איז איינער פון זיינע פּאַציענטן גע־

1 הצפה לבית ישראל, 54—56.

2 דאָרטן, 47.

שטארבן, און די נשמה פון דעם פרישן בר-מינן דערציילט וועגן די פיל גלגולים, וואס זי האט אויף דער זינדיקער וועלט דורכגעמאכט. זיבעצן גלגולים האט די נשמה איבערגעלעבט: פון א מענטשן פארוואנדלט אין א חיה, און פון א חיה ווידער אין א מענטשן. פון יעדן גלגול באקומט זיך א דאפל-בילד. די חיה, אין וועלכער די נשמה ווערט פארוואנדלט, איז דער סימבאל און שפיגל-בילד פון דעם מענטשנס כאראקטער. דער חסיד, וואס טרינקט בראנפן ווי וואסער, ווערט מגולגל אין א פראש, פון דעם קוואקענדיקן פראש ווערט א חזן, פון דעם חזן — א העכט, פון דעם העכט — א בעל-טאקסע און ליכט-פאכטער, „וואס שלינגט איין ווי א העכט זיינע ברידער"; דער בעל-טאקסע ווערט פארוואנדלט אין א סאווע, וואס הויערט אין דער פינסטער, די סאווע — אין א מקובל; פון א מקובל — א מוילווארף — א קברן, פון א קברן — א הונט, פון א הונט — א קנאי, „וואס באפאלט אלעמען ווי א הונט א בילער". פון דעם קנאי ווערט א פוקס באשאפן, די נשמה פון דעם פוקס וואנדלט איבער צו א חסידישן רבין, דער רבי ווערט מגולגל אין אן אייזל, דער אייזל אין אן אומוויסנדיקן דאקטאר א שארלאטאן, דער עם הארץ דער דאקטאר — אין א אינדיק, דער אינדיק אין א גאווהדיקן מיוחס, „וואס בלאזט זיך ווי א אינדיק".

אט אויף דער סאנווע שטיקט ערטער מיט א קונציקער האנט א גאנצע פאנאראמע פון דעם דעמאלטדיקן יידישן לעבן. די פעדים, וואס ערטער באנוצט דערביי, זיינען פון איין פארב — פעך-שווארץ. ערטער זעט בלויז די נעגאטיווע זייטן פון לעבן, ער ווייס בלויז פון איין איינציקן מאטיוו: לא נחת ביעקב! אלץ איז צעפוילט, צעפרעסן. די שטיקענדיקע לופט איז פארסמט, פול מיט שעדליכע מיאזמען, ווייל די לאדן זיינען פעסט פארשפארט. ס'איז שטאק-פינסטער אויף דער יידישער גאס, ווילדער אבערגלויבן און פאלשע נידערטרעכטיקע וועכטער דערלאזן ניט, עס זאל אהין אריינדרינגען דער מינדסטער ליכט-שטראל. אין דער דאזיקער איינטעניקייט ליגט ערטערס קראפט, אבער אויך זיין באגרעניצטקייט. ער דעקט אומברחמנותדיק אויף די שאטן-זייטן פונם ארומיקן יידישן לעבן, ער אנטבלויזט זיי מיט דער גאנצער מאכט פון זיין שטארקן סאטירישן טאלענט, - ער איז אבער ניט אימשטאנד צו אנטפלעקן די אמתע סיבות פון די נעגאטיווע לעבנס-דערשיינונגען, וואס ער באקעמפט מיט אזא טיפן האס און גאליקן ביטול. דערפאר ווערט ער אזוי נאיוו-אומבאהאלפן, בעת ער פרוווט געבן ביים שילדערן דעם מקובל א כאראקטעריסטיק פון די „חכמי האמת" און דערקלערן דעם מהות פון דער יידישער מיסטיק. דאס אייגענע חזרט זיך אויך איבער ביים

שילדערן דעם בעל־טאקסע. דער פארנעם פון ערטערס סאטירע איז דווקא באדייטנדיק ברייטער פון פערלס „מגלה טמירין". אין דעם עולם התוהו פון „גלגול נפש" פיגורירן ניט בלויז צדיקים און חסידים, נאר די גאנצע „באנדע שטאט־בעלי־בתים" — רבנים, בעל־טאקסעס, חברה־קדישא־לייט, סתם מיוחסים און איידעלע אדער־יידן, וואס באראבעווען די ארעמע מאסע. בעת אבער ער רעדט מיט א בייסנדיקער איראניע וועגן דער טאקסע — פון פלייש און פון ליכט, „וואס א ייד פון אונזער לאנד האט זי געבארן, פארטראכט אין זיין געדאנק און פארוואנדלט אין א פעסט באשטימט געזעץ", — שטעלט ער זיך אפ באריכות בלויז אויף שלמה קאפלער, דעם איניציאטאר פון ליכט־שטייער („קליגער איז דער מענטש געווען פון שלמה; ווארום שלמה המלך האט געטראכט וועגן ביימער און בהמות, וועגן פויגלען, ווערים און פיש, און געמאכט דערויף טויזנט און פינף שירים; דער איצטיקער שלמה אבער האט געזארגט בלויז וועגן ליכט און פלייש און האט דערוואָרבן הונדערט טויזנט טאלער"). ערטער פארגעסט אבער דערביי, אז דעם ליכט־שטייער האט „פארטראכט" ניט בלויז איין שלמה קאפלער, אויך דער „אויפקלערער" הערץ האמבערג האט זיך דערביי באטייליקט און באקומען, כידוע, א געוויסן פראצענט פון די „הונדערט טויזנט טאלער". ערטער פארגעסט אויך, אז דער שטייער גופא איז דאך ענג פארבונדן מיטן „טאלעראנץ־עדיקט" פון דעם „מלך חסד", יאזעף דעם צווייטן, און מיט די „נארמאל־שולען", וואס האבן געזאלט מיט געוואלט אויפקלערן די יידישע באפעל־קערונג און זי באפרייען פון „פינסטערן אבערגלויבן". זען אבער די סיבות פון דעם אומנארמאלן יידישן לעבן ניט בלויז אין די רבנים און רביים, נאר אויך אין דער אויסערער מאכט, אין די דריקנדיקע סאציאל־פאליטישע צושטאנדן — דערויף האבן זיך ניט פארמאסטן די משכילים פון יענער תקופה, און ניט נאר מעטערניכס שווערע צענזור איז אין דעם געווען שולדיק. כאראקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט ערטערס אנגעפאנגענע ארבעט „מגלת דמשק". די עלילת דם, וואס איז פארגעקומען אין 1840 אין דמשק, האט דעמאלט אויפגערודערט די גאנצע יידישע וועלט. זי האט, ווי עס שיינט, געמאכט א שטארקן רושם אויך אויף ערטערן; ער האט א קונסט־ווערק פארטראכט, ווו עס זאל אין ריין עפישן טאן געשילדערט ווערן די דאזיקע בלוטיקע דראמע, וואס די יידן האבן אין דמשק איבער־געלעבט. שטארק איז אבער געווען די שליטה פון די שווארצע שאטנס, וואס זיינען געהאנגען איבער דער יידישער גאס; דער משכילישער סאטי־ריקער, דער קריגערישער קעמפער קעגן אבסקוראנטיזם און אבערגלויבן האט גובר געווען דעם קינסטלער־עפיקער. א פראגמענט איז „מגלת־

דמשק" געבליבן, און די גלענצנדיקע סאטירע „גלגול נפש" איז אויף דער וועלט דערשינען...

אין דרייַ יאָר אַרום נאָכדעם, ווי ערטערס „גלגול נפש" איז דערשינען, האָט די רעוואָלוציע אויסגעבראָכן און געמאַכט אַ סוף צו מעטערניכס דעספּאָטישער ממשלה. די שטורמישע געשעענישן פון 1848 האָבן זעלבסטפאַרשטענדליך געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם אויך אין די גאַליציאַנער משכּילישע קרייַזן. זיי זייַנען באַרוישט פונם פרייַהייטס רוף: גלייַכהייט און ברידערליכקייט, און זייַנען געוועזן זיכער, אַז די אין די שטורעמס פון דער רעוואָלוציע געבאָרענע קאָנסטיטוציע וועט ברענגען אויך פאַר זיי באַפרייַונג און גלייַכבאַרעכטיקונג. דער 17-יאָריקער דיכטער מנחם קעניג באַזינגט אין פּאָעטישע סטראָפן „די פרייַהייט, וואָס גייט אויף איבער עסטרייַך" [1]. גרויס איז אויך געווען דער רושם אין די אָרטאָדאָקסישע קרייַזן, נאָר דאָרט האָבן די מערץ-געשעענישן אַרויסגערופן גאַנץ אַנדערע געפילן און האָפענונגען. עס האָט זיך געבילדעט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקער קנויל פון אַנטקעגנגעזעצטע אינטערעסן און פאָדערונגען. און דאָס אַלץ אויפן פאָן פון דער פּוילישער נאַציאָנאַל-באַוועגונג, וואָס איז אַזוי שטאַרק אויסגעוואַקסן נאָך דער מערץ-רעוואָלוציע. די דאָזיקע ווידערשפּרוכן האָבן זיך אַם בולטסטן אַרויסגעוויזן אין דער גרעסטער גאַליציאַנער יידישער קהילה — אין לעמבערג [2], דאָרט האָט דער קאַמף, אין וועלכן די הויפּטראָלע האָבן געשפּילט סאָציאַלע מאָמענטן, אָנגענומען באַזונדערס פאַרביטערטע פאָרמען. מען האָט זיך שוין ניט באַגנוגט מיטן געווער פון וואָרט, מיט שרייַבן פּעטיציעס, פּאַמפלעטן און אויפרופן, מען האָט זיך אַפילו ניט אָפּגעשטעלט פאַר בלוט-פאַרגיסן און געפרוווט מיט גיפט באַזייַטיקן דעם פאַרהאַסטן קעגנער...

נאָכדעם ווי אין 1839 איז געשטאָרבן דער קנאָישער רב יעקב האָרנשטיין, האָט אין דער לעמבערגער קהילה אויסגעבראָכן אַן עקשנותדיקער קאַמף צווישן ביידע לאַגערן: צווישן די אָרטאָדאָקסן און די „דייַטשן", ד"ה די אויף דער בערלינער השכלה אויפדערצויגענע משכּילים.

1 אין דעם ליד „החפשות", וואָס הויבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקער סטראָפע:

מַה זֶּה בְּקִרְבִּי כְּהוֹלֵם פָּעַם ?
אוֹר עוֹלָם בְּיָמֵינוּ הֵבְקִיעַ :
דְּבַר סֵתֶר נִגְלָה מִגִּי רַעַם —
חָפְשׁוּת לְאָסְטְרַייך עַתָּה הִגִּיעַ.

2 אין 1848 האָט די לעמבערגער קהילה געציילט 30,000 נפשות.

יעדער צד האט געוואלט, אז דעם כסא הרבנות זאל פארנעמען זיין קאנדידאט. די ארטאדאקסן האבן פאקטיש אויסגעמאכט דעם באדייטנדיקסטן רוב פון דער קהילה, די „דייטשן“ האבן אבער געפונען א שטארקע שטיצע אין די ארטיקע באאמטע. אדאנק דער דאזיקער שטיצע זיינען אין 1842 אלס קהילה-פארשטייער באשטימט געווארן לויטער „דייטשן“, אלע מיט אייראפעישער בילדונג: ד״ר עמנואל בלומענפעלד, ד״ר לעא קאלישער, ד״ר אסוואלד מענקעס, ד״ר ברוך ראפאפארט און מארקוס דובס. זיי איז געלונגען דורכצופירן, אז שוין אין א יאר ארום איז אין לעמבערג באשטימט געווארן אלס פרעדיגער און אין א צייט ארום אלס קרייז-ראבינער, — דער אייראפעיש-געבילדעטער אברהם כהן [1]. דאס איז געווען א גאנץ ענערגישער און באגאבטער מאן. געבארן אין בעהמען אין סוף 1806 אין א פאמיליע פון אן ארעמען פעדלער, וואס פלעגט זיך ארומשלעפן איבער די דערפער מיטן פאק סחורה אויף די פלייצעס, האט ער אן פרעמדער הילף זיך דערווארבן די נייטיקע ידיעות אויף דורכצומאכן מיט דערפאלג דעם גימנאזיע-עקזאמען; דערנאך האט ער שטודירט פילאזאפיע אין פראג, און אין משך פון העכער צען יאר פארנומען א ראבינער-שטעלע אין האווענעמס. אין לעמבערג האט כהן באוויזן, אז ער איז ניט בלויז א טיכטיקער רעדנער, נאר אז ער באזיצט אויך א שארף אויג פון א גוטן באאבאכטער. וועגן דעם זאגן עדות זיינע אין איזידאר בושס „קאלענדער אונד יאהרבוך פיר איזראעליטען“ פארעפנטליכטע (אין 1847 און 1848) „בריוו אוים גאליציע“ [2], וואס האבן נאך איצט ניט אנגעווארן זייער קולטור-היסטארישן ווערט. ער איז געווען דער ערשטער צווישן די „אויפקלערער“, וואס האט געפרווט געבן א מער-ווייניקער אביעקטיוו בילד וועגן דער חסידישער באוועגונג.

די יידיש-דייטשע היסטאריאגראפן יאסט און פעטער-בער האבן ביי זייער חסידות-שילדערונג זיך אויסשליסליך געשטיצט אויף דער איינזייטיקער קעמפערישער בראשור, וואס איז געשאפן געווארן אין יוסף פערלס קרייז [3]. אין וואסערע פארבן די גאליציאנער משכילים האבן

---

1 וועגן כהנס לעבן און טראגישן טויט זע: Jacob Kohn: „Leben und Wirken Abram Kohns“, 1865. עס איז אויך דא א העברעישע איבערזעצונג פון א. זופניק (1869). Gothilf Kohn: Abram Kohn im Lichte der Geschichtsforschung, 1898.

2 כהנס „בריעפע אויס גאליציע“ (אין בושס יארביכער זיינען זיי געווען געחתמעט בלויז מיט די שלוס-אותיות: — ם — ן) זיינען איבערגעדרוקט בשלמות אין גאטהילף כהנס אויבנדערמאנטער מאנאגראפיע וועגן אברהם כהן.

3 זע אונזער ווערק, באנד VII, צווייטער בוך, 282.

געשילדערט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור די „בעשטיאַנער", האָבן מיר געזען אין די פריקע קאַפּיטלעך. דער אויס דער פרעמד געקומענער ראַבינער געפינט אָבער, אַז די אויפגעקלערטע שילדערן די דאָזיקע „פאָלקס־בעוועגונג" אין צו שוואַרצע פאַרבן. ער דערקלערט אָפן, אַז „אונזערן ליכטפרײַנדען" דערשײַנט דער חסידיזם „פורכטבאַרער אַלס ער ווירקליך איזט". ער האָט דעם מוט פעסטצושטעלן, אַז ער געפינט אין דער דאָזיקער באַוועגונג „אויך גוטע זייטן". „אונד פירכטע, דערקלערט ער, יעדנפאַלס ניכט פאָן איהנען (פון אײַך) איין פינסטערלינג (אַן אָנהענגער פון פינסטערניש) געשאָלטען צו ווערדען, ווען איך יענעם פערשריִענע, דעם וואָרטעם אָהנמעכטיגע אונגעהויער געגען די צו העפטיגען אַנגריפע דער אונגעדולדיגען אויפקלערונג אין שוץ נעמע, אינגעדענק דעם פּתח פּיך לאַלם (זײַ אַ פירשפּרעכער פאַר אַ שטומען)". ער זעט אין דעם חסידיזם דעם באַרעכטיקטן פּראָטעסט קעגן „די שווינדל־עררעגענדע, קאָפּברעכענדע פּלפּולים און חלוקים", אַ פּראָטעסט מצד דער פאָלקס־מאַסע, „וואָס איז אַלץ מער אָפּגעשטויסן געוואָרן פון די שטאָלצע תּלמוד־לומדים און געוואָרן פאַראַכטעט און פאַרנאַכלעסיקט מצד די רבנים". צווישן די פון די משכּילים אַזוי טיף געהאַסטע און באַקעמפטע „געלט־גיריגע שווינדלער־רביים" באַמערקט אברהם כּהן אויך „רעדליכע לײַטע", וואָס טוען „דען גרעסטן טייל דער איהנען דאַרגעבאָטענען אָפּפערגאַבען אונטער איהרען אַרמען פערטיילען". ער געפינט אויך, אַז די משכּילים מאַכן אומזיסט אַזוי חוזק פון דער זאָרגלאָזיקייט און דעם בלינדן בטחון, וואָס דער חסידיזם פלאַנצט אײַן בײַ זײַנע אָנהענגער, ווײַל — בײַ „דער גראָססען אַרמוט אונד ראַטלאָזיגקייט, אונד דען פיעלפאַכען בעשרענקונגען (באַגרעניצונגען) דער נאַהרונגסוועגע (פּרנסה־קוועלען), דיעזעס זאָרגלאָזע גאָטטפערטרויען דאַס איינציגע, וואָס דען עלענדען (אומגליקליכע) איהרע עקזיסטענץ ערטרעגליך מאַכט". ער פאַרשטייט אויך ניט, פאַרוואָס די משכּילים ריידן מיט אַזאַ שפּאָט און ביטול וועגן דער התנהגות פון די חסידים בײַם דאַווענען. „איהר גאָטטעסדיענסט — ווײַזט כּהן אָן — זאָ וועניגער איינעם געלויטערטען געשמאַקע צו זאַגען קאָן, איזט איין לעבענספאָלער, איהרער בילדונגסשטופע ענטשפּרעכענדער, אונד איבט * אײַנען אונצווייפעלהאַפטען צויבער אויף די מאַססע, די שטאַרקע אויפרעגונג ליבט". כּהן דערקלערט דערפאַר גאַנץ באַשטימט, אַז „אין מאָראַלישער הינזיכט שטעהען די חסידים וואַהרליך ניכט טיפער אַלס איהרע ניכט־חסידישע ברידער". „דער חסידיזם — זאָגט כּהן ווײַטער — איזט איינע ריקקער צור קינדהייט, אָבער אויך צור קינדליכקייט, די אין

* איבט — חירקס, פירט דורך.

מאנכער בעציהונג מעהר ווערט האט אונד זיבערליך מעהר האפנונג ביטעט אלס אבגענוצטע אונד לעבענסמידע אלטקלוגהייט״. ער געפינט אפילו, אז דער חסידיזם גופא „איזט איינע פאלקסטימליכע רעפארם אונד האט איינער ראציאנעלען רעפארם דען וועג געבאנט״. „יעדענפאלס, — איז כהן צום שלום מוסיף, — גלויבע איך פון איינער בילדונג מעהר ערוואַרטען צו דירפען, וועלכע חסידישע עלעמענטע, געמליך, הערץ אונד געמיט ביי־בעהאלטען, אלס פון איינער, די אויף געפאלויכטיגען וויטץ אונד קאלטען קריטיציזמוס געפפראפפט * ווארדען״ 1. כהן ווייזט אויך שארפזיניק אן אין זיינע „בריוו אויס גאליציע״, ווי שווער און אומנארמאל ס׳איז די לאגע פון אן איירעפעיש־געבילדעטן ראבינער און רעליגיאנסלערער אין אן ארטאדאקסיש־פרומער קהילה. אזא קהילה, — דערקלערט כהן, — וועט אין קיין שום פאל „איינעם יונגען מאנן די זעעלזארגע אנפערטרויען, דער איינע אוניווערזיטעט בעזוכט האט, אונד ווען ער׳איין צווייטער משה (רבנו) ווערע״, ער פארשטייט זייער גוט, אז קיין שום קהילה „קאן איינען מאנן אלס איהרען לעהרער, פיהרער אונד זעעלזארגער אנערקענען, צו דעם זי, אויס וועלכען אורזאכען אימער, קיין צוטרויען האט, אין דעססען רעליגיאזיטעט זי צווייפעל זעטצט, דען זי ניכט פיר איינען דער איהריגען העלט״. אזא ראבינער, — ווייזט כהן אן, — איז דערפאר זייער שווער עפעס אויפצוטאן, אויב ער טראכט נאר וועגן זיך און וועגן דעם וויל פון זיין פאמיליע. ער וויל זיך דאך נית קריגן מיט דער קהילה און היט זיך — נאך מער צו פארשטארקן דעם חשד קעגן זיך.

אברהם כהן גופא איז אבער געווען א צו ענערגישע קעמפערישע נאטור, ער זאל זיך קאנען באגניגן מיט א פאסיווער ראלע; האט ער זיך באוווסטזיניק געלאזט אויפן וועג פון שווערן קאמף, און די שטורמישע צושטאנדן פון יענע יארן האבן עס מיטגעהאלפן, דער לעמבערגער רב און פרעדיקער זאל אויסוואקסן אין א טראגישע פיגור. דאס הויפט־געוויכט האט כהן געלייגט אויף רעפארמירן די שול־בילדונג. אדאנק זיין ענערגיע ווערט שוין אין 1845 אין לעמבערג געעפנט א יידיש־דייטשע פאלקס־שול פאר יינגלעך און מיידלעך, לויט דעם מוסטער פון פערלס שול אין טארנאפאל 1. כהן איז נית בלויז געווען לייטער און דירעקטאר פון דער דאזיקער שול, ער איז אויך דארט געווען רעליגיאנס־לערער און האט פארפאסט ספעציעלע לערנביכער פאר יידישער געשיכטע און פאר העברעישער שפראך. די שול האט שטארק אויסגענומען.

---

* פראפפען — אנשטאפן, אנפילן.

1 זע פאריקן באנד, צווייטער בוך, 284.

דער צודראַנג איז געווען אַזוי גרויס, אַז שוין אין ערשטן יאָר האָבן דאָרט געלערנט 580 קינדער, און פיל האָט מען געמוזט אָפּזאָגן אויס מאַנגל אין פּלאַץ. כהן האָט אויך פּראָיעקטירט צו גרינדן אַ ספּעציעלן לערער־סעמינאַר, וואָס זאָל צוגרייטן פּאַסנדיקע לערער פאַר די ייִדישע שולן. אין 1846 איז פאַרענדיקט געוואָרן דאָס געבײַדע פון דעם נײַעם טעמפּל, וואָס די פאָרטשריטלעכע קהילה־פאָרשטייער האָבן מיט דער הילף פון דעם ענערגישן פּרעדיגער אויסגעבויט. זײַן נײַע קאַטעדרע נוצט אָבער כהן אויס ניט בלויז פאַר רעליגיעזע און מאָראַל־פּרעדיגן. ווי אַלע אויפקלערער, איז אויך כהן געווען אַ הייסער קעמפער פאַר פּראָדוציר־אַרבעט און איבערצײַגטער קעגנער פון וואָכער און שאַכער; האָט כהן די טעמפּל־קאַנצל געמאַכט פאַר זײַן טריבונע, פון וועלכער ער פלעגט מאַכן אָפּטע אָנפאַלן אויף די וואָכערניקעס, וואָס ווערן רײַך פון דעם שווייס און בלוט פון די נויטבאַדערפטיקע. ער פלעגט אַפילו די באַזונדערס שעדלעכע פּראַצענטניקעס אָפן בײַ די נעמען אָנרופן און זיי בײַם שאַנד־סלופּ בלויזשטעלן [1].

דאָס האָט באַזונדערס געשטאַרקט דעם האַס צום אומבאַקוועמען פּרעדיגער בײַ די רעדל־פירער פון די אָרטאָדאָקסן. די דאָזיקע רעדל־פירער זײַנען באַשטאַנען פון אַ קאָמפּאַקטער גרופּע ייִדישע גבירים („אין שטרײַמלעך און קאַפּטאַנס", ווי עס ווערט אונטערגעשטראָכן אין אַ משכּילישן פּאַמפלעט), פּראָצענטניקעס, גוט־פּעכטער, בעל־טאַקסעס און אַרענדאַטאָרן פון ליכט־שטײַער. בראש זײַנען געשטאַנען דער רײַכער יעקב־הערץ בערנשטיין, הערש האָרנשטיין, וואָס איז אַ שטיק צײַט געזעסן על כּסא הרבנות און האָט אויך איצט פּרעטענדירט אויף דער רבנות־שטעלע, און זייער סעקרעטאַר מאיר מינץ, וואָס האָט בײַ זיי געגאָלטן ווי אַ קענער פון שפּראַך און פלעגט שרײַבן פאַר זיי אַלע ביטשריפטן און מסירות צו נאַטשאַלסטוואָ. וייער שטרײַט מיט די „אויפגעקלערטע" איז כּלל ניט געווען קיין רעליגיעזער קאַמף, נאָר אַן עקשנותדיקער קאַמף פאַר מאַכט. דער פּרעדיגער און קרײַז־ראַבינער כהן איז בײַ זיי געווען פאַרהאַסט ניט דערפאַר, וואָס זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַן אַפּיקורס און קנאָפּן ידען אין דער תּלמודישער ליטעראַטור, נאָר דער־עיקר דערפאַר, וואָס ער איז זייער משיג־גבול, זיצט אויפן כּסא הרבנות קעגן זייער ווילן, אַלס אויסדערוויילטער פון דער קעגנערישער פּאַרטיי, וואָס איז תּקיף אַדאַנק איר חשיבות בײַ די שררות. און דאָ דערוועגט זיך נאָך דער פאַרהאַסטער פּרעדיגער זיי פון דער טעמפּל־קאַנצל מיט שמוץ צו באַוואַרפן און אַרויסצוטרעטן קעגן זייערע

---

[1] זע גאָטהילף כהנס אויבן ציטירטע אַרבעט, 157.

סאָציאַלע אינטערעסן. דאָס איז אָבער נאָך אַלץ ווייניק געווען; דער פאַרהאַסטער פרעדיגער האָט זיך ניט געוואָלט באַגנוגן מיטן וואָרט און איז באַלד איבערגעגאַנגען צו רעאַלע מעשים.

אין 1847 איז אין גאַליציע געווען אַ זייער שלעכט געראָטעניש, און ניט בלויז אין די דערפער, נאָר אויך אין די שטעט האָט אויסגע־בראָכן אַ גרויסע הונגער־נויט. אין דער שעת־צרה האָט די יידישע מאַסע באַזונדערס שמאַרצהאַפט געפילט די שווערע לאַסט פון די פלייש־ און ליכט־שטייערן 1. דער ענערגישער אברהם כהן האָט דעמאָלט אָנגע־נומען דעם באַשלוס, אַז מען דאַרף פועלן ביי דער רעגירונג, די דאָזיקע שווערע שטייערן זאָלן אָפגעשאַפט ווערן. צו דעם צוועק איז ער ספּע־ציעל געפאָרן מיט אַ ביטשריפט קיין ווין. דאָס האָט געוואַלדיק אויפ־געבראַכט די גביריש־אָרטאָדאָקסישע קליקע: זיי זיינען דאָך געווען די פּעכטער פון די פלייש־ און ליכט־שטייערן און דערפון רייך געוואָרן. האָבן זיי מיט אַ באַזונדערן אימפּעט אָנגעפאַנגען צו אַגיטירן צווישן דער יידישער מאַסע קעגן דעם „אַפּיקורסישן" פרעדיגער; מען האָט אויפגעדעקט זיינע שווערע חטאים, אַז ער דערלויבט זיך אום שבת צו טראָגן אַ טיכל אין דער טאַש און אום יום־טוב שפּאַצירט ער מיט אַ רעגן־שירעם אין דער האַנט; די פרוי זיינע טראָגט אייגענע האָר אאַז״וו. מען האָט אויך גלייך אַוועקגעשיקט אַ פּעטיציע קיין ווין מיט „אייזערנע" באַווייזן, אַז אַן דער טאַקסע און ליכט־שטייער קאָן גאָר דאָס יידנטום קיין קיום ניט האָבן. אברהם כהן איז פון ווין צוריקגעקומען מיט גאָרניט. ער האָט אָבער דעם קאַמף ניט אויפגעגעבן. אָנפאַנג 1848 איז ער ווידער אַוועק קיין ווין און אין דער ערשטער העלפט מערץ חודש איז אים סוף־כל־סוף געלונגען דורכצופירן, די רעגירונג זאָל אַרויסגעבן אַ באַפעל וועגן אָפּשאַפן ביידע שטייערן 2. אין אייניקע טעג אַרום האָט די רעוואָ־לוציע אויסגעבראָכן.

1 וועגן דעם, ווי שווער דער ליכט־שטייער האָט געדריקט איבער די אָרעמע מאַסן, גיט אונז אַ רעליעף בילד דער משכילישער שרייבער הירש רייטמאַן, וואָס איז געווען דירעקטאָר פון דער יידישער שול אין בראָד, אין זיין פּאָעמע „דער קיטל" (פּאַראַפראַזע פון שילערס „די גלאָקע", זע ביילאַגן, נומ׳ 1).

2 אין אַ פּאַמפלעט פון אַ לעמבערגער משכיל אויף די חסידים און אויף זייער פירער האָרנשטיין, בעת עס ווערט דאָרט דערמאָנט „קאָהן דער פרעדיגער", ווערט גלייך דערביי אָנגעוויזן:

די אַלע טובות, וואָס ער האָט די יידן געטהין,
ער האָט נישט געשלאָפן, האָט נישט געקענט ריהין,
ער האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט
ביז מען האָט אָפּגעשאַפט די לעכט־ און פלייש־פאַכט

(היסטאָרישע שריפטן, I, 751)

אין די ערשטע שטורעם־טעג פון נאָך דער רעוואָלוציע, ווען די באַפרײַונגס־פאָן האָט אַזוי שטאָלץ געפלאַטערט און הויך־פרײידיק האָבן געקלונגען די דערלייזונגס־ווערטער: פרײַהייט, גלײַכהייט און ברידער־ליכקייט, האָט יעדע גרופּע פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין גאַלי־ציע זיך געפלײַסט צום גיכסטן צוצופּאַסן זיך צו די נײַע אומשטענדן.

דאָס האָט זיך אַם בולטסטן אַרויסגעוויזן אין דער הויפּטשטאָט פון מזרח־גאַליציע — אין לעמבערג. בײַ דער פּוילישער באַפעלקערונג האָט זיך געשטאַרקט די נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס האָט געשטרעבט צו זעלבסט־פאַרוואַלטונג און קולטור־פּאָליטישער העגעמאָניע איבער גאַנץ גאַליציע. די פּוילישע Rada Narodowa האָט באַלד זיך געווענדעט מיט אַן אויפרוף „צו אונזערע איזראַעליטישע ברידער", ווו זי דערקלערט, אַז זי האָט זיי „מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען צום געמיינזאַמען ברודער־בונד און באַגריסט אין זיי די קינדער פון דער געמיינזאַמער מוטער פּאָלאָניאַ, און אַלס אונזערע ברידער האָבן זיי דאָס גלײַכע רעכט מיט אונז אין אונזער טײַערער היים. בײַ דער „גלײַכשטעלונג מיט אונז אין רעכט און פרײַהייט, וואָס די מענטשליכקייט פאָדערט", ווערט דערפאַר מצד דער „ראַדאַ" אַרויסגעשטעלט די קאַטעגאָרישע פאָדערונג: „עס מוז אונבעדינגט איינהייט דער שפּראַכע אונטער אונז פאַרהערשען". ווײַל מיר נעמען אויך אײַך מיט גלײַכער ברודערליבע אויף אין דעם ברודערבונד פון דער פּוילישער נאַציע, דערקלערט די פּוילישע נאַציאָנאַל־פאַרטרעטונג, דאַרפט איר „פאָלקאָמען און אויף אייביגע צײַטן אין איר אײַנגעגלידערט ווערן דורך דער אויפנאַמע פון אונזער שפּראַך". אין די שולן דאַרף זעלבסטפאַרשטענדליך „דאָס הויפּטגעוויכט אויף די פּוילישע שפּראַך געלעגט ווערן, און דער דײַטשער דאַרף אַנגעוויזן ווערן בלויז אַן אונטער־געאָרדנטע שטעלע" [1].

די „דײַטשן", ד"ה די אַלע אויף דער בערלינער השכלה אויפגע־צויגענע משכּילים, זײַנען געוואָרן דערויף אײַנגעגאַנגען: קויפן גלײַכבאַרעכ־טיקונג דורך שפּראַך־אַסימילאַציע. מיר האָבן דאָך שוין פריער געזעען [2], ווי נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן האָט שלמה ראַפּאָפּאָרט געשטעלט די פראַגע: לשון יהודית־דײַטש בארץ פּולניא למה? און גלײַך דערויף אַ קאַטעגאָרישן ענטפער געגעבן: „או לשון הקדש או לשון פּולניא". אברהם כהן, וואָס האָט גענומען אַ זייער אַקטיוון אָנטייל אין דעם געזעלשאַפטליכן לעבן אין לעמבערג אין די פרילינג־טעג פון 1848, האָט

1 דער אויפרוף איז אין דײַטשער איבערזעצונג איבערגעדרוקט אין גאַטהילף בתנס ציט. ווו. 187—183.

2 זע אויבן ז' 72.

אין זיינע עפנטליכע ארויסטרעטונגען אפט בארירט די שפראך־פראגע. ביי אים האט ראפאפארטס דילעמע: אדער לשון קודש, אדער פויליש! כלל ניט עקזיסטירט, ווארום ער האט זיך צו לשון קודש פארהאלטן מיט גאנץ קליינעם רעספעקט 1, און אויף „יהודית־דייטש" האט ער גע־קוקט ניט מיט קיין קלענערן ביטול, ווי ראפאפארט 2. שוין אין זיינע „בריוו אוים גאליציע" האט ער דערקלערט, אז „די פוילישע לאנדשפראך זאל (פאר אלען פרעמדען אידיאמען) אייפריג געפפלעגט אונד פאן דען לאנ־דעסקינדערן גראמאטיקאליש ערלערנט ווערדען". און ער איז דערביי גלייך מוסיף: „אונזערע נאטוראליזאציאן, אונזערע עקזיסטענץ הענגט דאפאן אב". ער איז אבער נאך אזוי פיל „טייטש", אז ער אנערקענט די דייטשע שפראך אלס „מוסטער־שפראך", און שטרייכט אונטער, אז „די דייטשע מוטערשפראכע אליין איסט עס יעדאך, אויף דערן גרונד וויר אונז וואהרע בילדונג אנאייגנען קענען". ער געפינט אפילו, אז דאס איז אויך גילטיק פאר די ייִדן, וואס וווינען אין רוסלאנד, ווארום, פרעגט כהן: „וועלכע סלאווישע מונדארט ווירד דא באלד די מוטערשפראכע זא פילער אונד פארנעמליך זא גייסטיג רעגזאמער אונד געבילדעטער גלויבענסגענאסן אונד דאהער אים שטאנדע זיין, פיר אונז זא פיל צו לייסטען, ווי די דייטשע שפראכע?" 3.

אויך די רעדלפירער פון דער ארטאדאקסישער פארטיי האבן כלל זיך ניט פארהאלטן פאסיוו צו די רעוואלוציע־געשעענישן, זיי האבן גלייך געמאכט אן אייגענעם פירוש צו די פרייהייט־לאזונגען. זיי, דער רוב אין דער קהילה, האבן דאך פארשפילט דעם קאמף מיט די אויפגעקלערטע, וואס זיינען בלויז א קליינער מיעוט, נאר דערפאר, וואס יענע זיינען געווען חשוב ביי נאטשאלסטווע, און אדאנק דעם זיינען עס די אויפגע־קלערטע געווארן די פירער פון דער קהילה, און עס איז זיי אויך געלונגען דורכצופירן, אז זייער ראבינער־קאנדידאט זאל באשטעטיקט ווערן פון דער רעגירונג. איצט אבער, ווען דאס „פאלק" האט באקומען די מאכט, האבן די פרומע רעדלפירער, די גייסטיקע מנהיגים פונם „פאלק", געהאפט, אז עס וועט זיי קודם־כל געלינגען צו באזייטיקן דעם אומבאקוועמען ראבינער, וואס מישט זיך אין קהלשע זאכן און ברענגט גרוים שאדן זייערע געשעפטן. זיי האבן אויך געפרווט אויסנוצן די

1 זע וועגן דעם אין בערנפעלדס „תולדות הריפורמציון הדתית", 148, 193, 194.

2 אברהם כהנס זון און ביאגראף, גאטהילף, אטעסטירט די יידישע פאלקס־שפראך בזה הלשון: „דער אינפאמע דיאלעקט, די גרינערשפראכע דעם 17טן יר״ה״ (ציט. ח., 202).

3 דארטן 145—144.

פוילישע נאציאנאל־פאליטיק, און געטענהט פאר דער Rada Narodowa, אז זיי ווילן ניט קיין „אויסלענדישן“ ראבינער: My chcemy polskiego Rabina זיי האבן פארגענומען א שטארקע אגיטאציע צווישן די חסידישע און אפגעשטאנענע מאסן, אז ס'איז אן אמתער „חילול השם“ צו האבן איבער זיך א ראבינער אן „אפיקורס“ און „כופר בעיקר“, וואס איז ממש נאענט צו שמד. זיי האבן דורך זייערע גוט באצאלטע אגענטן געזאמלט חתימות אויף דער עפנטליכער פעטיציע, וואס זיי האבן דערלאנגט דעם לאנדס־פרעזידיום. אין דער גאנץ לאנגער פעטיציע קלאגן זיך די ארטאדאקסן דערויף, אז די לעמבערגער קהילה „זיפצט שוין וויפיל יאר“ אונטער דעם יאך פון די נגישות און דעספאטישער התנהגות, וואס עס דערלויבט זיך דער פארשטאנד, וועלכער איז „דער יידישען געמיינדע פראוויזאריש אויפגע־דרונגען“. דער דאזיקער פארשטאנד, ווערט ווייטער אנגעוויזן, פארטרעט בלויז די אינטערעסן פון א קליינער, „אבער אם רודער שטעהענדען, פאן דער רעגירונג פראטעזשירטען פארטיי“. ער, דער פארשטאנד, האט עס „אויפגעצוואונגען“ דער קהילה א קרייז־ראבינער, וואס באזיצט נישט קיין שום תלמודישע ידיעות און ווייזט ארוים אויף דעם געביט אזא גרויסע עם־הארצות, אז ער איז געווארן צו געשפאט ביי דער גאנצער קהילה. די גאנצע קהילה פארהאלט זיך מיט גרויס חשד צו זיין רעליגיעזער התנהגות; ער רופט נישט ארוים קיין שום פארטרויען, און איז פאר זיין אומפריינדליכקייט און „אונהעפליכען בעטראגען“ פון אלעמען פאר־האסט. אט דערפאר בעט די קהילה, מען זאל איר הייסן ווונטש ערפילן און זי באפרייען פון דעם פארהאסטן קרייז־ראבינער.

די אויפקלערער האבן אויף דער דאזיקער פעטיציע גלייך אפגע־ענטפערט מיט א ספעציעלן אויפרוף. א באזונדערן רושם האט אבער געמאכט די אום זומער 1848 אנאנים דערשינענע דייטשע בראשור: „אפענעס זענדשרייבען אן די פעטיציאנערע אונד זאגינאנטען פערפעכטער דעם ארטאדאקסען יודענטומס געגען דען הערן קרייזראבינער אברהם כהן אין לעמבערג“ [1].

דער פארפאסער פון דער דאזיקער פאלעמישער בראשור איז בלי־ספק געווען א באגאבטער פובליציסט. מיט ביייסנדיקן סארקאזם רייסט ער אראפ די מאסקעס פון די פרומע „פעטיציאנערע“ און אנט־בלויזט זיי אין זייער אמתער געשטאלט. ער באווייזט, אז עס האנדלט זיך דא כלל ניט וועגן רעליגיעזע ענינים, וועגן אפיקורסות און ניט־פרומ־

1 דאס „זענדשרייבען“ איז פולשטענדיק איבערגעדרוקט אין גאטהילף כהנס מאנאגראפיע, 208—246, זע ביילאגן נום' 2.

קיום פונם קרייז־ראבינער. דאס וויל מען דערמיט בלויז אפנארן, פאר־בלענדן די אויגן פון דער אומוויסנדיקער מאסע. עס גייט דא א קאמף וועגן מאכט, וועגן קליינליכע געלט־אינטערעסן. אט די פעטיציאנערן, — דערקלערט מיט שפאט דער אנאנימער פארפאסער פונם „זענדשרייבען", — די פארפרומטע, אין שטריימלעך און לאנגע קאפטאנס איינגעהילטע געלט־אריסטאקראטן — זיי זארגן עס פאר טובת הכלל, פאר די אינטע־רעסן פון דער פאראָרעמטער מאסע? זיי — די פארפאסער פון דער „געגענשריפט", וואס האבן געבעטן ביי דער רעגירונג, מען זאל למען השם ניט אפשאפן „דעם שמאכפולן, דאס פאלק דעמאראליזירנדיקן ליכט־שטייער"? זיי, וואס זיינען רייך געווארן פונם בלוט און שוויס פון דער ארעמער מאסע, ווילן עס זיין די רועי ישראל, די היטער און באשי־צער פון דעם ארעמען פאלק?

דער אנאנימער קעמפער האט זיין ציל דערגרייכט. די פעטיציע פון די ארטאדאקסן איז געבליבן אן דערפאלג. דער פון זיי פארהאסטער קרייז־ראבינער האט ווייטער מיט גרויס ענערגיע זיך באטייליקט אין דעם געזעלשאפטליכן לעבן. ער האט פארטראכט א צייטונג ארויסצוגעבן („דער איזראעליטישער פאלקס־פריינד"), וואס זאל פארטיידיקן די יידישע אינטערעסן, און דעם זעקסטן סעפטעמבער האט ער שוין אפילו צוגע־גרייט דעם איינלייטונגס־ארטיקל פאר דעם ערשטן נומער. דאס האבן זיינע קעגנער שוין ניט געקאנט פארטראגן. די פרומע בערנשטיין־הארנשטיין־קליקע האט באשלאסן זיך ניט אפשצוטעלן אפילו ביים לאוו פון „לא תרצח". זיי האבן אונטערגעשיקט איינעם מיטן נאמען בערל פילפול. יענער האט זיך ארייגנגעגנבעט אין כהנ׳ס קיך און אומבאמערקט ארייננגעשאטן אין דאס געקעכץ ארסעניק. די גאנצע פאמיליע איז געווען פארגיפטעט; אברהם כהן און דאס יינגסטע קינד זיינען פונם גיפט דעם 7טן סעפטעמבער געשטארבן, די איבעריקע פאמיליע־מיטגלידער זיינען לעבן־געבליבן...[1].

די רעאקציע האט זיך שוין צו יענער צייט גאנץ מערקליך געשטארקט. אין צוויי חדשים ארום נאך אברהם כהנס טראגישן טויט האבן די עסטרייכישע הארמאטן צעשמעטערט די באריקאדן אויף די גאסן פון לעמבערג. די רעאקציע האט אפגעהאלטן איין נצחון נאכן אנדערן. די יידן האבן נאך גאנצע צוואנציק יאר געמוזטווארטן אויף גלייכבארעכטיקונג. דאס פרייהייטס־ווארט איז אבער פארבליבן. מעטער־ניכס צענזור האט שוין מער ניט אויפגעלעבט, און דאס, וואס אברהם

---

1 א דעטאלירטע באשרייבונג פון כהנס טראגישן טויט גיט יוסף בלומענפעלד האט ... [illegible]

א דייטשן הספד אויף כהנס טראגישן טויט פון יוסף בלומענפעלד האט מ. באלאבאן פארעפנטליכט אין „היסטארישע שריפטן", I, 742—749.

כהנען איז ניט באשערט געווען דורכצופירן — א יידישע צייטשריפט צו גרינדן, האט געוואלט פארווירקליכן יצחק ערטער, אבער ניט אין „הויכדייטש", נאר אויף זיין געליבטער ביבלישער שפראך. צוזאמען מיט זיין יונגן פריינד, יהושע השל שור, האט ערטער אין 1851 באשלאסן צו גרינדן א צייטשריפט „החלוץ". די גרינדער פון דער צייטשריפט זיינען ארויסגעגאנגען פון דעם שטאנדפונקט, אז איצט, נאך די דערגרייכונגען פון דער רעוואלוציע, דארף מען אלע כוחות אנווענדן אויף צו באקעמפן דעם אינעוויינקסטן שונא 1, און פארשארפט דארף ווערן די מלחמה פון וויסן קעגן אומוויסן, די מלחמה פון חכמה קעגן נארישקייט (מלחמת הדעת נגד הבערות, מלחמת החכמה נגד הסכלות). דאס פראגראם פאר דער צייטשריפט (תולדות החלוץ) האט ערטער געשריבן אין דער ביי אים אזוי באליבטער פארם פון נאכט-וויזיע. ביינאכט האט זיך אים אין חלום די ביבל-שפראך באוויזן אין דער געשטאלט פון אן אלטער פרוי. „אלט איז זי געווען, פול מיט קנייטשן איר געזיכט און ווייס ווי שניי אירע האר, נאר וואונדער-צארט איז איר שטימע געווען, געקלונגען האט זי ווי די גאלדענע גלעקלעך ביים זוים פון דעם כהן גדולס מאנטל, בעת ער איז אין הייליקטום אריינגעטראטן" 2. אט דער זקנה מיט דער צויבער-שטימע לייגט עס דער דיכטער ארײַן אין מויל זיינע ווונטשן און פארלאנגען; זי דיקטירט דאס פראגראם פון דער פארטראכטער צייטשריפט. קודם-כל גיסט ער אויס זיין גאנצן צארן אויף די רבנים, וואס ווילן זיך ניט רעכענען מיט די באדערפענישן פון דער צייט, האלטן זיך פעסט ביי די אלטע, פון לאנג אפגעלעבטע מנהגים, שטיצנדיק זיך אויף דעם כלל: „אין בית-דין יכול לבטל דברי בית-דין חברו אלא א"כ גדול ממנו בחכמה ובמנין" — איין בית-דין קאן ניט צופשאפן די החלטות פון אן אנדערן בית-דין, סיידן ער איז גרעסער פון אים אדער אין חכמה אדער אין צאל. אלע אומות העולם, טענהט ערטער, ווייסן און פארשטייען, אז דער פארשטאנד איז דער עיקר, און די צאל האט קיין שום באדייט ניט (החכמה היא העיקר והמנין הוא תפל לה); אלע ווייסן אויך זייער גוט, אז די שפעטערדיקע דורות באזיצן פיל מער וויסן ווי די פריערדיקע. די קדמונישע צייטן זיינען דאך די קינדהייט פון דער מענטשהייט, און די שפעטערדיקע זיינען די תקופה פון רייפקייט. די לאנג פארגאנגענע דורות קאנען אויפן געביט פון וויסן אזוי זיך גלייכן צו די היינטיקע, ווי א קינד צו א דערוואקסענעם. נאר די „רועי ישראל" ווילן דערפון ניט וויסן, זיי האלטן זיך

1 הצופה לבית ישראל, 6.

2 דארט, 7.

שטאָל און אײַזן בײַ יעדן אַלטן מנהג, זיי האָבן ניט קיין רחמנות אויף ייִדיש געלט, פאַרטײַערן די נייטיקסטע פּראָדוקטן פאַר די ייִדישע אָרעמע מאַסן. די ייִדישע אָרעמקייט הונגערט, און קיינער קומט ניט צו הילף, און דאָס אַלץ צוליב דעם כּבֿוד פון די קדמונים! איז דען דאָס ניט קיין אמתער געצנדינסט? אונזערע רבנים האָבן בלויז מיט די טויטע צו טאָן, אויף די לעבעדיקע קוקן זיי זיך ניט אום, סײַדן אויף די גבֿירים; יענע אינטערעסירן זיי יאָ, בכדי מיט זיי זיך משדך צו זײַן. זיי שטעקן אינגאַנצן אין די אַמאָליקע לאַנג-פאַרשטאָרבענע צײַטן, די מענטשן פון היינטיקן דור בלײַבן זיי אומבאַקאַנט, זייערע נויטן און ווּנטשן פאַרשטייען זיי ניט. אַלץ אין דער וועלט באַוועגט זיך, ענדערט זיך זײַן געשטאַלט, נאָר זיי, די רבנים אונזערע, זיי רירן זיך ניט פון אָרט און קלאַמערן זיך פעסט אין די אַלטע תּקנות און חומרות, אַרויסגייענדיק פון דעם כּלל: יאבד עם, זאָל פאַרלאָרן גיין דאָס פאָלק, ולא תאבד תורה! און תּורה הייסט בײַ זיי יעדער פאַרשימלטער מנהג, יעדע תּקנה פון אַמאָליקע צײַטן [1]. ווײַטער רעכנט די „אַלטע" אויס אַלע פּונקטן פון דעם פּראָגראַם, וואָס די משׂכּילים פון יענער צײַט האָבן אַרויסגעשטעלט: לערנען שפּראַך, אָפּגעבן זיך מיט פּראָדוציר-אַרבעט, לערנען מלאכות. די „אַלטע" שטרײַכט אויך באַזונדערס אונטער דעם פּונקט, אַז אויסער ייִדישע פאָלקס-שולן דאַרף מען אויך גרינדן ייִדישע מיטל-שולן, וווּ די ייִדישע שילער זאָלן צוזאַמען מיט דעם אַלגעמיינעם וויסן אויך סיסטעמאַטיש לערנען די העברעיִשע שפּראַך און ליטעראַטור, און אויף אַזאַ אופן זײַן געהעריק פאָרבערייטעט צום סטודיום אין דעם ראַבינער-סעמינאַר. דאָ איז כּדאַי אָנצומערקן פאָלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן שטריך: ערטער, וואָס האָט אַליין געשריבן אין אַ ריין ביבלישן סטיל, איז זיך מתרעם אויף די העברעיִשע שריפטשטעלער, פאַרוואָס זיי פאַרנאַכלעסיקן דעם רײַכן אוצר פון ווערטער און באַגריפן, וואָס זײַנען אָנגעזאַמלט אין דער תּלמודישער ליטעראַטור, אין די מדרשים און אין די חקירה-ספרים פונם מיטלעלטער. ער, דער קינסטלער מיטן פײַנעם געשמאַק, קריטיקירט שאַרף די „מליצים" פון זײַן צײַט, וואָס פלייסן זיך אין דער אָריענטאַלישער שפּראַך קנעכטיש צו קאָפּירן די פון דער פרעמד גענאַשטע פאָרמען, אַזוי, אַז עס באַקומט זיך דער אײַנדרוק, אַז „זיי ריידן דײַטש מיט העברעיִשע ווערטער" (דברי אשכנזית במלות עבריות) [2].

ווי נחמן קראָכמאַל, אַזוי איז אויך ערטער איבערצײַגט, אַז אַ נאַציאָנאַלן קיום וועלן האָבן בלויז די ווערק, וואָס זיינען געשריבן

---

1 הצופה לבית ישראל, 18.

2 דאָרטן, 23.

אויף דער שפראַך פון דער ביבל. און ער פאררופט זיך דערביי אויף די באַדײַטנדיקע ייִדישע ווערק, וואָס זײַנען געשריבן גריכיש אָדער אַראַביש: ניט פאַרשלונגען זײַנען געוואָרן אין ים פון שכחה און אויפגעהיט זײַנען געבליבן פאַר דער נאַציאָנאַלער קולטור בלויז די ווערק, וואָס זיינען באַצײַטנס איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיִש...

ווי אברהם כהן, אַזוי האָט אָבער אויך יצחק ערטער ניט זוכה געווען זײַן פּראָיעקטירטע צײַטשריפט אויף דער וועלט צו ברענגען. נאָך איידער ער האָט זײַן „תולדות החלוץ" פאַרענדיקט, האָט דער פּלוצלינגדיקער טויט בײַ אים די פעדער פון דער האַנט אַרויסגעריסן. דעם 20טן אַפּריל 1851 איז ערטער פון אַ האַרצשלאַג געשטאָרבן. די החלוץ־טריבונע האָט שוין זײַן פרײַנד שור אויסגענוצט און אין משך פון צענדליקער יאָרן זײַן פאַרביסענעם קאַמף געפירט קעגן די רבנים און די חכמי התלמוד. דאָס געהערט שוין אָבער צו דער שפּעטערדיקער תקופה...

זעקסטער קאַפּיטל

משכּילים פּשרה-מאַכערס. — דער „מליץ" שמשון בלאָך און זיין „שבילי עולם". — דער דיכטער מאיר הלוי לעטעריס און זיין „דברי שיר". — דער סענטימענטאַל-ראָמאַנטישער מאָמענט אין דער השכּלה-באַוועגונג, פאַוסט און אלישע בן אבויה. — לעטעריס אלס פּראָזאַאיקער. — די עסטרייכישע איטאַליענער. — יצחק-שמואל רעדזשיאָ (ריג'יו). — דער גייסטיקער צושטאַנד פון די איטאַליענישע קהילות. — רעדזשיאָס „התורה והפילוסופיאה". — פראַנץ דעליטש און זיין „צור געשיכטע דער יידישען פּאָעזיע". — עבדות בתוך חרות. — שמואל דוד לוצאַטאָ אלס פּערזענליכקייט. — די רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין לוצאַטאָס וועלטבאַנעם. — לוצאַטאָ קעגן די דאָגמען פון דער השכּלה. — לוצאַטאָס קריטיק קעגן חכמת ישראל. — לוצאַטאָ דער ראָמאַנטיקער. — לוצאַטאָס לערע וועגן אַטיציזם און יודאַאיזם. — זיין קאַמף קעגן דעם רמב"ם און אברהם אבן עזרא. — לוצאַטאָס לערע וועגן לעבן-אילוזיעס. — „חלק כּחלק".

ניט אַלע משכּילים זיינען אָבער געווען אַזוי קריגעריש געשטימט קעגן די רבנים, ווי ערטער און שור. אייניקע מיטגלידער פון דעם זעלביקן משכּילים-קרייז האָבן געשפּילט די ראָלע פון רודפי שלום; ענג פאַרבונדן מיט די קעמפער פאַר אויפקלערונג, האָבן זיי זיך אויך געפונען אין פריינדליכע באַציִונגען מיט די „רועי ישראל", מיט די רבנים און אָרטאָדאָקסן. די קאָלאָריטפולסטע צווישן די דאָזיקע „שלום-טרעגער" זיינען: דער „מליץ" שמשון בלאָך און דער דיכטער מאיר הלוי לעטעריס. שמשון בן יצחק בלאָך, געבאָרן אין 1784 אין קוליקאָוו [1], איז שוין לויט זיין אָפּשטאַמונג געווען פאַרבונדן מיט דער גאַליציאַנער השכּלה; ער איז געווען אין נאָענטע קרבֿות מיט דעם בעל „נצח ישראל" און מיט שלמה ראַפּאָפּאָרט, דער אויבן דערמאָנטער אויבער-לערער פון דער נאָרמאַל-שולע אין זשאָלקיעוו, ברוך ניַא, איז זיין פעטער געווען, און ביי אים אין

1 קוליקאָוו אַלס בלאָכס געבורטס-אָרט ווערט אָנגעוויזן פון אַלע זיינע ביאָגראַפן (לעטעריס, וויסבערג, באַדער). בלאָך גופא רופט אָבער אָן בראָד „עיר מולדתי".

הויז האָט ער זיך מיט נחמן קראָכמאַל באַקאַנט, און זיך אַפילו פאַר זײַן תלמיד דערקלערט. אונטער קראָכמאַלס השפעה האָט ער אַ שטיקל צײַט זיך אינטערעסירט מיט פילאָזאָפיע, זיך פאַר אַ קאַנטיאַנער געהאַלטן. ער איז אָבער כּל ימיו פאַרבליבן דער טיפּישער קאָמפּילאַטאָר און דילעטאַנ-טישער עקלעקטיקער. אָן אַן אייגענעם וועלט-באַנעם, אָן אַ פעסטן כאַראַק-טער, פּרעטענדירט ער בלויז אויף דער ראָלע פון אַ פּשרה-מאַכער. כאַ-ראַקטעריסטיש איז שוין אין דער הינזיכט זײַן ערשטער אַרויסטריט אין דער ליטעראַטור: ער פאַרעפנטליכט אין אַ באַזונדער חיבור'ל דעם רשב"אס באַקאַנטן אויפרוף וועגן פאַרבאָט זיך צו פאַרנעמען אין די יונגע יאָרן מיט גריכישער פילאָזאָפיע, צוזאַמען מיט ידעיה פנינים באַוווּסטן פּראָטעסט-בריוו קעגן דעם דאָזיקן פאַרבאָט [1]. די דערבײַ פאַרויסגעשיקטע פאָר-רעדע איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר בלאָכס סטיל, אָדער ריכטיקער — פאַר זײַן סטיללאָזיקייט. ער קאָפּירט דעם מאספים-סטיל, זײַן מליצה איז אַזוי איבערפילט מיט פּסוקים און שברי פּסוקים, אַז עס איז צײַטנ-ווײַז ממש שווער צו פאַרשטיין, וואָס אייגנטליך לאָזט ער אונז הערן. דערצו נאָך האָט ער אַ געוואַלטיקע חולשה צו ציטאַטן. צי עס פּאַסט, צי עס פּאַסט ניט, — ער האַלט אין שיטן מיטן ציטאַטן אויס דער אַלט-העברעיִשער ליטעראַטור און באַווײַזט דערבײַ אין קלאַמערן זײַן בקיאות: צייכנט אָן די שטעלע, ווו מען קאָן די און די מימרא געפינען [2]. און דאָס כאַראַקטעריסטישסטע דערבײַ איז, וואָס בלאָך האָט אין זײַן צײַט געגאָלטן אַלס מוסטערהאַפטער מליץ. וועגן דער „פּראַכט און שיינקייט" פון זײַן מליצה האָבן געשריבן מיט התפעלות אי משכילים אי רבנים. דער דעמאָלט נאָך גאַנץ יונגער חיים-צבי לערנער האָט פאַרזיכערט בלאָכן, אַז ער איז אַ „מורה דרך בדרכי צחות", אַ לערער און פירער אויף די וועגן פון שיינער מליצה; יצחק-שמואל רעדזשיאָ דערקלערט מיט אַנט-ציקונג, אַז ס'איז צו בלאָכן קיין גלײַכן ניטאָ „בנופת צוף המליצה", אַז אים קומט דער לאָרבער-קראַנץ „בין דוברי צחות" און ער פאַרדינט די קרוין צווישן די אַלע „מליצים" פון „עדת ישורון" [3]. דער ניקעלסבורגער רב מרדכי בענעט פאַרזיכערט פון זײַן זײַט, אַז שמשון בלאָך האָט „דערהייבן די קרוין פון אונזער הייליקער שפּראַך, באַוויזן איר פּראַכט און שיינקייט

---

1 זע אונזער װערק, III באַנד, 112, 121.

2 אַ גאַנץ געלונגענע פּאַראָדיע אויף בלאָכס סטיל גיט יצחק-בער לעווינזאָן אין זײַנעם אַ בריװ צו ראַפּאָפּאָרטן (באר יצחק 27—29). באַקאַנט איז אויך ביקס חיציקע פּאַראַפראַזע פון דעם באַקאַנטן פּסוק „ועשו להם ציצית על כנפי בגדיהם": ועשו על כנפי מכתביהם ציתצית והיו לכם לציתצית למען יראו ויזכרו שהמה בקיאים.

3 „אוצר חכמה", I, 4, 33.

(הרים קרן לשוננו הקדושה... להראות יפיה והדרה) [1]. קונה שם געווען האָט זיך בלאָך מיט זײַן „שבילי עולם", פּאָפּולער געשריבענע געאָגראַפיע און עטנאָגראַפיע, אין דרײַ טייל: דער ערשטער, וואָס באַהאַנדלט אַזיע, איז דערשינען אין 1821, דער צווייטער וועגן אַפריקע — אין 1827, און דער דריטער, וועגן אייראָפּע, איז אין פראַגמענט געבליבן [2], און ערשט נאָך דעם מחברס טויט צוזאַמען מיט בלאָכס איבעריקן ליטעראַרישן עזבון אין דרוק דערשינען (זהב שב״ה, 1855). די פּאַרעפנטליכטע צווי טיילן „שבילי עולם" זיינען געווידמעט די צווי גרונדזײַלן פון דער גאַליציאַנער השכלה: דער ערשטער — נחמן קראָכמאַלן, דער צווייטער — שלמה ראַפּאָפּאָרטן. דאָס ווערק גופא איז אָבער געשריבן אין אַזאַ בעלי־בתיש־פרידליכן און ירא־שמימדיקן טאָן, אַז אפילו אַזוינע אָרטאָדאָקסישע רבנים ווי מרדכי בענעט און משה סופר האָבן געגעבן זייערע הסכמות אויף בלאָכס חיבור...

דער „שבילי עולם" איז אין משך פון צוויי דרײַ דורות געווען שטאַרק פּאָפּולער אין די ברייטע לייענער־קרײַזן; מען האָט זיך מיט אים געקוויקט ווי מיטן „יוסיפון" און דעם „צמח דוד", פון אים איז מען געוואָר־געוואָרן, וואָס עס טוט זיך אויף דער ברייטער וועלט. ער האָט דערפאַר געשפּילט אַ געוויסע קולטורעלע ראָלע, ווייל ער איז מיט זײַן בעלי־בתישן, האַלב וועלטליכן, האַלב פרומען סטיל אָן שום מניעות אַרײַנגעדרונגען אין אַזעלכע קרײַזן, וווהין אַנדערע השכלה־ספרים האָבן קיין צוטריט ניט געהאַט.

באַדײַטנדיקער און באַגאַבטער פון שמשון בלאָך איז געווען דער דיכטער מאיר הלוי לעטערים.

מאיר לעטערים איז געבאָרן דעם 30טן אויגוסט 1804 אין זשאָלקיעוו. דער פאָטער זײַנער, גרשון בן זאב, אַן אייגנטימער פון אַ העברעיִשער דרוקערײַ, איז געווען אַ יודע ספר און אַ שטיקל „מליץ"; האָט געשריבן

---

1 בנוגע דעם ליטעראַרישן געשמאַק פון יענער צייט איז כדאי אָנצומערקן אַז װאָס: װען שלמה ראַפּאָפּאָרט האָט אויפגעהערט צו שרײַבן מליצות און שירים און אָנגעפאַנגען צו פאַרעפנטליכן זײַנע בארימטע מאָנאָגראַפיעס, פאַר װעלכע ער האָט אויסגעאַרבעט אַ ריין װיסנשאַפטליכן סטיל, האָבן פיל פון זײַנע לייענער אין פאַרערער געהאַט אויף אים פאַראיבל, און געקומען צו אים מיט טענות: נאלמת דומיה קשׁת עוד משל ומליצה באמרי נועם המושכים את הלב, כאשר נמצאו במחברותיך עד כה כפעם בפעם, ועתה דבריך לעו, ואם גם מובנים המה לקוראיהם הנה יחסר לחם כל בושם אשר יתן בהם טעם מתוק לחיך ולנפש (זע שי״רס פאָררעדע צו „תולדות רבנו חננאל" אין בכורי העתים XII).

2 װעגן די סיבות, פאַרװאָס בלאָך האָט דעם דריטן טייל ניט פאַרענדיקט, זע: לעטעריס, זכרון ספר, 109.

פירושים אויף הארבע שטעלן אין אברהם אבן עזראס פירוש אויף תורה, און האט אויך פארעפנטליכט (אין 1817) א „פירוש מספיק" אויף סליחות. גרשון לעטערים האט אויך נעפרוווט שירים שרייבן; עס איז דערפאר קיין חידוש ניט, וואס ער האט השגחה געגעבן, אז זיין בן יחיד מאיר זאל גוט איינשטודירן די ספרי הקודש און זיין באהבנט אין דקדוק. די גרעסטע השפעה האט אבער אויף דעם יונגן לעטעריסן געהאט נחמן קראכמאל, צו וועמען דער וויסנסדורשטיקער לעטערים איז דאס ערשטע מאל געקומען אלס עלף-יאריק בחורל. קראכמאל האט אין אים געשטארקט דעם אינטערעס צו וועטליכער פאעזיע, אים אנגעוויזן, ווי אויפן בעסטן מוסטער, אויף משה-חיים לוצאטוס „לישרים תהלה" [1] און אים אויך באקענט מיט דער דייטשער פאעזיע. לעטערים האט זיך פיל אפגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג, פלייסיק שטודירט פראנצויזיש און לאטיין. ער האט אויך שפעטער אין לעמבערגער אוניווערסיטעט העכערע בילדונג באקומען, און פון א ישיבה-בחור מגולגל געווארן אין ד"ר מאקס לעטערים. ער האט רעדאקטירט א גאנצע צאל דייטשע צייטשריפטן (וויענער בלעטער, וויענער מאנאטסבלעטער, וויענער מיטטיילונגען אא"וו), האט אויך אליין דייטשע לידער געשריבן, און פאר זיין זאמלונג „זאגען אוים דעם אריענט" (1847) האט ער פונם עסטרייכישן קיסר א גאלדענע מעדאל באקומען. דאך איז ער זיין גאנץ לעבן לאנג געבליבן געטריי דעם באפעל פון זיין גייסטיקן דערציער נחמן קראכמאל — צו שאפן אין דער העברעישער שפראך. די ביבל-שפראך איז געבליבן זיין איינציקע ליבע, ער איז איר איבערגעגעבנסטער ריטער געווען, און אויך איר אויסגעצייכנטער מייסטער. מיט דער גרעסטער לייכטקייט האט ער אין דער העברעישער דיכטקונסט איבערגעטראגן די פארשיידנסטע אייראפעישע פאעטישע פארמען און ריטמען. צוויי וויכטיקע אייגנשאפטן האבן אים אבער געפעלט, ער זאל זיך קאנען דערהייבן צו דער מדרגה פון א באדייטנדיקן נאציאנאלן דיכטער מיט א בולטער אינדיווידואליטעט: רייכע פאנטאזיע און טעמפעראמענט. זיינע סטראפן צייכענען זיך אוים מיט קלאנג און ריטם, עס פעלט זיי אבער דאס וויכטיקסטע — דאס אינעווייניקסטע פייער פון א טיף פילנדיקער פערזענליכקייט. דערפאר זיינען די מאטיוון פון זיינע לידער אזוי אלטמאדיש, טראגן דעם שטעמפל פון דעם פעסטגעזעצטן, סקארבאוון נוסח. טיפיש איז אין דער הינזיכט זיין ערשטע לידער-זאמלונג „דברי שיר", וואס ער האט, אדאנק קראכמאלס פינאנסיעלער שטיצע, פארעפנטליכט אין 1822, און שוין אין צוויי יאר ארום איז זי אין א נייער אויס-

1 לעטעריס איז א"יף שטענדיק פארבליבן לוצאטוס הייסער פארערער, און האט צום ערשטן פארעפנטליכט לוצאטוס יוגנט-ווערק „מגדל עוז".

גאַבע דערשינען. די זאַמלונג פון דעם יונגן דיכטער פאַנגט זיך אָן מיט דעם ליד „משאת נפשי", אין וועלכן עס קלינגט דער אַלטער עלעגיש-סענטימענטאַלער מאָטיוו וועגן דער נישטיקייט פון דעם ערדישן לעבן מיט אַלע זיינע פּלאָגן און ליידן, וואָס זיינען גאָר ניט צו פאַרגלייכן מיט דעם וואונדערבאַרן ליכט און שיינקייט-פּראַכט פון דער הימלישער וועלט. און דאָס ליד פאַרענדיקט זיך מיט דעם אַלטמאָדישן, פון דער מיטלאַלטערליכער רעליגיעזער סליחות-פּאָעזיע אַזוי גוט באַקאַנטן אַקאָרד:

תֵּבֵל הִיא לַצַּדִּיק כִּמְלוֹן אֹרֵחַ,
אַךְ בִּמְרוֹמֵי עַד אֹהֶל יְשָׁרִים פּוֹרֵחַ! [1].

אויך אין לעטעריסעס פּאָפּולערסטן ליד „יונה הומיה" [2], וואָס איז אין משך פון דורות געזונגען געוואָרן אין גאַליציע און אין ליטע, קלינגט דער אַלטער כּמעט פון אַלע העברעיִשע רעליגיעזע דיכטער אויסגענוצטער מאָטיוו, ווי די כּנסת ישראל ווערט געגליכן צו אַ טויב, וואָס איז פאַר אירע זינד פון איר נעסט פאַרוואָגלט געוואָרן. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות געדענקט נאָך דעם טרויעריקן ניגון, מיט וועלכן יונגע ישיבה-בחורים און משכּילים פלעגן זינגען די עלעגיש-סענטימענטאַלע סטראָפן:

אוֹי, כִּי עוֹטְיָה אֲנִי
אֲנִי אַךְ נוֹדֶדֶת,
מִמְּעוֹן חַגְוֵי סְלָעַי
הוֹי! אֲנִי יוֹרֶדֶת...

דּוֹדִי עֲזָבָנִי
עֵת בִּי אַפּוֹ חָרָה,
יַעַן הוֹלִיכָנִי
שׁוֹלָל רוּחַ סָרָה...

אָט די סענטימענטאַלע שטימונג איז כאַראַקטעריסטיש ניט בלויז פאַרן יונגן דיכטער לעטעריס — ס'איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פאַר דער גאַנצער השכּלה-באַוועגונג פון יענער תּקופה. די משכּילים מיט קעמפּפערישע נאַטורן, אַ וואָלפזאָן, אַ יהודה מיזעס אָדער יוסף פּערל, זיי זיינען געווען קאָנסעקווענטע ראַציאָנאַליסטן. זיי האָבן ניט געוווּסט פון ספקות, אַלץ איז ביי זיי געווען קלאָר און באַגרייפליך, אַלץ איינגעטיילט אין צוויי גאַנץ באַזונדערע וועלטן: איינע, וואָס ווערט רעגירט דורכן שכל, זי איז באַגאָסן און באַשטראַלט מיט ליכט און שיינקייט;

---

1 אַ דערהייליק נאַכט-הויז איז בלויז די ערדישע וועלט פאַרן גערעכטן, נאָר אין די הימלישע הייכן טוט דאָס געצעלט פאַר די פרומע בליען.

2 צום ערשטן פאַרעפנטליכט אין דער פון לעטעריס אַרויסגעגעבענער זאַמלונג „הצפירה" (1824).

די אנדערע — די וועלט פון פינסטערן אָבערגלויבן און פאנאטיזם, פון „מורדי אור" און נארישקייט, — זי מוז און דארף באקעמפט ווערן. צווישן די משכילים זיינען אָבער געווען אויך אזעלכע, וואס ס'האט זיי טאקע געצויגן צו דער נייער וועלט מיט איר ברייטן פארנעם, זיי האָבן אָבער ניט געהאט דעם מוט, אָדער די פעסטע איבערצייגונג פיינדליך איבער־צורייסן מיט דער אלטער וועלט. דאָס זיינען געווען מער פאסיווע, גריב־לענדיקע נאטורן. זיי האט געפעלט דער פארטייאיש־קריגערישער אימפעט, האָבן זיי זיך געפילט הילפלאָז און שוואך. דערפון האט זיך גענומען זייער סענטימענטאל־ראָמאנטישע שטימונג...

איר וועט דערפאר אומזיסט זוכן ביי לעטעריסן קעמפער־לידער. קאמף־מאָטיוון זיינען אים לחלוטין פרעמד. דער משכיל, דער „אויפקלע־רער" מאכט זיך ביי לעטעריסן באמערקבאר בלויז אין איין איינציקן ליד, אין זיין „שפתי רננות" — א לויב־ליד דער בראָדער קהילה, ווו די דאָזיקע שטאָט ווערט שטארק געלויבט דערפאר, וואס זי „פארשפרייט ליכט אין דעם פאָלק ישראל", „שענקט ליכט פון לעבן צווישן די, וואס טאפן אין דער פינסטער", און „פארבלאָנדזשעטע איז זי משפיע מיט וויסן און פארשטאנד" 1. לעטעריס פירט ניט קיין קאמף און לעבט בשלום אי מיט די רבנים אי מיט די חסידים. בעת קראָכמאל, ראפאפארט און ערטער האָבן אין דעם לעמבערגער רב יעקב האָרנשטיין געזען דעם „גראָסאינקוויזיטאָר", וואס איז קעגן זיי ארויסגעטראָטן מיט דער הארבער חרם־שטראָף, איז לעטעריס ביי האָרנשטיינען געווען א „בן־בית" און בלעגט אָלס „מליץ" און „בעל־לשון" ביי פאסנדיקע געלעגנהייטן באזאָרגן פארן רב אָפיציעלע בריוו אָדער טרויער־לידער 2. דערפאר האט האָרנ־שטיין פון זיין זייט געגעבן דעם שטענדיק נויטבאדערפטיקן לעטעריסן די פינאנסיעלע מעגליכקייט צו פארעפנטליכן זיין לידער־זאמלונג „פלגי מים" (1828).

נאָך אויף איין דעטאל איז כדאי אָנצווייזן. מיר האָבן שוין פריער אָנגעמערקט, ווי פאָפולער ביי די גאליציאנער משכילים ס'איז געווען דער דייטשער דיכטער שילער. איינער פון די ערשטע, אויב נישט

---

1 דברי שיר, 1832, 94—98. ס'איז אינטערעסאנט, וואס אויך דער אנאָני־מער פארפאסער פון דעם אויבנדערמאָנטן פאָלעמישן „זענדשרייבען", בעת ער רעדט וועגן די געבילדעטע און אויפגעקלערטע, וואס געפינען זיך אין דער לעמבערגער קהילה, האלט ער פאר נייטיק אונטערצושטרייכן: איך דיעזע וועניגען האבען איהרע בילדונג בראָדי אונד דעם זעליגען הערן פערל אין טארנאָפאָל צו פערדאנקען (גאטליב בהנס ציט. ו., 243).

2 זע: „זכרון בספר", 141.

דער ערשטער, וואָס האָט די העברעיִש-לייענער באַקענט מיט שילערס לידער, איז געווען לעטעריס. פון 14 איבערגעזעצטע לידער, וואָס לעטעריס האָט פאַרעפנטליכט אין זײַן „דברי שיר", זײַנען 7 פון שילער; דערצו דאַרף מען נאָך צורעכענען אויך די דראַמאַטישע סצענע „מות אחיתופל", וואָס איז אַפילו אין דער זאַמלונג פאַררעכנט צווישן די אָריגינעלע לידער, עס איז אָבער בלויז אַן איבעראַרבעטונג אין געגראַמטע פערזן פון דער ערשטער סצענע אויס דעם דריטן אַקט „פיעסקאָ" 1. צווישן די זיבן איבערגעזעצטע שילערס לידער געפינט זיך אויך דאָס בײַ די גאַליציאַנער משכילים אַזוי באַליבטע געדיכט „אַן די פריידע" (אַ לויב-געזאַנג דער פרייד). די איבערזעצונג איז אָבער דערשינען מיט אַ כאַראַקטעריסטישער ענדערונג אינעם טעקסט. שילערס שטימונג בעת ער האָט זײַן ליד „אַן די פריידע" געזונגען, איז שוין געווען אַ גאַנץ אַנדערע, ווי ווען ער האָט געשריבן זײַן יוגנט-דראַמע „די רויבער". דער שטורמישער סאָציאַלער פראָטעסט איז בײַם דיכטער מיט דער צײַט שטאַרק אָפּגעקילט געוואָרן, און דער דיכטער טרייסט אין זײַן ליד די אָרעמע מאַסן:

דולדעט מוטיק, מיליאָנען!
דולדעט פיר די בעסערע וועלט!
דראָבן * איבערם שטערנענצעלט
ווירד איין גראָסער גאָט בעלאָנען.

עס קלינגט נאָך אָבער דאָך גאַנץ מוטיק אין שילערס ליד דער פריידיגער דעוויז פון די „אויפקלערער" אויס דעם 18טן יר״ה: דער מענטש איז צו גליק געבאָרן! דער דיכטער זינגט אַ שטורמיש לויב-געזאַנג „דער פרייד", ער פאַרזיכערט, אַז נאָר זי, די פרייד, „טרײַבט די רעדער אין דער גראָסן וועלטענאוהר" **. באַגליקט רופט ער דער פרייד צו: „אַלע מענשען ווערדען ברידער, וואָ דיין זאַנפטער פליגעל וואַלט!" און דער כאָר זינגט פאַטעטיש דערבײַ: „זייד אומשלונגען, מיליאָנען! דיעזען קוס דער גאַנצען וועלט!".

די אַלע פערזן ווערן אויך איבערגעגעבן אין לעטעריסעס איבערזעצונג. צום שלוס דערלויבט זיך אָבער בײַ שילערן דער כאָר אַרויסצוזאָגן אַזאַ „אַפּיקורסישן" ווונטש:

וואַרהײַט קעגען פריינד אונד פיינד,
מענערשטאָלץ פאָר קעניגסטראָנען!

---

1 דערויף האָט אָנגעוויזן מ. ווײַסבערג אין מאָנאַטסשריפט, 1928, 199.

* אויבן.

** וועלטענאוהר — דער זייגער פון דער וועלט.

ארויסוויזן „מענערשטאלץ" קעגן דעם טראן פון מלכים — דאס איז געשטאנען אין פולער סתירה מיטן פראגראם פון די משכילים אויס יענער תקופה. מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן [1] און עס וועט אונז נאך אויסקומען איבערצוחזרן, אויס וואסערע סיבות די משכילים האבן זיך פארהאלטן מיטן גרעסטן רעספעקט צום „אויפגעקלערטן" אבסאלוטיזם און געזעען אין אים דעם טרעגער פון ליכט און בילדונג [2]. שילערס „רעוואלוציאנערער" פערז ווערט דערפאר ביי לעטעריסן מגולגל אין א פרומע מוסר־סענטענץ: אל תעשו אל תבגדו בגד (טוט ניט קיין פארברעכן, און מאכט ניט קיין פעלשונגען) [3].

לעטעריס האט איבערגעזעצט ניט בלויז לירישע לידער פון אייראפעישע דיכטער, נאר אויך פאעמען און דראמען, ווי: אויגוסט פראנקלס „ראכעל" און דער „פרימאטאר", ראסינס דראמען „אסתר" און „עתליה". א באזונדערן רושם האט בשעתו געמאכט לעטעריסעס איבערזעצונג פון געטעס ערשטן טייל „פאוסט". עס איז אפילו פארגעקומען א גאנצע פאלעמיק וועגן דעם באדייט פון לעטעריסעס פאעטישער לייסטונג. דער יונגער סמאלענסקין האט דעביוטירט אין דער העברעיִשער ליטעראטור מיט א שארפער קריטיק קעגן לעטעריסעס איבערזעצונג, און דער גאליציאנער לאנגבאנק איז ארויס מיט א פארטיידיקונגס־שריפט „משפט אמת". געוויס איז אן איבערזעצונג אין געגראמטע פערזן פון אזא מייסטערווערק ווי געטעס „פאוסט" א באדייטנדיקע דערגרייכונג, און לעטעריס האט טאקע דערמיט באוויזן, וואס פאר א מייסטער ער איז אין העברעיִשער פערז־קונסט. דאך איז סמאלענסקין ניט אינגאנצן אומגערעכט געווען.

---

1 אויבן ז"ז 41—43.

2 זייער כאראקטעריסטיש איז, אגב, די שאלת תם, וואס לעטעריס פרעגט, בעת ער דערמאנט אין זיינע מעמוארן דעם גרויסן דערפאלג, וואס עס האט געהאט פערלס פריוואט־שול אין טארנאפאל: „א מערקווירדיקע זאך, איך קאן דאס גאר נישט באגרייפן (והנה בעינינו זר לא נדעהו) — חידושט זיך לעטעריס — די אלע שולן, וואס זיינען געגרינדעט געווארן אין גאליציע לויט דעם באפעל פונם מלך און זיינע שרים און ראטגעבער אויפן סמך פון דעם עדיקט, וואס דער גערעכטליביגער קיסר יאזעף דער צווייטער האט ארויסגעגעבן, — זיי זיינען כמעט אלע פארמאכט געווארן און האבן קיין שום פעולה ניט געהאט, און דווקא א שול, וואס איינער פון פאלק האט אויפגעבויט אן א שום באפעל מצד א וועלכן שר וקצין, נאר אויס דעם גוטן ווילן פון זיין הארץ — זי עקזיסטירט נאך עד היום און האט גרויס דערפאלג (זכרון בספר, 126).

3 אז מען דארף דא ניט נעמען אין באטראכט די שווערע צענזור־באדינגונגען אונטער מעטערניכס רעגירונג, זאגט עדות די צווייטע איבערזעצונג פון שילערס דעם זעלביקן געדיכט, וואס ברוך שענפעלד האט פארעפנטליכט אין „בכורי העתים" (באנד VII, 100—104). דארט איז דער באטרעפנדיקער פערז מער־ווייניקער ריכטיק איבערגעגעבן: רוח נכון בפני ג־ולים — מיט מוטיקן גייסט פאר גרויסע לייט.

ווארום לעטעריס האָט זיך ניט געוואָלט באַגניגן מיט אַ פּשוטער איבער־זעצונג. ער האָט זיך פאַרמאָסטן איבערדיכטן געטעס אומשטערבליך ווערק, עס אָנקליידן אין אַ נאַציאָנאַל־יידישן לבוש. ער פירט דאָס אָבער דורך אויף אַ ריין מעכאַנישן אופן. פאַוסט טראָגט בײַ אים דעם נאָמען פון דעם באַרימטן תּנא אוים ר׳ עקיבאס צײַטן, וואָס איז נתפקר געוואָרן און פון אלישע בן אבויה איז ער אָן „אחר״, אַן אַבטריניקער געוואָרן [1]. די שטעלן, וווּ עס קומען פאָר אין טעקסט ריין קריסטליכע מאָטיוון, ווערן בײַ לעטעריסן „געיידישט״; און ווען, אַ שטייגער, אין דער אָסטערן־נאַכט זינגט דער כאָר בײַ געטען „קריסטוס איזט אויפשטאַנדען״, זינגט דער כאָר בײַ לעטעריסן: „בני יעקב נגאלו מסבלות מצרים״. גרעטכען באַקומט דעם נאָמען נעמה, און לעטעריס מיינט נאַיוו, אַז דערמיט ווערט ווירקליך געטעס ווונדער־שיינע געשטאַלט פאַרוואַנדלט אין אַ העברעיִשער שולמית פון קדמונישע ביבל־צײַטן. די גאַנצע מיטלאַלטערליכע סביבה מיט איר אייגנאַרטיקן קאָלאָריט, וואָס ווערט אַזוי מײַסטערהאַפט געשילדערט בײַ געטען, ווערט אָן שום שהיות איבערגעטראָגן קיין פּאַדער־אַזיע אין די צײַטן פון דעם קיסר אדריאַנוס. אַ באַזונדערס קאָמישע געשטאַלט באַקומט בײַ לעטעריסן אין איר „נאַציאָ־נאַלן״ לבוש די סצענע, וווּ עס טרעט אַרויס פאַוסט׳ס תּלמיד וואַגנער. ווײַל פאַוסט ווערט בײַ לעטעריסן מגולגל אין בן־אבויה, אין אַחרן, און אחרס תּלמיד איז דאָך, כידוע, געווען דער באַרימטער תּנא ר׳ מאיר, — טראָגט דערפאַר וואַגנער בײַ לעטעריסן דעם נאָמען נהוראָי. און לעטע־ריס דערקלערט טאַקע דערבײַ אין אַ ספּעציעלער הערה, אַז אונטער נהוראי מיינט ער עס דעם תּנא, דעם „אור ישראל״, ר׳ מאירן, „אשר נקרא בתּלמוד גם בשם ר׳ מיאשה ור׳ נהוראי, כנודע״ [2]. דער נאַיִווער דיכטער, וואָס וויל אומבאַדינגט אָנקליידן געטעס „פאַוסט״ אין יידישע נאַציאָנאַלע לבושים, פאַרגעסט דערבײַ, אַז געטע שילדערט דאָך וואַגנערן ווי אַ שטומפּזיניקן געלערנטן בטלן מיט קליינליכע השגות, וואָס „פרא איז ווען ער רעגענווירמער פינדעט״, און פאַוסט פאַרהאַלט זיך צו אים מיטן גרעסטן ביטול, ווי צו „דעם ערמליכסטען פאָן אַללען ערדענזעהנען״ [3]. און אין דער ראָלע פירט עס לעטעריס אַרויס ר׳ מאירן, וואָס מען האָט אים דערפאַר „נהוראי״, ד״ה, דער לײַכטענדיקער, גערופן, ווײַל ער האָט געשמט ווי איינער פון די שאַרפזיניקסטע קעפּ פון זײַן צײַט און

---

1 לעטעריסעס איבערזעצונג טראָגט דעם נאָמען „בן־אבויה״.

2 בן־אבויה״, 227 (וואָס ווערט אין תּלמוד גערופן, ווי ס׳איז באַוווּסט, אויך מיטן נאָמען ר׳ מיאשה און ר׳ נהוראי).

3 דעם נישטיגסטן צווישן אַלע קינדער פון דער ערד.

האט געשאפן אין די הונדערטער גייסטרייכע פאבלען און שארף־צונגע־שפיצטע משלים...

לעטערים איז געווען טעטיק ניט בלויז אלס דיכטער; ער האט אויך פיל פראזע געשריבן. זיינע בריוו־זאמלונגען („מכתבים" 1827, „מכתבי עברית" 1847, „מכתבי קדם" 1866) האבן א באשטימטן קולטורעלן באטייט, ווייל אין זיי זיינען פארעפנטליכט א באדייטנדיקע צאל בריוו פון זיינע מיטצייטלער קראכמאל, ראפאפארט, ביק, בלאך און פיל אנדערע. ניט קיין קלענערן באדייט האבן זיינע מעמוארן (זכרון בספר, 1869) וואס נעמען ארום די יארן 1800 — 1831 1. עס ווערן דארט געבראכט ווילכטיקע ביאגראפישע פרטים וועגן נחמן קראכמאל (37—75), שלמה ראפאפארט (114 — 135), שמשון בלאך (97 — 112), יצחק אייכל (90—97), לודוויג אויגוסט פראנקל (145—168).

מאיר לעטערים איז געווען דער עפיגאן פון דער גאליציאנער השכלה. מיט ערמערם טויט פארענדיקט זיך פאקטיש די גלאנץ־תקופה פון דער השכלה אין גאליציע. די גאליציאנער משכילים, מיט וועלכע מיר האבן באקענט דעם לייענער אין די לעצטע קאפיטלעך, האבן געהאט א גרויסע השפעה אויך אויף דער השכלה־באוועגונג אין רוסלאנד. נאר איידער מיר פארלאזן גאליציע, מוזן מיר זיך נאך אפשטעלן אויף צוויי פלייסיקע מיטארבעטער פון די „בכורי העתים" און „כרם חמד". ענג באפריינדעט מיט די הויפטפירער פון דער גאליציאנער השכלה, שטייען זיי דאך אין א זייט, „אפגעזונדערט פון דער הויפט־שטרעמונג", ווייל זיי זיינען אויפגעוואקסן אין א גאנץ אנדערער קולטורעלער סביבה. דאס זיינען די אין די איטאליעניש־עסטרייכישע פראווינצן געבוירענע שמואל־דוד לוצאטו און יצחק־שמואל ריג׳יו (רעדזשיא).

יצחק רעדזשיא (באקאנט אויך אונטער די ראשי־תבות יש״ר) איז געבארן אין גערץ (גוריציא) אין 1784 אין א מיוחסדיקער רייכער פאמיליע. זיין פאטער, אברהם וויטע, א רייכער גוטבאזיצער מיט אייגענע פעלדער און וויינגערטנער, איז אויך געווען א ייד א למדן און די לעצטע יארן זיינע געווען רב אין גערץ. דאס האט אבער כלל ניט געדינט אלס מניעה, דעם רבס איינציקער זון זאל אויסער דער תלמודישער ליטעראטור שטודירן אויך אייניקע אייראפעישע שפראכן. קיינער האט אויך ניט געשטערט דעם רבס זון, ער זאל זיך אויך אפגעבן מיט מאלעריי און מוזיק. די אלטע איטאליענישע טראדיציעס זיינען נאך ניט אינגאנצן אפגעשטארבן. באזונדערס גלענצנדיקע פעיקייט האט דער יונגער רעדזשיא

---

1 דער פארשפראכענער צווייטער באנד איז ניט דערשינען, ווייל לעטערים איז אין צוויי יאר ארום (1871) געשטארבן.

ארויסגעוויזן אויפן געביט פון מאטעמאטיק. מען דערציילט, אז דער באוווסטער פראנצויזישער מאטעמאטיקער קאשי זאל האבן שטארק געלויבט דעם פון רעדזשיאן זעלבשטענדיק צוגעטראכטן נייעם באווייז פון פיטאגארס טעארעמע. אין 1810, ווען געריץ און די גאנצע געגנט איז איבערגאנגען צו פראנקרייך, האט דער פראנצויזישער גובערנאטאר באשטימט רעדזשיאן פאר רעקטאר און פראפעסאר פון דעם ארטיקן ליציי [1]. נאך נאפאלעאנס מפלה איז אבער די פראווינץ ווידער איבערגעגאנגען צו עסטרייך, און רעדזשיא האט דאן אלס ייד געמוזט פארלאזן די שטעלע. באלד נאכדעם פאנגט זיך אן רעדזשיאס ליטערארישע טעטיקייט.

בכדי די דאזיקע טעטיקייט געהעריק אפצושאצן, מוז מען אבער קודם-כל נעמען אין באטראכט די סביבה, אין וועלכער רעדזשיאן איז אויסגעקומען צו לעבן און צו שאפן. איינטעניק און פארגליווערט איז געווען דאס קולטורעלע לעבן אין די קליינצאליקע יידישע קהילות אין די איטאליענישע פראווינצן, וואס האבן זיך געפונען אונטער עסטרייכס ממשלה. אפגעזונדערט און אפגעטיילט זיינען זיי געווען פון ביידע זייטן. דא, אין דער שטאטישער איטאליענישער באפעלקערונג, האט זיך געפונען א גאנצע נעץ פון געהיימע פארבאנדן, וואס האבן געחלומט וועגן נאציאנאלער באפרייונג פון דעם עסטרייכישן שווערן יאך; די יידישע באפעלקערונג איז געבליבן פרעמד דער דאזיקער באוועגונג, געטריי און אונטערטעניק איז זי געווען דעם „מלך חסד", דעם עסטרייכישן „קיר"ה". דארט, אין גאליציע און אין אנדערע יידישע קיבוצים, האט זיך פארשפרייט און געשטארקט א מעכטיקע חסידישע באוועגונג און קעגן איר האבן זיך פארמאסטן אויף א פארביטערטן קאמף די „אויפקלערער", די משכילים; אין די דייטשע קהילות האט זיך דעמאלט געפירט א קאמף ארום רעליגיעזע רעפארמאציע. אין די איטאליענישע קהילות האט דאס אלץ א גאנץ קנאפן אפקלאנג געפונען [2]. דער אויסערער לבוש איז געווען לייטן-גלייך: מען האט גערעדט איטאליעניש, די טראכט — ריין אייראפעיש, די בערד געווען ראזירט, נאר געפירט האט מען זיך אויפן אלטן, ארטאדאקסישן שטייגער; און האט איינער, אשטייגער, געהאט די העזה און פארעפנטליכט אין ליווארנא (1810) א פראיעקט וועגן רעפארמירן דאס קולטורעל-רעליגיעזע לעבן ביי יידן [3], האבן די ראשי

1 זע רעדזשיאס אויטאביאגראפישע נאטיץ אין „אוצר נחמד", I, 33.

2 מיט צופרידנקייט הייסט אן שמואל-דוד לוצאטו אין זיינעם א בריוו צו שיר"ן: כת החסידים השוטים אשר בארצך אין ממנה לא אבק ולא ריח בארץ איטאליע (אגרות שד"ל, 323).

3 Prospetto filosofico di una completa riforma del culto et dell' educazione politico-morale del popolo Ebreo.

הקהילה גליַיך קאָנפיסקירט די גאַנצע אויסגאַבע און זי פאַרברענט 1. און ניט אומזיסט קלאָגט זיך רעדזשיאָ אין אַ בריוו צום ברודער משפּיל אינגאַץ בלומענפעלד (דעם שפּעטערדיקן אַרויסגעבער פון „אוצר נחמד"): „ווי וויל איז דיר! דו האָסט באַקאַנטע ווי דיַין האַרץ גלוסט און קאָנסט זיך מיט זיי אונטערהאַלטן. איך אָבער בין איינזאַם און פאַרלאָזן אין מיַין געבורטסלאַנד, עס איז ניטאָ קיינער אין דער גאַנצער געגנט אַרום, פאַר וועלכן איך זאָל קאָנען אויפדעקן מיין האַרץ, אונטערהאַלטן זיך אין דברי חכמה און דערביי ניט מורא האָבן פאַר די קנאים, וואָס טרעטן מיט די פיס אַלץ, וואָס ס'איז טיַיער, און יעדערן, וואָס פאָרשט נאָך אמת, דערקלערן זיי פאַר אַ כופר בעיקר" 2.

אָבער אויך רעדזשיאָ גופא באַוויַיזט אין געוויסע מאָס די אָפּגעשטאַנענקייט פון זיַין סביבה. ער, דער „מושלם", וואָס איז אין משך פון יאָרן געווען, לויט זיין אייגענער מעלדונג, „פּראָפעסאָר דער הומאַניטעט", אָפּערירט נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן פונם 19טן יר"ה מיט די מיטלאַלטערליכע פיר גרונד-יסודות, און ער חקירהט זיך וועגן דעם, ווי אַזוי נאָכן מבול האָט זיך דער „אש היסודי" אָנגעזאַמלט אין אַ צו גרויסער מאָסע אין געוויסע בערג, און אַט אַזוי זיַינען געבאָרן געוואָרן די „וואולקאַנעס", די פיַיערשפּיַיענדיקע בערג 3. רעדזשיאָ איז געווען גוט באַהבנט אין דער דיַיטשער שפּראַך, האָט פלייסיק שטודירט מענדעלסזאָנען, אין וועלכן ער האָט געזען דעם גרעסטן דענקער פון דער נייַציַיט, נאָר ווען אינגאַץ בלומענפעלד אויס בראָד האָט ביַי אים אָנגע-פרעגט אין 1833 זיַין מיינונג וועגן היינען און בערנען, פרעגט רעדזשיאָ אַ שאלת תם: איך האָב קיין מאָל ניט געלייענט און ניט געהערט וועגן היינען און בערנען, און מיר איז אומבאַקאַנט, וועגן וואָס זיי שרייבן אין זייערע ווערק, „צי באַהאַנדלען זיי וויסנשאַפטליכע פראַגען, אָדער זיי שרײַבן וועגן ייִדישע אָנגעלעגנהייטן" ? 4.

רעדזשיאָס ליטעראַרישער דעביוט איז געווען זיין „מאמר תורה מן השמים" (1818), אַן אַריַינפיר צו זיַין איטאַליענישער חומש-איבערזע-צונג, וואָס ער האָט באַזאָרגט מיט אַ ספּעציעלן העברעיִשן „ביאור"

---

1 זע: „התורה והפילוסופיאה", 149.

2 „אוצר נחמד", I, 14.

3 „התורה והפילוסופיאה" 166.

4 „אוצר נחמד", I, 34: לא ראיתי ולא שמעתי דבר מספרי הכותבים היינע אונד בערנע, גם נעלם ממני מהו הענין אשר עליו ידברו בכתביהם, אם הוא דבר חכמה או אם נוגע אל מצב אומתנו ועניניה.

(1821), נאָכדעם ווי ס'איז אין 1822 דערשינען דער קייזערליכער דעקרעט, אַז דעם ראַבינער-פּאָסטן קאָן פאַרנעמען בלויז דער קאַנדידאַט, וואָס באַזיצט אויך וועלטליכע און פילאָזאָפישע בילדונג, האָט רעדזשיאָ פאַרעפנטליכט אין ווענעציע אויף איטאַליענישער שפּראַך אַן אויפרוף וועגן גרינדן אַ ראַבינער-סעמינאַר, וווּ עס זאָלן אויסער רעליגיעז-רבנישע לימודים געלערנט ווערן אויך פילאָזאָפיע, געשיכטע, פילאָלאָגיע און עקזעגעטיק. דורך זיין איניציאַטיווע איז טאַקע אינגיכן געגרינדעט געוואָרן אַזאַ סעמינאַר אין פּאַדואַ, פאַר וועלכן רעדזשיאָ האָט אויסגעאַרבעט די נייטיקע סטאַטוטן און אַ פולשטענדיקע פּראָגראַם. בכדי די אָרטאָדאָקסישע רבנים זאָלן זיך ניט פאַרהאַלטן מיט חשד צו דער נייער לערנאַנשטאַלט, וווּ מען פאַרנעמט זיך מיט אַזאַ "אפּיקורסישן" לימוד ווי פילאָזאָפיע, האָט רעדזשיאָ זיין הויפּט-ווערק געשריבן "התורה והפילוסופיאה" (וויען, 1827).

שוין דער פולער טיטול פונם ווערק: "התורה והפילוסופיאה חוברות אשה אל אחותה" — תורה און פילאָזאָפיע זיינען באַהעפט איינע מיט דער אַנדערער, — גיט אַ באַגריף וועגן דעם אַפּאָלאָגעטישן אינהאַלט פון רעדזשיאָס ווערק. "התחברות התורה והפילוסופיאה בקשר אמיץ"[1] — די תורה און די פילאָזאָפיע זיינען פעסט צוזאַמענגעבונדן; "שתי נרות: נר תורתנו ונר חכמתנו"[2] — די צוויי ליכטער, דאָס ליכט פון אונזער תורה און דאָס ליכט פון אונזער פאַרשטאַנד, — אַזעלכע סענטענצן זיינען שוין גוט באַקאַנט אונזערע לייענער: מיר האָבן זיי דאָך שוין אויף יעדן טריט באַגעגנט אין פיל עלטערע חקירה-ספרים, וואָס האָבן באַהאַנדלט די זעלבע טעמען. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז פון אַלע אַפּאָלאָגעטישע העברעיִשע ווערק, וואָס פּליִען זיך צו דערווייזן, אַז דער קריטישער פאָרשער-געדאַנק געפינט זיך כּלל ניט אין סתירה מיט דער אמונה, איז דווקא דאָס ווערק פון דעם איירָאָפּעיִש-געבילדעטן רעדזשיאָ דאָס שוואַכסטע. אמת, איין מעלה האָט "התורה והפילוסופיאה" — עס איז געשריבן אין אַ שיינעם און לייַכטן סטיל. רעדזשיאָ ווערט אפילו שטאַרק נתפּעל פון בלאַכס געקינצלטן מליצה-סטיל[3], ער באַזיצט אָבער צו פיל איינגעבאָרענעם געשמאַק, ער זאָל נאָכטאָן בלאַכן. ער איז כּלל ניט קיין שטרענגער פּוריסט, און נוצט אויס מיט גרוים דערפאָלג ניט בלויז דעם ווערטער-שאַץ פון דער ביבל, נאָר אויך פון דעם תלמוד און די מדרשים. דער אינהאַלט איז אָבער לייַדער פון אַ באַדייַטנדיק נידעריקערער קוואַליטעט ווי

---

1 התורה והפילוסופיאה, 211.

2 דאָרטן, 112.

3 זע אויבן ז' 135.

די שפראך פונם ווערק. בכדי צו האבן א באגריף וועגן דעם וויסנשאפט־ליכן ניוואָ פון „התורה והפילוסופיאה", גענוגט אנצווייזן, אז ביי רעדזשיאָן גילט אַלס העכסטע וויסנשאפטליכע אויטאריטעט נפתלי הערץ וויזל. זיין „דברי שלום ואמת", זיין פירוש „רוח חן" אויף „חכמת שלמה" דינען רעדזשיאָ, ווי יענער גופא ווייזט אָן [1], אַלס זיכערסטער וועגווייזער אין די וויכטיקסטע רעליגיעז־פילאָזאָפישע פראבלעמען, פון זיי שעפט ער מיט ברייטער האנט און שרייבט אָפּ גאנצע זייטן [2]. ביי אזא דילעטאנט און אומבאהאָלפענעם ארכיטעקטאָניקער ווי וויזל אין דער ראָלע פון א לערער און וועגווייזער, איז קיין חידוש ניט, וואָס אין רעדזשיאָס ווערק איז אזא גרויסער פּלאָנטער, אז עס איז אָפטמאָל שווער ארויסצובאקומען, וואָס אייגנטליך ער איז אויסן. רעדזשיאָ גופא שטרייכט, אשטייגער, אונטער, אז אונטער פילאָזאָפיע פלעגט מען פריער פארשטיין בכלל „חכמות חיצוניות", דאָס הייסט אַלע דיסציפּלינען פון וועלטליכן וויסן [3]. זיין טעמע איז אָבער בלויז די פראגע וועגן דער דיסציפּלין „מה שאחר הטבע", וואָס פארנעמט זיך ספּעציעל מיט מעטאפיזיק. ער אליין פאר־געסט אָבער באַלד אין דעם, און רעדט שוין וועגן די „גאונים און רבנים", וואָס האָבן געוועלט „פארטיליגן צווישן אונז אַלע חכמות חיצוניות, וואָס זיינען געגרינדעט על החקירה האנושית, און האָבן געאסרט מיט די שטרענגסטע פארבאָטן צו פארנעמען זיך מיט פילאָזאָפיע".

ארויסשטעלנדיק דעם דעוויז: „לחבר האמונה עם הפילוסופיאה", „להצמיד יחד התורה והחקירה" — צוזאמען באהעפטן דעם גלויבן מיט דער פילאָזאָפיע, — פרעגט דערביי רעדזשיאָ א שאלת תם: פארוואָס זאָל אונז דערביי ניט דינען אַלס ביישפּיל און וועגווייזער „המאור הגדול רבנו משה בן מיימון?" רעדזשיאָ האלט אפילו פאר איבעריק צו באַרירן די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען דעם לאנגן און עקשנותדיקן קאמף קעגן די אידעען און טענדענצן פון מיימונים „מורה נבוכים" און „המדע". ער דערקלערט בלויז מיט א פרומער מינע: עס איז דאָך קלאָר, אז ווען אפילו צווישן אַלע אונזערע חכמים פון פריערדיקע צייטן זאָל זיך געווען מיט פילאָזאָפיע פארנומען בלויז אונזער גרויסער גאון דער רמב"ם ז"ל, וואָלט ער איינער ביי זיין גרויס פרומקייט און הייליקייט געקאָנט אונז דינען אַלס גענוגנדיקער באווייז, אז מען האָט ניט וואָס מורא צו האָבן צו פארנעמען זיך מיט פילאָזאָפיע. און מיר זעען טאַקע, — איז רעדזשיאָ

1 התורה והפילוסופיאה, 90, 163, 166.

2 י. ב. לעווינזאָן, יהושפט, 28, 33, 36.

3 התורה והפילוסופיאה, 18, 24, 26.

מוסיף, — אַז זינט זײַנע חיבורים זײַנען אויף דער וועלט פאַרשפּרייט געוואָרן, איז בײַ אונז שטאַרק געוואַקסן די צאָל דענקער און פילאָזאָפן, ווי, אַשטײַגער, דער באַרימטער אברהם אבן עזרא און אַנדערע [1]. רעדזשיאָ פאַרגעסט בלויז דערבײַ, אַז דער אבן עזרא איז געווען באַדײַטנדיק עלטער פונם רמב״ם, און ווען דער אבן עזרא איז געשטאָרבן, האָט דער יונגער מײַמוני ערשט אָנגעפאַנגען זײַן וויסנשאַפטליכע טעטיקייט. רעדזשיאָ איז בכלל אויף כראָנאָלאָגישע דאַטן און אויף סיסטעמאַטישן סדר ניט קיין גרויסער מקפּיד. ער מאַכט, אַשטייגער, פון דעם בעל „אור החיים“, יוסף יעב״ץ [2], וואָס האָט געלעבט אין 15טן יר״ה, און פון יעקב עמדען (יעב״ץ) אוים דעם 18טן יר״ה, איין פּערזאָן. בכדי צו דערווײַזן, ווי שטאַרק די גדולי ישראל האָבן געהאַלטן פון פילאָזאָפיע, ברענגט רעדזשיאָ אָפּגעריסענע, אָפט גאַנץ צופעליקע ציטאַטן פון די פאַרשיידנסטע פאַר־פאַסערס, און אַזוי אַרום ווערן בײַם בעל „התורה והפילוסופיאה“ ענג פאַרבּרידערט דער רלב״ג און יצחק עראמה, חסדאי קְרֶשְׂקַשׂ און מנשה בן ישראל, יהודה הלוי און דער רמ״א. אויך מענדעלסזאָן און נפתלי הירץ וויזל גייען בײַ רעדזשיאָן אין קאָן. ער פאַרשווײַגט אינגאַנצן דעם קאַמף, וואָס די דאָזיקע צוויי פון אים אַזוי געליבטע „המאורות הגדולים מופתי הדור“ האָבן אַרויסגערופן אין די רבנישע און אָרטאָ־דאָקסישע קרײַזן; פאַר אים איז קלאָר, אַז דערמיט, וואָס דער און דער רב האָט געגעבן אַ הסכמה אויף מענדעלסזאָנס „ביאור“ אָדער וויזלס „גן נעול“, איז אויפן גלענצנדיקסטן אופן דערוויזן, אַז דער וועג, וועלכן עס האָבן אָנגעוויזן מענדעלסזאָן און וויזל, האָט געפונען חן אין די אויגן פון די רבנים, און אַז דער תורני מעג רויִק גיין „בעקבות החקירה והעיון לברר על ידם עקרי האמונה“ (אין די וועגן פון פאָרשונג און חקירה, און דורך זיי דערקלערן די גרונד־טעזיסן פון דער אמונה) [4].

דער לייענער ווערט אָבער בײַ רעדזשיאָן געוואָר נאָך אינטערע־סאַנטערע זאַכן. רעדזשיאָ פאַרזיכערט, אַז אפילו דער רשב״א, אַבָּא מאַרִי און אויך דער ראַ״ש, וואָס האָט מיט שטאָלץ דערקלערט: „אײַערע וועלטליכע חכמות זײַנען מיר ניט באַקאַנט, און איך דאַנק און לויב גאָט, וואָס ער האָט מיר פון זיי אויסגעהיט, ווײַל זיי קאָנען דאָך חלילה אַראָפּפירן אַ מענטשן פון יראת־שמים און פון דער הייליקער תורה“ [5] —

1 התורה והפילוסופיאה, 20.

2 זע אונזער ווערק, באַנד III, 371.

3 התורה והפילוסופיאה, 17.

4 דאָרטן, 23.

5 דאָרטן, 34—41.

אט זיי אלע זיינען גאר כלל ניט געווען קעגן פילאזאפיע בכלל. נאר וואס דען? זיי האבן געקעמפט רק קעגן די גריכישע פילאזאפיע, ווייל זי, די חכמת יונית, פארזיכערט רעדזשיא, איז טאקע געפערליך. ביי איר איז דאך אפילו עפיקור, דער סימבאל פון אפיקורסות, אויך פארעכנט פאר א פילאזאף; און דער באדייטנדיקסטער גריכישער דענקער, אריסטו, האט געלערנט וועגן קדמות העולם, געלייקנט אין דער געטליכער השגחה און ארויסגעזאגט נאך פיל אנדערע פאלשע און מאדנע (מזוייפות וזרות) סברות, וואס געפינען זיך אין סתירה מיט די יסודות פון אונזער הייליקער תורה. אבער די „פילוסופיה האמתית", די אמתע פילאזאפיע, זי געפינט זיך אין פולן הסכם מיט דער תורה. טאקע נאר קעגן דער „חכמת אריסטו המזוייפת" און קעגן זיינע שעדליכע סברות זיינען עס ארויסגעטראטן אלע גדולי ישראל. ניט בלויז דער רשב"א און דער רא"ש, יוסף אלבו און אברבנאל, פארזיכערט רעדזשיא, נייערט אויך דער רמב"ם און דער רלב"ג — „בזו לעגו לו לאריסטו" — אויך זיי האבן אריסטון געמאכט צו שפאט און צו געלעכ־טער [1]. און רעדזשיא איז אפילו דערביי נצחניש מוסיף: „הוברר הדבר" ד"ה, עס איז „קלאר און דערוויזן", אז די באריממטע יידישע ארי־סטאטעליקער מיימוני און ר' לוי בן גרשון האבן מיט שפאט און פאר־אכטונג זיך פארהאלטן צו זייער אייגענעם לערער און וועגווייזער, צו דעם גרעסטן גריכישן דענקער, אויף וועמעס גרונד־אידעען זיי האבן זייערע אייגענע סיסטעמען געשאפן...

ניט ווייניקער כאראקטעריסטיש פאר דער אפגעשטאנענקייט פון די איטאליענישע רבנים אוים יענער צייט איז רעדזשיא'ס וויטערדיקע דער־ציילונג [2], ווי עס איז צו אים געקומען מיט א באזוך א איטאליענישער ארטאדאקסישער רב, וואס האט מיט גרויס חשד זיך פארהאלטן צו פילא־זאפישער חקירה, נאר רעדזשיאן איז געלונגען צו בארויקן דעם רב און אים צו דערוויזן מיט זיינע „אייזערנע" ראיות, אז זיין פחד איז אומזיסט, און צווישן תורה און פילאזאפיע הערשט פולשטענדיקער פרידן (הסכמה ושלום גמור ביניהן)...

רעדזשיאס פילצאליקע קלענערע ארבעטן [3] האבן אויך פאר זייער צייט א גאנץ קנאפן באדייט געהאט; א באשטימטן קולטור־היסטארישן

---

1 התורה והפילוסופיאה, 34—41.

2 דארטן, 131—142.

3 טיילווייז געזאמעלט אין „אגרות יש"ר" (1834/6) און אין „ילקוט יש"ר" (1854). די איבעריקע זיינען דערשינען אין „בכורי העתים", „כרם חמד", „אוצר נחמד". א פולשטענדיקן רייסטער פון רעדזשיאס ארבעטן זע: M. Schwab, Repertoire, 1900, 311—12; Die hebräische Publicistik in Wien, 1930, 179—188.

אינטערעס האט אָבער זײַן „בחינת הקבלה" (1852), וווּ עס איז צום ערשטן פאַרעפנטליכט אריה דע מאָדענאס אנטי־תּלמודישער פאַמפלעט „קול סכל" [1].

דער באַוווּסטער פֿרײַדענקער אוים דעם 17טן יר״ה, מאָדענא, האָט בכלל געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף רעדזשיאָ. ער גופא דערציילט [2], ווי שטאַרק אים האָבן אין די יונגע יאָרן אימפּאָנירט די קבלה־ספרים מיט זייערע מיסטישע סודות. מאָדענאס „ארי נוהם", וואָס האָט נאָך דעמאָלט בלויז אין האַנטשריפטליכע אָפּשריפטן צירקולירט, האָט אים אָבער די אויגן געעפנט, און ער איז אַן איבערצײַגטער קעגנער פון קבלה געוואָרן. אַ שטאַרקע ווירקונג האָט אויף אים אויך געהאַט אין די שפּע־טערדיקע יאָרן דער „קול סכל", וועלכן ער האָט אַרויסגעגעבן מיט פיל באַמערקונגען און דערקלערונגען. נאָך אין זײַן „התורה והפילוסופיאה" טרעט רעדזשיאָ שאַרף אַרויס קעגן פרידלענדער און זײַנע נאָכפאָלגער, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, אַז מען דאַרף זיך באַפרײַען פון די מצות מעשיות, ווײַל יענע געפינען זיך אין סתירה מיט די פאָדע־רונגען פון דער מאָדערנער צײַט. רעדזשיאָ פאַררופט זיך דערבײַ אויף מענדעלסאָנען, וואָס ווײַזט אָן אין זײַן „ירושלים", אַז די קינדער פונם ייִדישן פאָלק קאָנען זיך נישט אָפּזאָגן פון קיום המצוות [3]. שפּעטער אָבער האָט שוין רעדזשיאָ גופא אָנגעוויזן, אַז ווי באַלד די ייִדן קעמפן פאַר עמאַנציפּאַציע און גלײַכבאַרעכטיקונג, מוזן זיי שוין באַצײַטנס צופּאַסן דערצו זייער רעליגיעזן לעבן און אַרײַנברענגען געוויסע ענדע־רונגען אין דעם ייִדישן ריטוס [4]. נאָך ראַדיקאַלערע געדאַנקען זאָגט רעדזשיאָ אַרויס אין זײַנע באַמערקונגען צו „קול סכל", וווּ ער גייט שוין אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די תקנות פון די חכמי התלמוד טראָגן בלויז אַ צײַטווײַליקן כאַראַקטער, און דעם תלמוד גופא דאַרף מען באַטראַכטן נישט ווי אַ רעליגיעזן קאָדעקס, נאָר בלויז ווי אַ „פּראָטאָקאָל", וווּ עס זײַנען פאַרנאָטירט געוואָרן פאַרשיידנסטע מיינונגען.

באַדײַטנדיק אינטערעסאַנטער און קאָלאָריטפולער איז דער צווייטער „איטאַליענער" וואָס איז אויך געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון די גאַליציאַנער אויסגאַבן — שמואל־דוד לוצאַטו (שד״ל). בכדי אָבער געהעריק אָפּצושאַצן די דאָזיקע אייגנאַרטיקע פיגור, איז צוועקמעסיק פריער זיך אָפּצושטעלן אויף אַ ליטעראַרישן דעביוט פון אַ פּראָטעסטאַנטישן

1 זע אונזער ווערק, באַנד IV, 184—192.

2 „כרם חמד", I, 79.

3 זע אונזער ווערק, באַנד VII, ערשטער בוך, 76.

4 זע „אוצר נחמד", I, 33—34, 47—51.

טעלאָג, וואָס האָט אין זיינע גאָר יונגע יאָרן ענג פאַרבונדן זיין נאָמען מיט דער געשיכטע פון דער העברעיִשער ליטעראַטור. פראַנץ דעליטש האָט דער טעלאָג געהייסן. געבאָרן אין 1813, האָט דעליטש נאָך אין די סטודענטישע יאָרן מיט גרויס ליבע און התמדה זיך אָפּגעגעבן דער העברעיִשער ליטעראַטור און אין 1836 האָט ער פאַרעפנטליכט זיין ווערק „צור געשיכטע דער יודישען פּאָעזיע" (פון נאָך דער ביבל-תקופה ביז דער נייסטער צייט), וואָס האָט נאָך ביז איצט זיין קולטור-היסטאָרישן ווערט נים אָנגעוואָרן. אָט דער 23-יאָריקער קריסטליכער טעלאָג האָט כּלל נים געוואָלט מכבּים זיין מיט די טרעגער פון דער בערלינער השׂכּלה, אַז די „איזראעליטען" זיינען גאָר ניט קיין נאַציע, נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע. ער דערקלערט פשוט אָן שום פּשטלעך, אַז „דאָס יודישע פאָלק איסט נאָך היטע איינע נאַציאָנאַליטעט אָהנע פאַטערלאַנד" [1]. דער יונגער דייטשער געלערנטער געפינט, אַז די פּאָעטישע שאַפונגען פון די „מאספים"- און „בכּורי העתּים"-דיכטער זיינען דערפאַר פאַרבלאָז און נים אָריגינעל, ווייל די דאָזיקע דיכטער ווילן אַלץ קאָפּירן פרעמדע מוסטערן, און דערווייטערן זיך פון טראַדיציאָנעל-נאַציאָנאַלע מאָטיוון [2]. „די נאַציאָ-נאַלע פּאָעזיע אַלער פעלקער — דערקלערט דעליטש — איסט איהרען שטאָפּפע נאָך די זאַגע דער פעטער, געטראַגען פאָן דעם בעוואוסטזיין עווינער אונצערשטערבאַרקייט". די דיכטער פון די „מאספים" און „בכּורי העתּים" — ווייזט דעליטש אָן — ווילן אָבער פון דעם נים וויסן; איז דערפאַר קיין חידוש נים, וואָס זייער אייגענע שאַפונגסקראַפט איז אַזוי נישטיק [3]. זיי האָבן זיך, זאָגט דעליטש ווייטער, דער עיקר אָפּגעגעבן מיט איבערזעצונגען און נאָכדיכטונגען, געשטרעבט צוצופּאַסן זיך וואָס מער צו פרעמדע פאָרמען, און האָבן נים פאַרשטאַנען, וואָסערע רייכע אוצרות עס זיינען אָנגעזאַמלט אין דער תּלמודישער און מיטלאַלטערליכער ליטעראַטור. זיי האָבן נים קיין שום באַגריף, אַז דער נאַציאָנאַלער עבר פונם יידישן פאָלק „ליפערט איינען אונערשעפּליכען שטאָף צו דראַמאַטישען ווערקען", אַז אין די רייכע זאַגע, לעגענדן און סענטענצן פון ביידע תּלמודים אַנטפּלעקט זיך אַ הימל, וואָס איז אפשר פון ברייטערן פאַרנעם, ווי פּלאַטאָנס אורבילדערוועלט, אַז דאָ קאָן מען מער לערנען „אַלס אין פּאַנטעאָן צו אַטען, אַלס אין וואַטיקאַן צו ראָם" [4].

---

1 צור געשיכטע, 123.

2 דאָרטן, 88—89.

3 דאָרטן, 103—104.

4 דאָרטן, 120—123.

נאָך מיט זעכציק יאָר פאַר אחד-העָמען האָט דער יונגער דייטשער סטאַלאַג כאַראַקטעריזירט די אַסימילירטע ייִדישע אינטעליגענץ מיט דער גאַליקער סענטענץ: „עבדות בתוך חרות!" „די מיטלעלטערליכע ייִדישע פּאָעזיע — שרייבט דעליטש, — איז אַ דאָקומענט דער פרייהייט דעם פאָלקעס אין דער סקלאַווערײַ (קנעכטשאַפט), די מאָדערנע — דער סקלאַווערײַ דעם פאָלקעס אין דער פרייהייט" [1].

ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס דעליטש טיילט ספּעציעל אַרויס פון אַלע דעמאָלדיקע ייִדישע דיכטער שמואל-דוד לוצאַטון. ער געפינט, אַז אין לוצאַטוס מיט נאַציאָנאַלע מאָטיוון דורכגעוועבטע לידער זיינען באַהאַלטן די זוימען, וואָס פון זיי „קאָן אַ גאַנץ נייע תקופה פון דער ייִדישער פּאָעזיע אויפבליִען" [2].

שמואל-דוד לוצאַטו איז אַ שפּראָצלינג פון דער זעלביקער איטאַליענישער משפחה, צו וועלכער עס האָבן געהערט די דיכטער משה-חיים און אפרים און די עלטערע מחברים אוים דעם זעכצנטן יר״ה, שמחה און יעקב בן יצחק לוצאַטו. ער איז געבאָרן דעם 22טן אווגוסט 1800 אין טריעסט, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אונטער עסטרייכס ממשלה. זיין פאָטער, חזקיה, אַן אָרעמער דרעקסלער (טאָקער), איז געווען אַ יודע-ספר; די ביבל איז געווען זיין ליבלינג-בוך, און אויף אייניקע נביאים און כתובים האָט ער אפילו פּרושים געשריבן. ער האָט אויך שטאַרק געהאַלטן פון קבלה. דערצו האָט נאָך אין אים געשטעקט אַ ניצוץ פון אַ דערפינדער, ער האָט שטאַרק זיך אינטערעסירט מיט מעכאַניק, געפּטרט פיל צייט, בכדי צו קאָנסטרואירן אַ פּערפּעטואום-מאָבילע, ד״ה, אַ מאַשין מיט אַן אייביקער באַוועגונגס-קראַפט. ער האָט אויך צוגעטראַכט אַ מאָדעל פון אַ דאַמף-שיף, עס האָבן אים אָבער אויסגעפעלט די נייטיקע פינאַנסיעלע מעגליכקייטן זיינע המצאות צו רעאַליזירן. די דאָזיקע עקספּערימענטן האָבן אים אָבער געקאָסט פיל צייט און כוחות, — האָט ער מיט זיין פאַמיליע געלעבט אין גרוים דחקות. דער קליינער שמואל דוד, וואָס האָט שפּעטער פאַרזיכערט, אַז ער האָט זיין פאָטער פיל צו פאַרדאַנקען, האָט זיין דערציִונג באַקומען אין דער טריעסטער ייִדישער מוסטער-שול, וואָס איז אין 1782 געגרינדעט געוואָרן לויט דעם פּראָגראַם, וואָס וויזל האָט פאָרגעלייגט אין זיין „דברי שלום ואמת" [3]. אויסער

1 צור געשיכטע דער יודישען פּאָעזיע, 95. אין די שפּעטערע יאָרן, ווען דער קריסטליכער סטאַלאַג האָט אין דעליטשן גובר געווען דעם קולטור-היסטאָריקער, האָט ער פאַר זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו ברענגען „בעפרייונג" דעם ייִדישן פאָלק דורך דער הייליקער טבילה, און איז געווען טעטיק אַלס אַקטיווער מיסיאָנער.

2 דאָרטן, 94.

3 זע אונזער ווערק, באַנד VII, ערשטער בוך, 96.

העברעיִשע לימודים האָט מען אין דער שול געלערנט אויך איטאַליעניש, דייטש און נאַטורוויסנשאַפטן. אין 1808, ווען טריעסט האָבן איינגענומען די פראַנצויזישע לעגיאָנען, זיינען אין דער יידישער שול נאָך נייע לימודים צוגעקומען: פראַנצויזיש, לאַטיין, געאָגראַפיע. דער וויסנסדורשטיקער, פריי ציינטיק-געוואָרענער שמואל דוד האָט זיך ניט געוואָלט באַגניגן מיט די לימודים, וואָס ער האָט געלערנט אין שול, און פיל זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג. דער יונגער, נאָך ניט פאַרמירטער קערפער האָט ניט אויסגעהאַלטן אַזאַ שווערע אָנשטרענגונג; צו 13 יאָר איז שמואל דוד שווער קראַנק געוואָרן. נאָך דער קראַנקהייט האָט ער אויפגעהערט די שול צו באַזוכן, זי האָט אים קאַרג-וואָס שוין געקאָנט געבן; בלויז אַ שעה אין טאָג פלעגט ער לערנען תלמוד ביים אָרטיקן רב, אברהם הלוי. ביבל פלעגט ער שטודירן צוזאַמען מיטן פאָטער. דער פאָטער האָט אין דער התחלה געמיינט, אַז אויך זיין זון וועט זיין אַ יגיע-כפּים, — האָט ער אים געפּרוּווט לערנען זיין מלאכה — דרעקסלעריי. ער האָט אָבער באַלד איינגעזעען, אַז קיין בעל-מלאכה וועט אויס זיין זון ניט ווערן, — האָט ער אים געלאָזט גיין זיין אייגענעם וועג — דעם שווערן, מי-פולן וועג פון פאָרשן און קעמפן.

שוין אין די פריע קינדער-יאָרן האָט שמואל דוד לוצאַטו געחלומט וועגן ליטעראַרישער טעטיקייט. אַלס אַכט-יאָריקע קינד באַווייזט ער אין העברעיִשע פערזן נאַפּאָלעאָנס געוואַלטיקע נצחונות; צו עלף יאָר פאַרטראַכט ער אַ ווערק אין צוויי טיילן וועגן דעם באַרימטן גריכישן פאַבל-דיכטער — עזאָפּוס. דער אינטערעס צום קדמונישן פאַבל-דיכטער ווערט אָבער באַלד פאַרדרענגט דורך דער ליבע צו דער ביבל און איר שפּראַך. צו 14 יאָר איז ביי לוצאַטון שוין גרייט אַ פּראָגראַם וועגן פילאָלאָגישע און עקזעגעטישע פאָרשונגען, אויסגערעכנט אויף גאַנצע 26 יאָר. אין דעם זעלביקן יאָר מאַכט ער אַן איבעררעאַשנדיקע אַנטדע-קונג, וואָס האָט געהאַט אַ געוויסע השפעה אויף זיין שפּעטערדיקן וועלט-באַנעם: שטודירנדיק דעם תלמוד און דעם עין-יעקב, באַמערקט דער יונגער שמואל דוד מיט זיין שאַרף קריטישן אויג, אַז אין די צייטן פון די תנאים און אמוראים זיינען נאָך די כתבי הקודש (די ביבל-ביכער) געווען אָן נקודות. אינם „זוהר" אָבער ווערן אָפּט דערמאָנט די נקודות און טעמים. קומט לוצאַטו צום לאָגישן אויספיר, אַז דער „זוהר" איז ניט געשריבן געוואָרן, ווי די מקובלים פאַרזיכערן, אין די דורות פון ר' שמעון בן יוחאי און זיינע תלמידים, נאָר באַדייטנדיק שפּעטער. זיין פאָטער, דער פרומער מקובל, איז אויסער זיך פון דעם זונס אפּיקורסות. דער יונגער לוצאַטו איז אָבער שוין דעמאָלט געווען אַ שטאַרקער עומד

על דעתו: ער בלײַבט בײַ זײַניקן און פאַרטראַכט שוין דעמאָלט זײַן „וויכוח על הקבלה", וואָס ער האָט פאַרעפנטליכט מיט פיל יאָרן שפּעטער [1]. ער שרײַבט אויך פיל העברעיִשע שירים, און צו 15 יאָר איז שוין בײַ אים פאַרטיק אַ גאַנצע זאַמלונג, וואָס דערשײַנט אין צען יאָר אַרום אונטערן טיטול „כנור נעים", אַלס בײַלאַגע צום „בכורי העתים". צו דער זעלביקער צײַט שטודירט ער מיט ריזיקן פלײַס פאַרשיידענע שפּראַכן. אויסער העברעיִש, איטאַליעניש און פראַנצויזיש, וועלכע ער באַזיצט פולקום, לערנט ער סיריש, אַראַמיש, אַראַביש, לאַטיין, דײַטש און אויך גריכיש. די באַליבטסטע שפּראַך איז אָבער בײַ אים די שפּראַך פון דער ביבל. ער ווערט איר גרויסער, אומפאַרגלײַכליכער מײַסטער, איר פּאַלאַדין און באַשיצער [2]. בעת אָבער ער שענקט איר זײַנע בעסטע כוחות און זאַמלט מיט ריזיקן פלײַס דעם נייטיקן מאַטעריאַל, בכדי אויפצודעקן און צוגענגליך צו מאַכן די אין איר אָנגעזאַמלטע ליטעראַרישע אוצרות, — האַלט ער דאָך פאַר נייטיק אָנצווײַזן, אַז די העברעיִשע שפּראַך איז כלל ניט קיין ה י י ל י ק ע שפּראַך, נאָר אַ לשון ווי אַלע אַנדערע לשונות, און די אַראַמישע שפּראַך, אַשטייגער, איז באַדײַטנדיק עלטער פון העברעיִש [3]. לשון קודש איז בײַ אים וויכטיק און טײַער נים אַלס ה י י ל י ק ע, נאָר אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך, און די ביבל איז בײַ אים דערפאַר אַזוי באַליבט, ווײַל זי איז דער וויכטיקסטער קולטור־נאַציאָנאַלער דענקמאָל.

דעם יונגן לוצאַטו אינטערעסירן אָבער אויך זייער שטאַרק עטיש־רעליגיעזע פראַגן; ער שטודירט פלייסיק פאַרשיידענע עטישע און פילאָזאָפישע ווערק, און צו 17 יאָר פאַנגט ער אַליין אָן צו שרײַבן אַן אומפאַנגרײַכן טעאָלאָגיש־פילאָזאָפישן חיבור אין 24 קאַפּיטלעך [4]. ער האַלט זיך נאָך דאַרט גענוי בײַ די משכּיליש־ראַציאָנאַליסטישע טענדענצן, און פרוווט דערווײַזן, אַז דער מענטש דאַרף זיך באַנוצן מיטן ליכט פון דעם פאַרשטאַנד, מיט וועלכן גאָט האָט אים באַשאָנקען; מיט דער הילף פונם שכל און פון טיפער חקירה דאַרף דער מענטש באַלײַכטן און

---

1 זײַן שאַרפע שנאה צו קבלה דריקט שוין לוצאַטו אויס אין 1820 אין זײַן בריוו צו ש. ה. לולי, (אגרות שד״ל, 78—80), וווּ ער דערקלערט: אין מספר לרבים חללים הפילה הקבלה בהחשיכה את זהר יפעת תורתנו. זע אויך דאַרסן, 233, און אויך זײַן ליד „אל המקבלים".

2 זע וועגן דעם: „אגרות שד״ל", 425, 553, 629 א. וו.

3 דאַרסן, 632, 1360.

4 אייניקע פרטים וועגן דעם דאָזיקן ווערק גיט לוצאַטו איבער אין „אוצר נחמד", IV, 111—114.

אפשאצן די אמונה און זיינע מעשים. ער שטעלט אויך ארויס די ביי די משכילים אזוי אנגענומענע סענטענץ: „כי תורת אלהים לא תחת מפני האור ולא תפחד מפני הבקורת האמיתית" (די געטליכע תורה האט קיין מורא ניט פארן ליכט און שרעקט זיך ניט פאר אמתער קריטיק). דאס ווערק בלייבט אבער ניט פארענדיקט, ווייל ער צעברעכט באלד די ראציאנאליסטישע לוחות און ווערט דער אנטשיידנסטער קעגנער פון די „אויפקלערער" און זייערע „אני מאמינס". מיט פיל יארן שפעטער, בעת לוצאטו פרוווט אויף דער עלטער דערקלערן די סיבות 1, וואס אדאנק זיי האט ער זיך ניט געלאזט אויף דעם אויסגעטראטענעם וועג און איז ניט געווארן קיין „אפיקורס" גלייך מיט אנדערע, — ווייזט ער דערביי אן: „איך בין קיין אפיקורס ניט געווארן... ווייל איך האב קיינמאל ניט געפילט אויף זיך דעם צער פונם גלות... איך בין שטענדיק געווען א שמח בחלקי, און תמיד געפילט, אז דאס האבן עם מיך תנ"ך, די משנה און דער תלמוד געמאכט פאר א שמח בחלקו, וואס פארלאזט זיך רויק אויף גאטס בארעט... מיין ליבע צו די חכמי המשנה והתלמוד איז דערי־פאר געווען אזוי גרויס, ווייל זייערע רייד, מעשים און זייער גאנץ באנעמען זיינען געווען אזוי הארציק דורכגעדרונגען מיט אמת און רחמים, אן שום פאלשן גלאנץ, אן איבעריקע פראזן און אויגן־בלענדעניש... און שפעטער, ווען איך האב פיל שטודירט די ווערק פון חכמי יון ורומי און האב מיך באקענט מיט זייערע רייד און זייערע מעשים, האב איך ביי קיין שום געלערנטן און פילאזאף אין דער וועלט ניט באגעגנט אזא נאיווע פשטות, אזא יושר, אזא אומאייגננוציקע איבערגעגעבנקייט דעם וויל פונם צווייטן (בקשת טובת זולתו) ווי ביי די חכמי המשנה והתלמוד... און ווען איך האב באמערקט דעם פולסטן היפך ביי די חכמים אויס דעם אפיקורסישן לאגער און געלייענט, ווי רוסא באקלאגט זיך אויף די חכמים פון זיין דור, אויף וואלטערן און אויף די ענציקלאפע־דיסטן, דעמאלט האב איך נאך מער ליב געקראגן די חכמי התלמוד און דאס האט מיך געראטעוועט, איך זאל ניט ארייננפאלן אין כפירה..."

מיר האבן מיט א כיוון געבראכט אט די לאנגע ציטאט, ווייל זי באווייזט גאנץ בולט, אז די אפגעשטאנענע אטמאספער פון די יידיש־איטאליענישע קיבוצים האט געווירקט אויך אויף לוצאטון. מיר ווילן דא אויך גלייך אנמערקן, אז אין לוצאטוס וועלטבאנעם זיינען שטארק פאר־טרעטן רעאקציאנערע עלעמענטן. דערפאר האבן אפילו אייניקע קולטור־היסטאריקער געהאלטן פאר בארעכטיקט אפצופטרן שד"לן מיטן קורצן פסק: „קליינבירגערליכער רעאקציאנער". פון א געוויסן שטאנדפונקט איז

1 „המגיד", 1858, 118—119.

לוצאטו, וואס האט, ווי מיר וועלן נאך ווייטער זעען, אלץ דאס גוטע געוואלט זעען רק אין דעם יידנטום און אלץ דאס נעגאטיווע אין דער אייראפעישער קולטור, — טאקע געווען א רעאקציאנער, א מין יידישע אויסגאבע פון די רוסישע סלאוויאנאפילן. ער איז אבער געווען א גאנץ אייגנארטיקער רעאקציאנער. בעת ער איז געשטאנען שטאל און אייזן פארן טעזים: תורה מן השמים, און געגלויבט אין די נסים, וואס ווערן דערציילט אין דער ביבל, — איז ער דאך געווען איינער פון די ערשטע, וואס האבן אויפגעוויזן, אז דער ביבל־טעקסט איז ערטערווייז פארגרייזט, און אליין מיט זיין פיינעם פילאלאגישן חוש טאקע געמאכט אייניקע זייער געלונגענע אויסבעסערונגען 1. לוצאטו, וואס איז אזוי פארליבט אין די חכמי התלמוד, רעדט דאך מיט התפעלות וועגן מאדענאס גאליקן אנטי־תלמודישן פאמפלעט „קול סכל“, און דערקלערט, אז ער וואלט זייער געוואלט, דאס דאזיקע ווערק זאל זיין געדרוקט 2. נישט דאס איז אבער דער עיקר; דאס וויכטיקסטע איז אט וואס: לוצאטו ביי אלע זיינע רעאקציאנערע טענדענצן און כענטענצן איז דאך איינע פון די אינטערעסאנטסטע און אריגינעלסטע פערזענליכקייטן, וואס דאס יידנטום האט אין דער ערשטער העלפט פונם 19טן יר״ה פארמאגט. נישט אין דעם ליגט דער הויפט־באדייט פון לוצאטו, וואס ער איז געווען אן אומדערמידליכער פארשער און האט זיך קונה־שם געווען אלס שפראך־וויסנשאפטלער און אויסגעצייכנטער ביבל־דערקלערער... לוצאטוס באדייט באשטייט קודם־כל אין דעם, וואס ער איז — א פערזענליכקייט, א גאנצע, פון איין גוס, וואס האט ניט געוואקסט פון פשרות, איז ארגאניש ניט מסוגל געווען צו פארשוויגן דעם ביי אים אנגענומענעם אמת, ניט אויסצושרייען בקול־רם דאס, וואס אנדערע האלטן פאר באקוועמער צו פארשוויגן און פארדעקן 3. אט די אנגעלאדענע קראפט פון דער הארמאנישער פערזענליכקייט האט אימפאנירט, געמוזט אימפאנירן. אפילו אזא קאלטער און געלאסענער פארשער ווי שמחה פינסקער ווערט פאטעטיש בעת ער רעדט וועגן לוצאטו: „ער (לוצאטו) איז דער מאן, וואס פארדינט אממיינסטן דעם גרעסטן און העכסטן שבח: א מענטש איז ער אינם שענסטן באדייט פונםווארט. ווייל איז אים און גליקליך זיינען

---

1 זע חענן דעם אגרות שד״ל, 168, 706—707, 1273.

2 דארטן, 993: אני חפץ שיודע הספר ההוא... אני אשמח אם יתפרסם הספר...

3 דערפאר זיינען אזוי אינטערעסאנט שד״לס צוויי ריזיגע נאך זיין טויט פארעפנטליכטע בריוו־זאמלונגען: אגרות שד״ל (1882—1892), 1426 ז׳, און „Epistolario“ 1890 (לוצאטוס איטאליענישע, פראנצויזישע און לאטיינישע בריוו), 1072 ז׳.

די, און איך צווישן זיי, וואָס האָבן די זכיה צו זיין יאָרן לאַנג באַפרײַנדעט מיט אים. פיל האָב איך פון אים געלערנט, שטענדיק געפליסט זיך צוצופאַסן מײַנע מדות צו זײַנע, איך האָב עס אָבער קיינמאָל ניט דערגרייכט. ער איז דער לייב, וואָס שפּריַנט רויק זײַן וועג, ער דערשרעקט זיך ניט פאַר די געשרייען פון די פּילצאַליקע קעגנער, וואָס באַפאַלן אים און ווילן אים בײַקומען. זיי האָבן אָבער קיין שום דערפאָלג ניט, וואָרום די פאָן פון אמת פלאַטערט איבער אים" [1]. אויך לוצאַטוס תּלמיד, שמשון ייִנטילומו, וואָס איז געוואָרן אַ פרײַדענקער און זיך דערווײַטערט פון לוצאַטוס וועלט-באַנעם, קאָן זיך דאָך ניט אָפּלויבן פון זײַן רבינס אויסטערלישער פערזענ-ליכקייט: „איך האָב ניט גענוג ווערטער זײַנע וועגן צו באַלויבן... גייט איבער אַלע גאַסן און געמאַרקן פון דער שטאָט, אומעטום וועט איר בלויז הערן, אַז אים גערהערט דער נאָמען: אבי האביונים, דובר אמת, שופט צדק, מודה על האמת, שונא בצע" [2].

ערשט ווען מען באַקענט זיך נעענטער אויס לוצאַטוס ריזיגע בריוו-זאַמלונגען מיט זײַן לעבן און טאָן, ווערט באַגרײַפליך די התפּעלות, וואָס לוצאַטו אַלס מאָראַלישע פּערזענליכקייט האָט אַרויסגערופן בײַ זײַנע נאָענטע באַקאַנטע. עס ווערט דעמאָלט קלאָר, אַז די דאָזיקע פּאַ-טעטישע אויסרופן: „דובר אמת", „שופט צדק", „די פאָן פון אמת פלאַטערט איבער אים" — זײַנען כּלל ניט קיין פראַזן, און אַז לוצאַטו גופא חזרט מיט פולן רעכט אַזוי אָפט איבער אין זיינע בריוו: „פי ולבי שווים" (מײַן מויל זאָגט דאָס, וואָס מײַן האַרץ טראַכט); „זינט מײַן פריעסטער יוגנט האָב איך ליב געהאַט רק דעם אמת און אים מיט אַלע מיינע כּוחות געזוכט" [3]; „איך האָב פון תּמיד אָן גערעדט און געשריבן בלויז דאָס, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר לויטער אמת" [4], און „אײן קליין קערנדל אמת איז בײַ מיר פיל וויכטיקער ווי די ליבע און שנאה פון אַלע מענטשן-קינדער" [5].

אין אָט דעם שטרענגן געלערנטן און היציקן קעמפער האָט אויף אַ גאַנץ אויסטערלישן אופן געשטעקט די תּמימות פון דעם קינד אויס אַנדערסענס מעשהלע, וואָס זאָגט אויס דעם פון אַלעמען פאַרשוויגענעם סוד,

---

1 לקוטי קדמיות, בײַלאַגן, 114.

2 אוצר נחמד, I, 63.

3 אגרות שד"ל, 1273.

4 פרדס, III, 101.

5 אגרות שד"ל, 1331. אַן אַנדערש מאָל זאָגט ער אַרויס זײַן טעסטע איבערצײַגונג, אַז אַ פאַלשער מענטש קאָן קיין פאַרדינסטפולער פאָרשער ניט ווערן (דאָרטן, 701).

אז דער קיניג גייט, במחילה, ארוב א נאקעטער. די „פּאָן פון אמת״ האָט שטענדיק איבער אים געפלאַטערט, ווייל ער איז אין פּריוואַטע אָנגעלעגנהייטן און אין פראַגן פון פּראַקטישן לעבן געווען א „אינו מן הישוב״. אין דער אויבן־געבראַכטער ציטאַט אויס זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס ער האָט געשריבן אויף די עלטערע יאָרן, שטרייכט ער עטליכע מאָל אונטער, אז ער איז א „שמח בחלקו!״ און דער דאָזיקער „שמח בחלקו״ האָט דורכגעמאַכט א זייער שווער לעבן, פול מיט דחקות און יסורים. צו 19 יאָר, ווען לוצאַטו האָט זיך שוין אַרומגעטראָגן מיט פאַרשיידענע וויסנשאַפטליכע פּלענער, איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון זיין פאַמיליע געווען אַזאַ קריטישע, אַז ער צוזאַמען מיטן פאָטער און מיט דער שוועסטער האָבן געאַרבעט אויף א מאַקאַראָנען־פאַבריק, און אַלע דריי צוזאַמען האָבן פאַרדינט פון 15 ביז 20 קרייצער א טאָג 1. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס ווען ער פאַרטראַכט וויסנשאַפטליכע פאָרשונגען, גייט גלייך א נעבנבאַמערקונג: „אויב דער הונגער וועט נאָר ניט שטערן״ 2. „ולולי תורתי שעשוע, אבדתי בעניי״ — ווייזט ער מערערע מאָל אָן 3. ווען אים האָט אפילו אין 1829 אָפּגעגליקט, און ער האָט באַקומען א שטענדיקע פּראָפעסאָר־שטעלע אין ראַבינער־סעמינאַר, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין פּאַדואַ 4, האָט זיך דאָך זיין עקאָנאָמישע לאַגע ניט באַדייטנדיק געבעסערט. דער סעמינאַר איז פינאַנציעל געווען זייער שוואַך געשטיצט, האָט מען לוצאַטון יעדעס מאָל גערמינערט די שכירות 5. איינציקע צייט האָט ער גאָר קיין שכירות ניט באַקומען, און ווען ניט א מעצענאַט אויס טריעסט 6, וואָלט לוצאַטו מיט דער פאַמיליע ממש אויסגעגאַנגען פאַר הונגער. דערצו נאָך האָט לוצאַטו דורכגעמאַכט א שווער פאַמיליען־לעבן. זיין ערשטע פרוי איז גאַנצע אַכט יאָר גייסטיק קראַנק געווען 7, זיין גאוניש באַגאַבטער עלטסטער זון אוהב־גר, וואָס האָט שוין צו 13 יאָר אָנגעפאַנגען זיין

1 אגרות שד״ל, 393.

2 דאָרטן, 11.

3 דאָרטן, 665, 685, 722.

4 לוצאַטו האָט אין דעם קאָלעגיום ראַביניקום געלערנט מיט די תלמידים די העברעיִשע שפּראַך, עקזעגעטיק און געשיכטע.

5 אגרות שד״ל, 301, 1130, 1377, 1381.

6 דאָרטן, 1056. לויט י. אָפּאַטאָשו, האָט גיט אין זיינע פּראָזע־פּוילישע העלדער״ אינם קאַפּיטל „דער לעצטער״ א מייסטערהאַפטע שילדערונג פון די גאַליציאַנער משכילים־פירער, זאָל לוצאַטו האָבן אויך באַקומען שטיצע פון פּוילן.

7 דאָרטן, 722, 952.

וויסנשאפטליכע טעטיקייט אלס פארשער פון אריענטאלישע שפראכן, שטארבט צו 25 יאר נאך א זייער לאנגער און שווערער קראנקהייט [1], נאך אים שטארבט לוצאטוס איינציקע הייסגעליבטע 18־יאריקע טאכטער מרים [2]. און ביי דעם אלץ בלייבט לוצאטו א שמח בחלקו און האט דעם מוט צו דערקלערן: „ביי די שרעקליכע צרות לעב איך מיט פריידן" [3]. ער לעבט מיט פריידן, ווייל ער, דער ארעמאן, איז דער גרויסער משפיע, דער שפענדער, וואס באשענקט אלעמען מיט זיינע רייכע אוצרות. לעבנדיק שטענדיק אין דחקות, שפארט ער אפ דעם לעצטן גראשן און זאמלט ביסלעכווייז מיט גרוים ליבע און מסירת־נפש א גרויסע קאלעקציע פון די זעלטנסטע מאנוסקריפטן; און די מיט אזוי פיל מי אנגעזאמלטע אוצרות האט ער ניט בלויז פון זיינטוועגן: טעג און נעכט זיצט ער איבער די אלטע מאנוסקריפטן ביז עס געלינגט אים, דעם ערשטקלאסישן מומחה, נאך שווערער אנגעשטרענגטער ארבעט [4] ארויסצובאקומען דעם ריכטיקן טעקסט; און די דערגרייכטע רעזולטאטן קאן אויסנוצן ווער עס וויל, באקאנטע און אומבאקאנטע, פריינד און אידעישע קעגנער — אלע ווענדן זיך צו אים, און ער זאגט קיינעם ניט אפ: ער מאכט פאר זיי גאנצע אויסצוגן, שיקט אויסגעבעסערטע טעקסטן מיט אלע נייטיקע, דורך פיל מי דערוואָרבענע דערקלערונגען, און עס טרעפט ניט זעלטן, אז יענער האלט אפילו ניט פאר נייטיק אנצווייזן די קוועלע, פונוואנען ער האט די אלע ידיעות באקומען. און ווען צונץ האלט לוצאטון פאר, פאר וואס ער צעשיינקט זיינע אוצרות אפילו מענטשן פון גרינגן ווערט און באדייט, ענטפערט אים לוצאטו: „זאל צו מיר קומען אפילו דער שטן אליין און זאגן: „גיב מיר אן אלטן מאנוסקריפט און איך וועל אים אין גיהנום אפדרוקן אין מיין דרוק", וועל איך אים די הענט קושן און געבן וואס נאר ער וויל. צי איז דען מיין מי פון מיין הנאה אדער כבוד זועגן?" [5] און מ. זאקסן שרייבט לוצאטו: „איך בלייב ביי מיין נאריש־קייט, איך בין שטענדיק גרייט מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקייט

1 זע לוצאטוס רירנדיקן בריוו אין „אוצר נחמד", I, 76—77.

2 אגרות שד"ל, 1390, 1393, 1406.

3 פרדס, III, 115.

4 אויס פיל אנשטרענגונג פארלירט ער צו 56 יאר איין אויג (אגרות, 1132).

5 אגרות שד"ל, 1130. זע אויך דארטן, 553, 978, 1378. ווען צונץ קאן ניט קריגן קיין פארלעגער פאר זיין וויסנשאפטליך ווערק, איז לוצאטו אויסער זיך פאר עגמת נפש (אגרות, 1231). און ווען ער הערט, אז שלמה מונק ווערט א סגי נהור, שרייבט ער אים: אם היה אפשר לתת לך אחת מעיני, בנפש חפצה הייתי נותן (אגרות שד"ל, 1078).

באהילפיק צו זיין יעדן דורש חכמה, ווייסנדיק אפילו, אז אין קיינעם פון זיי וועל איך קיין איבערגעגעבענעם פריינד ניט געפינען״ [1].

און אט דער אויסטערלישער מאן, וואס איז שטענדיק גרייט געווען מיט אזא זעלבסטאויפאפפערונג באהילפיק צו זיין יעדערן, וואס גיט זיך אפ מיט וויסנשאפט און ליטעראַרישע פראָבלעמען, האט ווירקליך אויף זיין שאפונגס-וועג ווייניק „איבערגעגעבענע פריינד געפונען". ניט אומזיסט רעדט ש. פינסקער וועגן לוצאטום „פיל קעגנער, וואס פלעגן אים באפאלן און ווילן אים בײַקומען". און לוצאטו גופא דעקט-אויף אין זײַנע פילצאָליקע בריוו די סיבות פון דער דאָזיקער מאָדנער דערשײַנונג: „הייתי איש ריב ואיש מדון לכל הארץ" — איך בין שטענדיק א קריגערישער מאן געווען און קענען אלעמען געקעמפט" [2]. „מײַן הארץ פילט אנדערש ווי פיל אנדערע, און עס פאסירט דערפאר אזוי אפט, וואס פיל זאכן, וועלכע גילטן בײַם רוב אלס גוט און פײַן און ריכטיק, זײַנען בײַ מיר אין די אויגן דער פולער היפך; און דווקא דאס, וואס בײַ מיר איז קלאר און פעסט און אויסער ספק, איז עס זייער ווײַט „מסברת רוב בני אדם"" [3]. פונקט ווי איך גלויב אין קיין שום זאך ניט בלויז אויפן סמך, וואס אנדערע באשטעטיקן עס, לייקן איך אויך קיין זאך ניט בלויז דערפאר, וואס די גאנצע וועלט לייקנט אין דעם [4]. ער פילט זיך „כערער בערבה" און וויס, אז ער האט ניט קיין באגלייטער אויף זיין לעבנסוועג (אני בהיותי הולך בדרך יחידי). „מײַן וועלט-באנעם — דערקלערט לוצאטו — איז פרעמד דעם היינטיקן דור און קיינער פארשטייט אים ניט. פאר אלע, וואס הערן וועגן מיר, בין איך ווי א חלום אן א פתרון און ווי א רעטעניש אן א דערקלערונג"... „איך וויס — שרײַבט ער שלמה יהודה ראפאפארטן — אז איך מוז קעמפן א שווערן קאמף, ווײַל דער גײַסט פון היינטיקן דור איז קעגן מיר" [5]. „אני האיש, — דערקלערט מיט שטאלץ לוצאטו, — איך בין דער מאן, וואס וויל לעבן אין פרידן מיט יעדן באזונדער, נאר האט ניט קיין מורא דעם גרעסטן אפילו — קריג צו דערקלערן" [6]. „איך, ווײַזט לוצאטו אן אין איינעם פון זײַנע איטאליענישע בריוו, האב פאר קיינעם ניט קיין פחד, און פארלאז מיך אויך אויף קיינעם ניט. איך וויס, אז מענטשן פון מײַן

---

1 אגרות שד״ל, 1029.

2 דארטן, 713.

3 דארטן, 193.

4 דארטן, 698.

5 דארטן, 234.

6 אני האיש המבקש שלום עם כל איש ובלתי ירא מלחמה עם שום אדם.

דור קאנען ניט אדער ווילן ניט מיך פארשטיין. איך בין שוין צופרידן דערמיט, וואס מען לאזט מיך לעבן און שרייבן"[1].

ער איז אבער פול מיט פעסטן גלויבן, אז זיינע אידעען וועלן ניט פארלארן גיין. „איך וועל — שרייבט ער דעם יונגן יהושע העשל שור — מיינע געדאנקען פארשרייבן און אויב דער איצטיקער דור וועט ניט זיין ראוי פאר זיי, וועל איך זיי איבערלאזן פאר דעם, וואס וועט קומען נאך מיר, און ער וועט זיי נאך מיין טויט פארעפנטליכן"[2]. „ווען מיין קאמף וואלט געווען בלויז פאר מיין טובה וועגן, וואלט איך געוויס געהאט גרויס עגמת־נפש דערפון, וואס אזוי פיל זיינען קעגן מיר, און איך וואלט פון דעם קאמף־פלאץ אנטלאפן. מיין קאמף איז אבער א אידעען־קאמף, און איך פארהאף צו גאט, אז ווען מיינע רייד וועלן ניט ווירקן אויף פיל מענטשן, וועלן זיי ווייניקסטנס העלפן יחידים, און אויב זיי וועלן קיין פעולה ניט האבן אויף היינטיקן דור, וועלן זיי ווירקן אויף א שפעטערן. דערפאר וועל איך ניט שווייגן כל־זמן איך אטעם נאך"[3]. „איך בין זיכער — שרייבט לוצאטו אין אן אנדער בריוו — אז אין א שפעטערן דור, ווען אויך איך וועל שוין ווערן א קדמון, וועלן מיינע רייד זיין דער געבענטשטער זאמען, וואס וועט ברענגען די צייטיקסטע פרוכטן".

אין וואס איז אבער באשטאנען לוצאטוס קריגערישקייט? מיט וואס איז ער עס געווען א „יחיד בדורו", אן באגלייטער אויף זיין לעבנסוועג, וואס זיין וועלטבאנעם איז פרעמד געווען דעם גאנצן דור? לוצאטו האט טאקע געמוזט זיין אין די משכילישע קרייזן „כצרער בערבה", ווייל ער האט אן רחמנות צעשטערט די געטער, פאר וועלכע די השכלה־קעמפער האבן געקניט, און די אידעען, פאר וועלכע יענע האבן מיט אזא אימפעט געקעמפט, האט ער באגאסן מיט שפאט און נאליקן ביטול. דער יונגער פראנץ דעליטש האט, ווי מיר האבן פריער אנגעוויזן, ביים אפשאצן די מאדערנע העברעישע ליטעראטור, גערעדט וועגן „עבדות בתוך חירות" (שקלאפעריי אין דער פרייהייט). לוצאטו זעט אבער קיין שום פרייהייט ניט, נאר לויטער קנעכטשאפט און שפלות הנפש. מיטן גרעסטן צארן טרעט ער ארויס קעגן דעם גרונד־דעוויז פון די משכילים: נהיה ככל הגוים! — מיר דארפן נאכטאן אלע אנדערע פעלקער! מיט גרויס פארביטערונג רעדט ער וועגן דער התבטלות, מיט

1 פרדס, III, 101.
2 אגרות שד"ל, 566.
3 דארסן, 713.

וועלכער די אויפקלערער-ראציאנאליסטן, די פרידלענדערס, די וואלפזאנס און דער אים באזונדערס פארהאסטער מיזעס, פארהאלטן זיך צו דער קריסטליכער קולטור. ער שטרייכט באזונדערס אונטער, וויפל עס שטעקט אין דער דאזיקער התבטלות פאראכטונגס-געפיל און ביטול צום אייגענעם פאלק און זיין היסטארישער פארגאנגענהייט. „אונזער הייגטיקער ראציאנאליזם — שרייבט לוצאטו צו י. ש. רעדזשיא — איז אזוי ענג פארבונדן מיט פאראכטונג צו אונזער פאלק, צו אלץ, וואס טראגט דעם ריינעם נאציאנאלן שטעמפל... די דאזיקע פאראכטונג לאזט זיי ניט זעען אינם יידנטום קיין שום אריגינעלן און זעלבשטענדיקן שטריך, ניט קיין גוטן, ניט קיין שלעכטן; אלץ, פארזיכערן זיי, איז דארט גענאשט און קאפירט פון אנדערע; די דעות, די מנהגים, די סאציאלע געזעצן, דער שטראפ-קאדעקס — אלץ איז גענומען ביי אנדערע פעלקער. דער שטארקסטער ווונטש פון אונזער הייגטיקן ראציאנאליזם איז: זעען, ווי אונזערע גלויבנס-ברידער טוען אלץ נאך אונזער ארומיקער ציוויליזירטער באפעלקערונג; זעען, ווי פון די לימודי היהדות ווערט געגנוי אזא וויסנשאפט, ווי די קריסטליכע טעאלאגיע, אונזערע שולן און בתי-מדרשים ווערן מגולגל אין פראטעסטאנטישע טעמפלען; ווי די דערציונג, די מנהגים, דאס לעבן און דער טויט — אלץ ווערט ביי די יידן אפקאפירט ביי די קריסטן, די יידן ווערן אין אלעם צו זיי ענליך" [1]. — „מען דארף האבן — קלאגט זיך לוצאטו אין אן אנדער בריוו — איבערמענטשליכע כוחות, בכדי זיך אקעגנצושטעלן א גאנצן דור, וואס זיין איינציקער ווונטש איז רק צו געפינען חן אין די אויגן פון די אנדערע פעלקער. אין דעם באשטייט עם דער גאנצער פראגרעס, און גרויס איז זייער דער ווייטיק... פארלארן אין דער אינעווייניקסטער שטאלץ, וועלכער האט אונז געגעבן דאס זעלבסטגעפיל, אז מיר דארפן זיך גרייסן דערמיט, וואס מיר זיינען יידן, אז מיר דארפן זיך ניט דערנידעריקן, בכדי צו געפינען לייטזעליקייט ביי אנדערע. מיר האבן פריידיק געגלויבט אין אונזערע גייסטיקע כוחות און זיינען געווען פול מיט פעסטער איבערציי‌גונג אין אונזער גערעכטיקייט און אין דעם אמת פון אונזער אמונה" [2].

לוצאטו באשפאט אויך דעם שענסטן חלום, דעם העכסטן אידעאל, צו וועלכן די אויפקלערער האבן געשטרעבט, — עמאנציפאציע. אין דער עמאנציפאציע, שרייבט לוצאטו, זעען זיי דאס גרעסטע גליק פאר אונזער אומה. בלויז פארן שאטן פון דער עמאנציפאציע (בצל האימאנציפאציון) זיינען זיי גרייט אלץ מקריב צו זיין, אויסצולעשן דעם אלטן נאציאנאלן שטאלץ.

---

1 הפרדס, III, 106—107.

2 דארטן, 120.

און ווי גרויס איז דער ווייטיק צוצוזען, ווי דער אַלטער שטאַרקער גייסט גייט לטמיון, ווי קינדער פון דעם פאָלק, וואָס איז באַשטימט צו זיין דער מוסטער און לערער פון דעם מענטשן־געשלעכט, דערנידעריקן זיך קנעכטיש, טוען ווי די מאַלפּעס אַלץ נאָך זייערע שכנים, און דער אידעאַל פון פאַרפולקומונג און שלימות איז: גלייך זיין מיט אַנדערע און זיין חשוב אין זייערע אויגן [1]. און מיט כעס און מיט שטאָלץ שליידערט ער זיין דור די גאַליקע, אין אַלטמאָדישער פאָרם איינגעפאַסטע פערזן:

יאבד בָּז יִקְהַת אֵם – וּלְזִקְנַת אָב יִלְעַג – וְיָעַש גִלּוּלוֹ אֶמַנְצִפַּצְיוֹן
תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי – אַף תִּכְהֶה עֵין יְמִין – יִבוֹשׁ תִּיבַשׁ יָדִי אִם אֶשְׁכָּחֵךְ צִיּוֹן [2].

ניט אין דער אויסערער עמאַנציפּאַציע — פאַרזיכערט לוצאַטו — דאַרפן מיר אונזער העכסט גליק זעען, נאָר אין דער אינעווייניקסטער עמאַנציפּאַציע, אין דער זעלבסטבאַפרייַונג פון קנעכטישער הכנעהדיקייט פאַר פרעמדע השפעות [3].

צוזאַמען מיט דער עמאַנציפּאַציע־פראַגע איז בײַ לוצאַטון אויך פאַרבונדן דאָס פּראָבלעם וועגן חכמת היהדות. מיר האָבן שוין אין ערשטן קאַפּיטל אָנגעוויזן, ווי דער יונגער צונץ, דער באַגרינדער פון חכמת ישראל אין דײַטשלאַנד, האָט געקוקט אויף דער העברעיִשער ליטעראַטור ווי אויף אַ געשלאָסענער פ א ר ע נ ד י ק ט ע ר זאַך, וועלכער מען דאַרף שטעלן אַ בכבודיקע מצבה, בכדי די אומות העולם זאָלן זעען, אַז אויך מיר האָבן געהאַט אַ רײַכע קולטור, און דאָס וועט געוויס מיטהעלפן, די ייִדן זאָלן וואָס גיכער אָנערקענט ווערן אַלס גלײַכבאַרעכטיקטע בירגער.

דעם דאָזיקן געדאַנק זאָגט טאַקע צונץ גאַנץ קלאָר אַרויס אין זיין אַרײַנפיר צו זײַן אין 1845 דערשינענעם קאַפּיטאַלן ווערק „צור געשיכטע אונד ליטעראַטור": „די גלײַכשטעלונג דער יודען אין זיטטע אונד לעבען ווירד אויס דער גלײַכשטעלונג דער וויסענשאַפט דעם יודענטומס הער־פאָרגעהען" (דאָרטן 21).

כ'איז דערפאַר גאַנץ באַגרײַפליך, וואָס בײַ אַזאַ באַשטימט גע־שטעלטן ציל: באַווײַזן, אַז אויך די ייִדן „האָבן געהאַט אַ געשיכטע,

---

1 פרדס, III, 107 ; אגרות שד"ל 660.

2 זאָל פאַרלאָרן ווערן דער, וואָס שפּאַס איבער דער מוטערס קנײטשן, דעם פאָטערס עלטער טוט פאַראַכטן און מאַכט פאַר זײַן אָפּגאָט די עמאַנציפּאַציע. זאָל מײַן צונג צום גומען קלעפּן, מײַן רעכט אויג דערבלינדן און מײַן רעכטער אָרעם פאַרדאַרבן, אויב איך וועל אין דיר פאַרגעסן, ציון!

3 פרדס, III, 107.

א פילאָזאָפיע, א פּאָעזיע, וואָס קאָנען זיך גלײַכן צו אנדערע ליטעראַ־טורן״ 1 און אז די יידישע עטיק איז געווען פול מיט הומאַניטעט און מענטשנליבע, — האָט די חכמת ישראל געמוזט טראָגן א געוויסן אפּאָלאָ־געטישן כאַראַקטער. עס געניגט אלס בײַשפּיל אָנצווײַזן בלויז אויף איין שטעלע טאַקע אין צונצס „צור געשיכטע אונד ליטעראַטור״. אין דעם קאַפּיטל „זיטטענלעהרער״ (122—156) שטעלט זיך צונץ אָפּ אויך אויף דעם „ספר חסידים״. ער ברענגט פון דאָרטן פיל זאַצן, וואָס דאַרפן דערווײַזן, מיט וואָס פאַר א ליבע די באַשעפער פון דעם „ספר חסידים״ האָבן זיך פאַרהאַלטן צו די אַרומיקע קריסטליכע שכנים. צו דעם צוועק ברענגט ער פון דאָרטן 2 דעם סימן 1018, וואָס לערנט, אז „ווען א ייד זעט: אז אנדערער ייד וויל הרגענען א גוי, וועלכער טראָגט ניט קיין שלעכטס אויף יענעם יידן, דאַרף דער ייד קומען צו הילף דעם גוי״. צונץ פאַר־שווײַגט אָבער דעם פריערדיקן זאַץ (סימן 1017), וואָס וואַרפט מיטאַמאָל, ווי א בליץ אין א שטורעם־נאַכט, א בלענדנדיקע ליכט אויף די שרעקליכע, אימהדיק־פינסטערע און אוממענטשליך־בלוטיקע צושטאַנדן, אונטער וועלכע יידן האָבן דעמאָלט געלעבט 3, — פאַרשווײַגט מיט א כיוון, ווײַל דאָרט רעדט זיך דאָך וועגן בלוט־פאַרגיסן, וועגן אומשולדיק בלוט פאַרגיסן...

„די חכמת ישראל — שרײַבט לוצאַטו שי״רן — מיט וועלכער אייניקע חכמי אשכנז פאַרנעמען זיך חיינטיקן דור, קאָן קיין קיום ניט האָבן, וואָרום, זיי גופא פאַרנעמען זיך דאָך ניט מיט איר, ווײַל זי איז זיי באַזונדערס טײַער, — סוף־כל־סוף זײַנען בײַ זיי געטע און שילער פיל חשובער און טײַערער פון אלע נביאים, תנאים און אמוראים. זיי גראָבּ־לען זיך אין די יידישע אַלטערטימער, ווי אנדערע אָריענטאַליסטן פאָרשן די אַלטערטימער פון מצרים, אשור, בבל און פרס בלויז אויס פאָרשונגס־ליבע אָדער פון כבוד־וועגן. זיי האָבן נאָך דערבײַ אן אנדער כוונה: בכדי דאָס פאָלק ישראל זאָל געפינען חן און דערהויבן ווערן אין די אויגן פון די אומות העולם, לויבן זיי די מעלות פון אייניקע אונזערע קדמונים. דאָס, האָפן זיי, קאָן העלפן צו דערגיכערן די גרויסע גאולה — דאָס איז בײַ זיי די עמאַנציפּאַציע. די חכמה וועט בכן קיין קיום ניט האָבן, זי וועט גלײַך בטל ווערן, ווי נאָר די „גאולה״ וועט ווערן דער־גרייכט, אָדער ווי נאָר עס וועלן אויסשטאַרבן די, וואָס האָבן נאָך

1 צור געשיכטע א. אז. וו., 21.

2 צור געשיכטע, 136.

3 זע אונזער ווערק, באַנד II, 74—75.

געלערנט תורה אין דער יוגנט און האבן נאך געגלויבט אין גאט און אין משהן, איידער זיי זיינען געגאנגען לערנען ביבל־קריטיק ביי איינ־הארנען און זיינע תלמידים״ 1. „פריערדיקע ציימן — ווייזט לוצאטו אן אין אן אנדער בריוו — פלעגט מען שרייבן העברעיש. ווייל מען האט געשריבן פאר אונז גופא וועגן, פאר אייגענע מענטשן, האט מען געשריבן דאס, וואס מען האט געטראכט. איצט אבער שרייבט מען איטאליעניש, דייטש, פראנצויזיש, ענגליש; מוז מען זיך דערפאר רעכענען מיט „מה יאמרו הגויים״, פאסט מען זיך צו, ענדערט מען דעם אינהאלט, מען פוצט צו פון דרויסן און מען גיט דעם צו א וואס מער קריסטליך אויסזעען״ 2.

ניט מיט ווייניקער שארפקייט איז לוצאטו ארויסגעטראטן קעגן די יידישע געלערנטע אין דייטשלאנד, וואס האבן שטארק געחקירהט וועגן דער „מיסיאן״, וואס דאס היסטארישע יידענטום דארף נאך אויס־פירן. ווען לוצאטו האט זיך באקענט מיט לודוויג פיליפזאנס ווערק „די ענטוויקעלונג דער רעליגיעזן אידעע אים יודענטום, קריסטענטום אונד איסלאם״, וואס איז באלד אויך דערשינען אין ענגלישער און פראנ־צויזישער איבערזעצונג 3, שרייבט ער אליעזר ליבערמאנען: פיליפזאן גייט ארויס פונם שטאנדפונקט, אז „דער יודאיזם דארף דערקלערן פאר זיך און פאר אנדערע, צו וואס ער עקזיסטירט און צוליב וואס ער וויל עקזיסטירן״. פארוואונדערט וועלן פאר דעם דאזיקן פיליפזאנס טענות שטיין אי דער ייד, וואס גלויבט אין תורה מן השמים, אי דער קריסט, וואס גלויבט אין די דאגמען פון זיין אמונה. וואס זאל דאס באטייטן? וועלן זיי פרעגן." דער ייד וועט זאגן: דער יודאיזם האט עקזיסטירט און עקזיסטירט אויך ווייטער, ווייל אזוי איז גאטס ווילן, און מיר זיינען מחוייב אים מקיים צו זיין און אפצוהיטן, ווייל גאט האט אונז אזוי באפוילן. דער קריסט וועט ווידער זאגן: דער יודאיזם האט עקזיסטירט ביז א באשטימטער צייט, ווייל אזוי איז געווען גאטס ווילן, און זינט דעם דאזיקן טערמין אן עקזיסטירט ער בלויז, מחמת די יידן זיינען פארנארישט און פארשטייען ניט, אז דער יודאיזם איז שוין לאנג בטל געווארן. גרונד פאלש איז דער טענות, אז דער יודאיזם דארף ערשט דערקלערן, צו וואס ער עקזיסטירט און צו וואס פאר א צוועק ער וויל עקזיסטירן. ניט פאר יידן, ניט פאר קריסטן, וואס גלויבן אין תורה מן השמים, עקזיסטירט אזא פראגע. עס איז קלאר, אז פיליפזאן האט דעם דאזיקן טענות ארויסגעשטעלט ניט פאר די גלויביקע, נאר פאר די,

---

1 אגרות שד״ל, 1367.

2 הפרדס, III, 121.

3 וועגן פיליפזאנס ווערק זע ווייטערדיקע קאפיטלען.

וואס גלויבן ניט אין נבואת משה. אט פאר זיי שטייט שארף די פראגע: צו וואס עקזיסטירט דער יודאיזם, און פאר וואס בלייבן עס די יידן — יידן? אלס ענטפער אויף דער דאזיקער פראגע האט עס פיליפזאן זיין בוך געשריבן, ווו ער פרווט דערוויזן, אז דער יודאיזם דארף עקזיסטירן ביז עס וועט קומען די צייט, ווען די גאנצע וועלט וועט אנפאנגען גלויבן אין דעם איינציקן גאט, אלע מענטשן וועלן ווערן גאטספארכטיק, וועלן זיין אנשי אמת און שונאי בצע, עס וועט מער ניט עקזיסטירן קיין קנעכט און קיין האר, ארעם און רייך, און פאלשקייט און רויב, באטריגעריי און פארברעכן וועלן פון דער ערד פארשווינדן. כל־זמן דאס איז נאך ניט דערגרייכט, האט נאך דער יודאיזם זיין שליחות, זיין מיסיע ניט אינגאנצן דערפילט און ער מוז אויך ווייטער עקזיסטירן, בכדי צו פארפולקומען דאס גליק פון די מענטשן־קינדער.

לוצאטו געפינט אבער, אז דאס אלץ איז „תנחומין של הבל״ — נארישע טרייסט. די כתבי הקודש ווערן דאך פארשפרייט שוין פון כמה דורות און מיט יעדן טאג אלץ מער און מער, און דאך זעט מען ניט קיין שום פעולה. און ווי באלד דאס פארשפרייטן פון די ספרי הקודש אין משך פון גאנצע 18 הונדערט יאר האט דאס מענטשן־געשלעכט ניט געבראכט צו זיין שלמות, — מיט וואס־זשע וועלן דא העלפן די יידן, בפרט די, וואס גלויבן ניט אין תורה מן השמים? דאס זיינען בלויז פוסטע חלומות. ניט מיט „מיסיאנס״־לערע וועט מען עס איינריידן די דאזיקע ניט־גלויביקע יידן, וואס אין זיי איז שוין אפגעשטארבן דאס פארבינדונגס־געפיל צום אייגענעם פאלק און ליידיק איז זייער הארץ „מכל אמונה ישראלית״, זיי זאלן דאך בלייבן געטריי דעם יידנטום, זאלן שפילן די מערטירער און ליידן דעם עול פון גלות און שנאה [1].

יא, — דערקלערט לוצאטו אין א בריוו צו שטיינשניידערן, — געווים האט די געטליכע השגחה אויסדערוויילט אברהמס קינדער, זיי זאלן פון דור צו דור געטריי איבערגעבן און אפהיטן די נוצליכע לערע, וואס טראגט דעם נאמען „דרך ד׳״ און באשטייט אין דורכפירן צדקה ומשפט. און דער **קיום פון אונזער אומה** [*], וואס האט איבערגעלעבט פיל באדייטנדיק גרעסערע און שטארקערע פעלקער, באשטייט טאקע אין דעם, די דאזיקע לערע זאל האבן א קיום און זאל אויך קאנען נוצן ברענגען „לטובת המין האנושי בכללו״. אבער ווען יידן פארגעסן אין זייער אייגנארטיקייט, טוען אלץ נאך ווי מאלפעס אנדערע פעלקער, בכדי

---

1 אגרות שד״ל, — 1335.

* געשפרייזט ביי לוצאטון.

צו געפינען חן אין זייערע אויגן, לאָזן זיך אויף די וועגן פון אַטיציזם, דאָס הייסט אויף די וועגן פון פאַלשער ציוויליזאַציע (אפטער ציוויליזאַציאָן) — נידעריקן זיי אַראָפּ פון דער מדרגה „עם סגולה", די וועלט נייטיקט זיך אין זיי מער ניט, און זיי פאַרלירן זייער רעכט אויף עקזיסטענץ (ואין לעולם צורך בהם, ואינם ראוים לקיום) 1.

דאָ באַ־ירן מיר דעם אייגנאַרטיקסטן שטריך אין לוצאַטוס וועלטבאַנעם. מיר האָבן שוין פריער געזען, ווי דער באַלעזענער און געבילדעטער רעדזשיאָ האָט אין די דרײַסיקער יאָרן געפרעגט אַ שאלת תּם: ווער זײַנען זיי עס, בערנע און היינע? דאָס, וואָס די ייִדישע בורזשואַזע און אינטעליגענטע שיכטן זײַנען נאָך אַלץ געבליבן באַגרעניצט אין זייערע רעכט, האָט בלי־ספק מיטגעהאָלפן, וואָס זיי זײַנען אויך בנוגע אידעיִשע שטרעמונגען געווען אין אַ געוויסער הינזיכט אָפּגעשטאַנען לגבי דער אייראָפּעיִשער אינטעליגענץ פון יענער צײַט. אויף דער שוועל פונם 19טן יר"ה האָבן אין דײַטשלאַנד, און אין אַ צײַט אַרום אויך אין פראַנקרײַך, די ראָמאַנטישע שטרעמונגען פאַרנומען אַ גאַנץ בכבודיקן פּלאַץ אין דער ליטעראַטור און געזעלשאַפט. די דאָזיקע שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך געפונען אין פולסטן קעגנזאַץ צו דעם ראַציאָנאַליזם פונם 18טן יר"ה, זײַנען ענג פאַרבונדן מיט די פּאָליטישע און סאָציאַלע צושטאַנדן, אין וועלכע דײַטשלאַנד האָט זיך געפונען בשעת די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות און פראַנקרײַך נאָך נאַפּאָלעאָנס מפּלה אין דער צײַט פון דער רעסטאַווראַציע. די ייִדישע משכּילים, וואָס האָבן געפירט דעם פאַרביטערטן קאַמף קעגן דעם „אָבערגלויבן" פון די חסידים און דער פאַנאַטישער מאַסע, און האָבן נאָך לאַנג ניט דערגרייכט די מענטשנרעכט, פאַר וועלכע עס האָבן געקעמפט די אויפקלערער און הומאַניסטן פון דעם 18טן יר"ה, זיינען נאָך אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן פונם 19טן יר"ה געבליבן געטרײַ דער ראַציאָנאַליסטישער פאָן פון די דאָזיקע אויפקלערער. דער איינציקער „נײַן־זאָגער", דער איינציקער ראָמאַנטיקער צווישן די משכּילים־ראַציאָנאַליסטן איז געווען שמואל־דוד לוצאַטו. ער האָט זיך אָבער געפונען אונטער דער השפּעה ניט פון די ראָמאַנטיקער אויס דעם 19טן יר"ה, נאָר פונם גרויסן „נײַן־זאָגער" אויס דעם 18טן יר"ה, וואָס האָט שוין דעמאָלט דערקלערט אַ פאַרביטערטן קאַמף דעם קריגערישן ראַציאָנאַליזם פון זײַן דור — זשאַן זשאַק רוסאָ.

ניט אומזיסט דערמאָנט לוצאַטו אַזוי אָפט אין זײַנע בריוו דעם זשענעווער פילאָזאָף: „וועמט האָבן גרויס פאַרגעניגן, מײַן טײַערער — שרײַבט ער זײַנעם אַ גוטן באַקאַנטן — בײַם לייענען (רוסאָס) „עמיל".

---

1 אגרות שד"ל, 1030.

וועסט דארט געפינען גאנץ גוטע זאכן, און — דאס וויכטיקסטע, וועסט דארט געפינען א היים און ארנטליך הארץ; דאס וועט דיך געוויס פרייען״ [1].

דאס הארץ — דאס איז ביי לוצאטו דאס וויכטיקסטע, און אין דעם אקערשט ציטירטן בריוו געפינט זיך ביי לוצאטון אן אינטערעסאנ-טער וויכוח, וואס ער, לוצאטו, פירט מיטן שכל. און דער וויכוח פאר-ענדיקט זיך מיטן כאראקטעריסטישן אויספיר: „דו (דער שכל) ווייסט נאר צו-רעכענען און צו וועגן, איך אבער פיר ניט קיין חשבונות; איך האב א הארץ, און אט דאס הארץ איז פיל מער ווערט ווי דו, מיין טייערער שכל!״ [2].

ביי די טרעגער פון דער בערלינער השכלה האט, ווי מיר ווייסן, געגאלטן אלס העכסטער אידעאל: „נהיה ככל הגויים!״ — באהעפטן זיך וואס גיכער מיט דער אייראפעישער ציוויליזאציע. ווען וויזל האט ארויס-געשטעלט דעם דעוויז: „תורה עם דרך ארץ״! איז תורה געווען ביי אים דער סינאנים פון יידישקייט, און דרך-ארץ — דער סימבאל פון אייראפ-עישער ציוויליזאציע. לוצאטו אבער, דער הייסער פארערער פון רוסא, האט זיך זייער קריטיש פארהאלטן צו דער אייראפעישער ציוויליזאציע; ער האט אפילו פארפאסט א גאנץ שארפע סאטירע אונטער דעם כאראק-טעריסטישן נאמען „דרך ארץ״ [3]. אין דער דאזיקער סאטירע, ווי אויך אין פיל זיינע בריוו, פלעגט ער זיך צו דערווייזן, אז די אייראפעישע ציוויליזאציע האט קארג וואס מיטגעבראכט, דער מענטש זאל ווערן בעסער, מאראליש איידעלער. מען וויל אונז אלץ איינריידן, שרייבט ער אין זיינעם אן איטאליענישן בריוו — אז די ציוויליזאציע ברענגט דעם מענטשן צו אמתער שלימות (perfezionanto). דאס איז אבער בלויז א חלום. ווער עס וויל ניט נארן ניט זיך און ניט אנדערע, דער זעט, אז מה שהיה הוא שיהיה. דער פראגרעס איז בלויז אין דער טעכניק. אין די מאשינען, די שיפן, די וועגן — אין אלץ איז דער פראגרעס זייער גרויס, אלץ פארפולקומט דער מענטש, אבער ניט זיך גופא, ניט זיין אייגן הארץ. ער ווערט ניט בעסער, נאר ערגער. אויפן ארט פון געפיל, פארנעמט דעם אויבן-אן דער געדאנק, דער שטרענג אויסגערעכנטער עגאאיזם [4].

---

1 פרדס, III, 114.

2 דארטן, 115.

3 צום ערשטן פארעפנטליכט אין יאסטס צייטשריפט „ציון״, I, 81—93, איבערגעדרוקט אין צווייטן טייל „כנור נעים״.

4 פרדס, III, 103. אגרות שד״ל, 1335. כאראקטעריסטיש איז אויך די

די פאר שד"ל וויכטיקסטע מאָראַלישע עלעמענטן, וואָס פעלן, לויט זיין מיינונג, אין דער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע, געפינט ער, לויט זיין פעסטער איבערצייגונג, אין דעם יודאַיִזם. ער שטעלט דערביי אַרויס זיין טעאָריע וועגן צוויי קעגנזעצליכע קולטורן. די טעזיסן פון זיין טעאָריע האָט ער אַרויסגעשטעלט אין 1838 אין זיין פראַנצויזישן אויפזאַץ „Atticisme et Judaisme" וועלכן ער האָט פאַרעפנטליכט ערשט מיט פיל יאָר שפּעטער [1].

„די ציוויליזאַציע פון דער מאָדערנער וועלט, דערקלערט דאָרט לוצאַטו, איז אַ פּראָדוקט פון צוויי קעגנזעצליכע עלעמענטן: אַטיציזם און יודאַיִזם, ד"ה, גריכנטום און יודנטום. דעם גריכישן אַטען האָבן מיר צו פאַרדאַנקען: פילאָזאָפיע, קונסט, וויסנשאַפט, גייסטיקע אַנטוויקלונג, סיסטעמאַטישע אָרדענונג, ליבע צו שיינעם און דערהייבענעם, דיסציפּלינירטקייט פונם געדאַנק. דעם יודאַיִזם האָבן מיר צו פאַרדאַנקען: די רעליגיע, די מאָראַל פונם האַרצן, די אומאייגננוציקייט, די ליבע צום גוטן און גערעכטן. דער אַטיציזם איז פּראָגרעסיוו, ווייל דער שכל קאָן אַלץ מער וואַקסן און מאַכן אַלץ נייע אַנטדעקונגען. דער יודאַיִזם אָבער שטייט אויף איין אָרט, זיין לערע, זיינע מאָראַלישע סענטענצן בלייבן אומפאַרענדערליך. דאָס האַרץ קאָן ווערן פאַרדאָרבן, אָבער ניט פאַרפולקומט: דאָס גוטע איז דעם מענטשן איינגעבאָרן, און דאָס שלעכטע ווערט אין לעבן דערוואָרבן. דער יודאַיִזם קאָן זיך באַפרייען פון אייניקע צוגאָבן, וואָס ער האָט באַקומען פון דער פרעמד, ער קאָן ווידער צוריקקערן צו זיין אורשפּרינגליכן צושטאַנד, ער קאָן אָבער ניט זיך ווייטער פאַרפולקומען.

די גריכישע קולטור (אַטיציזם), ווייל זי איז פּראָגרעסיוו און נעמט אָן אַלץ נייע פאָרמען, געפעלט זי יעדן, האָט זי פיל אָנהענגער. דער יודאַיִזם אָבער, ווייל ער בלייבט אומפאַרענדערליך, שיינט ער יעדן צו זיין אַלטמאָדיש, אָן חן. ער איז דערפאַר לאַנגווייליק, ער שאַקירט ווי אַפּגענוצט, אומניציק אַלטוואַרג. עס איז דערפאַר גאַנץ באַגרייפליך, וואָס דער אַטיציזם טריוּמפירט און האָט די איבערהאַנט איבער דעם יודאַיִזם. אין דעם מענטשנס נאַטור איז אָבער וואָך אַן אומשטילבאַר בענקען נאָך גוטן

שטעלט אין זיין פּאָעמע „חלק כחלק", ווי ער דערקלערט, אַז פאַרשאָלטן זאָל ווערן די חכמה און דער שכל, ווען זיי פאַרדרענגען גענאָד און בארמהארציקייט:

ארור מדע אם רק ערמה ונכל
מורה אותנו וצדקה לא ירב;
תאבד לעד חכמה, יאבד השכל
אם חסד אם חמלה יסיר מקרב.

1 „אוצר נחמד", IV, 131—132.

און גערעכטן. דאָס שיינע און דאָס דערהייבענע זיינען ניט אימשטאַנד אויסצולעשן דאָס דאָזיקע געפיל. די מענטשליכע געזעלשאַפט קאָן ניט עקזיסטירן אָן דעם געפיל פון גוטן און גערעכטן. דער שכל, דער אַטיציזם קאָנען אָבער ניט שאַפן דאָס דאָזיקע געפיל; זיי קאָנען עס נאָר אָפּ־שוואַכן אָדער אינגאַנצן אויסלעשן. מיר זעען דערפאַר, אַז די מענטשליכע נאַטור גלוסט דאָך שטענדיק צו די געפילן פונם הארצן, צום גוטן, ד״ה צום גייסט פונם יודאַיזם״.

אַט אַזוי קעמפן, לויט לוצאַטוס קאָנצעפּציע, די צוויי אַנטקעגנ־געזעצטע קולטור־קרעפטן אין דער וועלטגעשיכטע: די פּראָגרעסיווע, די דינאַמישע, וואָס וועקסלט אירע ווערטן און פאָרמען — דער אַטיציזם, און די אומפאַרענדערליכע סטאַטישע — דער טרעגער פון מאָראַלישע אייביק־גילטנדיקע ווערטן — דער יודאַיזם, וואָס קאָן ניט מוַתּר זיין אויף זיינע אויסערע פעסטגעזעצטע פאָרמען, ווייל זיין מאַכט איבער די מענטשן־הערצער איז דאָך פעסט פאַרבונדן מיט דעם גלויבן אין זיין געטליכער התגלות, אין זיין אומפאַרענדערליכקייט און אייביק־גילטיקייט.

אַלע נעגאַטיווע זייטן פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע, די סאָציאַלע אומגערעכטיקייט, די צביעות, דער עגאָיזם, דאָס גייעג נאָכן אויסערן גלאַנץ — אין דעם אַלץ זעט לוצאַטו דעם אויסדרוק פון אַטיציזם; און ער איז פעסט איבערצייגט, אַז בלויז אויף די יסודות פון יודאַיזם קאָן מען גרינדן די „חברה של צדק״ — די געזעלשאַפט פון גערעכטיקייט, וואָרום די יהדות אַפּעלירט ניט צום קאָפּ, צום געדאַנק, נאָר צום הארצן, צום געפיל. לוצאַטו איז אויך פעסט איבערצייגט, אַז די פילאָזאָפיע באַרויבט די פרייד פונם לעבן, זי צעשטערט די איינגעבאָרענע פריידיקע פשטות ביים מענטשן [1].

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס, ווי דער רמב״ן בשעתו [2], באַשול־דיקט אויך לוצאַטו די „חכמי יון״, אַז זיי האָבן אין זייער גרויס גדלות מיט ביטול געקוקט אויף די קערפּערליכע תּביעות פון דעם מענטשנס לעבן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט ליידנשאַפטן און גלוסטונגען. זיי, די גריכישע דענקער, האָבן אין די מענטשנס תּאוות און ליידנשאַפטליכע באַגערן געזען דאָס שענדליכע און גראָב־חייהשע, וואָס דערנידעריקט דעם מענטשן צו דער מדרגה פון אַ פּשוטער חיה און איז דער געפער־ליכסטער אבן־נגף אויפן וועג פון פאַרפולקומונג און שלימות. און דאָס אַלץ דערפאַר, ווייל זיי האָבן דאָך דעם וויכטיקסטן צוועק פונם מענטשן געזען רק אין דעם וויסן, אין דעם פאָרשן די אַבסטראַקטע פּראָבלעמען.

---

1 זע „אוצר נחמד״ IV, 116—119.

2 זע אונזער חערק, III באַנד, 31.

דערפאר איז ביי זיי אין די אויגן געווען אזוי פארנמאסט און פאראכטעט דער אומוויסנדיקער המון. די חכמי ישראל אבער, פארזיכערט לוצאטו, זיינען געווען גרוים און דערהייבן אין זייערע מעשים און ניט אין זייערע רייד. זיי האבן ניט דערנידעריקט דעם מענטשליכן קערפער און זיינע פארגעניגונגען, ביי זיי איז דעם מענטשנס באשטימונג באשטאנען ניט אין דעם צו דערקענען דעם בורא, נאר זיין רצון צו דערפילן. און דעם בוראס רצון האבן זיי געזעען ניט אין חקירה, ניט אין וויסנשאפטן, נאר אין „דין־אמת און שלום". און ווען דער לימוד איז יא ביי זיי געווען געאכפערט, איז דאס געווען לימוד התורה, וואס ברענגט לידי מעשה. אונזערע חכמים זיינען מיט זייערע לימודים געווען אויסן רק טובת הכלל, זיי פאדערן ניט דערהייבן דעם מענטשן איבער זיין נאטור, אדרבה, זיי דערקלערן די רוחניים (די מלאכים) נידעריקער פון דעם געראכטן מענטשן, וואס איז אן אמתער צדיק. און דער מענטש, וואס פארשטייט אפילו גאנץ וויניק אין עניני רוחניים, האט כל ימיו געגעסן, געטרונקען און זיך משמח געווען, נאר ער איז געווען א צדיק און האט אפגעהיט די געטליכע געבאטן, — איז ער ביי זיי גרעסער פון די מלאכי השרת, וואס טוען דערפאר ניט זינדיקן, ווייל זיי האבן ניט קיין יצר הרע. און דער באקאנטער מאמר: גרעסער זיינען די צדיקים פון די מלאכי השרת (גדולים צדיקים יותר ממלאכי השרת) דריקט פאקטיש אוים דעם גרונד־אונטערשייד צווישן די חכמי ישראל און די חכמי יון [1].

לוצאטו איז דערפאר פעסט איבערצייגט, אז איינע פון די וויכטיקסטע, אלגעמיין מענטשליכע קולטור־פראבלעמען איז: באפרייען, אפזונדערן דאס היסטארישע יידנטום פון אלע זייטיקע צוגאבן, פון אלע פרעמדע עלעמענטן, וואס זיינען אריינגעדרונגען פון אנדערע קולטורן [2]. ער ווייסט זייער גוט, אז דאס געפינט זיך אין פולן ווידערשפרוך מיטן דעוויז פון די השכלה־טרעגער: „נהיה ככל הגויים"! אלס ארויספאדערונג, אלס קאמף־דערקלערונג טרעט ער מיט א כיוון [3] ארוים מיט די צונגשפיצטע פיילן קעגן דעם אפגאט פון די משכילים, קעגן דעם פארקערפערטן סימבאל פון העכסטער שלימות — קעגן משה בן מיימון. דעם פון אלע משכילים אזוי באוואונדערטן דענקער און וועג־פירער דערקלערט לוצאטו פאר אן „אבן נגף", ער פארזיכערט, אז „הרמב"ם היה בעוכרינו" — דער רמב"ם איז אונזער אומגליק געווען, און געפינט, אז דער רמב"ם און אלע זיינע נאכפאלגער, וואס האבן געפרוווט צונויפבינדן די תורה מיט

---

1 „אגרות שד"ל", 695.

2 פרדס, III, 118.

3 זע אוצר נחמד, IV, 119.

דער פילאָזאָפיע, האָבן זייער פיל שאָדן געבראַכט. דער רמב״ם און זיינע חברים, — זאָגט שד״ל, — האָבן געוועלט אַריינצווינגען די פילאָזאָפיע אינם געביט פון דער רעליגיע; זיי האָבן ניט געוווּסט און ניט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען צוויי גאַנץ פאַרשיידענע וועלטן. די פילאָזאָפיע — זי זוכט און באַצוועקט דעם אמת, די רעליגיע באַצוועקט דאָס גוטע און דאָס גערעכטע. דער מענטש איז ניט גאָלע שכל, ער איז אויך פּאָעזיע; און פּאָעזיע איז דער הויפּט־טייל פונם מענטשן, זיין לעבן, זיין נשמה. און די רעליגיע איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשן, זי זאָל די פּאָעזיע וואָס אין מענטשן פירן לצד הטוב והיושר. קומט אָבער די פילאָזאָפיע און פאַרמעסט זיך צו זיין דער אַפּוטרופּוס איבער דער רעליגיע — שרומפּן איין און שטאַרבן אָפּ אי די רעליגיע, אי די פּאָעזיע [1].

לוצאַטאָ קאָן אויך ניט מוחל זיין דעם באַשעפער פונם „מורה נבוכים" זיין אומטאָלעראַנץ, וואָס ער, דער קעמפער פאַרן פרייען געדאַנק, איז געווען אַ פאַנאַטישער אונטערדריקער פון אַנדערש־דענקענדיקע (אגרות שד״ל, 426—427). דאָס איז אָבער לוצאַטאָן נאָך אַלץ געווען ווייניק, איז ער אַרויסגעטראָטן אויך קעגן דעם צווייטן „גדול בישראל", וואָס די משכּילים האָבן באַזונדערס פאַרערט — קעגן אברהם אבן עזרא. לוצאַטאָ, דער אמת־זוכער, זעט אין דעם גרויסן כפרדישן געלערנטן אַ צוויי־פּנימדיקן מענטשן (אחד בפה ואחד בלב), וואָס שפּילט דעם כּלומרשט שטאָק־פרומען, בעת ער איז אין דער אמתן אַ פרייַדענקער און הילט איין מיט אַ כּיוון זיינע פרייַע געדאַנקען אין רמזים און סודות. אַלס פולן קעגנזאַץ דעם אבן עזרא שטעלט לוצאַטאָ אַרויס דעם „איש תם וישר", דעם גרויסן פּשטן און ענו — רש״י [2].

שד״לס באַליבטסטע פערזענליכקייט, „אהוב לבבי", ווי ער גופא דריקט זיך אויס, זיין העכסטער אידעאַל, איז אָבער — יהודה הלוי. נאָר

---

1 אגרות שד״ל, 780. כי המכוון בפילוסופיאה היא האמת והמכוון ברעליגיאן הוא הטוב והישר. והאדם איננו כלו שכל, אבל הוא ג״כ פאעזיע; הפאעזיע היא — רובו של אדם, היא חייו, היא נפשו. והרעליגיאן ניתנה לאדם להנהיג את הפאעזיע אשר בו לצד הטוב והיושר. ואם תבוא הפילוסופיאה להנהיג את הרעליגיאן, הרעליגיאן והפאעזיע יחדו יכרתו, יגועו.

2 „כּרם חמד" IV, 134—136; „אגרות שד״ל", 232, 246, 738, 823. לוצאַטאָס אָנפאַלן אויפן רמב״ם און אבן עזרא האָבן אַרויסגערופן פיל פאַרדרוס אין די משכּילישע קרייזן. אפילו דער שווייגער און נחבא אל הכּלים, נחמן קראָכמאַל, איז אַרויסגע־טראָטן מיט אַ ספּעציעלן אַרטיקל (כּרם חמד, III, 66, IV, 132), וווּ ער באַקעמפט און ווידערלייגט לוצאַטאָס טענות. מיט איראָניע באַמערקט דעריף לוצאַטאָ: ווען איך זאָל משה בן עמרם קריטיקירן, וואָלט מען מיך געלויבט, ווייל איך בין אָבער קעגן משה בן מיימון אַרויסגעטראָטן — פאַלן פיל אויף מיר אָן. והיא תהלתי, כי מלחמות ד׳ אני נלחם ולא אירא מרבבות עם (אגרות שד״ל, 656).

איידער מיר וועלן זיך אפשטעלן אויף דעם דאזיקן פונקט, מוזן נאך בארירט ווערן אייניקע אנדערע פרטים פון לוצאטוס וועלט-באנעם.

מיר האבן שוין אויבן אנגעוויזן, אז לויט לוצאטוס וועלט-באנעם, איז דער יודאיזם פעסט צונויפגעבונדן מיט דער דאגמע „תורה מן השמים". „היודאיזמוס בלי אמונה בתורה מן השמים לא יוכל להתקיים" — חזרט ער מערערע מאל איבער 1. ניט אומזיסט זאגט ער אבער וועגן זיך מיט א ביטערן סארקאזם: „אני שוטה בעיני החדשים, ומשומד בעיני העתיקים" — איך בין א שוטה אין די אויגן פון די מאדערנע, און אין די אויגן פון די אלט-פרענקישע א משומד 2. לוצאטו, דער ראמאנטיקער, האט ביי אלע זיינע רעאקציאנערע טענדענצן אפט ארויסגעזאגט אזוינע געדאנקען, וואס האבן ביי די ארטאדאקסן געמוזט אויסזעען ווי אמתע אפיקורסות. די תורה, — דערקלערט, אשטייגער, לוצאטו, — איז ביי גאט באליבט כלל ניט פאר איר אמתקייט (בשביל אמתתה), נאר פאר איר גוצליכקייט אין תקון המדות. דערפאר איז כלל ניט נייטיק, אז אלע אירע ווערטער זאלן זיין לויטער אמת, און דאס פארמינדערט כלל ניט איר געטליכקייט, ווארום מיר קאנען אויך ניט פארזיכערן, אז די גאטהייט זאגט ניט ארויס קיין ניט אבסאלוט אמתע ווערטער (ושאין להרחיק כהאל הגדת דברים בלתי אמתיים), ווייל דערקלערן דעם בשר ודם די קראפט און מהות פון מעשה בראשית איז אוממעגליך 3.

און בכדי אינגאנצן קלאר צו מאכן זיין שטאנדפונקט, פירט לוצאטו ווייטער אויס אין זיין אקערשט ציטירטן בריוו צו מ. יאסטן: דער קיום פון דער געזעלשאפט און דעם מענטשנס גליק זיינען אוממעגליך ביים וויסן דעם נאקעטן, אפענעם אמת; דער מענטש מוז לעבן אין אילוזיעס (לא יתכן קיום החברה והצלחת האדם בידיעת האמת אלא באילוזיון). און מיר זעען טאקע, איז לוצאטו מוסיף, ווי די נאטור (און דאס ווערט דאך געווים געטאן דורך גאטס ווילן) נארט אונז אזוי אפט און לאקט אונז מיט בלענדנדיקע אילוזיעס. בכדי, אשטייגער, צו זיכערן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פונם מענטשן-געשלעכט, דערוועקט זי די ליבע אינם יונגלינגס הארצן, פארבלענדעט אים דערביי די אויגן, ער זאל פאר־געסן אין די גרויסע שוועריקייטן, וואס שטייען אים פאר אויפן לעבנס־וועג מיט דאגת פרנסה און צער גידול בנים, — ער זעט נאר זי, זיין באַ־שערטע, און זעט אין איר לויטער חן און שיינקייט. און אזוי איז אויך

---

1 אגרות שד"ל, 1031, 1032, 1036 אאז"וו.

2 דארסן, 1405.

3 דארסן, 661; יסודי התורה, 55.

מיט אנדערע ווונטשן און גלוסטונגען; דער מענטש לעבט אין לויטער אילוזיעס, די נאטור נוצט דאס אויס פאר אירע צוועקן [1].

לוצאטו גייט נאך ווייטער. מיין גאט — דערקלערט ער — איז ניט דער גאט פון Kant, נאר פון Tnak (תנ״ך). מיין וועגווייזער איז ניט קאנטס „קאטעגארישער אימפעראטיוו״, נאר די מאראלישע גרונד־געזעצן פון דער תורה, אלס הויפט־עיקרים פון אלע מדות־טובות און דער „יסוד הצלחת החברה״ זיינען, לויט לוצאטאן: רחם — דערבארמען און ליבע, און — גמול שמים. געוויזן און געמאסטן ווערט אלץ, אלץ ווערט גע־פירט דורך די פון דער השגחה פארויסבאשטימטע וועגן, „אשר כלם בחכמה ובחסד, והכל לטובה״ [2]. בעת אבער לוצאטו פאנגט אן דערקלערן זיין באגריף וועגן שכר ועונש, דערמאנט מען זיך ווידער אמאל ניט ווילנ־דיק אין זיין לערע וועגן דער ראלע פון אילוזיעס אין דעם מענטשנס לעבן. עס איז קלאר, — שרייבט לוצאטו אין זיין פריער ציטירטן בריוו צו יאסטן, — אז דער קיום החברה קאן ניט געמאלט זיין אן שכר ועונש און אן דעם גלויבן אין דער חשיבות פון געוויסע מעשים און אין דער שעדליכקייט פון אנדערע. אין דער אמתן אבער זיינען אלע אונזערע כוואונגען (פעולותינו) בלויז דער פראדוקט פון אויסערע און אינעווייניקסטע סיבות, און דאס וואס מיר רופן צדק און רֶשע — זיינען זיי דאס אין דער אמתן בלויז אין דער בחינה פון דער ווירקונג, וואס זיי רופן ארויס: דאס ברענגט נוצן און יענץ — שאדן, אבער ניט אין דער בחינה פון תכונת הפועל, ד״ה, ווייל דער איז א צדיק און יענער א רשע [3]...

דעם דאזיקן געדאנק אנטוויקלט ער ווייטער אין א בריוו צו שטיינ־שניידערן. גאט — דערקלערט ער דארט — באצאלט פאר אלץ, אבער ניט אויף יענער וועלט, נאר אויף דער וועלט. מענדעלסזאן און זיין שיטה האבן צעשטערט די מאראל דערמיט, וואס זיי האבן באשטימט דעם שכר ועונש אויף יענער וועלט [4].

ניט אומזיסט אינטערעסירט זיך לוצאטו אזוי שטארק מיט חסדאי קרשקשן און פארזיכערט, אז דער בעל „אור ד׳״ איז ביי אים זייער געליבט און געאכפערט [5]. עס איז אויסער ספק, אז די נאר־וואס ציטירטע לוצאטוס געדאנקען געפינען זיך אונטער דער השפעה פון דעם טיפן מיטלעלטערליכן דענקער, וואס האט אנערקענט די שטארקע באגרעניצטקייט

---

1 אגרות שד״ל, 661.

2 דארטן, 738, 1031, 1093, 1357.

3 דארטן, 661.

4 פרדס, III, 123.

5 אגרות שד״ל, 1350, 1382.

פון דעם מענטשנס פרײַען ווילן, ווײַל אין תוך גענומען זײַנען דאָך דעם מענטשנס החלטות ניט קיין גאַנץ פרײַע, זיי זײַנען אַ מוז־זאַך, אַלס באַשטימטע תולדות פון געוויסע סיבות, און פון דעם שטאַנדפּונקט באַטראַכט קרשקש אויך שכר ועונש ניט מער ווי נויטווענדיקע תולדות, וואָס ווערן אַרויסגערופן דורך באַשטימטע סיבות [1].

„צריך לקבל התבל כמו שהוא" — מען דאַרף אָננעמען די וועלט באַר ליב — דערקלערט לוצאַטו — אַזוי ווי זי איז; מען דאַרף באַגרײַפן און פאַרשטיין, אַז דער סדר, וואָס מיר ־ גיבן דעם נאָמען השגחה, עקזיסטירט אַזוי אײַנ־פעסט ווי אַלע אַנדערע נאַטירליכע דערשײַנונגען (קיים ועומד ככל הדברים הטבעיים), און עס איז קלאָר, אַז אפילו אָן אמונה און אָן געטליכער תורה, נאָר די לעבנספּראַקטיק אַליין באַלערנט אונז, אַז דאָס פּראָבלעם וועגן צדיק ורע לו רשע וטוב לו עקזיסטירט גאָר פאַקטיש ניט, עס איז אויך בלויז אַ אילוזיע (לא נמצא כלל באמת, רק למראה עינים) [2].

און דער דאָזיקער פיל געפּרוּווטער מאַן, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן אין לעבן, שטעלט אַרויס אַן אייגנאַרטיקע טעאָריע וועגן „חלק בחלק".

נאָך אין זײַנע יונגע יאָרן האָט לוצאַטו פאַרפאַסט אַ פּאָעמע „חלק בחלק יאכלו" [3], ווו דער דיכטער אַנטוויקלט אין אייניקע צענדליגע אָקטאַווען דעם אים גופא איבערראַשנדיקן געדאַנק, אַז גלײַך איז דער גורל פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט, און לעבערליך איז צו גלויבן, אַז צדיק ורע לו רשע וטוב לו. לוצאַטו איז פעסט איבערצײַגט, אַז יעדער מענטש גענינסט אין זײַן לעבן אין גלײַכער מאָס גוטס און שלעכטס, פרייד און טרויער, טרערן און געלעכטער, און קיינער באַקומט ניט די „בלום אָן באַגלייטונג פון דערנער":

מִקְרֶה אֶחָד לַכֹּל פֹּה עַל הָאָרֶץ,
אֵין יִתְרוֹן לָאָדָם עַל מֵרֵעֵהוּ:
כָּל חַי יִרְאֶה טוֹבָה גַּם יִרְאֶה פָרֶץ
כָּל הַנִּבְרָא אֶחָד יִהְיֶה מִקְרֵהוּ!
כְּאַרְיֵה כִּבְבָקָר, כְּאִישׁ כְּשֶׁרֶץ
אִישׁ אִישׁ אֶחָד הוּא לִפְנֵי עוֹשֵׂהוּ
כֻּלָּם כְּלָם בָּנָיו וּבְמִשְׁפַּט צֶדֶק
לֹא יִתֵּן הַשּׁוֹשָׁן בַּק עִם בְּחֶדֶק.

---

1 זע אונזער װערק, ב' III, ז' 277—278.

2 אגרות שד"ל, 1093.

3 כנור נעים II, 1913, 110—129.

לוצאטו שטרײַכט באַזונדערס אונטער דעם פאַקט, וואָס אין ערשטן שפּעטער אין דער אייראָפּעיִשער ווּיסנשאַפטליכער ליטעראַטור באַזונדערס ברייט באַהאַנדלט געוואָרן: דער גראַד עמפּינדליכקייט, מיט וועלכער דער מענטש נעמט אויף איינע און די זעלביקע דערשײַנונג בײַ פאַרשיידענע אומשטענדן. ווען אַ מענטש געפינט זיך, אַשטייגער, אין אַ מיט העלע זונען־שטראַלן באַלויכטענעם חדר, מוז זײַן אויג אויפגערייצט ווערן דורך אַ זייער שטאַרקן ליכט־קוואַל, בכדי ער זאָל דערשפּירן דעם אײַנדרוק פון „ליכטיק־ווערן". ווער עס געפינט זיך אָבער אין אַ פינסטערן קעלער, גענוגט שוין דער קלענסטער שײַן פון אַ בין־השמשות־ליכט, זײַן אויג זאָל דערשפּירן, אַז ס׳איז „ליכטיק געוואָרן". דאָס פאַרגעניגן, — דערקלערט לוצאטו, — וואָס דער הונגעריקער שפּירט בײַם שטילן דעם הונגער מיט אַ דאַר שטיקל ברויט, באַקומט ניט דער רײַכער און איבערגעזעטיקטער בײַם געניסן די פײַנסטע שפּײַזן און בעסטע געטראַנקען. דאָס גרויסע פאַרגעניגן, וואָס דער אַרבעטער לעבט איבער אין די מינוטן פון רו, קאָן ניט שפּירן דער רײַכער, זיך לאַנגווײַלנדיקער לײדיקגייער. דערפאַר, ווידער, די אומבאַקוועמליכקייטן, וואָס דער אָרעמער האָרעפּאַשניק באַמערקט אַפילו ניט, וואַקסן אויס אין אַ גאַנצער טראַגעדיע בײַ דעם „גֶבֶר־עָנֹג", בײַ דעם אין רײַכטום און וווילטאָג דערצויגענעם מענטשן. „דַע, בֶּן אדם!" — וויים דו מענטש, דערקלערט דער דיכטער, פרייד און טרויער — די ווערן ניט געמאָסטן מיטן זייגער אין האַנט. איינער לעבט פערציק יאָר אין וווילטאָג און פילט דאָס אַפילו ניט, ווײַל ער איז דערמיט געוווינט פון געבאָרן אָן, און אַן אָרעמער יתום, וואָס ווייסט רק פון דאגות און נויט, ווי שײַנט־אויף פון פרייד זײַן פנים, ווען ער פאַרברענגט נאָר איין גליקליכע שעה [1].

אַזוי קומט לוצאטו צום באַשלוס, אַז אַלע באַגלײַך — „גם כוס־רעל גם כוס־נחת נשתה כלנו בארץ מתחת!" [2].

דער דאָזיקער טעאָריע בלײַבט לוצאטו געטרײַ זײַן גאַנץ לעבן [3]. אָבער די לערע וועגן דער ראָלע פון אילוזיע אין לעבן, וואָס האָט ניט איין דענקער געבראַכט צו פולשטענדיקן פּעסימיזם, האָט דעם ראָמאַנטישן און גלויביקן לוצאטו געמאַכט פאַר אַן איבערצײַגטן אָפּטימיסט. מען דאַרף נעמען — דערקלערט ער — די וועלט אַזוי ווי זי איז. „זאת היא אמונתי,

1 כנור נעים II, 117: דמעות ששון וגיל יזיל על לחי
אם רק שעה אחת בנעם יחי.

2 דעם בעכער פון גיפט און דעם בעכער פון פאַרגעניגן טרינקען מיר אַלע גלײַך דאָ אויף דער ערד.

3 אגרות שד״ל, 661—662, 1093, אוצר נחמד, I, 91—93.

זאת היא תורתי, זאת היא חכמתי", און אדאנק דעם — "צווישן שרעק־ליכע צרות לעב איך אין פריידן"...

לוצאטו פאַרזיכערט דערבײַ, אַז ער איז דערפאַר בײַ זײַן גאַנצער חקירה און קריטישע באַטראַכטונגען געטרײַ געבליבן דער אמונה, ווײַל „התפלספותי מתחתיה צמחה", — זײַן „פילאָזאָפיע" האָט ער נישט גענאָשט פון דער פרעמד, נאָר פון די אינעווייניקסטע מקורים, וואָס קוועלן אויס דעם היסטאָרישן יודאַיזם, און דערפאַר — „כל רוחות שבעולם אין מזיזות אותי מאמונתי" * (אגרות, 633). וואָרום פעסט איבערצײַגט איז לוצאטו, אַז די גײַסטיקע וועלט פונם יחיד און איר נאָרמאַלע אַנט־וויקלונג איז ענג פאַרבונדן מיטן נאַציאָנאַלן קיבוץ און זײַן קולטור.

אָט דערפאַר טאַקע איז בײַ לוצאטון אַזוי באַליבט געווען יהודה הלוי [1], ווײַל יענער האָט אין דער ייִדישער אמונה געזען קודם כּל די אַנטפּלעקונג פונם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווּסטזיין און זעלבסטבאַשטימונג פון דער אומה, און זײַן גאַנצער וועלטבאַנעם איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם געדאַנק, אַז די ייִדן זײַנען ניט נאָר אַ רעליגיעזער קיבוץ, נאָר אויך אַ פּסיכאָלאָגיש־אייגנאַרטיקע פאָלקס־אינדיווידואַליטעט מיט אַן אומ־געהייער רײַכער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער, גײַסטיק־קולטורעלער ירושה. און אָט, אויפדעקן פאַר זײַן דור, פאַר דער אַסימילירטער און האַלב־אַסימי־לירטער ייִדישער אינטעליגענץ, די דאָזיקע גוואַלדיק רײַכע קולטורעלע ירושה, האָט לוצאטו פאַר זיך געשטעלט אַלס וויכטיקסטע אויפגאַבע פון זײַן לעבן.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, מיט וואָס פאַר אַ פאַרדרוס לוצאטו רעדט וועגן די, וואָס ווילן מאַכן פון חכמת ישראל אַ סגולה פאַר עמאַנ־ציפּאַציע און אין בעסטן פאַל — אַ מצבה פאַר דער אָפּגעשטאָרבענער העברעיִשער ליטעראַטור. ער זעט אָבער אין דעם ייִדנטום אַ לעבעדיקן, אומשטערבליכן אָרגאַניזם, און איז איבערצייגט, אַז די אויפגאַבע פון חכמת ישראל איז „פאַרשפּרייטן דאָס וויסן וועגן עיקרי היהדות און באַ־קענען מיט דער ליטעראַטור פון דעם ייִדישן פאָלק, און דורכדעם וועט דערהויבן ווערן דער ווערט פון דער יהדות אין די אויגן פון אירע אייגענע מיטגלידער, און עס וועט געשטאַרקט ווערן דער „קיום האומה". און דאָס דאַרף לויט לוצאטוס פעסטער איבערצייגונג געטאָן ווערן ניט אין פרעמדע שפּראַכן, נאָר אויף דער היסטאָריש־נאַציאָנאַלער העברעיִשער שפּראַך...

---

[1] ר' יהודה הלוי — שרײַבט לוצאטו מיט התפעלות — מחמד נפשי וידיד לבבי, ונפשי קשורה בנפשו (אגרות שד"ל, 593).

* אַלע שטורעמען פון דער וועלט וועלן מיך ניט אָפּרײַסן פון מײַן גלויבן.

„איך וועל — שרייבט ער אין איינעם פון זיינע בריוו — אלץ שרייבן אויף העברעיִש, און איר אנטפלעקן פאר אלעמען די אלטע נאציאנאלע געפילן, וואס זיינען נאך אין מיר ביי זייער גאנצער לעבנסקראפט״ [1]. דערפאר וועט ער נים מיד איבערצוחזרן, ווי טייער און ליב ס׳איז אים די העברעיִשע שפראך. „ואהבת לשון הקדש בוערת בקרבי!״ (אגרות, 1246). „מיין גאנץ האפן און טראכטן איז, אז אלע מיינע ארבעטן זאלן געדרוקט ווערן אזוי ווי זיי זיינען געשריבן — אין העברעיִש״, — שרייבט ער קיין ווילנע אדם הכהן לעבענזאָנען [2]. „מיין איינציקער ווילן און פארלאנג — שרייבט ער ל. דוקסן — איז אויפלעבן און דערהייבן אונזער שפראך פון איר דערנידעריגונג (מערמות עפר). צו דעם צוועק איז ביי מיר קיין שום זאך נים צו טייער״ [3]. „וואס מער מיין דור דערווייטערט זיך פון דער העברעיִשער שפראך, אלץ שארפער פיל איך אין מיר דעם חוב פאר איר צו קעמפן״ [4]; „דאס איינציקע מיטל צו דערהאלטן ביים לעבן די ליבע צום יידנטום — דערקלערט לוצאטו — איז צו פארלענגערן, ווי וויים ס׳איז נאר מעגליך, דאס לעבן פון דער העברעיִשער שפראך און איר ליטעראטור״ [5].

און לוצאטו איז געווען א נאה דורש און א נאה מקיים. צענד־ליקער יארן האט ער זיך אפגעגעבן מיט שטודיען איבער דער העברעיִשער שפראך און איר גראמאטיק. און פארן גאנצן 19טן יר״ה קאן קאן מען אויפווייזן גאנץ ווייניק געלערנטע, וואס זאלן זיך קאנען גלייכן צו לוצאטון מיט זיין וואונדערבארן חוש פאר אלע אייגנארטיקייטן פון דער ביבל־שפראך. דאס אלץ איז אבער ביי אים ערשט בלויז א מיטל. „פרסם קדמונינו ראש תשוקתי״ — פאפולער מאכן אונזער קדמונים איז מיין הויפט־פארלאנג, — דערקלערט לוצאטו. בכדי צו דערוועקן די ליבע צו דער נאציאנאלער קולטור, שטעלט ער פאר זיך אלס גרונד־אויפגאבע אויפצולעבן און פאר דער וועלט צו אנטפלעקן די באהאלטענע און האלב־פארגעסענע רייכע אוצרות פון דער העברעיִשער מיטלעלטערליכער קולטור און פאעזיע. מיט דער גרעסטער זעלבסט־אויפאפפערונג געלינגט זיים צונויפצוזאמלען א פראכטפולע קאלעקציע מאנוסקריפטן, אין וועלבע עס זיינען געווען באהאלטן די שענסטע ווערק פון די גרעסטע העברעיִשע מיטלעלטערליכע דיכטער: שלמה אבן גבירול, יהודה הלוי, משה און אברהם

1 פרדס, III, 121.
2 אגרות שד״ל, 1139.
3 דארסן, 425.
4 פרדס, III, 119.
5 דארסן, 107.

אבן עזרא, אלחריזי און אנדערע. די טעקסטן זיינען געווען, אמת, זייער אנטשטעלט און פארגרייזט פון די אפשרייבערס. ביי לוצאטון איז אבער קיין שום מי ניט געווען צו טייער. „איך האב — דערציילט ער — וויפיל טעג פארבראכט, בכדי צו דערגיין דעם באדייט פון א פארגרייזטן ווארט אדער אויסדרוק״ 1. שד״ל גופא האט פיל לידער געשריבן, ער האט אבער באדייטנדיקס געשאפן בלויז אויפן געביט פון פארם 2. צו ווערן אן אמתער דיכטער האט לוצאטון געפעלט פאעטישע פאנטאזיע, און דערצו נאך האט ער געהאט א גאנץ קנאפן באגריף וועגן „סוד הצמצום״ — זיינע לידער ווערן ממש דערטרונקען אין א ים פון ווערטער און דידאקטישע סענטענצן. א פאעטישן חוש האט ער אבער אומבא־דינגט געהאט. און ליבע שאפט דאך וואנדער: איז דערפאר קיין חידוש ניט, וואס אויפן געביט פון אויסבעסערן די פארגרייזטע טעקסטן פון די גרויסע ספרדישע דיכטער האט לוצאטו קיין גלייכן ניט צווישן אלע יידישע פארשער פון זיין צייט. ער גופא פארעפנטליכט פיל לידער פון זיין היים געליבטן יהודה הלוי („בתולת בת יהודה״, 1840, און „דיוואן״ 1864), און אויך פיל געדיכטע און פאעמען פון שלמה גבירול, משה און אברהם אבן עזרא (אין „כרם חמד״ און אין אנדערע אויסגאבן). ער צעשיקט אויך זיינע דורך אים מיט אזוי פיל מי אויסגעבעסערטע טעקסטן פיל באקאנטע זיינע, יעדן וועד עס זאגט אים נאר צו, אז ער וועט די טעקסטן פארעפנטליכן. און טאקע אים האבן זייער פיל צו פארדאנקען ל. דוקעס און ש. קעמפ ביי זייערע אויסגאבן און איבערזעצונגען פון די מיטלעלטערליכע דיכטער. לוצאטו האט אויך פיל מיטגעהאלפן צונצן ביים שאפן זיינע פונדאמענטאלע ווערק וועגן דער סינאגאגאלער פאעזיע אין מיטלעלטער 3, און מיכל זאקסן ביים פארעפנטליכן זיין „רעליגיעזע פאעזיע דער יודען אין שפאניען״, וואס האט היינען אזוי באגייסטערט און געגעבן אים די אנרעגונג צו שאפן זיין וואנדערבארע פאעמע „יהודה בן הלוי״. אזוי פרייגעביק איז לוצאטו געווען ניט נאר מיט זיינע דיכ־טערישע טעקסטן, נאר אויך מיט די ריין וויסנשאפטליכע און היסטארישע. דאס, וואס ער גופא האט ניט באוויזן וויסנשאפטליך צו באלויכטן און באארבעטן (און אויך אויף דעם געביט האט לוצאטו זייער פיל געלייסטעט), האט ער געזארגט, אז אנדערע זאלן עס אויסנוצן, און פאר דער עפנט־ליכקייט ברענגען. און מיט רעכט דערקלערט דער היסטאריקער גרעץ:

1 אגרות שד״ל, 629.

2 זע, צ״ב, זיין שיין ליד „הבל ימי״, וואס ער האט פארפאסט צום טאג, ווען ער איז געווארן זיבן און דרייסיק יאר (הב״ל).

3 וועגן די דאזיקע ווערק זע וויטערדיקן. באנד.

„ווען קראַכמאַל און ראַפּאָפּאָרט ווערן גערופן די פּאַטערס פון דער יידישער געשיכטס-באַארבעטונג, איז לוצאַטו געווען איר מוטער״ [1].

לוצאַטו האָט אָבער ביי אַלע זיינע היסטאָרישע און פילאָלאָגישע פאָרשונגען, ביי זיין גריבלען זיך אין אַלטוואַרג, קיינמאָל ניט פאַרגעסן אין דעם הויפּט-צוועק — געבן אַן ענטפער אויף די פאָדערונגען פון היינט. אין איינעם אַ בריוו זיינעם צו מ. זאַקסן דערמאָנט ער אַפילו אַ „חדוש״, וואָס ער האָט מחדש געווען עפּעס אין אַ האַרב שטיקל מהרש״א. דו ווערסט אַוודאי פרעגן, שרייבט לוצאַטו: „וואָס גייט דיך אָן דער מהרש״א?״ וועל איך דיר ענטפערן:

Judaeus sum, judaici nihil a me alienium puto [2]

דאָס זאָגט ער אָבער בלויז צום שפּאַס: איך וועל פאַר דיר ניט לייקענען, — שרייבט לוצאַטו אברהם גייגערן, — אַז לויט מיין דעה איז טאַקע דאָס וויסן פון אונזער עבר גוט און נוצליך, דאָס אויסבעסערן דעם היינט און דאָס זאָרגן פאַרן מאָרגן איז אָבער פיל נייטיקער. און איך מיט אַלע מיינע חקירות וועגן אַלטערטום האָב איך טאַקע אין זין אויסשליסליך אָט דעם דאָזיקן ציל. פיל פון די חכמי הדור פאַרשטייען מיך אָבער ניט און זיינען קעגן מיר [3]. זאָלן די חכמי ישראל, שרייבט ער אויף אַן אַנדער אָרט, זיך ניט באַגניגען דערמיט, וואָס זיי דערלאַנגען דעם פאָלק אַלטע ספרים און טויטע מענטשן. זאָלן זיי דערלאַנגען נייע ביכער מיט לעבעדיקע מענטשן, אַזוינע מענטשן, וואָס זייערע רייד און זייערע מעשים דערוועקן ליבע צו דער וויסנשאַפט און כבוד צו דער קולטור [4].

לוצאַטו איז געווען זיכער, אַז אין די קומענדיקע דורות, ווען אויך ער, וואָס איז איצט אין זיין דור „כּערער בערבה״, וועט ווערן אַ קדמון,

---

1 געשיכטע, ב׳ XI, 1900, 456.

2 אַ ייִד בין איך, און קיין שום יידישע זאַך איז ניט פרעמד פאַר מיר (אגרות שד״ל, 780).

3 אגרות שד״ל, 783.

4 השלוח, IV, 62. ס׳איז כדאי אָנצומערקן, אַז לוצאַטו האָט אַרויסגעוויזן אַ לעבעדיקן אינטערעס צו די פּאָליטישע געשעענישן אין זיין געבורטס-לאַנד. ער גופא שטייט דווקא פאַר דער עסטרייכישער אָריענטאַציע, און זאָגט דאָס אָפּטמאָל אַרויס. נאָר דער העלדישער קאַמף, וואָס די איטאַליענער פירן אין 1848 פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג, באַגייסטערט אים זייער שטאַרק, און ער שרייבט דעמאָלט מיט צאָרן זיינעם אַ באַקאַנטן: די וואָס העלפן איצט מיט אין היין, מען זאָל צוגויסשאַפן אַן אַרמיי, בכדי אָנצופאַלן אויף אונז (ד״ה, אויף די לאָמבאַרדישע פּראָווינצן), די זיינען „שונאי המין האנושי״ (אגרות שד״ל, 1051—1052).

וועלן די זאמען, וואס ער האט פארזייט, ברענגען געבענטשטע פרוכטן. טיילווייז איז זיין נבואה מקויים געווארן. מיט צענדליקער יארן נאך זיין טויט האבן פיל אידעען זיינע געפונען א שטארקן אפקלאנג ביי די פאנען־טרעגער פון דער נאציאנאלער באוועגונג, צווישן זיי אויך ביי אזא באַדייטנדיקן שריפטשטעלער ווי אחד־העם. מיט גרויס התפעלות האבן וועגן אים אויך געשריבן יוסף קלויזנער [1], ש. בערנפעלד אין „דור חכם" און אנדערע ציוניסטישע טוער.

---

[1] השלוח, ב׳ VII.

זיבעטער קאַפּיטל

די באַפרײַונגס-שטרעמונגען אין דײַטשלאַנד. — „יונג-דײַטשלאַנד“. — די אָפּקלאַנגען אויף דער ייִדישער גאַס. — גבריאל ריסער, דער קעמפער פאַר זעלבסטאַכטונג און גלײַכבאַרעכטיקונג ערגעפיל. — „דער יודע“ אַלס קאַמפס-אָרגאַן. — ברונא בויער וועגן דער ייִדן-פראַגע. — קאַרל מאַרקס און זײַן „צור יודענפראַגע“. — „לי נקם ושלם“. — די ייִדישע אינטעליגענץ און דער „קבֿע שבלבֿ“. — לודוויג פיליפּזאָן און זײַן „אַלגעמײַנע צײַטונג דעס יודענטומס“. — די „מיסיאָנס-טעאָריע“ בײַ פיליפּזאָנען.

מיר האָבן שוין אין פאַריקן באַנד אָנגעוויזן, ווי בלײַ-שווער עס האָט געדריקט די רעאַקציע איבער די דײַטשע לענדער נאָך דעם, ווי מען האָט דעם גאָנישן קאָרסיקאַנער אויף דעם ווײַטן אינזל הל. העלענע פאַרשפּאַרט און מעטערניך מיט זײַנע שפּיאָנען און דינער האָבן אומבאַגרעניצט געוועלטיקט איבער דעם פרײַען וואָרט און געדאַנק. דאָס לעבן, די וואַקסנדיקע כּוחות פון דעם סאָציאַלן און קולטורעלן אַנטוויקלונגס-פּראָצעס זײַנען אָבער שטאַרקער פון די מעכטיקסטע דעספּאָטן און זשאַנדאַרמען. אין די דרײַסיקער יאָרן, נאָך דער פּאַריזער יולי-רעוואָלוציע, האָבן זיך אין די פאַרשיידענע מדינות פונם צעגלידערטן דײַטשלאַנד געלאָזט באַמערקן די ערשטע סימנים פון דעם אָנוואַקסנדיקן שטורעם.

פון יענער זײַט ריין שלײַדערן די מוטיקע קעמפער בערנע און הײַנע אין דער פעסטונג פון דעם דײַטשן דעספּאָטיזם זייערע שאַרף-געשפּיצטע פײַלן. אין דײַטשלאַנד גופא באַמערקן זיך אין דעם ליטעראַרישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן סימפּטאָמען פון אַ פּראָגרעסיווער קעמפערישער באַוועגונג, וואָס איז באַלד געקריינט געוואָרן מיטן נאָמען „יונג-דײַטשלאַנד“. די פאָנען-טרעגער פון דער דאָזיקער באַוועגונג, גוצקאָוו, לאַובע, ווינדבאַרג, מונד און אַנדערע, האָבן גערופן צום קאַמף פאַר מענטשן-רעכט, פאַר פרײַהייט פון וואָרט און קעגן רעליגיעזער אונטערדריקונג. אין 1835 איז דערשינען די צוויי-בענדיקע פרײַ-קריטישע פאָרשונג פון פרידריך שטרויס „דאָס לעבן יעזו“, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקן שטורם אין די טעאָלאָגישע און רעליגיעזע קרײַזן. אין

סוף דרייסיקער יארן דערשיינען לודוויג פייערבאכס פארשונגען וועגן דער נייער פילאזאפיע, ווו ער שטרייכט באזונדערס שארף אונטער דעם פולן קעגנזאץ צווישן פילאזאפיע און רעליגיע. די בלינדע גלויבן אין אויטאריטעט און פאר דער דאגמע, דער פעסטער גלויבן אין וואונדער — דאס איז דער גרונד־יסוד פון יעדער רעליגיע; פרייהייט פון געדאנק, דרייסטע אויספארשן דעם ריכטיקן גאנג פון דער געזעצמעסיקייט — דאס איז דער גרונד־זאץ פון פילאזאפיע און וויסנשאפט. אין 1841 איז דערשינען פייערבאכס בארימטע ווערק „דאס וועזען דעם קריסטענטומס", ווו ער גייט מיט זיינע פריי־קריטישע אויספירונגען באדייטנדיק ווייטער פון שטרויסן. אין דעם זעלביקן יאר האט ווי א דונער דערשאלט איבער דעם גאנצן דייטשן לאנד הערוועגס בארימטע רעוואלוציאנערע לידער־זאמלונג „געדיכטע איינעם לעבענדיגען" מיטן שטורמישן קאמפרוף:

רייסט די צלמים פון די קברים,

אלע זאלען שווערדן ווערן! [1]

עס איז קלאר, אז די דאזיקע נייע שטרעמונגען האבן געמוזט גע־פינען א געוויסן אפקלאנג אויך אין די יידישע אינטעליגענטע קרייזן, — זיינען דאך די הויפט־פירער פון „יונג־דייטשלאנד" (בערנע און היינע) פון דעם יידישן געטא געקומען, און אין דעם פראגראם פון די „יונג־דייטשלאנד"־קעמפער איז אויך געווען ארויסגעשטעלט די פאדערונג פון גלייכבארעכ־טיקונג פאר דער יידישער באפעלקערונג. אין דער יידישער סביבה האבן אבער די נייע שטרעמונגען אנגענומען גאנץ אייגנארטיקע פארמען. דער קאמף קעגן רעליגיעזן דרוק, שארפע קריטיק פון רעליגיעזע פראבלעמען, וואס האבן ביי דער דייטשער פראגרעסיווער געזעלשאפט אויסגעמאכט בלויז א טייל פון דעם באפרייונגס־פראגראם, זיינען דארט געפירט גע־ווארן דורך פרייע פארשער און דענקער. אנדערש איז דאס אבער געווען ביים דייטשן יידנטום. מיר וועלן ווייטער זען, ווי די רוסישע משכילים מיט יצחק בער לעווינזאן בראש האבן געחלומט וועגן אייראפעיש־געבילדעטע ראבינער, וואס· זאלן שטיין אויף דער שפיץ פון די קהלות און זיי פירן אויפן וועג פון אויפקלערונג און בילדונג. אלס פארבילד האבן זיי פאר זיך געהאט די דייטשע דיפלאמירטע ראבינערס און פרעדיגער. שוין אין די דרייסיקער יארן פונם פאריקן יר"ה איז ביים דייטשן יידנטום געווארן א גאנץ געוויינליכע דערשיינונג, אז אלע, מיט זעלטענע בלויז אויסנאמען [2],

---

[1] Reisst die Kreuze aus der Erden!
Alle sollen Schwerter werden!

[2] און דאס אויך צוליב צופעליקע סיבות: זיינען האט ניט פארנומען דעם

וואס האבן זיך אפגעגעבן מיט יידישער וויסנשאפט און געפארשט די געשיכטע פון דער יידישער קולטור, האבן זיי צו דער זעלביקער צייט פארנומען אין פארשיידענע קהילות די פאסטנס פון ראבינער און פרעדיגער. די קהילות האבן זיי פארזארגט מיט פרנסה, און דאס האט זיי געגעבן די מאטעריעלע מעגליכקייט אפצוגעבן זייער פרייע צייט וויסנשאפטליכער פארשונג.

צווישן די דאזיקע אייראפעיש־געבילדעטע ראבינער זיינען געווען, ווי מיר וועלן ווייטער זען, גלענצנדיק באגאבטע וויסנשאפטס־מענער, זיי זיינען אבער געווען פראפעסיאנעלע טעאלאגן, און דאס האט געמוזט צוגעבן זייער וויסנשאפטליכער, ווי אויך געזעלשאפטליכער ארבעט א באשטימטן קאלאריט. אט דערפאר טאקע טיילט זיך צווישן זיי אזוי שארף ארויס דער איינציקער מאן, וואס איז זיינען בכלל פרעמד געווען טעאלאגישע פראבלעמען, דער איינציקער „עם הארץ״ צווישן תלמידי חכמים וואס האט זיך פארנומען אויסשליסליך מיט ריין עולמישע פראגן. גבריאל ריסער האט דער דאזיקער מאן געהייסן.

גבריאל ריסער איז געבארן אין האמבורג אין א יחסנישער פאמיליע. זיין מוטערס פאטער איז געווען דער באוווסטער האמבורגער רב רפאל כהן [1]. זיין פאטער, אליעזר ריסער, א גרויסער למדן, וואס האט שוין באזעסן אייראפעישע בילדונג, און ווען עס האט אויסגעבראכן דער קאמף ארום דעם האמבורגער „רעפארם־טעמפל־פעריין״, איז ריסער ארויסגעטראטן (אין 1818) מיט אן אפענעם „זענדשרייבען״, וווּ ער באקעמפט די האמבורגער ארטאדאקסישע רבנים און זייערע מיטהעלפער דערפאר, וואס זיי ווילן ארויסרופן א צעשפאלטונג אין דעם יידישן קבוץ [2]. זיין יינגסטער זון, גבריאל, האט שוין באקומען א ריין דייטשע דערציאונג. ער איז געווען באהבנט אין די גריכישע און רוימישע דיכטער, געלייענט אויך אין אריגינאל די איטאליענישע דיכטער, נאר פון דער יידישער געשיכטע און קולטור האט ער גענאסן בלויז אויבן שפּיץ מעסער, און איז קוים געווען אימשטאנד צו לייענען א פרשה חומש אין אריגינאל. ער האט זיך גערעכנט פאר אן עכטן דייטש און איז געווען פעסט איבער־

ראבינערס פאסטן אין דארמשטאט בלויז דערפאר, וואס דער בערלינער רב יעקב־יוסף עטינגער, האט צונצן אטעסטירט אלס אוכל טריפות און מחלל שבת בפרהסיה. גרעץ האט זיך אפגעזאגט פון דער ראבינער־קאריערע, ווייל ער האט ארויסגעוויזן צו קנאפע פעיקייטן אלס קאנצל־רעדנער. אויך שטיינשניידער האט זיך די ערשטע צייט געגרייט צום ראבינער־פאסטן.

1 זע אונזער ווערק, באנד VII, ערשטער בוך, 59, 125—126, 234—236.

2 זע אונזער ווערק, באנד VII, צווייטער בוך, 306.

ציגט, אז יידן אלס נאציע האבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן זינט חורבן־ירושלים און זיינען איצט ניט מער ווי א רעליגיעזער קיבוץ. און ווען איינער פון די דעפוטאטן אויף דער פראנקפורטער נאציאנאל־פארזאמלונג האט גערעדט וועגן די יידן ווי וועגן א „פאלקסשטאם", איז ריסער, וואס איז אויך געווען א פארלאמענט־מיטגליד, מיט גרויס אימפעט ארויסגעטראטן קעגן „דיזעם טרויםגעבילדע דער נאציאנאליטעט" און האט מיט גרויס פאטאס פארזיכערט, אז יידן זיינען בלויז „איין טייל דעם דויטשען פאלקעס", אויף דעם סמך, וואס זיי זיינען אין דייטשלאנד געבארן און ריידן דייטש [1], און אונטערשיידן זיך בלויז מיט זייער רעליגיע, ווי קאטאליקן פון פראטעסטאנטן. פון דער יידישער אמונה האט אבער ריסער פאקטיש אויך קארג וואס געהאלטן; ער האלט ניט בלויז דעם תלמוד פאר „פערשאלען" — פאר אן אפגעלעבטע זאך, ער איז אויך קעגן דעם יידישן ריטואל בכלל, געפינט, אז מען דארף אפשאפן די מצות־מילה [2]. אימפאנירט האט אים בלויז דער פונדאמענטאלער זאץ: „שמע, ישראל, ד' אלהינו, ד' אחד!" [3].

און דאך — די לאגיק פון דער געשיכטע ברענגט דאך צו אויס־טערלישע פאראדאקסן. די רעכטלאזע לאגע פון די יידן אין דייטשלאנד אין דער רעסטאוראציע־תקופה האט געבראכט דערצו, אז דער רויקער און געלאסענער ריסער מיט זיין וועלטבאנעם פון א בירגערליכן מעסיקן ליבעראל, וואס האט געלייקנט אין דער נאציאנאלער עקזיסטענץ פון דעם יידנטום און זיך גערעכנט פאר א פולשטענדיקן דייטש, — זאל ווערן דער מוטיקער, אומדערמידליכער קעמפער פאר זיינע ברידער, און „דער יודע" זאל ביי אים ווערן אן ערן־טיטל, וועלכן ער האט מיט שטאלץ געטראגן ווי א קאמפס־פאן...

ביים ערשטן ארויסטרעטן אין פראקטישן לעבן, ווי נאר דער 23־יאריקער ריסער האט זיין דאקטאר־עקזאמען געמאכט (ער האט שטו־דירט יורידישע וויסנשאפטן), האט ער, דער פאטריאטישער „דייטש", גלייך זיך איבערציייגט, אז ער איז א רעכטלאזער פאריע. ער האט בדעה זיך אפצוגעבן וויסנשאפטליכער ארבעט, און צו דעם צוועק וויל ער אין זיין „אלמא־מאטער", אין היידעלבערגער אוניווערזיטעט, וווּ ער האט שטודירט, באקומען א פריוואט־דאצענט שטעלע. מען שטעלט אים דערביי א באשטימטע באדינגונג: איבערגיין צום קריסטנטום. דעם זעלביקן פארשלאג מאכט מען אים אויך אין זיין געבורטס־שטאט, בשעת ער וויל

---

1 גבריאל ריסערס „געזאמעלטע שריפטען", I, 419—420.

2 „אללגעמיינע צייטונג דעס יודענטומס", 1843, 481.

3 גבריאל ריסערס „געזאמעלטע שריפטען", I, 539.

זיך פֿאַרשרײַבן אין דער אַדוואָקאַטן-קאָרפּאָראַציע, און אינם יענער אוניווערזיטעט, וווּ ער האָט געוואָלט לייענען לעקציעס וועגן רעכט. אַ באַליידיקטער און צאָרנדיקער פֿאָרט ריסער אָפּ אין פֿרילינג 1830 אויף אַ פּאָר מאָנאַט קיין פּאַריז, וווּ עס פֿילן זיך שוין די צוקונגען פֿון דעם אָנקומענדיקן שטורעם. און ווען די יולי=רעוואָלוציע ברעכט אויס, און די עלעקטרישע פֿונקען פֿון דעם שטורעם=ווינד האָבן אויך דערפֿרישט די שטיקנדיקע אַטמאָספֿערע פֿון די דײַטשע לענדער, — ווערט אויך ריסער מיטגעריסן, ער דערפֿילט זײַן באַרוף: ניט אַ וויסנשאַפֿטסמאַן, ניט אַ פּראַקטישער פֿון רעכט וועט ער ווערן, נאָר אַ טאַפּפֿערער קעמפֿער פֿאַר רעכט און פֿרײַהייט פֿון זײַנע „גלויבנס גענאָסן״...

מיר האָבן געזען, ווי בנוגע זײַן פֿאַרהאַלטן צום היסטאָרישן ייִדנטום איז ריסער געשטאַנען גאַנץ נאָענט צום וועלט=באַנעם פֿון פֿרידלענדערן און פֿון נאָך אַזוינע ווי ער. אויפֿן אַנטשיידנסטן אופֿן האָט אָבער ריסער אָפּגעוואָרפֿן די טאַקטיק פֿון די ייִדישע נאָטאַבלען אויס דעם פֿריערדיקן דור. ער וויל ניט וויסן פֿון שתּדלנות, פֿון הכנעהדיקע פּעטיציעס בײַ דער מאַכט. מיט ביטול און פֿאַראַכטונג פֿאַרהאַלט ער זיך אויך צו דעם, וואָס די אָרטאָדאָקסן, ווי אויך אויפֿגעקלערטע, דערלויבן זיך אַפֿילו בײַ זייער קולטור=קאַמף, וואָס זיי פֿירן צווישן זיך אין זייערע קהילות, זיך צו ווענדן צו דער הילף פֿון דער מאַכט [1].

בײַ זײַן ערשטן עפֿנטליכן אַרויסטריט ווענדעט ער זיך מיט אַ שטאָלצן אויפֿרוף: „אָן די דײַטשען אַללער קאָנפֿעסיאָנען״. „איבער די שטעלונג דער בעקענער דעס מאָזאַישען גלויבענס אין דײַטשלאַנד״ — אַזוי הייסט ריסערס ערשטע אַרבעט, מיט וועלכער ער איז אַרויסגעטראָטן סוף 1830. ריסער וויל ניט וויסן פֿון אַפּאָלאָגעטיק, פֿון פֿאַרענטפֿערן זיך קעגן די ייִדן=פֿײַנדלעכע באַשולדיקונגען און פֿאָרוואָרפֿן; ער פֿאָדערט פֿון זײַנע „גלויבענס גענאָסען״ קודם כּל זעלבסטאַכטונג און ערנגעפֿיל; ער וויל אַז זיי זאָלן מענטשן מיט גלײַכע רוקנס, מיט שטאָלצן זעלבסט=באַוווּסטזײַן. ריסער ווייסט זייער גוט, אַז אַפֿילו אין דער פּראָגרעסיווער דײַטשער געזעלשאַפֿט, וואָס איז פֿרײַ געווען פֿון אַנטיסעמיטיזם, האָט מען זיך דאָך צו די יודן ניט פֿאַרהאַלטן ווי צו „זײַן גלײַכן״. די דורות=לאַנגע קנעכטישע לאַגע פֿון רעכטלאָזע פֿאַריער האָט אומבאַוווּסט געווירקט אויף דער פּסיכיק פֿון דער ליבעראַלער דייטשער געזעלשאַפֿט, זי זאָל קוקן

[1] בעדינט אײַך — וואָרנט ריסער — אַלער מיטעל דער איבעררעדונג, דיע אײַך אײַער געוויסען אײַנגיבט; אַבער אום אַללעס אין דער וועלט היטעט אײַך פֿאַר אײַנעם בינדניס מיט דער געוואַלט, דאַס אײַך אונד אײַער זאַכע פֿיר אַללע צײַטען בראַנדמאַרקען, אונד אײַך אונד זיע אײַנעם טיעפֿען האַס אונד פֿיר דען פֿאַל אײַנעס אומשוואונגעס דער פֿערהעלטניססע שלימען רעאַקציאָנען פּרײַז געבען ווירד.

אויף דעם אין געטא פארשפארטן ייִדן פון אויבן אראפ, מיט א נעבעך און מיטלייד-געפיל. דאס באליידיקט ריסערס זעלבסט-געפיל. ער דערקלערט פאר לעכערליך די פאָדערונג, אז ייִדן, בכדי מען זאָל זיי מזכה זיין מיט דער געווינטשטער עמאנציפאציע, דארפן ערשט פריער דערווייזן, אז זיי זיינען נוצליכע בירגער. מיר ווילן ניט — ווענדעט זיך ריסער צו די דייטשע בירגער — ביי אייך בעטן בירגער-רעכט, וואָרום מענטשן-רעכט ווערן ניט געבעטלט, נאָר געפאָדערט; זיי געהערן אונז ניט ווייניקער ווי אייך; דאס ווערט געפאָדערט אין נאָמען פון פרייהייט, אין נאָמען פון מענטשן-ערע! ריסער געדענקט, ווי מען האט אים פארגעלייגט, ער זאָל דורכמאכן אן „אומשולדיקע צערעמאָניע", ד"ה, אננעמען לפנים דעם קריסט-ליכן גלויבן, און דורך דעם זיך דערווערבן א פריוואט-דאָצענטור-שטעלע. מיט שפאט און גאליקן סארקאזם אנטבלויזט ער אט דעם שאכערישן האנדל, ווי מען באשענקט מיט ספעציעלע פרעמיעם פאלשקייט און נידערטרעכטיקייט. מיט פייערדיקן פאטאס שטעלט ער צום שאנד-סלופ דעם שריט, וואס אזא באדייטנדיקער טייל פון דער ייִדישער אינטעלי-גענץ האט געמאכט: דורך טויף-וואסער בירגער-רעכט צו דערווערבן. עס איז, — דערקלערט ער, — א פראגע פון עלעמענטארן ערנגעפיל, אז ווען אפילו מען איז אין הארצן נוטה צו דער הערשנדיקער קירכע, דארף מען דאָך ניט פארלאָזן דעם אייגענעם קיבוץ, כל-זמן די זון פון פרייהייט האט איבער די ייִדן נאָך ניט אויפגעשיינט. ער ווענדעט זיך אויך צו די קריסטן און דריקט אויס זיין פארווונדערונג, ווי קאָנען יענע זיך פאר-האלטן מיט אכטונג צו זייער אייגענער אמונה, בעת זיי זעען, אז זי ווערט אויסגענוצט אלס שאכעריי-מיטל, און ווי קויפער קויפן דורך גאָלד פרויען-ליבע, ווערן דורך טויף-וואסער מענטשן-רעכט פארשאכערט

פאר ריסערס טאקטיק איז כאראקטעריסטיש פאָלגנדיקער פאקט. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, ווי קריטיש ער האט זיך פארהאלטן צום ייִדישן ריטואל. און דאָך האט ער זייער קאלט און צוריקהאלטנדיק זיך אָפגערופן אויף דעם פראנקפורטער „פאראיין פון רעפאָרם-פריינד", וואס איז אין 1842 ארויסגעטראָטן מיט א ראדיקאלן פראָגראם אוים פאָלגנ-דיקע דריי פונקטן: 1) מיר אָנערקענען, אז די מאָזאַישע רעליגיאָן איז אימשטאנד אומאונטערגעבראָכן זיך ווייטער צו אנטוויקלען (די מעגליכקייט איינער אונבעשרענקטען פאָרטבילדונג). 2) די זאמלונג פון פלערליי שקלא-וטריאס, פארשונגען און פארשריפטן, וואס טראָגט דעם נאָמען תלמוד, האט פאר אונז קיין שום אווטאָריטעט ניט — ניט אין דאָגמאטישער, ניט אין פראקטישער הינזיכט. 3) ניט מיר ווארטן, ניט מיר האָפן אויף משיחן, וואס זאָל די ייִדן צוריקפירן קיין ירושלים. מיר אָנערקענען ניט

קיין שום אנדער פאָטערלאַנד, ווי נאָר דאָס, וווּ מיר זיַינען געבאָרן, און וואָס מיר זיַינען זיַינע בירגער [1].

די ביבל — דערקלערט ריסער מיט סאַרקאַזם — ווערט (ביַי די „רעפאָרם-פריַינד") העפליכסט געשאַנט, וויַיל זי געפינט זיך אין בכבודיקער קרבות מיטן קריסטנטום און מיט „דער האָהען פּאָליציי". ריסער איז חושד, אַז אין דעם דאָזיקן פּראָקלאַמירטן פּראָגראַם איז באַהאַלטן אַ הכנעה-דיקער פּרווו דורך דעם אָפּזאָגן זיך פון דעם „אָבערגלויבערישן תלמוד" בירגער-רעכט אויסצובעטלען. ריסער געפינט, אַז פאַר די ייִדישע פריַי-דענקער וואָלט געפּאַסט אַרויסצוטרעטן מיט אַזוינע דערקלערונגען ערשט דעמאָלט, ווען אויך די קריסטליכע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט וועט דורך פּראַקטישע טריט, ניט בלויז דורך וויסנשאַפטליכער קריטיק, פּרוּוון באַזיַיטיקן דעם ווידערשפּרוך, אין וועלכן דאָס קריסטנטום געפינט זיך מיט דעם מאָדערנעם וועלט-באַנעם.

אינטערעסאַנט איז אויך פאָלגנדיקער פּרט. מיר האָבן אין פאַריקן באַנד געזעען, ווי פרידלענדער [2] און דער „סולאַמיט" [3] האָבן זיך געפליַיסט צו דערוויַיזן, אַז דער נאָמען „יודע" איז אַ שריַיענדיקער אַנאַכראָניזם, און ער דאַרף פאַרביטן ווערן דורכן מער בכבודיקן „איזראַ-עליט". די ייִדישע סוחרים און באַנקירן בעטן ביַי די באַאַמטע, זיי זאָלן באַצייכענען אין די פּעסער זייער אָפּשטאַמונג ניט מיטן וואָרט „יודע", נאָר דורך אַזוינע אויסדריקן ווי „אַלט-טעסטאַמענטליכער", „מאָזאַישער גלויבענסגענאָסע" וכדומה. אויך אין דעם האָט ריסער געזען אַ זעלבסט-דערנידערונג. „ווען אונגערעכטער האַס — פרעגט ריסער — אַן אונזערם נאָמען האַפטעט *, זאָלען וויר איהן דאַן פערלייגנען, שטאַט אַלע קראַפט דאַראַן צו זעצען איהן צו עהרען צו ברינגען ?".

און ריסער איז געווען אַ נאה דורש ונאה מקיים. האָט די אָפּ-געשטאַנענע קריסטליכע געזעלשאַפט צום נאָמען „יודע" זיך פאַרהאַלטן מיט ביטול און פאַראַכטונג, האָט ריסער אים מיט שטאָלץ אין אַ קאַמף-לאָזונג פאַרוואַנדלט, און מיט אים באַקריינט זיַין קאַמף-ציַיטונג, וואָס ער האָט געגרינדעט אין 1832. און די ציַיטשריפט „יודע" האָט געוועקט דאָס רעספּעקט-געפיל ניט נאָר ביַי די ייִדן, נאָר אויך אין דער קריסטליכער

1 באריכות וועגן דעם דאזיקן פראגראם זע ריסערס געזאמעלטע שריפטן, I, 255—356; ריסערס עפנטליכע דערקלערונג אין „אלגעמיינע ציַיטונג דעס יודענטומס" 1843—481; ש. בערנפעלד „תולדות הריפורמציון הדתית", 153—158.

2 זע אינזער וועדק, באנד VII, ערשטער בוך, 143.

3 זע אונזער ווערק, באנד VII, צווייטער בוך, 237—38.

* האפטעט — צוגעשטאנען, צוגעקלעפּט.

געזעלשאפט. דער „יודע" איז געווארן דער אנערקענטער באנען־טרעגער פונם יידישן יונג־דייטשלאנד. אין משך פון א גאנץ קורצער צייט איז גבריאל ריסער געווארן די פאפולערסטע פערזענליכקייט ביים דייטשן יידנטום, דער אנערקענטער בעסטער יידישער פובליציסט און מוטיקער קעמפער פארן כבוד און פאר די רעכט פון זיינע „גלויבענסגענאסען"...

ריסער האט אומדערמידליך געפלייסט זיך קלאר צו מאכן זיינע „גלויבענסברידער", אז באם זיי פאדערן גלייכבארעכטיקונג, דארפן זיי קודם־כל אליין זיך פילן גלייכווערטיק מיט אלע מיטבירגער, אויסווארצלען פון זייער באוווסטזיין אלע קנעכטישע געפילן, ניט קוקן אויף דער קריסטליכער וועלט ווי אויף א העכערער וועלט, צו וועלכער מען דארף זיך ערשט דערהייבן. נאך פיל ווייטער איז געגאנגען א צווייטער שריפטשטעלער, א יונגער העגעליאנער, וואס איז בנוגע דעם טראדיציאנעלן יידנטום געווען נאך א ווייט גרעסערער „עם הארץ" ווי ריסער, ווארום ריסער איז דאך וויניקסטנס אויסגעוואקסן אין דעם הויז פון א תורני און א משכיל, דעם יונגן העגעליאנערס פאטער אבער איז געווען איינער פון די יידישע אינטעליגענטן, וואס האבן די טויף־וואסער אויסגענוצט אלס א קאריערע־סגולה. מיר מוזן זיך אבער דא קודם־כל אפשטעלן אויף דער גרויסער סענסאציע, וואס ס'האט אין די יידישע קרייזן ארויסגערופן אין אנפאנג פון די 40־ציקער יארן דער באוווסטער ראדיקאלער דענקער, ברונא בויער, מיט זיינע צוויי ארטיקלען „צור יודענפראגע" און „די פעיִגקייט דער הייטיגען יודען אונד קריסטען פריי צו ווערדען". ברונא בויער האט זיך קונה־שם געווען מיט זיינע קריטישע עוואנגעליום־פארשונגען, ווו ער האט בנוגע דעם קריסטנטום ארויסגעזאגט ניט וויניקער ראדיקאלע געדאנקען ווי פייערבאך. אלס טעאלאג פון פאך און אטעיִסט לויט איבער־צייגונג, האט בויער געזען אין דער רעליגיע דעם אורקוואל און די הויפט־סיבה פון דער פארקנעכטונג און אומגערעכטיקייט, וואס געוועלטיקט אין דער געזעלשאפט. צעשטערן, אומברחמנותדיק באקעמפן די דאזיקע הויפט־סיבה — דאס איז לויט בויערס איבערצייגונג דער ריכטיקסטער וועג, וואס פירט צו פרייהייט און גערעכטיקייט. אט פון דעם שטאנד־פונקט טרעט אויך בויער צו צו דער יידן־פראגע. ער זעט אין דער יידן־פראגע קודם־כל א רעליגיעזע פראגע. בעת, — דערקלערט בויער אין לאנג־גארנדיקע פילאזאפיש־דיאלעקטישע פראזן, — די יידן פאדערן פון דער קריסטליכער מלוכה, זי זאל זיי עמאנציפירן, פאדערן זיי דאך פאקטיש, יענע זאל זיך באפרייען פון איר רעליגיעז־קירכליכן אבערגלויבן, זאל שלום מאכן מיט די יידן — מיט די גיפטיקסטע שונאים פון דער „שטאאטס־רעליגיע". נאר איידער די יידן גופא באפרייען זיך פון זייער

אייגענע פאָראורטיילן, ווי קאָנען זיי דאָס פאָדערן פון אַנדערע? פּאָליטישע עמאַנציפּאַציע קאָן מען דערוואַרטן בלויז פון אַזאַ מלוכה, וואָס האָט זיך באַפרײַט פון אַלע רעליגיעזע בענדער און איז אויפגעבויט אויף פילאָזאָפישע יסודות. ווילן די ייִדן פרײַ ווערן, דאַרפן זיי קעמפן פאַר דער באַפרײַונג פון דער גאַנצער מענטשהייט פון דעם רעליגיעזן קאַשמאַר, און קודם־כל זיך גופא עמאַנציפּירן פון זייער אייגענער רעליגיע, פאַרגעסן, אַז זיי זײַנען ייִדן, און ווערן פרײַדענקענדיקע אוניווערסאַלע מענטשן. ווער עס וויל — זאָגט בויער מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל — באַפרײַען די ייִדן אַלס י י ד ן, דער שטעלט פאַר זיך אַ האָפענונגסלאָזע, ניט דערגרייכבאַרע אויפגאַבע. דער נאַרט זיך דאָך אַליין אָפּ, ווער עס פּרוּווט ווײַס־וואַשן אַ שוואַרצן נעגער. ווי פײַנדליך עס פאַרהאַלט זיך דער ראַדיקאַל בויער צום קריסטנטום, דאָך געפינט ער, אַז די קריסטליכע אמונה אַלס אוניווערסאַלע רעליגיע און ווײַטערע שטופע אין דעם אַנטוויקלונגספּראָצעס פון דעם „זיך זעלבסטדערקענענדיקן גײַסט“, שטייט אויף אַ העכערער מדרגה פון דער ייִדישער, און די הײַנטיקע קריסטן באַזיצן דערפאַר אין אַ באַדײַטנדיק גרעסערער מאָס ווי די הײַנטיקע ייִדן די פעיִקייט „פרײַ צו ווערן“.

קעגן בויערס פילאָזאָפיש־אַנטיסעמיטישע סאָפיזמען זײַנען אַרויסגעטראָטן פיל שריפטשטעלער, צווישן זיי אויך דער אויבנדערמאָנטער יונגער העגעליאַנער פון דעם עקסטן לינקן פליגל, בויערס אַ פרײַנד און געוועזענער מיטקעמפער. גאַנץ ווייניק באַקאַנט איז נאָך דעמאָלט דער דאָזיקער יונגער שריפטשטעלער געווען, ער האָט אָבער שפּעטער מיט פעסטער האַנט אײַנגעקריצט זײַן נאָמען אויף די לוחות פון דער וועלטגעשיכטע אַלס גאָונישער באַשעפער פון אַ נײַעם וועלט־סיסטעם, אַלס לערער און פירער פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן. קאַרל מאַרקס האָט דער יונגער העגעליאַנער געהייסן.

אין זײַן ענטפער, וואָס מאַרקס האָט פאַרעפנטליכט אין די „דײַטש־פראַנצויזישע יאַהרביכער“ 1, ווײַזט ער אָן, ווי אומבאַגרינדעט און באַרנלאָז עס זײַנען בויערס מעטאַפיזישע חקירות וועגן דער ייִדן־פראַגע, ווו ער מישט צונויף דעם באַגריף פּאָליטישע עמאַנציפּאַציע מיט אַלגעמיין־מענטשליכע. בכדי די מלוכה זאָל עמאַנציפּירן די ייִדן, דאַרף זי זיך דאָך נים אָפּזאָגן פון דער רעליגיע בכלל, נאָר פון דעם פּרינציפּ „שטאַאַטס רעליגיאָן“, אַז די קריסטליכע רעליגיע זאָל ניט זײַן די הערשנדיקע אינעם לאַנד.

1 פאַריז, 1844, ז׳ 204—244. אַ הײַסערדיקן אַרטיקל אויף דער זעלביקער טעמע האָט מאַרקס פאַרעפנטליכט אין דער, צוזאַמען מיט ענגעלסן אין 1845 פאַרעפנטליכטער זאַמלונג „די הייליגע פאַמיליע“.

מארקס באנגיגט זיך אבער ניט בלויז דערמיט. ער מאכט אויך
דעם דרייסטן פרווו צו באטראכטן די יידן=פראגע ניט אלס רעליגיעזע,
נאר קודם=כל אלס סאציאל=עקאנאמישע פראגע. מען מוז אבער דערביי
נעמען אין באטראכט, אז מארקס, דער צוקינפטיקער באשעפער פון דעם
„היסטאריש=מאטעריאליסטישן" וועלט=באנעם, האט נאך דעמאלט, ווען ער
האט זיין וויכוח מיט בויערן געפירט, ניט אינגאנצן גובר געווען העגעלס
מעטאפיזיש=אידעאליסטישע אבסטראקציעס. עס הערן זיך נאך דערפאר
אין זיין „צור יודען=פראגע" נאכקלאנגען פון אזעלכע ספעקולאטיוו=אידע=
אליסטישע געדאנקען, קעגן וועלכע מארקס גופא איז שפעטער ארויסגע=
טראטן מיט דער גאנצער מאכט פון זיין צעשטערנדיקער קריטיק. מיר
האבן שוין פריער אנגעוויזן, אז מארקסן איז געווען גאנץ פרעמד דאס
היסטארישע יידנטום. אפילו דאס דייטשע יידנטום פון זיין צייט איז
אים געווען גאנץ ווייניק באקאנט. גלייך מיט דער דייטשער אינטעלי=
גענץ האט אויך ער ווייניק געוווּסט פון די יידישע בעלי=מלאכות און
קליינע הענדלער, וואס האבן געלעבט אין דחקות אין די ענגע געטא=
געסלעך פון פראנקפורט און פון אנדערע שטעט. מארקס האט בלויז
געוווּסט וועגן די יידישע באנקירן און פאבריקאנטן, וואס האבן פארנומען
די פאדערשטע רייען פון דער דייטשער בורזשואזיע, זיינען געווען די
אקטיווסטע און פעיקסטע פארשטייער פון דעם נצחנישן קאפיטאליזם, אין
וועלכן מארקס האט שוין דעמאלט געזען דעם ציל=שייב פון זיין לעבנס=
קאמף. איצט ווייסט יעדערער, מיט וואס פאר א שארפער דיאלעקטיק
מארקס האט שפעטער פארטיידיקט דעם געדאנק, אז יעדע נאציע באשטייט
פון פארשיידענע קלאסן, און יעדער קלאס קעמפט פאר זיינע באזונדערע
אינטערעסן. אין זיין „צור יודען=פראגע" געפינט זיך נאך אבער דער יונגער
מארקס אונטער דער השפעה פון העגעלס אידעאליסטישע אבסטראקציעס,
לויט וועלכע יעדעס פאלק ווערט באטראכט אלס באשטימטער עטאפ אין
דעם „זעלבסטבאוווּסטזיין" פון דעם וועלט=גייסט. דערפאר פארבייט דער
יונגער מארקס אויף א גאנץ „אנטימארקסיסטישן" אופן דעם קלאסן=
באגריף דורך א רעליגיעז=נאציאנאלן, און זעט אין דעם יידישן פאלק דעם
פראווידענציעלן טרעגער פון דעם קאפיטאליסטישן גייסט. אין דער פאר=
עלטערטער אבסטראקט=העגעליאנישער פארם לייגט אבער דער יונגער
פארפאסער אריין א נייעם „מארקסיסטישן" אינהאלט.

די יידן=פיינדליכע שריפטשטעלער האבן אזוי פיל געלארעמט וועגן
דער געלט=גיריקייט, וועגן דעם שאכער=גייסט און נידעריקער מאראל פון
די יידן. מארקס איז הימל=וויט פון אפאלאגעטיק. פון דעם, וואס מיר
האבן שוין פריער געשריבן, איז גאנץ קלאר, ווי ווייניק מארקס איז גע=

זאָגען געוועזן צו אידעאליזירן „דען אלטאגס=יודען", דעם ייִדן פון דער פראַקטישער, וואָכענדיקער ווירקליכקייט. ער דערקלערט באַשטימט: „דער וועלטליכער יסוד פונם ייִדנטום איז — פראַקטישע באַדערפעניש, עגאָיזם (אייגננוץ); דער וועלטליכער קולט פון די ייִדן איז דער שאַכער, דער וועלטליכער גאָט פון די ייִדן — דאָס געלט". מיר ווייסן, ווי פיל פון דער קריסטליכער געזעלשאַפט האָבן געזועען דעם מקור פון דער ייִדישער „פאַרדאָרבנקייט" אינם תּלמוד מיט זײַנע „אָבערגלויבנס". ניין, דערקלערט מאַרקס, „ניט אין חומש, אָדער אין תּלמוד, נאָר אין דער הײַנטיקער געזעלשאַפט געפינען מיר דעם תּוך פון דעם הײַנטיקן ייִדן; ניט אַן אַבסטראַקטן תּוך, נאָר אַ אין העכסטן גראַד עמפּירישן; ניט אַלס באַדינגונג פון דעם ייִדנס באַגרעניצטקייט, נאָר אַלס באַדינגונג פון ייִדישער באַגרעניצטקייט * פון דער גאַנצער בירגערליכער געזעלשאַפט".

דער קאַפּיטאַליסטיש=הענדלערישער גייסט בײַ ייִדן, שטרײַכט מאַרקס אונטער, איז נישט באַדינגט דורך זײַנע ספּעציפישע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, ער איז אַ פּראָדוקט פון דער אייראָפעיִשער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. „דאָס ייִדנטום — דערקלערט מאַרקס — האָט זיך אויפגעהיט ניט קעגן דעם גאַנג פון דער געשיכטע, נאָר טאַקע אַדאַנק איר; פון איר אייגענער טראַכט געפוירט שטענדיק די בירגערליכע געזעלשאַפט דעם ייִדן". דער פּראַקטישער גײַסט פון דעם ייִדנטום איז דאָך דער פּראַקטישער גײַסט פון אַלע קריסטליכע פעלקער... מיר זעען אין דעם ייִדנטום פאַרקערפּערט דעם אַלגעמיינעם, דורך דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג געשאַפענעם, אַנטיסאָציאַלן עלעמענט פון דער געגנוואַרט. „אַזאַ געזעלשאַפט=אָרגאַניזאַציע, וואָס וואָלט באַזײַטיקט די מעגליכקייט פון שאַכעריי, ד"ה, וואָלט געמאַכט אוממיגליך די עקזיסטענץ פון הענדלער, וואָלט געמאַכט דערמיט גופא אוממעגליך די עקזיסטענץ פון דעם הײַנטיקן ייִדן... מיר אָנערקענען אין די ייִדן דעם אַלגעמיינעם אַנטי=סאָציאַלן עלעמענט פון דער געגנוואַרט, וואָס האָט (דער סאָציאַלער עלעמענט) דורך זײַן היסטאָרישער אַנטוויקלונג, בײַ דער ענערגישער מיטהילף פון די ייִדן, דערגרייכט בײַ הײַנטיקן טאָג צו אַזאַ הויכער מדרגה, אַז עס מוז זיך שוין איצט אָנפאַנגען דער פּראָצעס פון זײַן צעפאַל".

„די געזעלשאַפטליכע עמאַנציפּאַציע — פירט מאַרקס אויס — דאַרף קודם=כּל באַשטיין אין דעם עמאַנציפּירן די גאַנצע געזעלשאַפט פון דעם בײַ איר אײַנגעבירגערטן שאַכער=עלעמענט".

וואָס פאַר אַ ווײַטע דיסטאַנץ עס טיילט אָפּ די ייִדישע אויפקלערער (די פרינדלענדערס און די וואָלפזאָנס) מיט זייער התבטלות פאַר

* דאָס וויל בײַ מאַרקסן פּאַקטיש הייסן קאַפּיטאַליסטישע באַגרעניצטקייט.

דער מאָדערנער קריסטליכער וועלט, פון דעם יונגן מארקסן, דעם צוקינפט־טיקן שטורמער פון דער בורזשואזער וועלט, דעם טעאָרעטישן באגרינדער און אָנזאָגער פון דעם קומענדיקן שטרענגן וועלט־משפט. לי נָקָם וְשִׁלֵּם!..

פאר דעם פון דרויסן שטייענדיקן מארקסן האָט עקזיסטירט בלויז דער „אלטאגסיידע“, דער אויסשליסליך אין וואָכעדיקע געלט־אינטערעסן פארטאָנענער יידישער קאפיטאליסט און באנקיר, — די יידישע אינטעליגענטן אָבער, וואָס האָבן שטודירט אין יידישע סעמינאַרן און זיך פאר־נומען מיט יידישער וויסנשאפט, זיי האָבן אויך געוווּסט פון „שבת־יומטובדיקע יידן“, וואָס זיינען אויפגעוואקסן אויף די טראדיציעס פון דעם היסטאָרישן יידנטום. מיר האָבן געזעען, ווי שטארק עס איז דעמאָלט ביי דער קריסטליכער פארטשריטליכער אינטעליגענץ געווען דער אינטערעס צו רעליגיעזע פראָבלעמען. אין נאָך אַ באדייטנדיק גרעסערער מאָס האָט דאָס געמוזט פארקומען ביי דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט דאָך אין דער יידישער אמונה געזען דעם איינציקן פאקטאָר, וואָס טיילט זי אויס פון דער ארומיקער קריסטליכער אייראָפעישער וועלט. ברונאָ בויער האָט רויק געקאָנט זיין אַ איבערצייגטער אטעיסט און אנטשיידענער קעגנער פונם קריסטנטום, און דאָס האָט כלל ניט אָפגעשוואכט זיין נאציאָנאל געפיל; אין די שפעטערע יאָרן איז ער אפילו געווען אַ הייסער אָנהענגער פון ביסמארקס נאציאָנאליסטישער פאָליטיק. אנדערש איז אָבער די לאגע געווען ביי דער יידישער אינטעליגענץ. זי האָט דאָך אין דעם יידישן קיבוץ געזעען בלויז אַ רעליגיעזע סעקטע; אלס איינציקן פארבינדונגס־רינג האָט מען אָנערקענט בלויז די יידישע אמונה; ווער עס האָט אָבער איר אוטאָריטעט ניט געוואָלט מער אָנערקענען, האָט ער דאָך לאָגיש געמוזט קומען צום אויספיר, אז ער איז — „מחוץ למחנה“ — אויסער יעדן פארבאנד מיטן יידישן קיבוץ. דאָס געפיל, ריכטיקער — דאָס אומ־באוווּסטע נאציאָנאלע געפיל, האָט זיך אָבער געפונען אין פולער כתירה מיט דער טרוקענער לאָגיק. האָט מען געזוכט אויסוועגן; געבויט פאר־שיידענע טעאָרעטישע לופט־שלעסער, געפרוווט מיט דיאלעקטישן שפין־געוועב פארענטפערן די שרייענדיקע סתירות, פארדעקן דעם „קֶרַע שֶׁבַּלֵּב“...

טיפיש איז אין דער הינזיכט דער פארדינסטפולער פובליציסט און געלערנטער לודוויג פיליפזאָן.

לודוויג פיליפזאָן איז געבאָרן (דעצעמבער 1811) אין דעסוי, אין דער פאמיליע פון דעם אין זיין צייט באקאנטן משכיל און פעדאגאָג משה בן אורי, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין שלום כהנס „מאסף“, פארעפנטליכט אַ לערנבוך „מודע לבני בינה (1801—1810) און איז געשטאָרבן

אויפן 39טן יאָר פון זײַן לעבן (1814). זייער פרי אַ יתום געבליבן, האָט דער קליינער לודוויג פאַרבראַכט זײַנע יונגע יאָרן אין דהקות, און שוין אַלס גימנאַזיע־שילער געמוזט זאָרגן וועגן חיונה. צו נײַנצן יאָר האָט פיליפזאָן פאַרעפנטליכט זײַן פאָרשונג וועגן די צוויי יידיש־גריכישע שריפטשטעלער „עצעכיעל אונד פילו״; אין אַ יאָר אַרום (1831) האָט ער פאַרענדיקט זײַן אין לאַטיין געשריבענע דיסערטאַציע וועגן אַפּלטונס און אַריסטוס אַנשויונגען בנוגע דעם בוי פון דעם מענטשנס קערפּער און זײַן דענקונגס־פעיִקייט. דאָס דאָזיקע ווערק האָט דעם יונגען פיליפזאָן געשאַפן אַ נאָמען אין דער געלערטער־וועלט [1]; אין 1833 האָט די מאַרבורגער קהילה איינגעלאַדן פיליפזאָנען אַלס פרעדיגער און ראַבינער.

דער ענערגישער און טאַטלוסטיקער פיליפזאָן האָט זיך אָבער ניט געוואָלט באַגניגן בלויז מיט קהילה־ענינים. אין 1837 האָט פיליפזאָן געגרינדעט זיין וואָכנשריפט [2] „אַללגעמיינע צייטונג דעם יודענטומס״, וועלכע ער האָט מיט אומדערמידליכער ענערגיע רעדאַקטירט אין משך פון איבער 50 יאָר [3]. די דאָזיקע וואָכנשריפט האָט געהאַט אַן אויסשליסליכן דערפאָלג. זי איז געלייענט געוואָרן מיט גרויס אינטערעס ניט בלויז אין דייטשלאַנד, נאָר טאַקע „בכל תפוצות ישראל״. וואָרום פיליפזאָן האָט זיך געפלייסט, אַז זיין צייטשריפט זאָל טאַקעווירקליך זיין אַן אַ ל ג ע מ יי נ ע „צייטונג דעם יודענטומס״. אין דער צייטונג האָבן זיך געדרוקט קאָרעספּאָנדענצן און מיטטיילונגען פון די באַרײַטנדיקסטע יידישע קולטור־צענטרען אויס דער גאָרער וועלט. ווען די רוסישע רעגירונג איז אין אָנפאַנג 40יקער יאָרן צוגעטראָטן צו דער יידישער שול־רעפאָרם, האָט פיליפזאָן ניט בלויז געדרוקט וועגן דעם אין זיין צייטונג אַ גאַנצן משך אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן, נאָר ער האָט אויך געשריבן וועגן דעם פיל בריוו און פאַרשלאָגן ניקאָלאַיען, אוּוואַראָוון און זיין עמיסאַר ליליענטאַלן. אַלס באַגאַבטער פּובליציסט און געזעלשאַפטליכער טוער, האָט פיליפזאָן אויך אַ גרויסן אָנטייל גענומען אין דעם עמאַנציפּאַציע־קאַמף, וואָס די דייטשע יידן האָבן געפירט. דאָס האָט אים געשאַפן אַ ברייטע פּאָפּולאַריטעט אין די יידישע געזעלשאַפטליכע קרײַזן און ווײַל פיליפזאָן האָט באַוויזן זײַן ליטעראַרישע באַגאַבונג אויך אויפן פּאָעטישן געביט [4], האָבן די יידישע קהילות אים אָנפאַרטרויט.

---

1 באריכות וועגן פיליפזאָנס לאַטייניש ווערק, זע הערמאַן קאָהענס אַרטיקל אין פיליפזאָנס „געזאַמעלטע אַבהאַנדלונגען״, II, 461—485.

2 די ערשטע צײַט איז פיליפזאָנס צײַטשריפט דערשינען דרײַ מאָל אין וואָך.

3 פיליפזאָן איז געשטאָרבן אין דעצעמבער 1889.

4 פיליפזאָן האָט אויך געשריבן דראַמען און דערציילונגען („עסטערקאַ״, „יאָאַכים״, „יעקב טיראַדאָ״ און אנד׳).

ער זאל באזארגן א נייע דייטשע ביבל־איבערזעצונג. אויך די דאזיקע פיליפזאנס ליטערארישע אונטערנעמונג האט געהאט גרויס דערפאלג און האט אויסגעהאלטן פיל אויסגאבן. איינע פון זיי איז געווארן באזונדערס פאפולער אדאנק די באוווסטע דארע־אילוסטראציעס צום ביבלישן טעקסט. בכדי צו באקעמפן די מיסיאנערישע ביבל־אויסגאבן, וואס זיינען אדאנק זייער ביליגקייט ארייננגעדרונגען אין א באדייטנדיקער מאס אין די יידישע הייזער, האט פיליפזאן געגרינדעט א „איזראעליטישע ביבל־אנשטאלט" און א „אינסטיטוט צור פערדערונג דער איזראעליטישען ליטעראטור", און דורך זיי געשאפן די מעגליכקייט צו פארשפרייטן אין די צענער טויזנטער עקזעמפלארן צו גאנץ ביליגע פרייזן דעם ביבל־טעקסט צוזאמען מיט זיין דייטשער איבערזעצונג.

און אט דער מאן, וואס האט אזוי פיל מי און ענערגיע אפגעגעבן יידישע כלל־אינטערעסן, און מיט זיין צייטשריפט אזוי שטארק געוועקט, ווי איינער פון זיינע ביאגראפן שרייבט, „דאס געפיל דער צוזאמענגעהעריגקייט", דאס ברידערליך־קרובישע געפיל פון דעם איבער דער גאנצער וועלט צעזייטן יידנטום, — ווערט ניט מיד איבערצוחזרן, אז יידן זיינען כלל ניט קיין נאציע („שאן לענגסט קיין פאלק מער"), נאר א „רעליגיאנס־גענאסענשאפט". פיליפזאן שטרייכט שוין דווקא אליין אונטער, אז דאס „שארפע אפגרעניצן פון נאציעס אין באזונדערע מלוכות" וואלט ארויסגערופן „איינע זאלכע איינזייטיגקייט אונד שראפהייט", אז דאס וואלט געקאנט שאפן אן אמתע שטערונג „דער ענטוויקלונג דעם מענשענגעשלעכטעס". ער ווייס זייער גוט, אז ס'איז שוין „פון תמיד אן" א גאנץ געוויינליכע דערשיינונג, ווי איין מלוכה „מעהרערע נאציאנאליטעטען אומפאסט", און אנווייזנדיק אויף ענגלאנד און די אמעריקאנער פאראייניקטע שטאטן, באשטעטיקט פיליפזאן דעם פאקט, אז איינע און די זעלביקע מלוכה קאן נעבן דער הויפט־נאציע, וואס בילדעט דעם רוב פון דער באפעלקערונג, „פארשיעדענארטיגע נאציאנאליטעטען עבענבירדיג אונד גלייכבערעכטיגט אין זיך איינשליסען". ווארום, פירט פיליפזאן אויס, באשטייט א מלוכה פון פארשיידענע נאציאנאליטעטן, מוזן זיי אלע שטאאטס־בירגערליך גלייכבארעכטיקט זיין, „אונד וועדער אויס דער שטעלונג נאך אויס דעם אומפאנג דער נאציאנאליטעטען, דארף איינע העדשאפט דער איינען, איינע אונטערדריקונג דער אנדערען הערפארגעהען" [1]. דאס איז אלץ בנוגע דעם „נאציאנאליטעט־פרינציפ". יידן, — פארזי־

[1] זע פיליפזאנס ארטיקל „דאס נאציאנאליטעטס־פרינציפ" (געזאמעלטע אבהאנדלונגען, I, 89—95).

כערט אבער פיליפזאָן, — זיינען כּלל ניט קיין נאציע. „וויר דויטשע יודען, — טענהט ער, — גאנץ אונד גאר דויטשע זינד“ [1]. „וויר, דויטשע יודען, זינד דויטשע זייט מעהר אלס אנדערטהאלב יאהרטאוזענדען (!)“ [2]. און אים נאָך דער סכום ווייניק, דערקלערט ער טאַקע אויף דערזעלביקער זייט, אַז דער ייִד „דאָך שוין יאהרטאוזענדע אין דויטשלאנד זיין פאטערלאנד האט“. וויר, — שטרייכט פיליפזאָן פאטעטיש אונטער [3] — „ווארען, זינד אונד ווערדען דויטשע זיין, וויע נור אירגענד גליעדער דער דויטשען נאציאָן עס זינד“ (געשפּאַצירט ביי פּיליפּזאָנען).

פּיליפּזאָן קאָן ניט מוחל זיין דעם פילאָזאָף האַרטמאַן, וואָס יענער דערלויבט זיך אין זיין ייִדן־פיינדליכער ארבעט „דאס יודענטום אין געגענוואַרט אונד צוקונפט“ אנצווייזן, אַז „די ייִדן פעלט בלויז דער ייִדישער שטאַאַט און די ייִדישע טעריטאָריע, בכדי זיי זאָלן רעפּרעזענטירן אַ נאַציאָנאַליטעט אין דעם זעלביקן זין, ווי די פראַנצויזן אָדער די איטאַליענער“. דאָס, — פארזיכערט פיליפּזאָן, — איז אַ געוואַלדיקער טעות. „פעלט ניכט דען יודען, וואס פיר איינע נאציאָנאַליטעט ענטשיידענד איסט — די געמיינזאַמע שפּראַכע?“ [4] „דאָס, וואָס עס פאַרבינדט די ייִדן צווישן זיך, — דערקלערט פיליפּזאָן, — איז נישט „שטאַמגעפיל“, ווי האַרטמאַן מיינט, נאָר „גלויבענס־געמיינשאַפט“. און אָט די „געמיינשאַפט“, וואָס איז „ניכט נאַציאָנאַלער, נור רעליגיעזער אַרט“, מינערט בפירוש ניט ביי די ייִדן זייער דייטשע נאַציאָנאַליטעט, פונקט ווי ס׳האָט דאָך „ניעמאַנד דען קאַטאָליקען אונד דען פּראָטעסטאַנטען דאס דויטשע נאַציאָנאַלגעפיל אַבגעשפּראָכען“ [5].

אין די פערציקער יאָרן האָט אָבער, ווי מיר האָבן שוין פריער אנגעוויזן, די ראַדיקאַלע דייטשע אינטעליגענץ געשענקט זייער פיל אויפמערקזאַמקייט רעליגיעזע פראַגן, ווייל זי איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז אין דעם אָראָפּרייסן די הייליקייטס־קרוין פון דעם רעליגיעזן וועלטבאַנעם באַשטייט דער ערשטער עטאַפּ אין דער פּאָליטישער באַפרייאונג פונם פּאָטערלאַנד. די ייִדישע אינטעליגענץ האָט אַלץ געפּלייסט זיך צו דערווייזן, אַז דאָס ייִדנטום איז בלויז אַ רעליגיעזער קיבוץ, די דייטשע ראַדיקאַלן אָבער מיט פייערבאַכן און בויערן בראש האָבן אין

---

1 געזאַמעלטע אבהאַנדלונגען, I, 166.

2 דאָרטן, 162. זע אויך דאָרטן, 149.

3 דאָרטן, 168.

4 דאָרטן, II, 273.

5 דאָרטן, 281 — 287, 336.

דער רעליגיע געזעען די פארקנעכטונג פון דעם מענטשליכן גייסט און געדאנק. אין ביי פיל פון דער יידישער האלב־אסימילירטער אינטעליגענץ, וואס האט געשטרעבט צו עמאנציפאציע און פאליטישער באפרייונג, וואך געווארן די פראגע: צו וואס דארפן זיי עס פעסט האלטן די אמונה, וואס זיי האבן באקומען בירושה פון די פריערדיקע דורות? פארוואס זיינען זיי יידן? וואס באצוועקן זיי דערמיט, וואס זיי זיינען יידן? צוליב וואס דארף עס בכלל דער יודאיזם עקזיסטירן? די דאזיקע פראגן זיינען געווארן אלץ דרינגענדיקער, וואס שטארקער עס האט זיך געלאזט שפירן דער אנקומענדיקער רעוואלוציע־שטורעם. אן ענטפער אויף די דאזיקע פראגן האט פיליפזאן געפרווט געבן אין 1847 אין א גאנצן משך פון פארלעזונגען, וואס זיינען דערנאך דערשינען אין א באזונדערן בוך אונטער דעם טיטל: „די ענטוויקלונג דער רעליגיעזען אידעען אים יודענטומע, קריסטענטומע אונד איסלאם“, און דאס ווערק איז באלד איבערגעזעצט געווארן אויף ענגליש און פראנצויזיש [1]. פיליפזאן איז פרעדיגער און ראבינער, אבער א ר ע פ א ר ם־ראבינער, וואס איז איינן דעה מיט די, וועלכע האבן געטענהט, אז די מאדערנע צייט פאדערט, מען זאל זיך געפינען „אויסערהאלב דעם תלמודישען געזעצעס“ [2].

„וואס בעשטעהען וויל, — דערקלערט פיליפזאן, — ווערד געפראגט נאך דען אורזאכן, נאך דעם אינהאלט, נאך דער רעכטפערטיגונג זיינעס בעשטאנדעס“. ווייל אויך דאס יידנטום עקזיסטירט און וויל עקזיסטירן, מוז עס „זיינען בעקענערן און אנדערן“ קלאר מאכן, פארוואס עס עקזיסטירט, און צו וואס וויל עס עקזיסטירן? און פיליפזאן שטעלט די פראגע: „וואס איסט נון דאס יודענטום?“ און אלס ענטפער שטעלט ער ארויס די באוווסטע „מיסיאן־טעאריע“, וואס האט נאכדעם געשפילט אזא חשובע ראלע ביי די רעפארם־ראבינערס פון דעם מערב־יידנטום.

די „מיסיאן־טעאריע“ איז, ווי מיר ווייסן, כלל ניט קיין נייע. וועגן דער אוניווערסאלער מיסיע פון דעם יידישן פאלק האבן מיט התלהבות גערעדט דער „אר״י הקדוש“ [3], דער באוווסטער פראגער רב, דער „הויכער ר׳ לייב“ [4] און פיל אנדערע. דארט, ביי די פרומע מיסטיקער, איז אבער די „מיסיאן“־לערע געווען א לאגישער פועל־יוצא פון אן ארגאניש גאנצן וועלט־באנעם. דאס יידישע פאלק איז באטראכט געווארן אלס „בני בכורי ישראל“, איז געשטאנען אין צענטער פון דער

1 וועגן שד״לס שארפער קריטיק זע אויבן ז׳ 165—167.

2 די ענטוויקלונג א.א.ז״וו, 10—11, 165.

3 זע אונזער ווערק, באנד IV, ז׳ 337.

4 דארטן, באנד V, ז׳ 107.

וועלט, און יעדע מצוה, יעדער ווילנס־אקט, וואס א בן־ישראל האט מקיים געווען, האט געהאט א גרויסן קאסמישן באדייט. גאנץ אויסטער־ליש זעט אבער אוים די „מיסיאן־לערע״ ביי דעם אייראפעיש־געבילדעטן פיליסאף, וואס האלט אין איין טענהן, אז מיר זיינען געווען, זיינען איצט און ווילן אויך זיין אמתע דייטשן, „ווי נור אירגענד גליעדער דער דויטשען נאציאן עס זינד״. ביי דעם דאזיקן „גאנץ אונד גאר דויטשע״ האט אבער דער טעאלאג, דער ראבינער גובר געווען דעם וויסנשאפטלער. פיליסאן טיילט בפירוש אפ דאס „יודענטום״ אלס רעליגיעז סיסטעם און וועלט־אנשויונג פון דער „יודענהייט״ — פון דעם יידישן קאלעקטיוו, דער יידישער שטאם, די יידישע אומה איז לויט פיליסאן ניט דער באשעפער פון יודאיזם מיט זיין אייגנארטיקן וועלט־באנעם — ער איז בלויז א פארוים־באשטימט געפעס פאר דער רעליגיעזער אידעע, וואס האט זיך דורך געטליכער התגלות אנטפלעקט אין פארם פון מאזאיזם [1]. דערמיט, — דערקלערט פיליסאן, — איז פארבונדן די אייגנטימליכקייט פונם יידישן שטאם, וואס אונטערשיידט אים פון אלע אנדערע פעלקער. ביי יענע אנטוויקלט זיך דאס באוווסטזיין פון זייער באַרוף ערשט שטופנ־ווייז, לויטן גאנג פון זייער געשיכטע, — דער יידישער שטאם אבער וויים שוין פון אנפאנג אן, „וואס ער זאל אונד וואצו ער דא איסט״. ער דערקענט זיך „פאם ערשטען אויגענבליקע אן״ אלס גאטס פאלק, ד״ה אלס טרעגער פון דער רעליגיעזער אידעע [2].

אין וואס אבער באשטייט די רעליגיעזע אידעע, וואס האט זיך אנטפלעקט דורך געטליכער התגלות אין פארם פון מאזאיזם און האט זיך געפונען אין פולן קעגנזאץ צו דער אויסערער היידנישער וועלט? אט אין וואס, — דערקלערט פיליסאן, — עס באשטייט די רעליגיעזע אידעע, ווי עס האט זי דער מאזאיזם אויף דער וועלט געבראכט: די אייניהייט גאטעס, די אייניהייט דער וועלט, די אייניהייט דעם מענשען, „די מיטעלבארקייט גאטעס צור וועלט דורך די נאטור־געזעצע, די אונ־מיטעלבארקייט גאטעס צום מענשען״, וואס איז געשאפן לויט זיין עבנ־בילד און באשאנקען מיט פרייען ווילן [3]. דער מאזאיזם, — חזרט מע־רערע מאל איבער פיליסאן, — ווייסט נישט פון קיין אונטערשייד צווישן דער אידעע און דערווירקלעכקייט, ער פראקלאמירט די פולשטענדיקע איינהייט צווישן לערע און לעבן, צווישן דעם רעליגיעזן און סאציאלן מענטשן [4].

1 ענטוויקעלונג דער רעליגיעזען אידעע, 7, 24, 34, 55 אאז״וו (מיר ציטירן לויט דער צווייטער אויפלאגע, 1874).

2 דארטן, 57.

3 דארטן, 33.

4 דארטן, 8 אאז״וו.

די היידנישע וועלט איז ארויסגעגאנגען פון דעם געדאנק: די וועלט איז, דערפאר איז גאט פאראנען; זי איז ארויסגעגאנגען קודם־כל פון דעם מענטשן, פון דעם „איך"־באגריף, און דאס האט געבראכט צו צוויי זעלבשטענדיקע באגריפן וועגן דעם גוטן און וועגן דעם בייזן מיט דעם לאגישן אויספיר, אז עס מוז זיין א דריטע קראפט, וואס גלייכט אויס די קעגנזאצן, און אזוי איז די היידנישע וועלט געקומען צו פיל־געטעריי, צו פילווערטיקייטן [1]. דער מאזאיזם אבער זאגט: גאט איז, דערפאר איז די וועלט [2]. און אין דעם דאזיקן זאץ איז איינגעפאסט „דער גראסע אינהאלט דעם מאזאיזמוס". גאט איז דאס אבסאלוטע זיין, די אבסאלוטע איינהייט, די וועלט איז זיין באשאף. גאט און די וועלט זיינען אבער ניט אידענטיש, גאט איז איבער די וועלט, וואס איז בלויז זיין ווערק [3]. די וועלט איז א קאמפלעקס פון באזונדערקייטן און קאן ניט זיין געגליכן צו גאט, וואס איז „דאס אבסאלוטע, איז איינעק, איינציק, אלקעגווערטיק און אלמעכטיק". דאס ברענגט צום גרונט־געדאנק פון מאזאיזם — וועגן דער הייליקונג פון דעם מענטשן.

דער מאזאיזם זעט אינם מענטשן „די איינהייט דעם לייבליכען אונד גייסטיגען", דער מענטש איז „אים גייסטע גאט עבענבילדליך", און דערפאר איז זיין באשטימונג „גאט אימער ענליכער צו ווערדען, פריי אונד זיך זעלבסט בעשטימענד"; ער דארף זיין דורכגעדרונגען מיטן באוווסטזיין, „דאס זיטליכע איבער אלעם זינליכע אונד וועלטליכע צו דערהעבען". און אט דאס זיטליכע דארף זיך אנטפלעקן „אלס ליעבע צו גאט אונד נעכסטען־ליעבע, אלס גערעכטיגקייט אונד בארמהערציגקייט געגען דעם איינציגען" [4].

דער מאזאיזם, — שטרייכט פיליפזאן אונטער, — זעט אין דער אפענבארונג די פולשטענדיקסטע „אונמיטעלבארקייט גאטעס צום מענשען" [5]. קאן מען אבער שטעלן די פראגע: פארוואס האט מען מיט דער אפענבארונג ניט גלייך מְזַכֶּה געווען די גאנצע מענטשהייט, נאר אויסגעקליבן א איין איינציק „היערצו ערצאגענעס פעלקכען"? בכדי די מענטשהייט, — דערקלערט פיליפזאן, — זאל זעלבשטענדיק דורכ־מאכן אלע עטאפן פון איר אנטוויקלונג, „דאס ערדייכען זאל, וואס זי

1 ענטוויקעלונג דער רעליגיעזען אידעע, 174—175.
2 דארטן, 24.
3 דארטן, 347.
4 דארטן, 34, 51, 54.
5 דארטן, 33.

פיר זיך ערררייכען קאן״, און דער עיקר — זיך פ ר י, מיט אייגענעם ווילן זיך אנטוויקלען ביז צו דער מדרגה, ווען דאס אננעמען די אמתן פון דער אפענבארונג וועט שוין זיין א נאטירליך באדערפעניש [1]. אט דער־פאר איז „פון דער געטליכער פארזעונג״ דער יידישער שטאם פארויס באשטימט געווען, אז אין זיין שוים זאל די רעליגיעזע אידעע גובר זיין דעם קעגנזעצליכן, דעם היידנישן וועלט־באנעם, און דערנאך זי איבער־צוגעבן דער גאנצער מענטשהייט [2]. אט דער דאזיקער פראצעס, דאס פארדרענגען ביים יידישן פאלק דעם היידנישן וועלט־באנעם דורך דער רעליגיעזער אידעע, האט זיך אבער אין דער ערשטער תקופה, אין דער צייט פון בית ראשון, ניט איינגעגעבן. דאס יידישע פאלק „האט די מאזאישע אידעע פארלארן״ און דעם היידענטום זיך איבערגעגעבן. „דאס לעבען האט מיט דער אידעע געבראכען״, דער מאזאישער וועלט־באנעם האט ניט באהערשט דאס לעבן פונם יידישן פאלק. אויס דעם שוים פון דעם יידישן קיבוץ זיינען אבער אויסגעוואקסן אומדערשראקענע קעמפער פאר דער רעליגיעזער אידעע — די נביאים. זיי זיינען ניט געווען בכוח אויסצוקעמפן די פולקומע איינהייט פון דער מאזאישער אידעע מיטן לעבן, זיי איז אבער געלונגען די אידעע אליין ניט נאר צו רעטן, נאר ווייטער זי צו אנטוויקלען, און רייף צו מאכן דאס באוואוסטזיין, אז די רעליגיעזע אידעע איז באשטימט ניט פארן פאלק ישראל אליין, נאר פאר דער גאנצער מענטשהייט. און טאקע אין דעם, וואס די מאזאישע אידעע האט זיך פונם לעבן אפגעשפאלטן, זעט אויך פיליפזאן די געטליכע השגחה, ווייל דורכדעם איז לייכטער געווארן דער איבער־גאנג פון דער רעליגיעזער אידעע אין די גרעסטע מענטשהייט, ווארום אויף דער דעמאלדיקער שטופע פון דער מענטשליכער אנטוויקלונג, — „נור די אידעע אליין קאנטע די מענשהייט איבערווינדען (בייקומען)״ [3].

די יידישע מלוכה האבן נבוכדנצרס חילות צעשטערט, דאס יידישע פאלק האט אבער ניט געקאנט אונטערגיין, ווי דאס איז געווען דער פאל ביי אנדערע פעלקער, ווארום, — שטרייכט פיליפזאן אונטער, — אויסער זיין „פאלקסטימליכקייט״, ד״ה אויסער זיינע ספעציעלע נאציא־נאלע אייגנשאפטן, האט דאך דאס יידישע פאלק געהאט א גאנץ אנדערן „לעבענסאינהאלט״ — דעם רעליגיעזן, און אט דער דאזיקער אינהאלט האט זיין טרעגער פון אונטערגאנג גערעטעט. ווייל די דורכדרינגונג פון דער רעליגיעזער אידעע אין דער גאנצער מענטשהייט האט באדארפט

---

1 ענטוויקעלונג דער רעליגיעזען אידעע, 33.

2 דארטן, 56.

3 דארטן, 62, 67, 69, 71, 72, 74, 87.

זײַן אַ פּראָדוקט פון פ ר ײ י ע ר, זעלבשטענדיקער אַנטוויקלונג, האָט דאָך בײַ דעם דעמאָלטיקן קולטור־צושטאַנד די רעליגיעזע אידעע געקאָנט אַרײַנדרינגען ניט אין איר גאַנצן פאַרנעם, נאָר בלויז ט ײ ל װ ײַ ז [1]. דערפאַר האָט די געטליכע השגחה פאַראויס באַשטימט, דער ייִדישער שטאַם זאָל צום צווייטן מאָל פירן אַ זעלבשטענדיק פּאָליטיש לעבן, בכדי די רעליגיעזע אידעע זאָל באַקומען די נייטיקע שוץ־מיטלען אויף צו בלײַבן אויפגעהיט אין דעם ייִדישן קיבוץ אין איר פולער גאַנצקייט פאַר די קומענדיקע דורות. אין דעם, — ווײַזט פיליפּזאָן אָן, — באַשטייט טאַקע דער באַדײַט פונם תלמודיזם, וואָס ער האָט די רעליגיעזע אידעע אײַנגעשפּונען אין אַן „אַלאומפאַסענדעם לעבענס־געזעץ", געשאַפן אַ פעסטע שאָלעכטס, וואָס האָט דעם קערן געראַטעוועט, און אין משך פון לאַנגע דורות די רעליגיעזע אידעע אין איר גאַנצקייט אויפבאַוואַרט [2]. ווער עס באַגרײַפט, — זאָגט פיליפּזאָן, — אַז די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז ניט קיין קײַט פון צופעליקייטן, נאָר אַ פּלאַנפולער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, געפירט דורך דער געטליכער השגחה, דער וועט גלײַך אײַנזען, אַז ס'איז כלל ניט קיין צופאַל, וואָס אין דער זעלביקער צײַט, וואָס דאָס קריסטנטום האָט זיך אויף דער וועלט־אַרענע באַוויזן, איז אויך פאָרגעקומען די צעשטרייונג פון די ייִדן איבער גאָר דער וועלט [3]. „די דאָזיקע צעשטרייונג איז געווען, און נאָך מער וועט עס ווײַטער זײַן, דער זעגן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, ווײַל די ייִדן זײַנען אַלס טרעגער פון דער רעליגיעזער אידעע איבעראַל די איבערצײַגנדיקסטע עדות, אַז די דאָזיקע אידעע איז פאַראַן אויף דער וועלט" [4].

די מענטשהייט איז נאָך ניט ראוי געווען אויפצונעמען די רעליגיעזע אידעע אין איר פולן פאַרנעם, איז דאָס בלויז ט ײ ל װ ײַ ז געשען: די מערב־פעלקער אין דער פאָרם פון קריסטנטום, און די מזרח־פעלקער — דורכן איסלאַם. דאָס קריסטנטום האָט ניט דורכגעפירט אין איר גאַנצער קאָנזעקווענץ דעם אײַנהייטס־פּרינציפּ. דאָרט איז אויך פאַרבליבן אויפגעהיט דער רײן היידנישער באַגריף וועגן די צוויי זעלבשטענדיקע פאַקטאָרן: דאָס גוטע און דאָס בייזע, וואָס נייטיקן זיך אין דעם דריטן, אַלס פאַרמיטלער. און אַזוי איז דער אײנהייטס־באַגריף צעשוווּמען געוואָרן אין דער דרײַאייניקייט [5]. דערבײַ מוז מען נאָך נעמען אין

1 ענטוויקעלונג אַצו"ח, 91, 92.

2 דאָרטן, 91, 92, 148.

3 דאָרטן, 92.

4 דאָרטן, 93.

5 דאָרטן, 106.

באטראכט, — שטרײַכט פיליפזאָן אונטער, — אַז „אַלע ספּעציפישע דאָג־מען דעם קריסטענטומס ווידערשפּרעכען דער פערנונפט", און דערפאַר מוזן זיי, בכדי זיך צו באַשטעטיקן, לייקענען אין דער פאַרנונפט [1]. אויך אינם איסלאַם איז די רעליגיעזע אידעע בלויז טיילווײַז פאַרקער־פערט. ער האָט טאַקע אויפגענומען דעם איינהייטס־פּרינציפּ, דערפאַר אָבער געלייקנט אין דער פרײַער האנדלונג, אין דער בחירה פונם מענטשן. „די גאָטעבענבילדליכקײַט" פון דעם מענטשנס גײַסט און די דורך די „עבענבילדליכקייט" באַדינגטע פרײַהייט פונם מענטשנס ווילן און טאָן ווערן אינם איסלאַם פאַרביטן דורך דעם הײַדנישן באַגריף „דער נאָטוועגדיגקייט" [2].

דאָס קריסטנטום, ווי דער איסלאַם, האָבן, בכן, די רעליגיעזע אידעע צונויפגעשמאָלצן מיט דיין היידנישע עלעמענטן [3]; אַזוי איז אויך אויף ווײַטער דאָס ייִדנטום געבליבן דער איינציקער טרעגער „דער גאַנצען רעליגיעזען אידעע", וואָס איז אײַנגעשפּונען אין דעם „תלמודישן פּאַרמגעזעץ", אויפגעהיט געוואָרן אין די לאַנגע גלות־דורות „פיר די צוקונפט" [4]. עס איז דערפון קלאָר, — דערקלערט פיליפזאָן, — אַז „די פּאַרטעקסיסטענץ דעם יודענטומס נעבען דעם קריסטענטום וואר נאָט־וועגדיגקייט" [5]. דער ייִדישער שטאַם האָט ניט געטאָרט אונטערגיין, „אום זיין העהערען צוועק ווילען", כדי ער זאָל זײַן מסיע דערפילן, די רעליגיעזע אידעע פאַר דער צוקונפט פון דער מענטשהייט דערהאַלטן און זי דערטראָגן ביז צו איר ענדגילטיקן נצחון [6].

מיר האָבן געזען, אַז פיליפזאָן האָט אָנערקענט דעם היסטאָרישן פּאַרדינסט פונם „תלמודיזמוס", וואָס ער האָט מיט זײַן „פּאַרמגעזעץ" געשאַפן אַ שיצנדיקע שאָלעכטס פאַר דעם זאַפטיקן קערן — דער רעלי־גיעזער אידעע. דערפאַר אָבער ווערט ער ניט מיד איבערצוחזרן, אַז די מאָדערנע צײַט געפינט זיך „גענצליך אויסערהאַלב דעם תלמודישען געביטעס" [7]. דאָס „ציעל דער מענשהייט" זעט פיליפזאָן אין דעם, אַז „די איינהייט דער אידעע אונד דעם לעבענס אין אידעעלער פאָסונג דעם מאַזאַיזמוס פאָן נויען זיך ערשאַפט" [8]. אינם לעבן — ווײַזט

1 ענטוויקעלונג אַזו״ח, 157
2 דאָרטן, 120, 128.
3 דאָרטן, 145.
4 דאָרטן, 125.
5 דאָרטן, 111.
6 דאָרטן, 112, 128, 170.
7 דאָרטן, 165, 162, 170.
8 דאָרטן, 150, 187.

פיליפּזאָן אָן, „שמעקט נאָך די מענשהייט גרעסטענטיילס זיים היידענטום״ [1]. דערפאַר איז אַזוי וויכטיק די אויפגאַבע „די אידעען דעם מאָזאַיִזמוס אימער רײַנער הערפאָרצואַרבייטען, אימער בעשטימטער צו ערפאַסען... די גראָסען זאָציאַלען אידעען דעם מאָזאַיִזמוס אינסטיטוציאָנעל צור ווירקליכקייט צו ברינגען״ [2].

עס איז קלאָר, — פירט פיליפּזאָן אויס, — אַז דאָס ייִדנטום האָט אויך אויף ווײַטער אַ גרויסן באַרוף, — פּאַקטיש דעם זעלביקן, וואָס עס האָט שטענדיק געהאַט, און נאָך אין אַ גרעסערן פאַרנעם. און ווען דאָס קריסטנטום וועט, נאָך דעם באַזײַטיקן די ספּעציפיש-קריסטליכע עלעמענטן, וועלן האָבן אַ פעסטן באַזיס פאַר דער פולשטענדיקער רעליגיעזער אידעע — „דאַ איזט דאָס יודענטום דאַ, זי אים צו געבען״. די מיסיע פון דעם יודענטום („די בעשטיממונג דעם יודענטומס״): די רעליגיעזע אידעע צו עמפּפאַנגען און זי צו טראָגן מיט זיך פאַר דער מענטשהייט, ביז די אידעע וועט זי „גענצליך דורכדרינגען״ — דערשײַנט פאַר אונז אין איר געשיכטליכער פאַלענדונג. זי, די מיסיע, איז אויסגעפירט געוואָרן „דעם היידענטום געגענאיבער״, זי איז אויך דורכגעפירט געוואָרן „דעם קריסטענטום אונד איסלאַם געגענאיבער״. דער קאַמף, וואָס דער ייִדישער שטאַם האָט צוערשט געפירט מיט די היידנישע שכנים, דערנאָך מיט די סיריער, גריכן און די רוימער און צולעצט אָנדערטהאַלבן טויזנט יאָר געמוזט פירן מיט דער קריסטליכער וועלט — אין דעם איז באַשטאַנען זײַן באַשטימונג, זיין כּוונות: דאָס איז געווען דער דערהייבענער קאַמף פון דער רעליגיעזער אידעע „קעגן אירע קעגענזעצן״ [3].

עס איז גאָר ניט שווער צו באַמערקן, ווי וואַקלדיק ס׳איז דער גאַנצער טעאָלאָגישער בנין פון דער מיסיאָן-טעאָריע. דאָס ייִדנטום האָט אויסגעהאַלטן דעם אָנדערטהאַלבן-טויזנטיעריקן קאַמף, וואָס עס האָט געמוזט פירן מיט דער קריסטליכער וועלט, אַדאַנק דעם „תּלמודישן פאַרמגעזעץ״, וואָס האָט דעם ייִדישן קיבוץ געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון דער אויסנוועלט, אַדאַנק דער שטרענג אויסגעהאַלטענער אידענוועלט, וואָס האָט פאַרן ייִדן געשאַפן די גײַסטיקע כּוחות, וועלכע זײַנען געווען אומבאַדינגט נייטיק, בכדי צו זײַן אימשטאַנד מיט דערפאָלג צו פירן דעם עקשנותדיקן בלוטיקן קאַמף. די ברייטע מאַסן, די נידעריקע שיכטן פון דער קריסטליכער באַפעלקערונג אין מיטלאַלטער האָבן טאַקע

1 ענטוויקעלונג אַזו״ח, 181.

2 דאָרטן, 186.

3 דאָרטן, 179—180.

אין זייער קאמף קעגן זייערע הערשער און באדריקער ארויסגעשטעלט אלס פאן אין קאמפס-פראגראם „די גראסען זאציאלען אידעען דעם מאזאַיזמוס", אינם „אלטן טעסטאמענט" האבן זיי געזוכט באשטעטיקונג פאר זייערע סאציאלע תביעות, געפונען דאס נייטיקע גײַסטיקע געווער אין זייער קאמף פאר פרײַהייט און גערעכטיקייט. און דער רוב פון די מיטלאלטערליכע דעמאקראטישע און קאמוניסטישע גרופעס, די אלביגענזער, קאטארער, ליאָנער ברידער וכדומה, האבן זיך טאקע פארהאלטן מיט א געוויסער קרבות צו די ייִדן, אלס טרעגער און היטער פונם „אלטן טעסטאמענט" [1]. אבער אפילו די דאָזיקע „קעצערישע" גרופעס פון מיטלאלטער האבן זיך כלל ניט נעגייטיקט, די ייִדן זאלן זיי ערשט באלערנען, באקענען מיט די סאציאלע אמתן, וואס זײַנען באהאלטן אין דער ביבל, כאטש דער דרוק-ווארשטאט האט נאך דעמאלט ניט עקזיסטירט, דאס בוך איז נאך געווען א צו טײַערער לוקסוס-ארטיקל פאר די ארימע מאסן און די קריסטליכע גײַסטליכע האבן זיך נאך באזונדערס געפלײַסט צו האלטן די ברייטע מאסן וואס ווײַטער פון דעם ביבל-טעקסט מיט זײַנע צו דעמאקראטישע טענדענצן. איז דערפאר באזונדערס שווער צו באגרײַפן, אין וואס האט עס געקאנט באשטיין די „מיסיאָן" פון די דײַטשע ייִדן, וואס האבן אזוי פאטעטיש פארזיכערט, אז זיי זײַנען דורך און דורך דײַטשן, „ווי נור אירגענד גליעדער דער דויטשען נאציאָן עס זינד?" אמת, די ייִדן האבן זיך נאך דעמאלט אונטערשיידט פון די קריסטליך-דײַטשע מיטבירגער דורך זייער רעכטלאָזיקייט. די „מיסיאָן"-פרעדיגער האבן דאך אבער געקעמפט פאר עמאנציפאציע, מיט רעכט געפאדערט, זיי זאלן גלײַך מיט אלע נעמען אן אקטיוון אנטייל אין דעם פאליטישן און געזעלשאפטליכן לעבן פון לאנד. אין וואס-זשע האט געקאנט באשטיין די מיסיע פון די דײַטשן „מאזאַישער קאנפעסיאָן"? די „אלטטעסטאמענטישע" אסימילירטע און האלב-אסימילירטע באנקירן, אדוואקאטן, דאקטוירים און פרעדיגער זאלן באקענען די קריסטליכע געזעלשאפט מיט די אמתן פון דעם „מאזאַיזם", מיט דער אין אים פראקלאמירטער „איינהייט דער רעליגיעזען אידעע אונד דעם לעבענס?" צי ווייסט דען ניט אָן דעם די קריסטליכע וועלט וועגן די אמתן, וואס זײַנען אויף די ביבל-בלעטער פארשריבן? פאר דער באקענטשאפט מיט דעם ביבל-טעקסט, פאר דער פארשפרייטונג פון דער ביבל איבער גאר דער וועלט, האט שוין דעמאלט גענוג געזארגט די מיסיאָנערישע ביבל-געזעלשאפט, וואס האט פארשפרייט דאס „בוך דער ביכער" אין א געוואלטיקער צאל עקזעמפלארן...

---

1 זע אונזער ווערק, ב' III, ז' 194—195.

און דאָך, ווי אַבסטראַקט, ווי שוואַך באַגרינדעט ס'איז ניט געווען די דאָזיקע „מיסיאָן"־טעאָריע, האָט זי דאָך געשפּילט אַ געוויסע ראָלע בײַ דעם דײַטשן יידנטום, ווײַל זי האָט געהאָלפן ווי עס איז אײַנצושלעפערן, צוצודעקן די שרײַענדיקע סתירות פון לעבן. צו מאַכן אַ געוויסע פּשרה צווישן דעם נאָך ניט אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבענעם נאַציאָנאַלן געפיל און די אַלץ בּוֹלטער אױפשטײַגנדיקע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן...

אמת, ניט אַלעמען האָט באַפרידיקט די מיסיאָן־טעאָריע. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן [1], מיט וואָס פאַר אַ שאַרפער קריטיק עס איז אַרויסגעטראָטן קעגן די מיסיאָן־לערע דער איטאַליענער שמואל דוד לוצאַטו פון זײַן קולטור־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. אָבער אויך אין דײַטשלאַנד גופא זײַנען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו פאַרענטפערן אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן די סתירות, וואָס דאָס מאָדערנע לעבן האָט אַרויסגערופן. אַ גאַנץ אײגנאַרטיקן ענטפער האָט געגעבן פּיליפּזאָנס אַ מיטצײַטלער און קאָלעגע, דער פראַנקפורטער ראַבינער שמשון רפאל הירש.

---

1 זע אויבן, ז"ז 165—167.

אכטער קאַפּיטל

דער אָרטאָדאָקסישער ראַבינער שמשון רפאל הירש. — דער באַדײַט פון זײַנע „נײַנצעהן בריעפע". — די יִדן אַ „גײַסטיג פאָלק". — הירשס פאַרהאַלטן זיך צו עמאַנציפּאַציע און רעפאָרם. — צוריק צו די אַלטע קוואַלן. — אברהם גײַגער אַלס רעפאָרם-קעמפער און פרײַדענקער. — זײַן „וויסענשאַפטליכע צײַטשריפט פיר יִדישע טעאָלאָגיע". — דאָס פרײַע זיסליכע באַוווּסטזײַן. — דער באַנײַטער קאַמף קעגן האַמבורגער רעפאָרמיסטן. — יצחק בערנייס און זײַן אַרויסטריט קעגן דעם רעפאָרמירטן סידור. — אברהם גײַגער און זײַנע ראַדיקאַלע פאָדערונגען. — די פראַנקפורטער און בערלינער רעפאָרמיסטן. — דער ראַבינער-צוזאַמענפאָר אין בראַונשווײַג. — שמואל הולדהיים אַלס רעפאָרם-קעמפער. — דער „תורת הקנאות" אַלס ווידערקול פונם „אלה דברי הברית". — זכריה פראַנקל און זײַן וועלט-באַנעם — די קאַמף-ליטעראַטור נאָכן צווייטן ראַבינער-צוזאַמענפאָר. — די רעוואָלוציע פון 1848.

שמשון רפאל הירש איז געבאָרן אין האַמבורג אין 1808 [1], אין אַ רײַכער סוחרישער פאַמיליע. דער פאָטער האָט אויך פון זײַן זון געוואָלט מאַכן אַ סוחר. דער יונגער, ראָמאַנטיש-געשטימטער שמשון האָט אָבער אַרויסגעוויזן זייער ווייניק אינטערעס צו מסחר. שוין זינט די קינדער-יאָרן האָט ער זיך געפונען אונטער דעם געוואַלטיקן רושם פון די ביבל-ביכער; מער פון אַלץ האָבן אים אינטערעסירט רעליגיעז-עטישע פּראָבלעמען, און שוין דעמאָלט איז בײַ אים רײַף געוואָרן דער געדאַנק צו ווערן אַ „רב בישראל", אַ רעליגיעזער פירער און דערציִער פון זײַנע ברידער. אין משך פון עטליכע יאָר שטודירט ער דעם תּלמוד און די רבנישע ליטעראַטור בײַם באַוווּסטן האַמבורגער רב יצחק בערנייס. צו דער זעלביקער צײַט לערנט ער אויך אין דעם אָרטיקן גימנאַזיום, און באַקומט דערנאָך העכערע בילדונג אין באָנער אוניווערזיטעט. דעם פאַרהלומטן סטודענט און ראַבינער-קאַנדידאַט האָבן זײַנע קאָלעגן זייער ליב געקראָגן פאַר זײַן אײדעלן כאַראַקטער און אויסטערלישער מאָראַלישער שיינקייט פון זײַן גאַנצן וועזן. זײַן אוניווערזיטעטס-חבר און שפּעטערדיקער אַנטשיידענער אידעישער קעגנער אברהם גײַגער מוז דאָך אויף

[1] געשטאָרבן אין פראַנקפורט (וואו ער האָט פאַרנומען דעם ראַבינער-פּאָסטן אין משך פון 37 יאָר) אין 1888.

זיינע עלטערע יאָרן אָנערקענען: „איך אַכטעטע זיינע (הירשס) פאַרציגליכע גייסטעסגאַבען, זיינע שטרענגע טוגענד אונד ליעבטע זיין גוטעס הערץ" [1].

אין 1830 ווערט דער 22יאָריקער הירש באַשטימט פאַר לאַנד־ראַבינער אין דער פּראָווינץ אָלדענבורג. מיר ווייסן שוין, אַז גראָד אין די 30ער יאָרן האָבן זיך אין דייטשלאַנד מערקליך געשטאַרקט די באַפרייונגס־טענדענצן. דאָס האָט אין די יידישע קרייזן דערוועקט די האָפענונג אויף באַלדיקער עמאַנציפּאַציע און דערמיט איז אויך ווידער געשטעלט געוואָרן אויף דער טאָג־אָרדענונג די רעפאָרם־פראַגע וועגן צופּאַסן די יידישע רעליגיע מיט אירע געזעצן און פאַרבאָטן צום מאָדערנעם לעבן. דעמאָלט איז אַרויסגעטראָטן (1836) דער אָלדענבורגער לאַנד־ראַבינער (אונטערן פּסעוודאָנים „בן־עוזיאל") מיט זיינע „ניינצעהן בריעפע", וואָס האָבן געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם [2]. ערשט איצט, קאַרגע צוואַנציק יאָר נאָך דעם דערשיינען פון דעם „אלה דברי הברית" [3], האָט דער אָרטאָדאָקסישער לאַגער באַקומען אַ רייך־באַגאַבטן אייראָפּעיש־געבילדעטן ענטוזיאַסטישן קעמפער. בעת דער „אלה דברי הברית" האָט אַרויסגערופן אומצופרידנקייט אפילו אין געוויסע אָרטאָדאָקסישע קרייזן, האָבן די „ניינצעהן בריעפע איבער יודענטום" געוועקט רעספּעקט אפילו ביי די אַנטשיידנסטע קעגנער. דעם אָלדענבורגער לאַנד־ראַבינער איז מיט זיין הארציקער פרעדיגט געלונגען צו געווינען פיל אָנהענגער צווישן דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט און צו ווערן דער גייסטיקער באַשעפער און באַגרינדער פון דער ניי־אָרטאָדאָקסישער שטרעמונג אינם דייטשן יידנטום.

אין וואָס איז באַשטאַנען הירשס איבערציינגנדיקע קראַפט? לויט זיינע כאַראַקטעריסטיק און טענדענצן איז שמשון הירש אַ טיפּישער ראָמאַנטיקער. בעת די דייטשע ראָמאַנטיקער פון נאָוואַליסעס חדר האָבן געחלומט וועגן דעם מיטלאַלטערליכן סדר לעבן, וואָס האָט שימערירט פאַר זייערע פאַרחלומטע אויגן אין די שענסטע פּאָעטישע וואונדערפאַרבן, האָט הירש מיט זיין גאַנצן וועלט־באַנעם, מיט אַלע זיינע האָפנונגען און שטרעבונגען געלעבט אין דער אַנטיקער ביבל־וועלט. אין

---

1 נאָכגעלאַסענע שריפטען, V, 18.

2 נאָך מיט העכער פופציק יאָר שפּעטער, בעת דער רעדאַקטאָר פון דער „יידישער פרעסע" דערמאָנט דאָס דערשיינען פון הירשס „ניינצעהן בריוו", רופט ער אויס מיט התפעלות: „דאַ ערשיען דער יוגענדליכע לאַנדראַבינער פאָן אָלדענבורג אויף דען פלאַן בחבורו... דאַס קלאַנג ווי איין ערלעזענדעס, ווי איין נידערשמעטערנדעס וואָרט הינויס אין די אויפהאָרכענדע וועלט, די זאָלכע טענע נאָך ניכט פערנאָמען האַטע".

3 זע אונזער ווערק, באַנד VII, צווייטער בוך, ז' 301—306.

די געזעצן פון תורת משה, אין די זונגען פון די נביאים, אין דער השתפכות־הנפש פון די תהלים־זינגער זעט הירש דאָס שענסטע און דערהייבנסטע, וואָס די מענטשהייט האָט געשאַפן — די אומפאַרגלייכבאַרע לערע וועגן ליבע און גערעכטיקייט. עס פילט זיך אַ גרויסע גייסטיקע קרבות צווישן דעם אייראָפּעיִש־געבילדעטן דייטשן ראַבינער און די באַגרינדער פון דער חסידות־באַוועגונג. ווי דער בעש״ט און לוי יצחק בערדיטשעווער, זעט אויך דער פאַרפאַסער פון די „ניינצן בריוו" אין דער ליבע דעם גרונד־יסוד פון דער וועלט. „גאָט איז ליעבע!" חזרט ער מערערע מאָל איבער, „די פאַלענדונג דעם לעבענס איזט די ליעבע" 1, „ליעבע געגען אַלע, אַלע וועזען" 2. אין דער גאַנצער וועלט, און דער נאַטור, איבעראַל — זעט ער לויטער אַנטפּלעקונג פון גאָטס ליבע. „שפּענדנדיקע און עמפּפאַנגענדיקע ליבע" — דאָס איז דער תמצית פון דער ערדשאַפונג! „ליעבע!" — הויכט דיר יעגליכעס צו" 3. ווי דער בעש״ט, אַזוי באַטראַכט אויך שמשון רפאל הירש מיט פרייִדיקע אָפּטימיסטישע אויגן גאָטס וועלט. „ווען וויר די פילע דעם זעגענס אין דען הענדען טראַגען!" — רופט ער אויס מיט עקסטאַז. לויט תורת משה — פּאַרזיכערט ער, — באַשטייט דער העכסטער גאָטעס־דינסט אין — „לחזות בשמחה את פני ד'" — יובעלן אין פרייד פאַר גאָטס אַנגעזיכט! פרייליכע לעבנס־מונטערקייט דורכן באַוווסטזיין: אונטער גאָטס אויג צו לעבן, צו דענקען און צו פילן, צו ריידן און צו ווירקן, צו געניסן און צו דולדן! און אָט אין דער העכסטער דערפילונג ווערן צונויפגעגאָסן פרייד און שמערץ!" 4.

אָט אַדאַנק דעם פריידיק־ענטוזיאַסטישן וועלט־באַנעם איז דאָס גאַנצע ווערק געשריבן אין אַ געהויבן־פּאַטעטישן טאָן, און דאָס האָט געדאַרפט באַזונדערס שטאַרק ווירקן אויף די יוגנטליכע און אויף דעם פרויען־געמיט.

„דיזע וועלט, — רופט הירש אויס, — אויף הייליקן באָדען טרעטען וויר, אין איינער גאָטעס וועלט לעבען וויר, אונד דיענער איין יעגליכער רינגס־אום... גאָטס דיענער אַלעס, יעדעס אין זיינער שטעלע, אין זיינער צייט... אַלעס דיענער אום גאָטעס טראָן!" און אין אָט דער גאָטערפילטער וועלט, אונטער אָט דעם „קאָר פאָן גאָטעסדיענערן" דאַרף דאָך די וויכטיקסטע ראָלע שפּילן דער מענטש, וואָס איז געשאַפן בצלם אלהים, — אַלס עבענבילד גאָטעס... „דער מענטש דאַרף הינאיינוויכצען

1 צוועלפטער בריוו.
2 פערצענטער בריוו.
3 דריטער בריוו, שלוס.
4 פינפצענטער בריוו.

אין דעם גראָסען דיענער=כאָר !״ ער דאַרף זײַן „ערשטער דיענער אים דיענער-כאָר״. און גאָט דינען קאָן דער מענטש נאָר דורך ליבע און גערעכטיקייט. נישט די וועלט אין דיר געשענקט, נאָר דו דער וועלט — „זי אלס גאָטעס באָדען צו אכטען אונד יעדעס פאָן איהרען געשעפּפען אלס גאָטעס געשעפּף, אלס דײַנען ברודער, אלס זאָלכעס עס צו אכטען, אלס זאָלכעס עס צו ליעבען, אונד עס טעטיג צו פערדערן זיינעם ציעלע צו — נאך גאָטעס ווילען״ [1].

און אָט די התחיבותן פון דעם מענטשן אלס „גאָטעס דיענער״, — שטרײַכט הירש אונטער, — לערנט אונז דאָס ייִדנטום. ווי געוויסע דייטשע ראָמאַנטיקער האָבן אין מיטלאַלטער געזעען פאַרווירקליכט זייערע שענסטע חלומות, האָט דער ייִדישער ראָמאַנטיקער שמשון הירש געזעען דאָס שענסטע און דערהייבנסטע אין דעם ייִדנטום און זײַן געשיכטע. „ישראל, — ווײַזט הירש אָן, — איזט איינע געשיכטליכע ערשיינונג אונטער דען אנדערען״; אָבער די דאָזיקע דער-שײַנונג איז, לויט הירשס וועלט-באַנעם, דאָס גלענצנדיקסטע און באַ-לערנדיקסטע בלאָט אין דער וועלט-געשיכטע. פון דער תורה ווייסן מיר די שטעלונג פונם מענטשן אין דער שאַפונג, „וועדער גאָט נאך שקלאַפע זאָל ער זיין זיינער ערדענוועלט, זאָנדערן ברודער, מיטדיענענדער ברודער, אבער ערשטגעבאָרענער נאך ארט אונד אומפאַנג זיינעם דיענסטעס״ [2]. די תורה לערנט, אז דער פאַרדינט צו טראָגן דעם נאָמען מענטש, „ווער עס האט גערעכטיגקייט אונד ליעבע ערפילט אין זיינעם היערזיין, זיין גאַנצעס לעבען, זיין דענקען אונד פיהלען, זיין רעדען אונד האַנדעלן, אויך זיין ערווערבען אונד געניסען — ווער גאָטעס דיענסט״ [3]. ס׳איז אַ גרויסע מיספאַרשטענדעניש, — דערקלערט הירש, — וואָס פיל פאַרשטייען אונטער דעם נאָמען „חסיד״ אַ מענטשן, וואָס זונדערט זיך אָפּ פון דער וועלט און פאַרברענגט זיינע טעג בךק אין תפילות און תעניתים. „בלויז בעשויענדעס אונד בעטענדעס לעבען איזט ניכט יודענטום!״ לויט דעם ייִדנטום פאַרדינט דעם נאָמען חסיד נאָר דער, ווער „זיך גאַנץ אין ליעבע היngibt, זיינע אנשפּריכע אויפגיבט אַן די וועלט אום גאַנץ נור פיר די וועלט אין ליעבעסווירקען טעטיג צו לעבען, ניכט בלאָס זיך צוריקציעהעט פאָן איהר, זאָנדערן געראַדע נור גאַנץ אין איהר אונד פיר זי לעבט״ [4]. און אַדאַנק דעם, — פאַרזיכערט

---

1 דריטער און פערטער בריוו.

2 פינפטער בריוו.

3 פערטער בריוו.

4 זעכצענטער בריוו.

הירש, — איז געשאַפן געוואָרן די אייגנאַרטיקייט פון דעם ייִדישן פאָלק. אַנדערע זעען דעם לעבנס־גרונד אין באַזיצן און געניסן, דאָס פאָלק ישראל זעט אָבער „אין דעם אַלייניגען גאָט דעם לעבענס איינציגען גרונד, איהן אַליין אַלס בעגרינדער, לייטער אונד העבעל (באַוועגנדיקע קראַפט) זיינער געדאַנקען, געפיהלע, וואָרטע אונד טאַטען" [1]. דאָס, — פירט הירש אויס, — האָט אַזוי בולט באַוויזן דאָס פאָלק ישראל אין זײַן לאַנגן גלות־וואַנדער; „זיין גאַנצע גלות־געשיכטע איז דאָך אַ מִזְבֵּחַ, אויף וועלכן דאָס פאָלק האָט אין גאָטס נאָמען און זײַן לערע געאָפּפערט אַלץ, וואָס מענטשן גלוסטן און ליבן. און בײַ אַלע פעלקער אוז לענדער האָבן פאַר ייִדן אַזעלכע מזבחות גערויכערט!" [2].

אין פולן קעגנזאַץ צו פיליפּזאָנען און פיל אַנדערע אויפקלערער, טיילט הירש כּלל ניט צאָ די ביבל פון דעם תּלמוד און מדרש. זיי אַלע בילדן, לויט זײַן וועלט־באַנעם, איין האַרמאָנישע גאַנצקייט — איינס דער־גאַנצט דאָס אַנדערע. נישט אומזיסט, — זאָגט הירש, — האָט נאָך דער דור המדבר דערקלערט: „נעשה ונשמע!" ניט נאָר צו באַגרײַפן און צו פאַרשטיין דאַרף מען די עטישע גרונדזאַצן פון דער תּורה, נאָר אויך דערפילן און מקיים זיין; נישט בלויז „אַלס גלויבענס — אָדער וויסענסזעצע, זאָנדערן אַלס אַנצוערקענענדע אונד מיט גייסט אונד הערץ אויפצונעמענדע פּרינציפּיען דעם לעבענס" [3]. מיט גרויס פּאַטאָס רעדט הירש וועגן דעם אויסשליסלעכן פּסיכאָלאָגישן באַדײַט פון סימ־באָלן און עמבלעמען, ווי נייטיק ס'איז „גרונד־אידעען" דורך „סאַט־זימבאָלען, דורך צײַכען אונד האַנדלונגען" אײַנצוקריצן אין דעם מענטשנס נשמה. און אָט דאָס באַצוועקן טאַקע די מצוות פון דער תּורה און פון תּלמוד. מיט גרויס באַגײַסטערונג רעדט דער ראָמאַנטיקער הירש וועגן דער מיסטישער שיינקייט פון שבּת, וואָס הייליקט און דערהייבט דעם מענטשן; און ער קען גאָר נישט באַגרײַפן, ווי קאָן מען צוליב פאַרדינסט און גענוס דעם שבּת פאַרשוועכן. אמת, ער ווייס זייער גוט, ווי פיל „דויטשען מאָזאַישער קאָנפעסיאָן" דערפילן נישט די מצוות־שבּת נישט אַזוי אויס עקאָנאָמישע מאָטיוון, ווי מחמת זייער פּאַרקער מיט נישט־ייִדן. זיי האָבן מורא: „מאַן צײַכענט זיך זאָ אויס, ווירד מאַן זאָ־גלייך אַלס יודע ערקאַנט!" „דו, זון מיינער צייט, — רופט הירש אויס, — ווער זאָגט דיר דען, אַז דו זאָלסט פאַרלייקענען יודע צו זיין?" זיי עם וואַרהאַפטיג, שטרעב צו פאַרווירקליכן דעם אידעאַל פון אַן אמתן ייִדן,

---

1 זיבעטער בריוו.

2 ניינטער בריוו.

3 צענטער בריוו.

זואס דערפילט די געבאָטן פון דער תורה וועגן גערעכטיקייט און ליבע, — דעמאָלט וועט מען דיך אכטן, ווייל דו ביזט א ייִד, נישט „אבגלייך דו יודע ביזט". באגרייף דיך זעלבסט אלס ייִד און פארשפרייט זיעט דאזיקן באגריף צווישן דיינע ניט־ייִדישע ברידער דורך דיין ווארט, נאך מער, דורך דיינע לעבנס־טאטן" 1.

אויף די טענות, אז דער פארבאָט פון „טריפֿ"־עסן זונדערט אָפּ דעם ייִדן פון דער ארומיקער באפעלקערונג, ענטפערט הירש: „זיי געֿרעכט אין טאט, זיי וואהר אים ווארט, טראגע ליעבע אים הערצען געגען דיינען ניכטיודישען ברודער, ווי עס דיינע תורה דיך לעהרט: שפייזע זיינע הונגעריגען, קליידע זיינע נאַקטען, ערקוויקע זיינע קראנקען, טרעסטע זיינע ליידענדען... ענטפאלטע * די גאנצע עדלע פילע דיינעם ישראלטומס, — אונד ער ווירד דיך ניכט ליעבען?" 2.

הירש ווערט ניט מיד צו באקעמפן די באשולדיקונג, אז דאָס ייִדנטום שטרעבט צו אָפּגעזונדערטקייט; ער פלייסט זיך צו דערוויַיזן, אז דער העכסטער ציל פונם ייִדנטום באשטייט דאך „אין אלפערברידערונג דער מענשהייט" 3. דאָ קומט הירש אין בארירונג מיט די אין זיין צייַט אַקטועלסטע צוויי פראגן: עמאנציפאציע און רעפאָרמע.

ווי באקאנט, האָבן אין דעם אָרטאָדאָקסן־לאגער זיך געפונען אזוינע, וואָס האָבן זיך פארהאלטן נעגאטיוו צו דער עמאנציפאציע־פראגע אוים כורא, אז דורך דאָס דערנעענטערן־זיך צו דער פרעמדער כביבה קאָן אָפּגעווישט ווערן די אייגנטימליכקייט פונם ייִדישן פאָלק 4. הירש האַלט דאָס פאר „חלוטין אומבאגרינדעט. ער פלייסט זיך צו דערוויַיזן, אז „לאנד און באָדן" זיַינען קיינמאָל נישט געווען דער „אייניגונגס־באנד" פארן פאָלק ישראל. אפילו אין די קדמונישע צייַטן פון זיין פאָליטישער זעלבשטענדיקייט האָט דאָס ייִדישע פאָלק פאראייניקט נישט דער שטאאט, נישט די מלוכה־מאכט, נאָר די עטיש־רעליגיעזע לערע פון דער תורה. פון תמיד אָן, — פארזיכערט הירש, — איז דאָס פאָלק ישראל געווען און איז אויך פארבליבן עד־היום א ג י י ס ט י ק פאָלק („ריין גייסטיגע נאטור דער פאָלקסטימליכקייט ישראלס"), דאָס, וואָס ס׳הייסט אין העברעיִשן „עם" און „גוי", אָבער נייַט דאָס, וואָס ווערט אין דייַטשן באצייכנט מיטן נאָמען „פאָלק", וואָס ס׳איז ענג פארבונדן מיטן באגריף

---

1 פיפצענטער בריוו.

* ענטפאלטע — דעק אויף.

2 דארטן.

3 דארטן.

4 זעכצענטער בריוו.

ווען א געמיינזאמען באָדן. דערפאר טאקע איז דעם יידישן פאָלק געלונגען צו דערהאלטן זיין אייגנהייט אויך אין גלות און צו דער זעלבי־קער צייט צו באווייזן אויך די פעיקייט זיך איינצובירגערן אין יעדן לאַנד, ווו זיי האָבן זיך באזעצט, ווי דער נביא ירמיהו האָט נאָך אין נבוכדנצרס צייטן באפוילן: „בויעט הייזער און ווערד איינזעסיג, פלאנצט גערטנער און געניסט זייערע פרוכטן... און זארגט פאר דעם שלום פון דער שטאָט, ווו איר וועט פארטריבן ווערן, און בעט גאָט פאר איר, ווארום ביי איר וווילשטאַנד וועט אויך אייך וווֹיל זיין״.

הירש קאָן אויך נישט באגרייפן, וואָס די רעפאָרמיסטן שאָקירט אזוי די האָפענונג אויף „ביאת המשיח״, און זיי פליסן זיך צו דער־ווייזן, אז זיי טראכטן כלל נישט וועגן קיין אנדער פאטערלאַנד אויסער דעם לאַנד, ווו זיי זיינען געבאָרן. נישט מיר, — פארזיכערט דער טיף־רעליגיעזער הירש, — וועלן זאָרגן פאר דעם „לעתיד לבוא״, ניט דורך אונזער אקטיוון ווילנס־אקט וועט ער דערגרייכט ווערן. מיר האָבן בלויז אויף דער דאָזיקער צוקונפט, ווי אויף גאָטס גענאָד און באוויליקונג, וואָס וועט דאָך געשעען „האנד אין האנד מיט ערהעבונג דער אלמענשהייט צור אלפערברידערונג אונטער גאָט דעם אלמעכטיגען!״ 1, ד״ה ווען די גאנצע מענטשהייט וועט אויסגעלייזט ווערן.

און ווייל דאָס יידישע פאָלק איז א גייסטיק פאָלק, האָט עס אפילו אין דעם גלות־וואָגל געדענקט, אז אלע בירגער־רעכט, וואָס די מלוכה קאָן געבן, בכדי צו זיכערן דעם מאטעריעלן באזיץ און גענוס, זיינען בלויז מיטלען צו דערפילן דעם העכסטן מענטשן־בארוף. די רעכטלאָזיקייט און די רדיפות האָבן אָבער אין די „מיטעלאלטערס נאכ־טיגען טאגען״ * זייער שווער געמאכט די יידן דעם לעבענס־קאמף. בא־גריסט דערפאר הירש די עמאנציפאציע, ווייל אדאנק איר וועט דער גייסט מער נישט פארקריפלט ווערן. איך זעגנע די עמאנציפאציאָן, — רופט הירש פאטעטיש אויס, — ווייל אין איר ווערט פראקלאמירט „אכטונג דעם רעכטס, דעם מענשענרעכטס: מענש אונטער מענשען צו זיין, אונד די אנזיכט **, דאס גאָטעס די ערדע זיי, אונד ווער נור דען שטעמפעל אלס זיין קינד טרעגט, פרווידיג פאָן אלען אלס ברודער געאכטעט ווערדען זאָל... איך בעגריסע זי פרווידיג אלס איינע מארגענ־רעטע *** דעם ווידער ערוואכענדען מענשענטומס אין דער מענשהייט —

1 זעכצענטער בריוו.

* אין די נאכט־פינסטערע טעג פונם מיטלאלטער.

** אנזיכט — באגריף, שטאנדפונקט.

*** דער רויטער אויפשיין פון קאָור (קאיאר).

איינע בארשטופע צור אנערקענונג גאטעס אלס דעם אלייניגען העררן אונד בעטערס אלער מענשען, אלס דעם אלייניגען (גאטעס) קינדער אונד זאמיט * ברידער".

אבער, — שטרייכט הירש אונטער, — איך זעגנע די עמאנציפאציע בלויז, "ווען ישראל זי ניכט אלס ענדע זיינעס בערופעס, זאנדערן אלס איינע-נויע זייטע זיינער אויפגאבע, אלס איינע פריפונג, אונד אלס איינע פיל שווערערע אלס די דעם דרוקעס, ענטגעגעננימט". און ווי טרויעריק, — פירט הירש אוים, — זואלט געווען, ווען ישראל זאל האבן אזא ווייניקן באגריף וועגן זיך גופא און וועגן זיין באטייט, אז ער זאל די עמאנציפאציע באגריסן אלס סוף פון זיין גלות, אלס דאס העכסטע ציל פון זיין בארוף. ווי שטארק וואלט איך באדויערט, ווען ישראל זאל אזוי ווייניק באגרייפן זיין אייגענע אויפגאבע, אז ער זאל די עמאנציפאציע — די פון אומגערעכטן דרוק באפרייטע מעגליכקייטן "פיר בעזיצעס-אונד גענוסשטרעבען" — קויפן פאר א צו טייערן פרייז: "דורך ווילקירליכעס בעשניידען דער תורה, דורך ווילקירליכעס אויפגעבען אונזערער לעבענס-זעעלע" 1.

"יודען מיסען וויר ווערדען, — רופט הירש אוים, — אים וואהרען זינע, יודען, פאן דעם תורה-גייסט דורכדרונגען, די תורה אלס קוועלע דעס לעבענס אויפנעמען!"

דעם ראמאנטיקער הירש באפרידיקט נישט די קאפיטאליסטישע וועלט פון זיין צייט, מיט איר גיעריג נאך "בעזיץ אונד גענוס"; ער זעט אבער אין דעם יידנטום, אין וועלכן דער יונגער מארקס האט געזען די פארקערפערונג פון דעם עגאיסטישן קאפיטאליסטישן גייסט, — דעם טרעגער פון די שענסטע מענטשן-אידעאלן — ליבע און כאציאלע גערעכטיקייט. "אונד דענקען זי זיך איינמאל, — ווענדעט זיך דער פארחלומטער הירש צו זיינע צוהערער, — דאס בילד זאלכעס אונטער פעלקערן פרייז:אנענדען, זיין אידעאל ערשטרעבענדען ישראלס! יעדער ישראלס זאהן — געאכטעטער, וויט ווירקענדער ביישפילס-פריסטער דער גערעכטיגקייט אונד ליעבע; ניכט ישראלטום — וואס אים פארבאטען — אבער ריינעס מענשענטום אונטער דען פעלקערן פערברייטענד!" 2

די עמאנציפאציע אן און פיר זיך, — פירט הירש אוים, — מאכט אונז נישט קלענער, נישט גרעסער. אן אנדער ציל שטייט אונז פאר, און דאס צו דערגרייכן איז איינגאנצן אין אונזערע הענט: די פאר-

* זאמיט — דערמיט, דורכדעם.

1 ענדע זעכצנטן בריוו.

2 זעכצנטער בריוו.

אידעקונג פון אונז גופא, די פארווירקליכונג פון יידנטום דורך די יידן גופא [1]. „וויר זינד נאך לאנגע ניכט, וואס וויר זיין זאלען!" און דאס, — שטרייכט הירש אונטער, — פירט אונז צו דער פראגע, וואס ווערט באצייכנט מיטן נאמען „רעפארם". דער ציל פון רעפארם קאן אבער נישט זיין קיין אנדערע, ווי „פערווירקליכונג דעם יודענטומס דורך יודען אין אונזערער צייט". נישט דער דת נייטיקט זיך אין רעפארם, נאר טאקע מיר גופא. דערציונג, דערהייבונג פון אונזער צייט צו דער תורה, נישט אבער די ניוועלירונג פון דער תורה לויט דער צייט נאך, נישט דערנידעריקן די הויכע בערג-שפיצן צו דער פלאכקייט פון אונזער לעבן. „וויר יודען בעדירפען דער רעפארם דורכס ווידערערקאנטע, גייסטיג ערפאסטע, מיט אלער טאטקראפט פערווירקליכטע יודענטום", אבער נישט וועלן די אייביקע, פון גאט פון אלע צייטן פאר אלע צייטן געגעבענע געבאטן און געזעצן צופאסן צו אונזערע צייטליכע תביעות און שטרעבונגען. גאטס תורה דארף אונז צו זיך דערהייבן, און מיר? מיר ווילן זי אראפציען צו אונז [2].

פעסט איבערצייגט איז דער טיף-רעליגיעזער פארפאסער פון די „ניינצן בריוו", אז דאס טראדיציאנעלע יידנטום איז געווען און וועט אויך ווייטער בלייבן דער לייכטנדיקער שטערן פאר דער מענטשהייט. צוויי אפענבארונגען, — דערקלערט הירש, — זיינען אונז געגעבן געווארן: די נאטור און די תורה. און פאר ביידע „גיבט עס נור איינע מעטאדע דער פארשונג". אין דער נאטור שטייען פארן מענטשן די דערשיינונגען אלס פעסט-געגעבענע פאקטן; דער מענטש פלייסט זיך ערשט צו דער-פארשן די געזעצן, וואס ברענגען זיי אין באוועגונג. ווען אבער עס געלינגט אים נישט אלץ צו דערגיין און נישט אלץ איז אים קלאר און באגרייפליך, בלייבן דאך די דערשיינונגען אלע געגעבענע פאקטן, אין וועלכע מען קאן נישט לייקענען. אט אזוי איז אויך „די פארשונג דער תורה". א פאקט איז זי פאר אונז, ווי הימל און ערד; ווי רעאלע פאקטן ליגן אירע באשטימונגען פאר אונז. אין דער תורה, ווי אין דער נאטור, איז דער לעצטער גרונט — גאט. ווי אין דער נאטור, אזוי איז אויך אין דער תורה „קיין פאקטום וועגצולייגנען" *, ווען אפילו זיין גרונד און צוזאמענהאנג איז נישט דערקלערט, „אבער ווי אין דער נאטור, זא אויך אין דער תורה, גאטעס וויזהייט נאכצושפירען" [3].

---

1 אנפאנג זיבעצנטער בריוו.

2 זיבעצנטער בריוו.

* וועגצולייגנען — אפצולייקענען.

3 ערשטע העלפט פון אכצנטן בריוו.

נישט מיט צאָרן, נישט מיט סאַרקאַזם, — פּרעמד זײַנען זיי דעם באַגײַסטערטן ראָמאַנטיקער הירש, — נאָר מיט טיפן ווייטאָג רעדט ער וועגן דער רעליגיעזער רעפאָרם־באַוועגונג פון זײַן צײַט און וועגן דעם ראַציאָנאַליסטיש־קריטישן פאַרהאַלטן זיך צום טראַדיציאָנעלן ייִדנטום מצד די, וואָס דערקלערן זיך אַלס מענדעלסזאָנס נאָכפאָלגער [1]. זיי, די וואָס דערקלערן זיך אַלס מענדעלסזאָנס „תּלמידים", האָבן אָפּגעוואָרפן דעם תּלמוד. זיי זעען אין אים „ניכטס אַלס מילבען־קלויבענדע שפּיצפינדיג־קייטען אונד קלײַניגקייטס־קרעמערײַ". די פּילפּולדיקע חקירות וועגן די, פון זייער ראַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט אָפּגעלעבטע געזעצן און תּקנות, זײַנען אין זייערע אויגן נישט מער ווי „גײַסט־טעדטענדע פּעפּעריי" און דאָס „פּראַקטישע יודענטום — ניכטס אַלס גייסטלאָזע קוועלערײַ" [2]. זיי מיינען, אַז מיט באַפּוצן דעם לבוש „דורך רעפאָרמירן דעם גאָטעס־דינסט לויט די פּרעמדע מוסטערן וועלן זיי דאָס ייִדנטום באַנײַען, נאָכ־דעם ווי זיי האָבן דעם גײַסט און לעבנס־אינהאַלט דערשטיקט. מיט טרוקענע קאַטעגיזיסן, מיט אַבסטראַקטע מאָראַל־באַגריפן ווילן זיי די יוגנט געווינען. „אום דעם הימעלס ווילען, — רופט הירש אויס, — וואָ זאָלען די יודען הערקאָמען? יודען מיט לעבענדיגעם גייסט דער גאָטעס־אונד בערופס־ערקענטניס, אונד מיט קראַפט געריסטעט (באַ־וואָפּנט) פיר דען קאַמף געגען זינליכקייט אונד אירטום, געגען צייטען־לאַסט אונד אירונג?!" [3].

דעם איינציקן אויסוועג זעט הירש אין דעם, מען זאָל וואָס גיכער פאַרגעסן די אַלע ראַציאָנאַליסטישע חקירות און פאַלשע באַגריפן וועגן דעם ייִדנטום און אומקערן זיך צו די ערשטע קוועלן פון דעם ייִדנטום — צום תּנ"ך, ש"ס און מדרש. „זיי פיר דאָס לעבען געלעזען, שטודירט, בעגריפען. דאַרויס דעם יודענטומס אַנזיכטען געשעפּפט איבער גאָט, וועלט, מענשהייט... אונד דאָס יודענטום אויס זיך ערקאַנט, אויס זיך בעגריפען, אויס זיך צו איינער וויסענשאַפט דער לעבענסווייזהייט ערהאָבען" [4].

און הירש איז אָפּטימיסט, ער איז זיכער, אַז — „עס ווערד אַנדערס ווערדען אין ישראל!" עס וועט קומען אַ דור פון „זיך זעלבסט בעפרייענדעם יודענטום", אַ דור, וואָס וועט אויף דער פּראַגע, „וואָס

1 צו מענדעלסזאָנען גופא פאַרהאַלט זיך הירש מיט גרויס רעספּעקט, פּי צו אַ האָכגלענצענדער פּערזענליכקייט".

2 אַכצנטער בריוו.

3 זיבעצענטער בריוו.

4 אַכצנטער בריוו.

בין איך דען אלס יודע? וואס איזט יודענטום?” זיך ווענדן נישט צו פרעמדע אווטאריטעטן, וואס האבן אפט א פאלשן באגריף וועגן דעם ייִדנטום און א טייל פון זיי טראכטן, ווי אים צו פארניכטן, און אויך נישט צו די שריפטן פון אונזערע „רעפארמאטארן”, וואס זיינען אויסן זייטיקע פניות, נאר צו דעם אור-קוואל פונם ייִדנטום, צו תנ״ך און ש״ס. און דאס — מיט דעם איינציקן שטרעבן: „בעגריף דעם לעבענס אויס דעם יודענטום, אונד דאס יודענטום אלס אינסטיטוט פיר דאס לעבען צו ערפאסען”. און אט דאס איינציקע שטרעבן וועט פירן צום היים-געווינטשטן ציל: „דאס וואהרע אונד לעבענסהאלטיגע אלס וואהרהייט אונד לעבען צו ערצייגען; נאך דער אוראלטען, אבער, לײדער, פארגעסענען רעגעל: ללמוד וּללַמֵד, לשמור ולעשות” 1.

דעם פולסטן קעגנזאץ צום קעמפער פארן טראדיציאנעלן ארטאדאקסישן ייִדנטום שטעלט מיט זיך פאר הירשס אוניווערזיטעטס-חבר און יוגנט-פריינד אברהם גייגער. געבוירן אין פראנקפורט-אם-מיין, אין 1810, אין אן ארימער פאמיליע, האט גייגער שוין אין די קינדער-יארן ארויסגערופן באוואונדערונג מיט זיינע אויסערגעוויינליכע פעיִקייטן. צו פיר יאר האט ער שוין געלערנט תנ״ך און משנה. צו אכט יאר — געשעמט אלס „עילוי” און צו צוועלף יאר באוויזן גרויס בקיאות אין דער ברייטער תלמודישער ליטעראטור. באלד איז אים דער פאטער געשטארבן, און ער איז געבליבן אן מיטלען צום לעבן. מיטן יונגן רייך-באגאבטן יתום האט זיך אבער פאראינטערעסירט דער פראנקפורטער ראטשילד, און ער גיט די נייטיקע מיטלען, גייגער זאל שטודירן ביי ספעציעלע לערער דייטש, לאטיין און גריכיש. זיינע אייגענע ווילן אבער, ער זאל זיך באצייטן גרייטן צו דער ראבינער-קאריערע, גיט ער אויך ווייטער אפ פיל צייט דער תלמודיש-רבנישער ליטעראטור. גייגערן ציט שוין אבער צו וועלטליכן וויסן, צו די קוואלן פון אייראפעיִשער קולטור, און שוין אין יענע יוגנט-יארן דערוואכט אין דעם צוקינפטיקן רעפארם-קעמפער דאס שנאה-געפיל צום תלמוד, וואס ער מוז שטודירן קעגן זיין ווילן. אין 1829 לאזט ער זיך קיין היידעלבערג, וווּ ער שטודירט אויף דער דארטיקער אוניווערזיטעט סעמיטישע שפראכן: סיריש, אראמיש, אראביש. ער פארט דערנאך איבער קיין באן, וווּ ער ווערט פרעמירט (1832) פון

---

1 אכצנטער בריוו. הירשס „ניינצעהן בריעפע” האט משה אהרנזאהן איבערזעצט אין העברעיִש (1890) אונטערן טיטל „אגרות צפון”. אהרנזאהן האט אויך פארעפנטליכט אין העברעיִש הירשס ווערק „חורב, אדער פערזוכע איבער איזראעלס פליכטען אין דער צערשטרייאונג” (1839), וואס דארף באטראכט ווערן אלס דערגאנצונגס-טייל צו די „ניינצעהן בריעפע”.

דער דאָרטיקער אוניווערזיטעט פאַר זיין ערשטער וויסנשאַפטליכער ארבעט „וואס האט מאהאמעד (מוחמד) אויס דעם יודענטומע אויפגענאָמען?"

דער יונגער רייך־באַגאַבטער געלערנטער, געבענטשט מיט אַ שאַרפן אַנאַליטישן שׂכל, מיט אייזערנער ענערגיע און ריזיקן דורשט נאָך פאָר־שונג און וויסן, ווייסט זייער גוט, אַז פאַר אים, דעם רעכטלאָזן ייִדן, זיינען אין דייטשלאַנד פאַרשפאַרט אַלע וועגן, און אָפן שטייט פאַר אים בלויז איין קאַריערע — די ראַבינער־קאַריערע. ער, דער פרייער דענקער, וואָס האָט נאָך אין די פריע יוגנט־יאָרן זיך פאַרהאַלטן מיט שאַרפער קריטיק צום תּלמודיש־רבנישן ייִדנטום און מיט ביטול דערקלערט, אַז „דאָס אויפקלע־רונגס־פייער האָט אַ סוף געמאַכט מיט די דאָזיקע פאַרשימלטע שמות" — האָט געמוזט ווערן אַ „זעעלען־פאַרזאָרגער" און אָפיציעלער ראַבינאַט־פאַר־שטייער... נאָך אין 1831 שרייבט ער אין איינעם פון זיינע בריוו, אַז „דער ריכטיקסטער וועג איז לויט זיין פעסטער איבערצייגונג — שפּאַלטונג (טרענונג)... ווי באַלד ייִדן פון אַ געוויסער פּראָווינץ זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מען דאַרף אָראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פונם תּלמוד, דאַרפן זיי זיך פאַראייניקן אין אַ באַזונדערער גרופּע און עפנטליך דערקלערן, אַז זיי אָנערקענען נישט דעם אויטאָריטעט פונם תּלמוד; זיי דאַרפן אויך פאָדערן פון דער רעגירונג, יענע זאָל זיי דערלויבן צו בילדן באַזונדערע קהילות, אָפּגעטיילט פון די תּלמוד־ייִדן" [1]. אין פינף יאָר אַרום אין (1836) שרייבט ער אין אַן אַנדערן בריוו: „מיר דאַרפן אָפּ־וואַרפן דעם תּלמוד, אָפּוואַרפן די ביבל אַלס הייליק בוך, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זי איז אונז טייער אַלס פּאָעטיש קונסט־ווערק פון זייער גרויסן ווערט. אמת, דאָס קאָן נישט אין איין טאָג געטאָן ווערן, אָבער מיר דאַרפן שטרעבן צו דעם דאָזיקן ציל. מיר דאַרפן מאַכן אַ סוף מיט דעם שקר, וואָס מיר דערלאַנגען דעם עולם אין שול ביבלישע לעגענדן אַלס אמתע היסטאָרישע פאַקטן [2].

און אָט דער דאָזיקער פרייַדענקער האָט געמוזט גלייך, ווי ער האָט דעם אוניווערזיטעט־קורס פאַרענדיקט, אָננעמען די ראַבינער־שטעלע אין דער קליינער ייִדישער קהילה אין וויסבאַדן. מען מוז דערביי נאָך אָט וואָס נעמען אין באַטראַכט: אפילו די קהילה־בעלי־בתים, וואָס האָבן אַליין שוין קאַרג וואָס געהאַלטן פון ייִדישקייט און ביי זיך אין הויז זיך געפירט אינגאַנצן פריי, דאָך האָבן זיי פון זייער „זעעלען־פאַרזאָרגער" געפאָדערט, ער זאָל זיך פירן פרום, ווי עס פּאַסט פאַר אַ רב. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, ווי די דאַרמשטאַטער קהילה האָט אָפּגעוואָרפן

1 גייגערס נאכגעלאסענע שריפטען, ב' V, 55.

2 בערנפעלד, תולדות הריפורמציון הדתית, 134.

צונצס קאַנדידאַטור נאָר דערפאַר, וואָס מען האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז ער פירט נישט בײַ זיך אין הויז קיין כשרע קיך. עס האָט זיך אויף אַזאַ אופן אין די דעמאָלטיקע דײַטשע קהילות געבילדעט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע לאַגע: נישט דאָס פאָלק, נאָר די ראַבינערס גופא זײַנען אַממייסטן פאַראינטערעסירט אין רעליגיעזער „רעפאָרמע", מען זאָל די רעליגיע צופּאַסן צו די פאָדערונגען פונם מאָדערנעם לעבן...

אין 1835, אין דעם זעלביקן יאָר, ווען פרידריך שטרויס איז אַרויסגעטראָטן מיט זײַן צוויי-בענדיקער פרײַ-קריטישער פאָרשונג „דאָס לעבן יעזו" [1], האָט גײַגער געגרינדעט זײַן „וויסענשאַפטליכע צײַטשריפט פיר יודישע טעאָלאָגיע", וואָס איז געוואָרן די טריבונע פאַר אַלע רעפאָרמקעמפער. כאַראַקטעריסטיש איז שוין דער טיטל פון גײַגערס צײַטשריפט. דאָס גאַנצע ייִדנטום ווערט באַטראַכט אַלס לויטער „טעאָלאָגיע"; און אַט די טעאָלאָגיע דאַרף באַקומען אַ ריין וויסנשאַפטליכע באַלײַכטונג, מען דאַרף די רעליגיע צופּאַסן צום לעבן, צו די גײַסטיקע באַדערפענישן פונם פאָלק.

דער מהות פונם ייִדנטום, — דערקלערט גײַגער, — איז „פרײַע ענטפאַלטונג דער אינערען זיטליכען קראַפט, די אַנערקענונג דעם מענשען אין זיינער ווירדע". דאָס שטרעבן און ווירקן פונם ייִדנטום דאַרף דערפאַר אַרויסשטראָמען פון ריין זיטליכער איבערצײַגונג און אין דעם קאָפּ, צו וועלכן ער איז באַרופן, שטעקט, נעמליך, דאָס באַוווסטזײַן פון זײַן באַטײַט און ווערט. אין לויף פון דער געשיכטע, — קלאָגט זיך גײַגער, — האָט זיך אָבער אַרום דעם קערן פונם ייִדנטום אָנגעזאַמלט „איין פאָרמגלויבע אונד פאָרמדיענסט", וואָס אין זייער דערפילונג זעט מען שוין נישט קיין פּראָדוקט פון „פרײַזיטליכער געזינונג", נאָר „נאַטווענדיגע געזעצבעאַכטונגען" (שפּאַצירט בײַ גײַגערן). מען לייגט אין זיי (אין די געזעצן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט „פאָרמדיענסט") אַרײַן אַ זעלבשטענדיקן געהאַלט פון צויבערישער מאַכט, וואָס איז משפיע אויף דער גאַנצער וועלטאָרדענונג. בײַ אַזאַ געבונדנקייט, — פירט גײַגער אויס, — איז אַ ווירקליך פרײַע מענטשליכע זיטליכקייט אוממעגליך. די אמתע גאָט-

---

1 װי נאך גײַגער האָט זיך באקענט מיט דעם דאזיקן װערק, שרײַבט ער מיט התפעלות יעקב אויערבאכן: „איין װערק, דאס אויסגעצייכענט איזט אונד פאָן מיינעם יעדען, דער ניכט הינטער דער צײַט צוריקבלײַבען װיל, געלעזען װערדען מוס; איין װערק, דאס פאָן דער העכסטען בעדײַטונג אונד װיסענשאַפטליכער באַציִונג, אַבער אויך פאָן ניכט מינדערעם אײַנפלוסע אויף די קריסטליכע טעאָלאָגיע איזט". (נאכגעלאַסענע שריפטען, V, 96).

פאַרערונג, דאָס שטרעבן נאָך זעלבסטהייליקונג, מוז אומבאַדינגט פאַראויסזעצן דאָס באַוווסטזיין, אַז נאָר „אין דער גייסטיג-זיטליכען זעלבשטענדיגקייט דאַס הייל (גליק) דעם מענשען ליעגע". ווי באַלד עס ווערט אַרויסגעשטעלט אַלס הויפט-פּרינציפּ דער מוז, די פעסטבאַשטימטע אומבאַדירליכע פאָרמען, ווערט דורכדעם פאַרטונקלט דאָס פריע זיטליכע באַוווסטזיין פונם מענטשן; „דאַן איזט די פאַלשטענדיגע ענטפאַלטונג (אַנטוויקלונג) דעם אינערען זיטליכען קערנס אים אַלגעמיינען ריין אונמעגליך".

דאָס ביי גייגערן אַרויסגעשטעלטע פּראָגראַם איז געווען נישט זייער קלאָר פאָרמולירט. עס איז נישט אינגאַנצן באַגרייפליך, אין וואָס אייגנטליך באַשטייט „די פרייע ענטפאַלטונג דער אינערען זיטליכען קראַפט". עס פילט זיך בלויז דער מוטיקער קאַמפּף-רוף פאַר באַפרייונג פון דער מענטשליכער פערזענליכקייט פון די דורך די מסורה געהייליקטע פאַרגליווערטע פאָרמען. עס באַמערקן זיך אויך דערביי גאַנץ בולט צוויי טענדענצן: 1) צופּאַסן די יידישע רעליגיע צו דער הייס-דערוואַרטעטער עמאַנציפּאַציע, 2) די רעליגיעזע רעפאָרמאַציע דאַרף אָפּמעקן פונם יידנטום די מינדסטע נאַציאָנאַלע סימנים, באשר יידן זיינען נישט קיין באַזונדערע נאַציע, נאָר אמתע דייטשן. נאָך איין כאַראַקטעריסטישער שטריך מוז אָנגעמערקט ווערן: די פרידלענדערס און די וואָלפזאָנס האָבן זיך פאַרהאַלטן מיט א געוויסער התבטלות פאַרן קריסטנטום און זיין מאָראַל, גייגער אָבער איז געווען זייער פיינדליך געשטימט בנוגע צום קריסטנטום, און עס ליגט א שטיקל אמת אין בערנפעלדס באַמערקונג בנוגע גייגערן, אַז „יהדותו היתה רק התנגדות נמרצה להדת השלטת" — זיין יידישקייט איז פאַקטיש מער געווען א פּראָטעסט קעגן דעם געוועלטיגנדיקן דת.

דער קעמפערישער טאָן און ראַדיקאַלע טענדענצן פון גייגערס צייטשריפט האָבן אַרויסגערופן א שטאַרקע אומצופרידנקייט אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזן; און ווען ס'איז אין ברעסלוי פריי געוואָרן דער ראַבינער-פּאָסטן און גייגער האָט אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור, האָט אויסגעבראָכן אַן עקשנותדיקער קאַמף, וואָס האָט געדויערט העכער צוויי יאָר, ביז ס'איז ענדליך גייגערן דאָך געלונגען (אין 1840) צו באַקומען די געוואונטשענע ראַבינער-שטעלע.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, ווי אין אָנפאַנג פערציקער יאָרן האָבן זיך אין די קריסטליכע אינטעליגענטע קרייזן אין דייטשלאַנד אונטער דער השפּעה פון לודוויג פייערבאַך, ברונאָ בויער און אַנדערע ראַדיקאַלע פאָרשער געשטאַרקט די אַנטי-רעליגיעזע שטרעמונגען. דאָס האָט זעלבסטפאַרשטענדליך געפונען א שאַרפן אָפּקלאַנג אויך אין די

יידישע אינטעליגענטע קרייזן. דער אָנפאנג פון באַנייטן קאמף פאר רעליגיעזער רעפאָרם האָט אויסגעבראָכן אין האמבורג, וווּ עס האָט שוין צוליב דעם דאָרט-געגרינדעטן „רעפאָרם-טעמפּל" צוריק מיט צוואנציק יאָר געפלאַקערט דאָס פייער פון מחלוקת 1. די פירער פונם האמבורגער „רעפאָרם-טעמפּל-פעראיין" האָבן אין 1841 באַשלאָסן ארויסצולאָזן א נייע אויסגאבע (אונטערן טיטל „סדר העבודה, געבעטבוך פיר די עפענטליכע אונד הויזליכע אנדאכט דער איזראעליטען") פון דעם רעפאָמירטן סידור, וואָס ס'האָבן פארעפנטליכט אין 1818 מאיר ברעסלוי און זעקל פרענקל 2. די נייע ארויסגעבער זיינען דווקא געווען פרידליך געשטימט 3 און זיך נישט דערלויבט דורכצופירן אינם טעקסט וויכטיקע רעפאָרם-ענדערונגען. זיי האָבן אפילו אייניקע תפילות, וואָס זיינען אין דער ערשטער אויסגאבע געווען געדרוקט בלויז אין דייטשער איבערזעצונג, דאָס מאָל איבערגעדרוקט אין דעם העברעיִשן אָריגינאַל. און דאָך האָט דער שטורעם אויסגעבראָכן. שמשון הירשם רבי, דער אייראָפעיִש-געבילדעטער, נאָר אָרטאָדאָקסיש-געשטימטער האמבורגער רב יצחק בערנייס האָט שבת געלאָזט אויסרופן אין דריי האמבורגער שולן, אז דער איסור, וואָס דער האמבורגער אב-בית-דין האָט בשעתו ארויסגעלאָזט בנוגע דעם רעפאָרמירטן סידור 4, איז אויך חל מיט זיין גאנצער שטארקייט אויף דער נייער אויסגאבע, און קיין רעכט-גלויביקער בן ישראל טאָר נישט מתפלל זיין פון דעם אפיקורסישן סידור. די אויפגעבראַכטע פירער פונם „טעמפּל-פעראיין" האָבן זיך גלייך געווענדעט מיט אן אויפרוף צו פיל רבנים, זיי זאָלן ארויסזאָגן זייער מיינונג וועגן דעם סיכסוך, וואָס בערנייס האָט מיט זיין כרוז ארויסגערופן.

די צייט האָט זיך באַדייטנדיק געענדערט: בעת דעמאָלט, אין דער התחלה פון דער רעאקציאָנערער רעסטאווראציע-תקופה, האָבן זיך געפונען בלויז פיר רבנים, וואָס האָבן געשטיצט מיט זייערע הסכמות די האמבורגער רעפאָרמיסטן 5, האָבן איצט די פירער פונם „רעפאָרם-טעמפּל-פעראיין" געהאַט אויף זייער צד א גאנצע פאלאנגע יונגע ראַבינער, וואָס זיינען ארויסגעטראָטן מיט באַשולדיקונגען קעגן דעם האמבורגער רב בערנייס. די מחלוקת בנוגע דער נייער אויסגאבע פונם האמבורגער רעפאָרמירטן סידור האָט ארויסגערופן א גאנצע ליטעראטור

---

1 זע פאָריקן באנד, צווייטער בוך, 290—311.

2 דאָרטן, 290.

3 זייער פשרה-שטימונג שפּרייכן די ארויסגעבער גופא אונטער אין דער הקדמה.

4 דאָרטן, 300.

5 דאָרטן, 292—293.

פאַמפלעטן, דערקלערונגען און אויפרופן [1]. מצד די רעפאָרמיסטן איז אַמאַנטשיידנסטן אַרויסגעטראָטן אברהם גייגער [2]. ער טרעט זעלבסטפאַרשטענדליך שאַרף אַרויס קעגן בערנייסן; ער איז אָבער נישט צופרידן אויך מיט די פירער פון דעם האַמבורגער „רעפאָרם-פעראיין" און מיט די רעדאַקטאָרן פון דער נייער סידור-אויסגאַבע, ווייל ער געפינט, אַז זיי בלייבן שטיין אויפן האַלבן וועג, זיינען פּשרה-מאַכערס און האָבן נישט דעם מוט צו מאַכן אַלע נייטיקע לאָגישע אויספירן, וואָס ס'איז מחייב דער פעסטגעשטעלטער טעזיס, אַז דאָס ייִדנטום איז נישט קיין נאַציאָנאַלע, נאָר אַ רעליגיעזע אינסטיטוציע. בכדי נישט איינצורייסן מיט די אָרטאָדאָקסן, האָבן די האַמבורגער רעפאָרמיסטן נישט אויסגעמעקט קאָנזעקווענט פון סידור די אַלע תפילות, וואָס טראָגן אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, אַלץ, וואָס ס'האָט אַ שייכות צו דער האָפענונג פון אויסלייזונג און קיבוץ-גליות. אויך דאַרף, לויט גייגערס איבערצייגונג, אינם רעפאָרמירטן סידור קיין זכר נישט בלייבן פון די תפילות, וווּ עס ווערט דערמאָנט וועגן ברענגען קרבנות אין בית-המקדש. אדרבא, נישט באַדויערן דאַרפן מיר, וואָס עס ווערן איצט קיין קרבנות נישט געבראַכט, נאָר דאַנקען און לויבן גאָט, וואָס ער האָט אונזער שכל דערלויכטן און מיר באַגרייפן איצט, אַז מיר דאַרפן אים נישט דינען מיט קרבנות, וואָרום דאָס איז אַ מנהג פון געצנדינער. אין דעם רעפאָרמירטן סידור איז אָבער אין די יומכפורדיקע תפילות נאָך געבליבן דער סדר פון דער „עבודה", ווען אפילו אין אַ באַדייטנדיק געקירצטער פאָרם. גייגער געפינט אפילו, אַז מען דאַרף אַרויסוואַרפן פיל שיינע פיוטים פון די ספרדישע דיכטער, וואָרום אויך דאָרט ווערט דערמאָנט וועגן קרבנות. ער קאָן דערפאַר נישט מוחל זיין די רעדאַקטאָרן פונם רעפאָרמירטן סידור, וואָס זיי האָבן נישט אַרויסגעוואָרפן דעם געוויסן פיוט „אתה כוננת", בעת עס געפינט זיך דאָרט אַזאַ פערז: „וּבְאַהֲבַת ניחוחו בָּנָיו בֵּרַכְתָּ — אוים ליבע צום ווייַרויך פון די קרבנות האָסטו זיינע (נוחס) קינדער געבענטשט [3].

גייגער, וואָס האָט אַליין געשריבן אויסגעצייכנט העברעיש און פאַרעפנטליכט אין העברעישע צייטשריפטן פיל וויסנשאַפטליכע אַרבעטן [4],

1 אייניקע ביבליאָגראַפישע פּרטים, זע בערנפעלד אין זיין „תולדות הריפורמציון הדתית", 148—149.

2 אין אַ ספּעציעלער בראָשור „דער טעמפּעלשטרייט, איינע צייטפראַגע", איבערגעדרוקט אין נאָכגעלאָסענע שריפטן, I, 113—196.

3 נאָכגעלאָסענע שריפטן, I, 171—172.

4 דעם פולן רייסטער פון גייגערס 313 אַרבעטן, וואָס ער האָט פאַרעפנטליכט אין העברעישע און דייטשע צייטשריפטן, זע ביי מ. שוואַב אין זיין „Repertoire".

קאָן אויך נישט מוחל זײַן די האַמבורגער רעפאָרמיסטן, וואָס זיי האָבן אין דער נײַער אויסגאַבע די דײַטשע איבערזעצונג פון אייניקע תּפילות פאַרביטן דורך העברעיִשן אָריגינאַל. די העברעיִשע שפּראַך, — דערקלערט גייגער, — איז אונז נישט פאַרשטענדליך, און נישט זי איז די שפּראַך פון אונזער פאַטערלאַנד. מתפּלל זײַן דאַרף מען אויף דער שפּראַך, וואָס מיר אַלע פאַרשטייען. אויך די סדרה פון דער תּורה דאַרף מען פאַרלייענען אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך [1].

די מחלוקת צווישן די האַמבורגער רעפאָרמיסטן און אָרטאָדאָקסן האָט זיך פּלוצלינג איבערגעריסן אויף אַ גאַנץ אומדערוואַרטעטן אופן: אין מאַי 1842 האָט אין האַמבורג אַ שרעקליכע שׂרפה אויסגעבראָכן, וואָס האָט חרוב געמאַכט אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער גרויסער האַנדלס־שטאָט. די קאַטאַסטראָפע האָט אויף אַ צײַט געמאַכט פאַרגעסן די פאַרטייִישע אינטערעסן און רעפאָרם־פּראָיעקטן.

די רעפאָרם־אידעען זײַנען אָבער אין דער לופטן געהאַנגען, און נישט אין האַמבורג, זײַנען זיי אין אַנדערע קולטור־צענטערן געשטעלט געוואָרן אויף דער טאָג־אָרדענונג. אין דעם זעלביקן יאָר (אָקטאָבער 1842) האָבן די פראַנקפורטער רעפאָרמיסטן מיט טעאָדאָר קרייִצנאַך בראָש געגרינדעט אַ פאַראיין פון „רעפאָרם־פרײַנדע". דער פאַראיין האָט זיך געווענדעט צו דער ייִדישער געזעלשאַפט מיט אַ לאַנגן כרוז, וווּ זיי האָבן פאָרמולירט זייער פּראָגראַם אין דרײַ פּונקטן, וועלכע מיר האָבן שוין פריער געבראַכט, בעת מיר האָבן גערעדט וועגן גבריאל ריסער [2]. דאָס פּראָגראַם האָט פאַקטיש באַצוועקט עפנטליך צו דערקלערן, אַז די „רעפאָרמפרײַנד" אָנערקענען נישט דאָס תּלמודישע ייִדנטום און די מצוות מעשׂיות. אברהם גייגער איז נישט געווען צופרידן מיט דער טאַקטיק פון די פראַנקפורטער רעפאָרמיסטן, ער האָט אָבער אין זײַנע בריוו, וואָס ער האָט דעמאָלט געשריבן צו זײַנע פרײַנד, ענערגיש אַגיטירט פאַר אַ ראַדיקאַלער רעליגיעזער רעפאָרם. דער עיקר, — שרײַבט ער שטערנען, — דאַרף עפנטליך דערקלערט ווערן, אַז דאָס רעליגיעזע לעבן, וואָס עקזיסטירט איצט בײַ אונז ייִדן, איז פול מיט שקר. אויך צו בערטאָלד אויערבאַכן שרײַבט ער אין דעם זעלביקן יאָר וועגן דער

---

1 כאַראַקטעריסטיש זײַנען גייגערס קריטישע באַמערקונגען אין זײַנעם אַ בריוו פונעם פערטן אויגוסט 1853 בנוגע מאַפּוס דערשינענעם ראָמאַן „אהבת ציון". ער פליִעסט זיך צו דערהײַזן, אַז ס'איז אוממעגליך קינסטלעריש צו שאַפן אויף אַ טויטער שפּראַך. (נאָכגעלאָזענע שריפטען, II, 327—329). וועגן זײַן האַס און ביטול צו ייִדיש, זע אונזער װערק, VI, 22).

2 זע אויבן ז״ז 187—188.

כייטיקייט פון רעליגיעזער רעפארם. „דערוויל, — דערקלערט ער, — פארנעמען מיר זיך נישט מיט בויען: מען דארף קודם־כל צעשטערן און אפראמען די הויפנס שטויב און שימל. מיך שרעקט אפילו נישט, תאמר קאן דאס ברענגען צו צעשפאלטונג ביי יידן, אבי מיר זאלן קומען צו רעאלע רעזולטאטן 1.

אויך אין דער בערלינער קהילה האבן זיך ארגאניזירט די רעפאר־מיסטן מיט זיגיסמונד שטערן און אהרן בערנשטיין בראש. אויך זיי האבן ארויסגעשטעלט דעם טעזיס, אז מען דארף די יידישע אמונה צו־פאסן צו די פאדערונגען פון דער מאדערנער צייט, דערווייטערן פון איר אלע נאציאנאלע עלעמענטן. די רעפארמיסטן האבן ענדליך בא־שלאסן איינצואורדנען א ספעציעלן צוזאמענפאר און דארט אננעמען באשטימטע החלטות וועגן די נייטיקע רעפארמען. דער צוזאמענפאר איז פארגעקומען זומער 1844, אין ברוינשוויג. דערביי איז כדאי אנצו־מערקן פאלגנדיקן כאראקטעריסטישן שטריך: אויף דעם צוזאמענפאר האבן די איניציאטארן איינגעלאדן בלויז ראבינער און פרעדיגער. צווישן זיי זיינען אפילו געווען אזוינע, וואס האבן געהאט גאנץ באשיידענע ידיעות אין חכמת ישראל; דערביי האט מען אבער געהאלטן פאר איבעריק איינצולאדן אזוינע פארדינסטפולע געלערנטע, ווי צונץ, לוצאטו און אנדערע. צי באוווסט, צי אומבאוווסט, נאר אין דעם קאן מען זען א באשטימטן סימפטאם פון קאכף פאר מאכט. דאס האבן זיי, די מאדערנע רבנים, געשטרעבט דערצו, אז נאר זיי זאלן האבן דאס רעכט פון „לעזען אונד בינדען", רעגולירן דאס רעליגיעזע לעבן אין די קהילות; זיין די „רועי ישראל", די אפוטרופסים איבער אלע אנשטאלטן, וואס זיינען פארבונדן מיט די גייסטיקע יידישע אינטערעסן...

צוויי און צוואנציק ראבינער און פרעדיגער זיינען געקומען אויפן צוזאמענפאר, לויטער רעפארמיסטן, צווישן זיי אויך אברהם גייגער. נאר נישט ער איז געווען דער טאנגעבער אויף דעם צוזאמענפאר (ער האט זיך, אגב, באטייליקט אין אים בלויז די לעצטע טעג), נאר דער נאך מער ראדיקאל געשטימטער שמואל הולדהיים.

געבארן אין 1806, אין קעמפען — א קליין שטעטל אין פויזנער געגנט, — איז שמואל הולדהיים דערצויגן געווארן אין אלטן שטייגער, ער האט געלערנט בלויז תלמוד און די רבנישע ליטעראטור. אויף דעם געביט האט ער דערווארבן זייער א ברייטן וויסן און געשמט אלס חריף

1 נאכגעלאסענע שריפטען, V, 73: „אין גאטעס נאמען, דאנן ווירד זיך אויך פאן זעלבסט עטוואס פעסטעס בילדען".

און „עילוי". אַט דעם קונציקן שווימער איבער די טיפענישן פונם „ים התלמוד" האָט דער פּויזנער רב פֿאַר אַן איידעם גענומען. זײַן טאָכטער איז שוין אָבער געווען אַביכל „פֿון קולטור באַלעקט", האָט זי געוואָלט אויסבילדן איר מאַן, דעם ישיבה־בחור, געפּרוּווט אים באַקענען מיט דער דײַטשער שפּראַך. דער וויסנסבאַגיריקער הולדהיים האָט מיט גרויס התמדה זיך גענומען צו זעלבסטבילדונג; די ביכער פֿון וועלטליכן אינ־האַלט האָבן אים „געעפֿנט די אויגן"; דער געוועזענער ישיבה־בחור איז באַלד „נתפּקר" געוואָרן. ער האָט זיך געגט מיט זײַן פֿרוי, וואָס איז שוין געווען פֿאַר אים צו פֿרום און אַלטמאָדיש, און איז אַוועק קיין פּראָג שטודירן אין דער דאָרטיקער אוניווערזיטעט. פֿון 1836 פֿאַנגט ער אָן זײַן ראַבינער־קאַריערע, — די ערשטע צײַט אין פֿראַנקפֿורט אויף דער אָדער, דערנאָך אין מעקלענבורג־שווערין. די ערשטע יאָרן פֿון זײַן געזעלשאַפֿט־ליכער טעטיקייט האָט ער פֿיל געזאָרגט פֿאַר סיסטעמאַטישער קינדער־דערציִונג אין די קהילות. ער האָט זיך אָבער דערמיט נישט געוואָלט באַגניגן. דער געוועזענער קעמפּענער עילוי האָט געחלומט וועגן ראַדי־קאַלע רעליגיעזע רעפֿאָרמען. לויט זײַן כאַראַקטער און וועלט־באַנעם האָט הולדהיים זיך שטאַרק אונטערשיידט פֿון גייגערן. גייגער איז געווען נישט בלויז דער גרויסער חריף, אין אים האָט אויך געצאַנקט, ווי מיר וועלן ווײַטער זען, אַ פּאָעטישער פֿונק, האָט אַליין דײַטשע לידער געשריבן, פֿאַרעפֿנטליכט גאַנץ געלונגענע איבערזעצונגען פֿון די מיטלאַלטערליכע העברעיִש־שפּאַנישע דיכטער. ער איז אויך געווען גע־בענטשט מיט אַ שטאַרקן היסטאָרישן חוש, און אַדאַנק אים איז ער געווען אינשטאַנד צו שאַפֿן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען די רעוואָ־לוציע פֿון 1848 האָט אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעשוואַכט דעם דראַנג נאָך רעליגיעזער רעפֿאָרם, זײַן קריטיש־היסטאָריש מײַסטער־ווערק „אור־שריפֿט", וועגן וועלכן עס וועט זײַן די רייד אין ווײַטערדיקן באַנד. הולדהיימען אָבער זײַנען געווען גאַנץ פֿרעמד די מינדסטע פּאָעטישע עמאָציעס; אים איז געווען ליב און אייגן בלויז דאָס חריפֿישע, דער קונציקער אײַנפֿאַל. גײַסטיק און אידעיִש איז ער געווען אין גרויס קרבֿות מיט די אַפּיקורסים און פֿרײַדענקער פֿונם טיפֿן מיטלאַלטער, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט אין ערשטן באַנד פֿון אונזער ווערק. „דאָס זײַנען געווען מענטשן מיט גלענצנדיקע פֿעיִקייטן און מיט שאַרף געשפּיצטע מוחות, נאָר אָן אָן אײַנגעווייניקסטן קערן, אָן פֿעסטע וואָרצלען. זיי זײַנען, אין גרונד גענומען, געווען גלײַכגילטיק נישט נאָר צו דער אמונה, נאָר אויך צו די אוצרות פֿון פֿאָרשן און וויסן. נישט די התלהבֿות פֿונם זוכן און דערגיין דעם אמת איז זיי **טײַער געווען**. נאָר

דער שפיל פונם שארפן געדאנק, די המצאה, דער איינפאל גופא, דאס אפלאכן און אפשפאטן פון דעם, וואס איז איינגעהילט אין א מאנטל פון הייליקייט און צו וואס אנדערע פארהאלטן זיך מיט יראת הכבוד" 1. „צעשטערן" — דאס איז געווען הולדהיימס דעוויז. פרעמד איז אים געווען דער וויסנשאפטליכער באגריף וועגן היסטארישער אנטוויקלונג; אלץ, וואס איז איבערגעגעבן דורך דער מסורה, אלץ, וואס טראגט דעם שטעמפל פון פארגאנגענעם — דארף אפגעווארפן ווערן, ווייל אזוי איז דער „שכל מחייב". הולדהיים מישט צונויף פאליטישע און נאציאנאלע מאמענטן אינם היסטארישן יידנטום, און אויף דעם סמך פאדערט ער, אז עס דארפן ביי היינטיקער צייט אפגעווארפן ווערן נישט בלויז די יידישע געזעצן, וואס האבן א שייכות צו זעלבשטענדיקן פאליטישן לעבן, נאר אויך אלץ, וואס טראגט אין זיך סימנים פון נאציאנאלן באוווסטזיין. דעם באוווסטן תלמודישן זאץ: „דינא דמלכותא דינא", האט ער אויסגעטייטשט אויף א ריין פלפוליסטישן אופן: דאס יידנטום דארף אנערקענען די מלוכה־מאכט, די „הויכע דייטשע רעגירונג", אלס די העכסטע אינסטאנץ אויך אין ריין רעליגיעזע פראגן. אלס איינוווינער פון אן אייראפעישער מלוכה דארפן, אשטייגער, די יידן אפווארפן דעם שבת־געבאט, ווארום די רעגירונג אנערקענט דאך נישט קיין שבת־רו און — דינא דמלכותא דינא! די יידישע רעליגיע דארף אננעמען נאציאנאל־דייטשע פארמען, באשר דאס פאדערט דאך דאס מאדערנע „צייטבאוווסטזיין"... די יידן אין דייטשלאנד בילדן דאך מיט די איבעריקע דייטשע איינוווינער איין דייטשע נאציע...

און הולדהיים איז געווען דער ראש המדברים אויף דעם ברוינשווייגער ראבינער־צוזאמענפאר. פיל איז אויף דער פארזאמלונג נישט אויפגעטאן געווארן. אייניקע גאנץ ראדיקאלע רעפארמעס, וואס הולדהיים האט פארגעלייגט, האט מען איבערגעגעבן א ספעציעלער קאמיסיע, זי זאל זיי באטראכטן און זיי פארלייגן אויף דער צווייטער פארזאמלונג, וואס דארף פארקומען אין א יאר ארום אין פראנקפורט. פון די החלטות, וואס זיינען יא אנגענומען געווארן אויף דער פארזאמלונג, איז די וויכטיקסטע: אז מען מעג זיך משדך זיין מיט פארשטייער פון אנדערע אמונות. בנוגע ריטואל־רעפארמען איז באשלאסן געווארן, מען זאל מבטל זיין די תפילה „כל נדרי".

---

1 156 — 157. מיט זיינע רעפארמיסטישע פלענער האט הולדהיים באקענט אין זיין „איבער די אויטאנאמיע דער ראבינער" (1843).

נישט אַזוי די אָנגענומענע החלטות, ווי דער שאַרפער טאָן, אין וועלכן אייניקע ראַבינער האָבן זיך דערלויבט אַרויסצוטרעטן אויף דעם צוזאַמענפאָר קעגן תלמוד, האָט שטאַרק אויפגעבראַכט דעם אָרטאָדאָקסן-לאַגער. ווי מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, זײַנען אויך איצט די אָרטאָדאָקסישע רבנים אַרויסגעטראָטן מיט שטורמישע פּראָטעסטן, וואָס זײַנען פאַרעפנטליכט געוואָרן אין דער זאַמלונג „תורת הקנאות" (צוויי העפטן, אַמסטערדאַם, 1845). דער רוב פּראָטעסטן איז געשריבן אין דעם זעלביקן סטיל, ווי דער „אלה דברי הברית" [1]. אויך דער „תורת הקנאות" איז פול מיט אַזוינע אויסדריקן, ווי: תועים ומתעים, אנשים רקים, אסיפת רעים, קשר בוגדים, אנשי הרשע, תרבות אנשים חטאים, מינים ואפיקורסים, פריצי עמנו, אנשים בני בליעל, פוחזים ורקים, חבר בוגדים, ערב רב חמורים, חמורים, מורדים ופושעים, פרצת החוטאים, עצת מרעים, חברת סוררים המתפרצים וכדומה. דער קראָקאָווער רב דוב בערוש מייזלס חידושט זיך אויף די „גדולי הרבנים האמתיים דמדינת אשכנז", פאַרוואָס זיי גורטן נישט אָן זייערע לענדן, בכדי זיך משתדל צו זײַן בײַ דער רעגירונג, מען זאָל זיי (די אָנטיילנעמער אינם בראַונשווייגער צוזאַמענפאָר) אויסשליסן פון עדת ישראל און מען זאָל זיי רודפן און פאַרשטויסן ביז זיי וועלן אינגאַנצן בײַטן דעם דת, און זייער נאָמען וועט מער צווישן יידן נישט דערמאָנט ווערן (דאָרטן, 14).

אַן אויסנאַם מאַכט אין דער זאַמלונג, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען איבער 70 רבנים, בלויז דער בריוו פון שמשון רפאל הירש. אין אַ ווייכן, האַרציקן טאָן ווײַזט הירש אָן, אַז דער צוזאַמענפאָר אין בראַונשווייג איז נישט קיין צופעליקע דערשײַנונג, נאָר אַ סימפּטאָם פון דער קראַנקהייט, פון וועלכער עס לײַדט אונזער גאַנצער דור (דאָרטן, 3—5).

אייניקע מער מעסיקע רבנים האָבן אָבער געפונען פאַר מער צוועקמעסיק זיך נישט צו באַגניגן בלויז מיט פּראָטעסטן, נאָר אָנטייל-צונעמען אין די ווײַטערדיקע ראַבינער-צוזאַמענפאָרן און מיטווירקן, אַז די צוזאַמענפאָרן זאָלן טראָגן אַ ווייניקער ראַדיקאַלן כאַראַקטער. דער באַדײַטנדיקסטער פון די דאָזיקע רבנים איז געווען דער אייראָפּעיש-געבילדעטער דרעזדענער אָבער-ראַבינער זכריה בן יעקב פראַנקל [2].

גלײַך נאָכדעם, ווי בערנײַס איז אַרויסגעטראָטן מיט זײַן פּראָטעסט קעגן דער נײַער אויסגאַבע פונם רעפאָרמירטן סידור, האָבן די פאַר-

---

1 זע אונזער ווערק, ב' VII, צווייטער בוך, 301.

2 געבאָרן אין פּראַג אין 1801, געשטאָרבן אין ברעסלוי, אין 1875. וועגן פראַנקלס וויכטיקע וויסנשאַפטליכע אַרבעטן וועט זײַן די רייד אין ווײַטערדיקן באַנד.

שטייער פונם האמבורגער „טעמפל־פעראיין“ זיך געווענדעט צו פראנקלען מיט דער ביטע, ער זאל ארויסזאגן זיין אווטאריטעטע מיינונג. פראנקל האט דערויף געענטפערט מיט א לענגערן בריוו אין דער וואכנשריפט „אריענט“ (1842, נומ׳ 7—9) 1. ער טרעט דארט אנטשיידן ארויס קעגן בערנייסן און זיין קריגערישן טאן, און געפינט, אז דער וועג, וואס יענער לייגט פאר, איז דער „וועג פון אומפרידען און מחלוקת (צוויטראכט)“. אים באפרידיקן אבער בכלל נישט די רעדאקטארן פונם רעפארמירטן סידור. ער געפינט, אז זיי זיינען „עקלעקטיקער“, זיינען נישט אויסגעהאלטן און נישט קאנזעקווענט. ער ווארפט זיי פאר, אז זיי פעלט דער היסטארישער חוש, און זיי פארשטייען נישט, ווי ביי אזוינע פראגן, ווי געטעסדינסט, האט מען דאך דער עיקר צו טאן מיט געמיט און שטימונג, און זיי קאן מען נישט מעסטן „מיט דער קעלטע דעם פערשטאנדעס“, מיט לאגיש פעסטגעשטעלטע באשלוסן. די רעדאקטארן פארשטייען אבער דאס נישט און זיי ווילן „די דורך דאס געפיהל ערקוויקענדע ווערמע מיט דער קעלטע דעם פערשטאנדעס פערטווישען“. פראנקל קאן די רעדאקטארן בשום אופן נישט מוחל זיין זייער פארהאלטן זיך צו דעם טראדיציאנעלן גלויבן אין דער גאולה און אין ביאת המשיח. נישט נאר דערמיט, וואס זיי האבן ארויסגעווארפן פיל תפילות, וואס זיינען דורכגעדרונגען מיט דעם דאזיקן גלויבן, נאר אפילו די אין סידור נאך איבערגעבליבענע באטרעפנדיקע שטעלן זיינען אזוי רעדאגירט, אז זיי באווייזן גאנץ בולט, ווי די רעדאקטארן האבן זיך געפלייסט דעם דאזיקן אידעאל צו דערשטיקן, צונעמען ביי אים די דערהייבנדיקע קראפט און לעבנס־פרישקייט.

„די אידעע איינער זעלבשטענדיגקייט, — רופט פראנקל פאטעטיש אויס, — האט דאך אין זיך גרויסארטיקעס, לעבענסקרעפטיקעס!.. דער וואונטש, ערגיץ אויף א ערד־ווינקל (נאטירליך, אינם לאנד פון אונזערע אבות, מיט וועלכן עס זיינען געקניפט די הייליקסטע זכרונות) זאל אונזער פאלקסטימליכקייט ווידער פריי הערפארטרעטן און מיר זאלן דארט געניסן די אכטונג, וועלכע מען שענקט, ווי אונז לערנט די טרויעריקע דערפארונג, ביי אלע פארטשריט, וואס די אויפקלערונג מאכט, בלויז די פעלקער, וואס באזיצן אויסערליכע מאכט, — אין דעם איז געוויס נישטא קיין אומגערעכטעס. אין דעם דאזיקן געדאנק, — חזרט פראנקל איבער, — קאן מען אויך בשום אופן נישט זעען קיין סימנים פון האס אדער גרינג־

1 די טאפל־וואכנשריפט „דער אריענט“ און „ליטעראטור־בלאט דעס אריענטס“ איז דערשינען אין לייפציג אונטער דער רעדאקציע פון יוליוס פירסט אין משך פון 1840 — 1850.

שעצונג בנוגע דעם איצטיקן פּאַטערלאַנד אָדער דערוועקן דעם חשד, אַז מיר באַטראַכטן זיך ווי פרעמדע אין דעם איצטיקן פּאַטערלאַנד, און אַז מיר ווילן פון דאָרטן אַנטלויפן... מיר ווילן געבן צו וויסן, אַז טראָץ טויזנטיעריקע ליידן און ווידערוועדטיקייטן זיינען מיר זיך נאָך נישט מיאש, און מיר זיינען נאָך ווייניקסטנס אינשטאַנד צי ערפּאַסן די אידעע וועגן זעלבשטענדיקייט, וועגן „איינעם זעלבשטענדיגען ווידער־אויפלעבענס״. יערנפאַלס, — פּאַרזיכערט פראַנקל, — איז דער דאָזיקער געדאַנק פיל דערהייבענער, ווי אַט די שטענדיקע מורא אַרויסצוווייזן דעם מינדסטן „כאַראַקטערצוג״, אַט דאָס קנעכטישע צופּאַסן זיך צו אויסער־ליכע אומשטענדן, וואָס ענדיקט זיך מיט הוילן, פלאַכן קאָסמאָפּאָליטיזם [1].

„דיזעס, — פירט פראַנקל אויס, — איזט ניכט זעלטען דער פעלער אונזערער הייטיגען רעפאָרמיסטען... דאָס זי די געשיכטע איבער־זעען, פערגעסען, דאָס דער מענש מיט זיינען געפיהלען ניכט אין דער געגענוואַרט אַליין חורצלע! דאָס דאָז ערערבטע (געירשנטע) אונד איבער־קאָמענע (דורך דער מסורה דערהאַלטענע) זיך אין אונזערעם הערצען, אין אונזערעם געמיטע טיעף איינגעבירגערט״ [2].

פראַנקלס ענטפער איז שטאַרק נישט געפעלן די פירער פונם האַמבורגער „טעמפּל־פעראיין״. דער טעמפּל־פּרעדיגער, ד״ר סאַלאָמאָן, איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ ספּעציעלן „זענדשרייבען״, וווּ ער באַשולדיקט פראַנקלען אין „נאַציאָנאַליזם״, וואָס קען בלי־ספק שאַטן דער עמאַנצי־פּאַציע. ס׳מיינט, — פרעגט ד״ר סאַלאָמאָן, — פראַנקל רעדט וועגן דער „אידעע דער זעלבשטענדיגקייט״; זאָל פראַנקל דערקלערן, „ווי דיזע זעלבשטענדיגקייט מיט דעם שטרעבען נאָך בירגערליכע גלייכ־שטעלונג אין איינקלאַנג צו ברינגען״.

ווי עס שיינט, האָט פראַנקל זיך טאַקע איבערגעשראָקן. דאָס באַווייזט זיין באַלדיקער לאַנגער ענטפער [3]. ער קומט דווקא מיט דער לאַגישער טענה: צי איז ווירקליך די אידעע וועגן אַ ניי־געשאַפענער יידישער מלוכה אַזוי ווילד? צי געפינט זי זיך ווירקליך אין אַזאַ שרייענדיקן ווידערשפּרוך „מיט דער אַנהענגליכקייט אַן דאָז פאַטערלאַנד״? צי האָט מען דען פּאַראיבל געהאַט אויף די גריכן, וואָס לעבן אונטער דער עסטרייכישער מאַכט, דערפאַר, וואָס זיי האָבן אַרויסגעזאָגט דעם ווונטש, עס זאָל ווידער אויפשטיין אַ פרייע גריכנלאַנד? די דאָזיקע האָפענונג האָט מען כלל נישט אָנגענומען פאַר אַ מאַניפעסטאַציע, אַז זיי ווילן

1 „דער אָריענט״ 363.

2 דאָרטן, 64.

3 ליטעראַטורבלאַט דעס אָריענטס, 1842, נומ׳ 22—24.

פון זיך אראפּווארפן די הערשאפט פון די האבסבורגער. פאר וואס־זשע דארף מען די ייִדן יאַ חושד זײַן, אַז זיי ווילן מורד במלכות זײַן? „ווײַל די גריכן, — ענטפערט מען, — האבן אגיטירט פאר זייערע אומגליקליכע ברידער, וואס זײַנען, נעבעך, אזוי שטארק אונטערדריקט געווארן פון די אָסמאַנען". פארוואס זשע טארן די ייִדן זיך נישט ווינטשן, עס זאָל געשאפן ווערן א פאטערלאנד פאר זייערע אומגליקליכע ברידער, וואס שמאכטן אין סארדיניע, אין צארישן רוסלאנד און אין אנדערע ערטער? מ י ר האבן א פאטערלאנד געפונען, י ע נ ע פעלט עס, — מעגן זיי א „זעלבשטענדיגעס ערלאנגען". „אוים דעם לאנדע, דאס אונז איין פ א ט ע ר ל א נ ד איזט, ווינשען וויר אונז ניכט וועג", אבער ווען די היים שטויסט פון זיך אפּ א מענטשן בלויז דערפאר, ווײַל ער רופט זיך „יודע" — „ד א ן מעג די האפנונג אויף איינע פרײַנדליכע הײַמאט בּאלעבען". מיר, — איז פראנקל מוסיף, — האבן א פאטערלאנד געפונען, „אונד הענגען אן אים". אבער די צײַט מאכט צוווילען ריקשריטע. מיר האבן דאס דאך געזעען אינם צווייטן יארצענדליק פון הײַנטיקן ירה [1] אין פיל דײַטשע שטעט. „זונד זאלטע, — וואס גאט פערהיטע, — די צייט נאך ווייטער צוריקגיין, זא מעגע אײַן פאטערלאנד אונז אויפנעמען, ווא אונזער נאמע פרײַ זיי" [2].

נאר דא באווײַזט פראנקל, ווי אומקלאר עס זײַנען נאך בײַ אים געוועזן די באגריפן וועגן נאציע און נאציאנאלער קולטור. א געוויסע ראָלע שפּילט נאך געוויס די מורא, עס זאָל דער עמאנציפּאציע־פראגע נישט שאטן, — מישט דערפאר פראנקל אומבאהאלפן צונויף בירגערליכע רעכט מיט נאציאנאלע רעכט. „אוודאי, — שרײַבט פראנקל, — דארטן, ווו דער ייִד געפינט א פאטערלאנד און זײַן געבורטסלאנד אנערקענט אים „אלס לעגיטימען זון", — דארט זאגט ער זיך אפּ פון דער פארטיקולאר־ייִדישער נאציאנאליטעט; ער מ ו ז זיך אפּזאגן, ווי באלד ער וויל זיך באטראכטן פאר א זון פונם פאטערלאנד; ער פארלאנגט דאך אליין פונם פאטערלאנד, עס זאָל אים דאס באוויליקן, און דערמיט הערט דאך די ייִדישע נאציאנאליטעט אויף „פון זיך אליין". ווארום, — פארזיכערט פראנקל, — „ייִדישע נאציאנאליטעט" איז — „איין פון אויסן אויפגענאמענעס". פרײַסן האט דורך דעם עדיקט פון 1812 די ייִדן כמעט אנערקענט „אלס זײַנע זעהנע". דערפאר זײַנען איצט די פרײַסישע ייִדן פארבונדן צווישן זיך נאר דורך דער רעליגיע, ווי די קאטאליקן אדער די פראטעסטאנטן צווישן זיך. „אויסער זיינע רעליגיעזע בעציהונגען

1 נאך נאפּאָלעאָנס מפּלה.

2 ליטעראטורבלאט דעס אריענטס, 362.

ווייל דער יודע נור אונטערטאַן זײַן, זיינע נאַציאָנאַליטעט זאָל אין דער דעם שטאַאַטע אויפגעהען״ 1.

באַלד האָט אָבער פראַנקל געהאַט די געלעגנהייט זיך צו איבער־צײַגן, אַז אויך די „רעליגיעזע באַציִונגען״ ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָ־בלעם פון זייער אַ וואַקלדיקן, אומבאַשטימטן אינהאַלט. אין 1845, נאָך פאַרן צווייטן ראַבינער־צוזאַמענפאָר, האָט זיך אין בערלין געגרינדעט אַ נײַע יידישע „רעפאָרם־־געזעלשאַפט״. פרעמדע שטרעבונגען און אויס־סערליכע כּוחות האָבן זי צום לעבן אַרויסגערופן. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז אין די פערציקער יאָרן האָבן זיך אין די דײַטשע אינטעלי־גענטע קרײַזן געשטאַרקט געוויסע אַנטי־רעליגיעזע שטימונגען. אין אָנפאַנג 1845 האָט זיך געבילדעט אַ „דײַטש־קאַטוילישע קירכע״ מיט דער טענדענץ זיך אָפּצוזאָגן פון דעם רוימישן פּויפּסט; צווישן די פּראָ־טעסטאַנטן האָבן זיך געגרינדעט „ליכטפריינדליכע געמיינדען״, וואָס האָבן דערקלערט, אַז זיי אָנערקענען נישט געוויסע קריסטליכע דאָגמען (די דרייאייניקייט, קריסטוסעס געטליכע אָפּשטאַמונג). אונטער זייער השפּעה האָט זיך עס געבילדעט די יידישע „רעפאָרם־געזעלשאַפט״, וואָס האָט זיך געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו די „ברידער־איזראַעליטען אין דײַטשלאַנד״, אַז מען דאַרף שאַפן אַ נײַ יידנטום „נאָך דעם גייסטע דער צייט״ און לויט די באַגריפן פון אַ געלײַטערטער אמונה. אין אַ קורצער צייט אַרום (אָנפאַנג 1846) האָט די „געזעלשאַפט״ געגרינדעט אַ „דייטש־יידישע קירכע״, וווּ מען האָט געדאַווענט מיט אַנטבלויזטע קעפּ, און ווײַל אום שבת פלעגן זיך צונויפנעמען זייער ווייניק מיטגלי־דער, פלעגן דער עיקר די גאָטעסדינסטן פאַרקומען זונטאָג. אַלס פּרעד־דיגער האָט מען אײַנגעלאַדן שמואל האָלדהיים. עס איז דערפאַר קיין חידוש נישט, וואָס בײַ אַזעלכע שטימונגען האָבן אויף דעם צווייטן צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין יולי 1845 אין פראַנקפורט, האָבן די הויפּט־ראָלע געשפּילט די ראַדיקאַלע רעפאָרמיסטן, און פון זייער קרייז זײַנען געוויילט געוואָרן דער פּרעזידענט (שטײַן) און דער וויצע־פּרעזידענט (אַברהם גייגער). פראַנקל האָט זיך באַלד געמוזט איבערצײַגן, אַז ער ווערט בטל בששים, און קען קיין השפּעה נישט האָבן אויף די החלטות, וואָס דער צוזאַמענפאָר וועט אָננעמען. דער ראַבינער שטײַן און אַנדערע האָבן געטענהט, אַז מען דאַרף פונם סדר התפילות אַרויסוואַרפן אַלע געבעטן, אין וועלכע עס געפינט זיך אַ וועל־כער ס׳איז זכר פון נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד אָדער קיבוץ גליות. וואָס פאַר

1 דאָרטן, 359—360.

א טעם, אשטייגער, האט איצט די תפילה „ומפני חטאינו גלינו מארצנו" (פאר אונזערע זינד זיינען מיר פון אונזער לאנד פארטריבן)? אדרבא, דעם פאליטישן חורבן פונם ייִדישן פאלק באטראכטן מיר איצט בכלל נישט פאר אן אומגליק; **מיר פילן זיך** איבערגליקליך, וואס מיר וווינען איצט צווישן געבילדעטע פעלקער, און מיר דארפן דערפאר גאט לויבן.

באזונדערס הייסע דעבאטן זיינען פארגעקומען, בשעת ס'איז באהאנדלט געווארן די פראגע וועגן תפילה בציבור, צי איז א מוז צו דאוונען דווקא אויף לשון קודש. עס זיינען דערביי געשטעלט געווארן צום אפשטימען צוויי פראגן: 1) צי איז א מוז על-פי-דין צו דאוונען דווקא אויף לשון קודש? 2) צי דארפן מיר מתפלל זיין אויף לשון קודש משום חזוק הדת? מיט רוב דעות האט די פארזאמלונג געענטפערט מיט „ניין" אויף ביידע פראגן. די העברעיִשע שפראך, — האט גייגער דערקלערט, — איז בלויז א נאציאנאלער פארבאנד, נישט קיין רעליגיעזער. דער דת נייטיקט זיך נישט אין דער שטיצע פון לשון קודש. נאך שארפער איז ארויסגעטראטן אן אנדער מיטגליד פון דער פארזאמלונג (אדלער). די חובבי שבת עבר, — זאגט ער מיט איראניע, — שרעקן אונז, אז באם מען וועט נישט דאוונען אויף העברעיִש, וועט בכלל העברעיִש פארגעסן ווערן ביי ייִדן, ווי דאס איז געשעען אין די צייטן פון פילו דעם אלכסנדריער. וואס-זשע איז עס פאר אן אומגליק? — פרעגט אדלער, — צי זיינען דען אונז די ווערק פון פילו, וואס האט קיין לשון קודש נישט פארשטאנען, נישט פיל ליבער, ווי, אשטייגער, די מסכת „ביצה"? מען קומט מיט דער טענה, אז עס זיינען פאראנען פיל וויכטיקע פיוטים און פאעטישע ווערק אויף העברעיִש פון גרויסן ווערט, וואס ס'איז זיי אוממעגליך צו איבערזעצן. נו — וועט אויפשטיין א נייער דור און ער וועט שאפן נייע שיינע פאעטישע ווערק אויף דער אומגאנגס-שפראך. די טויטע, אומגעשליפענע העברעיִשע שפראך איז געווארן אונזער אומגליק; זי האט עס די רעליגיע פארקריפלט; אדאנק איר האט זיך ביי ייִדן געמערט צבערגלויבן און ווילדע נארישקייטן! עס איז שוין לאנג צייט די דאזיקע שפראך צו דערווייטערן פון אונזער דת [1].

ווי נאר דער צוזאמענפאר האט אנגענומען די החלטה וועגן דער העברעיִשער שפראך, האט זכריה פראנקל גלייך פארלאזן די פארזאמלונג און אין אן עפנטליכער דערקלערונג אנגעוויזן אויף די מאטיוון, וואס האבן אים געבראכט צום באשלוס מער קיין אנטייל נישט צו נעמען

1 זע: ש. בערנפעלד, הריפורמציון הדתית בישראל, 193.

אין דעם צוזאמענפאר. פון אלע זייטן האט פראנקל באקומען באגרי־סונגען און דאנק־בריוו פאר דעם דאזיקן שריט.

דער פראנקפורטער צוזאמענפאר און די בערלינער „רעפארם־געזעלשאפט" האבן ארויסגערופן א גאנצע פאלעמישע ליטעראטור אויף ביידע שפראכן — אויף דייטש און העברעיִש. בעת אבער ביים ערשטן רעפארם־קאמף, צוריק מיט 25 יאר, זיינען די בעסטע פאלעמישע ווערק און פאמפלעטן געשאפן געווארן אינם לאגער פון די רעפארמיסטן, האבן איצט די אויבער־האנט באקומען די אנטי־רעפארמיסטן. אויף דייטש האט פארעפנטליכט (1845) א זייער געלונגען פאלעמיש ווערק „וואהין אונד וואהער?" דוד קאסעל; מיט פיל טעמפעראמענט און מיט אן אמתן פאלעמישן טאלענט איז ארויסגעטראטן קעגן „האלדהיים וריעיו" (האלד־היים מיט זיין קאמפאניע) פנחס מנחם היילפערן אין זיין „תשובות באנשי און" (פראנקפורט, 1845), וואס האט געמאכט נישט קיין קלע־נערן רושם, ווי ברעסעלויס „חרב נוקמת" בשעתו[1].

עס זיינען אויך פארפאסט געווארן אין העברעיִש פיל עפיגראמען, סאטירעס און פאמפלעטן. דער פארפאסער פון „פני תבל", משה מענ־דעלסזאן פון האמבורג, שרייבט א פאראדיע אויף אלקבצעס באוווסטן פיוט „לכה דודי":

לכה דודי, לקראת כלה, פני זאנטאג נקבלה![2]

א געוויסער א. פולד פארפאסט א סאטירע אינם טראדיציאנעלן קינה־סטיל, וואס פאנגט זיך אן מיט די קריגערישע סטראפן:

עצרת שונים, אותם מכנים — אסיפת רבנים
והמה מהרסינו ומחריבינו.

בני יקשן, בגאות עשן, בעתר הכבשן
עלה עלו בשדותינו.

חבל חובלים, פריצי שועלים, כרמים מחבלים
פרצו את גדרותינו אאז״וו[3].

אין 1846 איז פארגעקומען דער דריטער צוזאמענפאר פון די ראבינער־רעפארמיסטן; דער פערטער האט געזאלט פארקומען אין 1848

---

1 זע אונזער ווערק, באנד VII, צוייטער בוך, 310.

2 ליטעראטור־בלאט דעס אריענטס, 1846, 538.

3 דארטן, 145, 470.

אין מאַנהיים. דאָ האָט אָבער אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, און די פראַגע וועגן רעליגיעזע רעפאָרמען איז צייטווייליק אַראָפּ פון סדר־היום. אין „אָריענט", ווו עס זיינען פריער געדרוקט געוועזן העברעיִשע פאַמ־פלעטן און עפּיגראַמען אויף די רעפאָרמיסטן, דערשיינען איצט לויבגע־זאַנגען דער רעוואָלוציע [1], דעם אָפּשאַפן די צענזור [2] און עלעגיעס אויף דעם טראַגישן טויט פון דעם רעוואָלוציאָנערן קעמפער הערמאַן יעלעניק [3].

1 אָריענט, 1843, 303.
2 דאַרסן, 495.
3 דאַרסן, 39.

נײַנטער קאַפּיטל

די „אַנטפּלעקער" פון די שײנקײטן פון דער העברעיִשער ליטעראַטור. — לעאָפּאָלד דוקעס און יצחק קעמפּף; אַדאָלף פראַנק און שלמה מונק. — יחיאל מיכל זאַקס און דער באַטײַט פון זײַן „רעליגיעזער פּאָעזיע דער יודען אין שפּאַניען". — הײנריך הײנעס פאַרהאַלטן זיך צו שעקספּירס שײַלאָק. — הײנעס „העברעיִשע מעלאָדיען". — גראַציאַ ד'אַגילאַר און איר מאַראַנען-ראָמאַן. — לודוויג-אויגוסט פראַנקל און זײַנע ראָמאַנטישע פּאָעמעס. — הערמאַן מאָזענטאַל און זײַן דראַמע „דבורה". — בערטאָלד אויערבאַך און זײַנע היסטאָרישע יִידישע ראָמאַנען. — לעאָפּאָלד קאָמפּערט און זײַנע געטאָ-שילדערונגען. — אהרן בערנשטײן און דער באַדײַט פון זײַנע נאַטורוויסנשאַפטליכע פאָלקסביכער און געטאָ-דערציילונגען. — די אידיליע ווערט מגולגל אין אַ טראַגעדיע.

אין פאַריקן באַנד 1 האָבן מיר אָנגעוויזן, ווי די בעלי „המאספים" האָבן געשטרעבט צו „אַנטפּלעקן די שײנקײט פון דער העברעיִשער שפּראַך פאַר אַלע אַנדערע פעלקער". מיר ווייסן שוין, אַז דווקא די „שײנקײטן", וואָס די בעלי המאספים האָבן געפּרוווט שאַפן אויף דער ביבל-שפּראַך, זײַנען מיט זייער ווייניקע אויסנאַמען געוועזן פון אַ גאַנץ קנאַפן ווערט. די גרינדער פון דער חכמת היהדות מיט צונצן בראש זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז דערמיט, וואָס מען וועט דערווײַזן פאַר דער אייראָפּעיִשער געזעלשאַפט, אַז דאָס יִידישע פאָלק האָט געהאַט „אײנע פילאָזאָפיע, אײנע פּאָעזיע, די עס אַנדערן ליטעראַטורען עבענבירדיג * מאַכען", וועט דאָס באַדײַטנדיק פאַרקירצערן דעם וועג צו דער הײסגעווונטשענער עמאַנציפּאַציע 2.

דאָס רעאַלע לעבן איז אָבער באַדײַטנדיק איבערגעוואַקסן די אױטאָ-ליטאַר-אַפּאָלאָגעטישע טענדענצן. די נישט קלאָר פאָרמולירטע, און אַפילו נישט גאַנץ באַוווּסטע, און דאָך פעסט אין די טיפענישן פון דער נשמה אײַנגעוואָרצלטע נאַציאָנאַלע געפילן, דער דראַנג פונם אומדערמידליכן פאָרשער-געדאַנק און די אָנצינגס-קראַפט פון אַנטפּלעקטע עכט-פּאָעטישע אוצרות — דאָס אַלץ האָט מיטגעווירקט, אַז אַ גאַנצע פאַלאַנגע

1 ערשטער בוך, 242.

* פון גלײַכן ווערט.

2 צונץ, צור געשיכטע אונד ליטעראַטור, 21

פאַרשער האָבן מיט ענטוזיאַסטישער ליבע זיך געפּלײַסט צו באַקענען די אייראָפּעיִשע וועלט מיט די אמתע שײנקייטן, וואָס זײַנען דורות לאַנג געווען באַהאַלטן אין די פאַרגעלטע, מיט שטויב באַדעקטע בלעטער אין די מאַנוסקריפּטן-זאַמלונגען פון אייראָפּעיִשע ביבליאָטעקן און פּריוואַטע פּערזאָנען.

איינער פון די ערשטע איז געווען לעאָפּאָלד דוקעס אויס פּרעסבורג 1. שוין אין זײַנע יונגע יאָרן האָט ער געוואַנדערט פון איין ביבליאָטעק צו דער אַנדערער, געזוכט, גענישטערט אין די אַלטע מאַנוסקריפּטן פון די ספרדישע דיכטער. אין 1837 איז דערשינען זײַן „ערענזײַלען אונד דענקשטיינע צו איינעם קינפטיגען פּאַנטעאָן העברעיִשער דיכטער אונד דיכטונגען" מיט פיל דײַטשע איבערזעצונגען פון די מיטלאַלטערליכע דיכטער; אין צוויי יאָר אַרום — אַ ספּעציעלע מאָנאָגראַפיע „מאָזעס אבן עזרא", אין 1842 — „צור קענטניס דער נויהעברעיִשען רעליגיעזען פּאָעזיע", אין 1844 — „ראַבינישע בלומענלעזע". אין 1845 האָט שאול יצחק קעמפף 2 פאַרעפנטליכט „די ערשטען מאַקאַמען אויס דער תחכמוני אדער דיוואַן דעם חריזי" 3. אין 1843 האָט דער פראַנצויזישער דענקער אדאָלף (יעקב) פראַנק געמאַכט אַ רושם מיט זײַן אין גלענצנדיקן סטיל געשריבענער פאָרשונג „La Kabbale" 4. אין דרײַ יאָר אַרום האָט דער פאָרשער שלמה מונק (געבאָרן אין 1803, געשטאָרבן אין פּאַריז 1867), וואָס האָט זיך שפּעטער קונה שם געווען מיט זײַן קלאַסישער „מורה נבוכים"-אויסגאַבע, וועלכע ער האָט באַזאָרגט מיט אַ שטרענג וויסנשאַפטליכער פראַנצויזישער איבערזעצונג, — איבערראַשט די געלערנטע וועלט מיט זײַן אומדערוואַרטעטער אַנטדעקונג: אַז דער אַראַבישער דענקער אַבוצעבראָן, וואָס האָט מיט זײַן „Fons Vitae" געשפּילט אַזאַ באַדײַטנדיקע ראָלע אין דער קריסטליכער מיטלאַלטערליכער פילאָזאָפיע, און דער גרויסער ייִדישער דיכטער שלמה גבירול זיינען — איינע און די זעלביקע פּערזאָן 5. דער גײַסטרײַכער אברהם גייגער האָט אין ספּעציעלע מאָנאָגראַפיעם פאַרעפנטליכט דײַטשע איבערזעצונגען פון יהודה הלוים און גבירולס פיל לידער. דאָס באַדײַטנדיקסטע אויף דעם געביט האָט

1 געבאָרן אין 1810, געשטאָרבן אין וויִן אין 1891.

2 געבאָרן אין ליסע אין 1818, געשטאָרבן אין פּראָג אין 1892.

3 איבערזעצונגען פון חריזיס מאַקאַמען האָט קעמפף פאַרעפנטליכט אין זײַן „ניכט אַנדאַלוזישע פּאָעזיע אַנדאַלוזישער דיכטער אויס דעם XI, XII אונד XIII יר"ה", 1858.

4 אין אַ יאָר אַרום האָט אהרן יעלליניק פראַנקס אַרבעט פאַרעפנטליכט אין דײַטשער איבערזעצונג. אַ העברעיִשע איבערזעצונג איז דערשינען אין 1910.

5 זע אונזער װערק ב' I, 93.

אָבער געשאַפן יחיאל מיכל זאַקס, דער אַנטיפּאָד און אַנטשיידנסטער קעגנער פון שמואל הולדהיים.

געבאָרן אין גלאָגוי אין 1808, אין אַ רעליגיעזער פאַמיליע, האָט זאַקס באַקומען אַ פילאָזאָפישע דערציִונג. בעת ער האָט שטודירט אַלגע־מיינע לימודים אין דער אָרטיקער גימנאַזיע, האָט ער אינם פּאָטערס הויז באַקומען גרינדליכע ידיעות אין דער העברעיִשער שפּראַך און ליטע־ראַטור. בלויז מיט תלמוד האָט זיך זאַקס ווייניק אָפּגעגעבן, און ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער זיך געפּליִסט צו פאַרברייטערן זיין וויסן אויך אויף דעם געביט. באַשענקט מיט אַ פייַנעם עסטעטישן געפיל, איז זאַקס שוין פון קינדהייט אָן געווען אַנטציקט פון די פּאָעטישע שיינקייטן אין די ביבלישע שריפטן. ער האָט אויך געפּרוּווט אַליין העברעיִשע לידער שרייַבן און דער שריפטשטעלער דוד זאַמאָשץ פאַר־עפנטליכט אין זיין „רסיסי המליצה" אַ ליד פון דעם 13־יעריקן זאַקס. העכערע בילדונג האָט זאַקס באַקומען אין דער בערלינער אוניווערזיטעט, וווּ ער האָט שטודירט די קלאַסישע שפּראַכן און זייערע ליטעראַטורן. נעבן די ביבלישע טריבונען, ישעיהו און ירמיהו, זיינען ביי זאַקסן — פּלאַטאָ און סאָפאָקלעס די באַליבטע שריפטשטעלער געווען. אין 1836 ווערט ער פון דער פּראָגער קהילה איינגעלאַדן אַלס פּרעדיגער. זאַקס האָט אָבער אַזוי ווייניק האַרמאָנירט מיט דעם רוב מאָדערנע ראַבינער און פּרעדי־גער, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין די 30ער יאָרן אין די דייַטשע קהילות. אים זיינען אַזוי פרעמד געווען די רעפאָרם־טענדענצן און די קאַמפּס־לוסט פון זיינע קאָלעגן. לויט זיין כאַראַקטער און וועלט־באַנעם איז ער געווען מער ענליך צו די העלדן־פיגורן פון דער שפּאַניש־אַראַבישער תקופה. הויך געבילדעט, דורכגעדרונגען פון די שיינקייטן פון דער גריכישער קולטור, איז ער צו דער זעלביקער צייט געווען ענטוזיאַסטיש באַגייַסטערט פאַרן היסטאָרישן ייִדנטום, פאַר זיין אויסערגעווייִנליכער מאָראַלישער קראַפט, אין וועלכער ער האָט געזען איינעם פון די וויכטיקסטע און מעכטיקסטע פאַקטאָרן אין דער אַלגעמיינער מענטשליכער קולטור. אכת, זאַקס האָט געוווּסט, אַז די דאָזיקע מאָראַלישע שיינקייט האָבן די לאַנגע דורות פון שרעק און וואָגל באַדעקט מיט שטויב און שימל; די מורא אָבער, תּמיד וועלן אומגעשיקטע הענט צוזאַמען מיטן אָנגעוואַקסענעם שימל פאַרטיליקן אויך אַזוינס, וואָס געהערט צו די עטישע קולטור־אוצרות, האָט עס גורם געווען, וואָס זאַקס איז געוואָרן איינער פון די איבערצייַגטע אָרטאָדאָקסן און געבראַכט אים אין גרויס קרבות מיט שמשון רפאל הירש [1].

---

1 וועגן זאַקס׳ אָרטאָדאָקסיש־פרומער התנהגות, זע די זכרונות פון א. ה. ווייס אין „לוח אחיאסף", III.

אַט דער פּאַטאָס און באַגייסטערונג, מיט וועלכע זאַקס איז געווען אַזוי איבערפילט בנוגע דעם ייִדנטום און זיין היסטאָרישן באַטייט, האָבן עס נישט ווייניק מיטגעהאָלפן דעם אומגעהויערן דערפאָלג פון זיינע פּרעדיגן. „דער איבערשטרעמענדע פלוס פון זייז בערעדזאַמקייט, — דערציילט מיט התפּעלות זיין ייִנגערער מיטצייטלער, דער היסטאָריקער גרעץ, — די טיפע פון זיין געמיט, די ווערמע זיינער איבערצייגונג, די אַנמוט* אַלער זיינער בעוועגונגען, דער צויבער, וואָס זיין פּערזענליכקייט האָט אויסגעשטראַמט, דער וואָהלקלאַנג פון זיין שטימע, די פאָרמגעטאַקטקייט פון זיין שפּראַך, קורץ — יעדער צוג אין אים האָט אים געמאַכט צום אומאיבערטראָפענעם קאַנצעל-רעדנער פון זיין צייט" [1].

אונטער דער השפּעה פון דעם דייטשן דיכטער פרידריך ריקערט, וואָס האָט זיך קונה שם געווען מיט זיינע מוסטערהאַפטע איבערזעצונגען פון די אָריענטאַלישע דיכטער, האָט זאַקס געשטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע צו באַקענען דאָס דייטשע פּובליקום מיט די אייגנאַרטיקע שיינקייטן פון דער העברעיִשער פּאָעזיע. אין 1835 איז דערשינען זיין תהלים-איבערזעצונג [2], אין וועלכער ער פלייסט זיך אויפצוהיטן דעם אָריענטאַלישן קאָלאָריט און סטיל פונם אָריגינאַל. שוין דער דאָזיקער ערשטער פּרווו האָט באַוויזן, אַז דער טאַלענטפולער פּראָגער פּרעדיגער [3] איז אויך באַשאָנקען מיט אַ ניצוץ פון אַן אמתן דיכטער. זאַקס האָט דערנאָך אויך אָנטיילגענומען אין דער נייער ביבל-איבערזעצונג, וואָס איז דערשינען אונטער צונצס רעדאַקציע. ער האָט זיך אָבער דערמיט נישט געוואָלט באַגנוגן. זיין ציל איז געווען צו דערווייזן, אַז אויך אין די דורות פון גלות און וואָגל איז אין ייִדנטום נישט פאַרטונקלט געוואָרן דאָס טיפע און עטישע באַוווסטזיין, און עס האָט אויך דעמאָלט געשאַפן קולטורעלע ווערטן פון גרויסן באַטייט. יאָרן-לאַנג אַרבעט זאַקס איבער אַ ווערק, וואָס האָט געזאָלט באַקענען דאָס אייראָפּעיִשע פּובליקום מיט דער מיטלאַלטערליכער העברעיִשער רעליגיעזער פּאָעזיע, אין וועלכער ער האָט געזען די שענסטע און בולטסטע אַנטפּלעקונג פון דעם ייִדישן מאָראַלישן באַוווסטזיין, פון דעם פעסטן אומדערשיטערליכן גלויבן אין דער מילדקייט און ליטזעליקייט פון דעם באַשעפער. דאָס דאָזיקע ווערק איז דערשינען אונטערן טיטל „רעליגיעזע פּאָעזיע דער יודען אין שפּאַניען" (1845). זאַקס שיקט פאָראויס אַ היסטאָרישן איבערבליק

---

* דער סן.

1 גרעץ, ציס. ח. 524 (1900).

2 געחידמעס דעם דיכטער פרידריך ריקערס.

3 אין 1844 האָט זאַקסן איינגעלאַדן אויפן פּרעדיגער-פּאָסטן די בערלינער קהילה.

וועגן דער אַנטוויקלונג פון יידישער קולטור און עטיק זינט דעם חורבן ירושלים. ער שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף דעם אַנטוויקלונגס=גאַנג און אויף דעם מאָראַלישן און פּאָעטישן ווערט פון דער אגדה — דעם אורקוואַל פון דער רעליגיעזער פּאָעזיע. מיט באַזונדערער ליבע שילדערט ער דעם לעבנס=גאַנג און דאָס פּאָעטישע שאַפן פון די גרויסע ספרדישע דיכטער און אין די איבערזעצונגען פון די בעסטע מוסטערן אויס דער העברעישער מיטלאַלטערליכער פּאָעזיע געלינגט אים אויפצוהיטן דעם אייגנאַרטיקן ריטם און שטימונג פון דעם אָריגינאַל [1].

אַדאַנק זיין טיפן פּאָעטישן געפיל און ענטוזיאַסטישער באַגייסטערונג, מיט וועלכער זאַקס האָט זיין ווערק געשריבן, איז אים אין אַ באַדייטנדיקער מאָס געלונגען צו פאַרווירקליכן דעם אידעאַל פון די אויפקלערער אויס דער מאספים=שול: „אַנטפּלעקן די שיינקייטן פון דער העברעישער שפּראַך פאַר אַנדערע פעלקער". די „רעליגיעזע פּאָעזיע דער יודען" האָט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינעם אינטערעס. דער אין דעם ווערק מיט אַזאַ באַגייסטערטער ליבע געשילדערטער אויסטערלישער לעבנסוועג פון דעם גאוניִשן קאַסטיליער יהודה אבול חסאַן הלוי האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם אויף דעם מאָדערנעם גאוניִשן דיכטער היינריך היינע, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער זיין מייסטערווערק געשאַפן — די וווּנדערבאַרע פּאָעמע „יהודה בן=הלוי".

„דער טויפצעטל איז דער אַנטרע=בילעט צו דער אייראָפּעישער קולטור" — איז איינער פון היינעס אַפאָריזמען געווען. ער איז אויך מודה, אַז, ווי פיל אַנדערע פון זיין דור, האָט ער נישט געהאַט די קראַפט „איינען באַרט צו טראַגען אונד מיר יודענמוישעל נאַכרופען צו לאַסען". דערפאַר אָבער, וואָס ער האָט צוליב דעם „אַנטרע=בילעט" געמוזט אַן „אַבטריניגער" ווערן, דאָס האָט ער זיין גאַנץ לאַנג לעבן נישט געקאָנט מוחל זיין נישט דער דייטשער מלוכה=מאַכט, נישט דער קריסטליכער רעליגיע. מיט דעם בייסנדיקסטן סאַרקאַזם רעדט היינע אין זיין באַוווּסטער „דיספּוטאַציאָן" וועגן די מיטלאַלטערליכע רעליגיעזע ויכוחים און דערקלערט אין נאָמען פון דער שיינער קעניגין דאָנאַ בלאַנקאַ „דאָס דער ראַבי אונד דער מענך — דאָס די אַלע ביידען שטינקען". נאָר דער דיכטער גופא רעדט וועגן דער קריסטליכער רעליגיע נישט אין פיל פריינדליכערע אויסדריקן, ווי דער דיספּוטירנדיקער

---

1 פון זאַקס שפּעטערדיקע אַרבעטן פאַרדינען באַזונדערס דערמאָנט צו ווערן: 1) ביטרעגע צור שפּראַך=אונד אַלטערטומס=פאָרשונג (1852—54). 2) שטימען פאָם יאָרדאַן אונד עפראַט (1853) — פּאָעטישע באַאַרבעטונג פון לעגענדן און דערציילונגען אויס דעם תלמוד און מדרשים.

„ראבי יודה דער נאווארער". „דאס קריסטנטום, — דערקלערט היינע, — דאס איז די אמסיינסטן פאלשע, אמסיינסטן איררעציאנעלע און אבסור־דאלע רעליגיע אין דער וועלט. א רעליגיע פון ליבע, וואס איז אליין לויטער שנאה, א רעליגיע פון פרייהייט — און איז לויטער דעספאטיזם, א רעליגיע פון הומאניזם, פון וועלכער מען האט געזען בלויז די אכזריותדיקסטע בארבאריי" 1. צו דער יידישער רעליגיע אבער פאר־האלט זיך היינע, דער פילאזאפיש־געבילדעטער פריידענקער און סקעפ־טישער שפעטער, מיטן גרעסטן רעספעקט. „איך מאכע קיין העל (קיין סוד) אוים מיינעם יודענטומע, — דערקלערט היינע אין יאנואר 1850, — צו דעם אויך ניכט צוריקגעקערט בין, דא איך עס ניעמאלס פערלאסען האטע" 2.

היינע איז אבער געווען זייער ווייט פון גייגערס שטאנדפונקט צו זעען אין דעם יידנטום לויטער „טעאלאגיע". ער האט אין דעם יידנטום געזעען נישט קיין רעליגיעזן קיבוץ, נאר א נאציאנאלן קאלעקטיוו פון א גאנץ גרויסן קולטורעלן פארנעם. און דאס נישט בלויז אין די יארן, ווען ער האט דעם „אלמאנזאר" און דעם „ראבי פאן בכרך" געשריבן, נאר אויך אין די שפעטערדיקע יארן, ווען ער האט זיך פאר א „העלענע" (גריך) דערקלערט און איז פארליבט געווען אין דעם העלעניסטישן וועלט־באנעם, פאר זיין „וויעדערהערשטעלונג דעם פלייששעס". זייער סימפטאמא־טיש איז אין דער הינזיכט זיין פארהאלטן זיך צו שעקספירס שיילאק־געשטאלט 3.

די „אויפקלערער" און פארשער פון חכמת היהדות האבן שטארק שטאלצירט מיט לעסינגס „נאטאן דער ווייזע"; מיט שעקספירס שיילאק האט מען זיך אבער געשעמט, געפלייסט זיך אים צו פארשוויגן, ווי א פאלשן בלבול, וואס עס האט זיך דערלויבט, אונטער דעם דרוק פון דער פינסטערער און אבערגלויבערישער סביבה, דער גאונישער דיכטער. היינע אבער האט דעם מוט מיט שטאלץ צו דערקלערן, אז שיילאק איז, חוץ פארציע, די „רעספעקטאבעלסטע פערזאן" אין דער גאנצער פיעסע, און די אלע קריסטליכע פאטריציער, וואס דרייען זיך ארום אים, זיינען

1 Dr Hugo Bieber, Heinrich Heine, Gespräche etc., 1926 ,179:
Le christianisme, la religion la plus fausse, la plus irrationelle, la plus absurde qui füt; une religion d'amour, qui ne connait que la haine, une religion de liberté qui ne connait que la despotisme, une religion d'humanité qui n'a jamais pratiqué que la plus cruelle barbarie.

2 דארטן, 297.

3 אין זיין „שעקספירס מעדכען אונד פרויען" (געשריבן אין 1838).

נישט ווערט שײַלאָקן „די שיכבענדלעך אויפצוקניפּן". און דווקא שײַלאָקס בלוטיקע נקמה-גיריקייט אימפּאָנירט הײַנען, און ער שטרײַכט באַזונדערס אונטער: „אָבער עס גיבט עטוואָס, וואָס ער דערנאָך העהער (העכער) שעצט אַלס געלד, נעמליך די גענוגטואונג פיר זײַן באַלײַדיגטעם הערץ, די גערעכטע ווידערפערגעלטונג אונזעגליכער שמעאונגען" [1]. און אַט צו דעם פאָלק, וואָס האָט אַ שײַלאָקן דערצויגן, דאַרף ערשט אײראָפּע, — לויט הײַנעס דערקלערונג, — זיך „דערהעבן". „איך זאָגע דערהעבט זיך, דען די יודען טראָגען שאָן אים בעגינע דאָס מאָדערנע פּרינציפּ אין זיך, וועלכעס זיך הייטע ערשט בײַ דען אײראָפּעאישען פעל־קערן זיכטבאַר ענטפּאַלטעט" [2]. און הײַנע פּאַרענדיקט זײַן סקיצע איבער דעם „קויפמאַן פאָן ווענעדיג" מיט דער וווּנדערבאַרער סצענע, ווי דער דיכטער קומט אין אַ יום כּפּור-טאָג אין דער ווענעציאַנער שול זוכן שײַלאָקן: „איך האָב אים נישט געזעען. אָבער בײַ זונען-אונטערגאַנג, דעמאָלט, ווען לויט דער ייִדישער מסורה, עס ווערן די הימלישע טויערן געשלאָסן און מער ווערט שוין קיין תּפילה נישט צוגענומען — האָב איך אַ שטימע דערהערט, וואָס איז געווען דורכגעווייקט מיט אַזוינע טרערן, מיט וועלכע עס האָבן נאָך קיינמאָל קיין מענטשן-אויגן נישט געוויינט... דאָס איז געווען אַ שלוכצן, וואָס האָט געקאָנט אַ שטיין פאַר רחמנות רירן. דאָס זײַנען געווען שמערץ-געשרייען, וואָס האָבן געקאָנט אַרויסקומען נאָר פון אַזאַ ברוסט, אין וועלכער עס זײַנען געווען אײַנגעשלאָסן אַלע לײַדן, וואָס אַ גאַנץ מאַרטירער-פאָלק האָט איבערגעלעבט אין משך פון אַכצן יאָרהונדערטער. ס׳איז געווען אַ כאָרכלען פון אַ נשמה, וואָס זינקט צוזאַמען טויט-מיד פאַר די הימלישע טויערן... און די דאָזיקע שטימע האָט מיר אויסגעוויזן גוט באַקאַנט, מיר האָט געדאַכט, איך האָב שוין אַמאָל געהערט, ווי זי האָט אויך אַזוי יאוש-פול געיאָמערט: „דזשעסיקאַ, מײַן קינד!..."

אין דער שוין פריער דערמאָנטער פּראַכטפולער פּאָעמע „יהודה בן הלוי" שילדערט הײַנע דעם גרויסן קאַסטיליער נישט בלויז אַלס „דיכטער פאָן גאָטעס גנאַדען", וואָס „קאָן נישט זינדיקן נישט אין פערזען, נישט אין פּראָזע", ווײַל

רײַן און לויטער אָנם מינדסטן פּגם
איז זײַן ליד, ווי זײַן נשמה.

---

1 הײַנע חײַזם אויך דאָרט שאַרפזיניק אָן אויף די רײַן סאָציאַלע יסודות פון דער היסטאָרישער שנאה צו ייִדן, וואָס טראָגט אַ רעליגיעזן לבוש.

2 ענטפּאַלטעט — אַנטוויקלט, אַנטפּלעקט זיך.

וועןן דער בורא האט זי געשאפן,
די נשמה — זעלבסטצופרידן
האט ער געקושט די ניי־געבארענע;
און דער נאכקלאנג פון דער נשיקה
לעבט אין יעדן ליד פון דיכטער,
וואס איז געזאלבט פון גאטס גענאד.

היינע שטרייכט נאך דערביי באזונדערס אונטער, אז יהודה הלוי איז געווען א יידישער נאציאנאלער דיכטער:

געווען איז ער א גרויסער דיכטער,
ליכט און שטערן פאר זיין דור,
די שיינע מנורה אין יעקבס הויז
א וואונדערבארער גרויסער
עמוד־אש פון געזאנג און לידער,
וואס איז פאראויסגעגאנגען
דעם פארוואגלטן פאלק ישראל
אינם חושך פונם גלות!..

די יידישע רעפארמיסטן פון די פערציקער יארן האבן געפונען פאר נייטיק אויסצומעקן אין דער באקאנטער תפילה „אבינו מלכנו" דעם זאץ: „אבינו מלכנו נקום לעינינו נקמת דם עבדיך השפוך" — פאר אונזערע אויגן נעם, אונזער פאטער־קיניג, נקמה פאר דאס פארגאסענע בלוט פון דיינע קנעכט!" דער גרויסער דיכטער פון „יהודה בן הלוי" אידענטיפיצירט אבער זיך מיט דעם גלות־ליידנדיקן פאלק, וואס שאפט זיין מעכטיק ליד „על נהרות בבל שם ישבנו" מיט זיינע שטורמישע שלום־אפארדן פון בלוטיקן האס און נקמה. אין גוואלטיקע, היינישע סטראפן שילדערט דער דיכטער, ווי עס זידט און קאכט אין זיין הארצן „דאס דונקלע וויי", דאס נקמה־געפיל פאר די טויזנט־יעריקע דערנידע־רונגען און שמארציקע ליידן, ביז ענדליך — „דער דעקל שפרינגט", און ווי א פייערדיקע לאווע גיסן זיך איבער די מיט גיפטיקער שנאה איבער־פולטע ביבלישע פערזן:

הייל דעם מאננע *, דעססען האנד
דיינע יונגע ברוט ** ערגרייפעט
אונד צערשמעטערט אן דער פעלזענוואנד!

* געבענטשט זאל זיין דער מענטש.

** ברוט — אקארשט פון די אייער אויסגעקראכענע פייגעלעך.

ווי באַקאַנט, איז אין היינען, וואָס האָט די לעצטע אַכט יאָר פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין דעם ליידנפולן „מאַטראַצן-קבר", פאָרגעקומען אַ טיפער גייסטיקער איבערברוך. פון אַן אַטעאיסט איז ער דעאיסט געוואָרן, און שוין אינם ערשטן יאָר פון זיין קראַנקהייט (1848) האָט ער, ווי דער קראַנקער דיכטער גופא דערציילט, גאַנצע שלאָפלאָזע נעכט געפירט ערנסטע געשפּרעכן מיט גאָט [1]. ער האָט זיך שוין מער נישט געפילט ווי דער „גרויסער לירִיקער נומער צוויי" ד"ה דער גרעסטער נאָך געטעס דייטשער לירִיקער, נאָר ווי אַן „אָרמער קראַנקער יודע". ווען די שמאַרצפולע קראַנקהייט האָט זיין קערפּער אַזוי צוזאַמענגעשרומפּן, אַז מען האָט אים געקאָנט לייכט אויף די הענט אַרויסטראָגן ווי אַן אַכט-יאָריק קינד — האָט ער זיך שוין מער ניט געפילט ווי אַ לעבנסלוסטיקער „העלענע", נאָר אַלס אויסגעדאַרטער ייד. ער לייקנט איצט אין דעם העלעניסטישן גרונד-דעוויז און דערקלערט, אַז „גוט זיין איסט בעסער דען שיינהייט". זיין באַליבט בוך ווערט די ביבל. אמת, די קלאַסישע ביבל-שיינקייטן האָבן אים אַנטציקט נאָך אין די יונגע יאָרן, און ער האָט זיי מיט גרויס התפעלות געררימט אין זיינע באַוווּסטע בריוו אויס העלגאָלאַנד. „אונד דאָך — דערקלערט דער קראַנקער דיכטער אין 1850 — מיזטע איך יעצט אַלעס גאַנץ נייַ שרייבען, יעצט וואָ איך די פּאָעזיע אונד די קולטור-היסטאָרישע בעדייטונג דער ביבעל ווי אויך איהרען עטישען אונד רעליגיעזען געהאַלט וייט בעסער פערשטעהע" [2]. און ער האָט דאָס אַלץ טאַקע „גאַנץ ניי געשריבן". וועלט-באַקאַנט זיינען די ענטוזיאַסטישע בלעטער פון היינעס „געשטענדניסע", ווו דער דיכטער גיסט אויס זיין התפעלות פון דער ביבל, פון דעם פאָלק, וואָס האָט געשאַפן און אויפגעהיט דאָס „בוך דער ביכער" און פון דעם גרעסטן העראָס (העלד) פון דער יידישער געשיכטע און טראַדיציע — פון דעם, וואָס האָט דאָס פאָלק אויס דער קנעכטשאַפט באַפרייט און אים די תורה געגעבן — משה רבנו... ניט וועגן אַ רעליגיעזן קיבוץ רעדט היינע, נאָר וועגן אַ גרויסער נאַציע פון גוואַלדיקן אַלמענטשליכן קולטור-ווערט. ווי שמואל-דוד לוצאַטו, רעדט אויך היינע וועגן אַטיציזם און יודאַיִזם. „איך זעהע יעצט — שרייבט היינע — די גריכען וואַרען נור שיינע יונגלינגע, די יודען אַבער וואַרען אימער מענער, געוואַלטיגע, אונבויגזאַמע מענער, ניכט בלאָס עהעמאַלס (אַמאָל), זאָנדערן ביז אויף הייטיגען טאָג, טראָטץ אַכטצעהן יאָרהונ-דערטען דער פערפאָלגונג אונד דעם עלענדס. איך האַבע זי זייט דעם בעסער קענען אונד ווירדיגען געלערנט, אונד ווען ניכט יעדער געבורטס-

[1] זע ביבער, ציט. ווערק, 265.

[2] דאָרטן, 344.

שטאַלץ איין נערישער ווידערשפרוך ווערע, זאַ קענטע איך שטאָלץ דאַרויף זיין, דאַס מיינע אַהנען (עלטערזיידעס) דעם עדלען הויזע איזראַ־עלס אַנגעהערטען, דאַס איך איין אַבקעמלינג (אַ געשפּראָץ) יענער מערטירער בין, די דער וועלט איינען גאָט, איינע מאָראַל געגעבען, אונד אויף אַלען שלאַכטפעלדערן דעס געדאַנקענס געקעמפּט אונד געליטען האַבען״. די געשיכטע דער נױערען יודען, — באַמערקט שאַרפזיניק היינע, — איסט טראַגיש, אונד שריעבע מאַן איבער דיעזעס טראַגישע, זאַ ווירד מאַן נאָך אויסגעלאַכט — דאַס איסט דאַס אַלערטראַגישסטע״. „די יורישע געשיכטע — זאָגט ווייטער — איזט שײן; אַבער די יונגען יודען שאַדען דען אַלטען, די מאַן וײט איבער די גריכען אונד רעמער זעטצען ווירדע. איך גלויבע: געבע עס קיינע יודען מער, אונד מאַן וויסטע (מען וואָלט געוווּסט) עס בעפּענדע זיך (עס געפינט זיך) אירגענד וואָ איין עקזעמפּלאַר פאָן דיעזעם פאָלק — מאַן ווירדע (מען וואָלט) הונדערט שטונדען רייזען, אום עס צו זעהען אונד איהם די הענדע צו דריקען. אונד יעצט — ווײכט מאַן אונז אויס...״

אין היינעס דור זײנען געווען זייער פיל, וואָס האָבן אויסגענוצט דעם טױפצעטל אַלס „אַנטרע־בילעט״ גישט בלויז אין דער אייראפּעישער קולטור, נאָר טאַקע דער עיקר אין דער בורזשואַזער אייראפּעישער גע־זעלשאַפט, בכדי צו „מאַכן אַ לעבן״. אין אייניקע קהילות האָבן אָבער נאָך געלעבט אין באַדײטנדיקער צאָל יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן געשטאַמט פון די ספרדישע מאַראַנען, וועלכע האָבן אויס מורא פאַר דער אינקוויזיציע באַהאַלטן זייער יידישקייט, אָבער בסוד איר געטרײַ גע־בליבן, זי בירושה זייערע קינדער איבערגעגעבן, און סוף־כל־סוף זייער פאַטערלאַנד פאַרלאָזן, בכדי אָפן און פרײַ צו דערקלערן זייער געטרײַשאַפט צו דער אמונה פון די אָבות. אַ שפּראָצלינג פון אַזאַ פאַמיליע איז געווען די צאַרטע, ראָמאַנטיש־געשטימטע גראַציאַ ד'אַגילאַר [1]. נאָך גאָר אין די יונגע יאָרן האָט שוין דער טויט איבער איר זײַנע פליגלען אויסגעשפּרייט. אַ שוואַכע און קראַנקע האָט זי געאײַלט אויסצוגיסן וואָס גיכער אירע געפילן, איר ליבע צו דער אמונה, פאַר וועלכע אירע אבות האָבן אַזוי פיל געליטן, איבערגעבן איר דור דאָס גרויסע פאַרערונגס־געפיל, מיט וועלכן זי איז איבערפולט צו דער עטיק און געשיכטע פונם יידנטום. שוין צו זיבן יאָר פאַנגט זי אָן אַ טאָגבוך צו שרײַבן, צו צוועלף יאָר פאַר־פאַסט זי אַ דראַמע, און צו נײַנצן יאָר פאַרעפנטליכט זי אַ פאָעמען־זאַמלונג. אַגילאַר האָט אייניקע עטיש־רעליגיעזע ווערק געשריבן The

[1] געבאָרן אין לאָנדאָן אין 1816, געשטאָרבן צו איין און דרײַסיק יאָר אין פראַנקפורט אַם מיין (1847).

spirit of Judaism (דער גײַסט פונם ייִדנטום), The Jewish Faith און אנדערע; אויך היסטאָרישע ווערק האָט די יונגע אגילאַר פאַרפאַסט, נאָר קונה שם געווען האָט זי זיך מיט אירע היסטאָרישע נאָוועלן אויס דעם מאַראַנען-לעבן אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. איר אין ווייבע, ראָמאַנטישע פאַרבן געשריבענער ראָמאַן „The Vale of Ceder" (דער טאָל פון צעדער-ביימער) איז דרײַ מאָל איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעיִש: דאָס ערשטע מאָל דורך י. ל. גאָרדאָן אין „המליץ" (נישט פאַרענדיקט), דאָס צווייטע מאָל, מיט אייניקע דערגאַנצונגען, דורך א. ש. פרידבערג אונטערן נאָמען „עמק הארזים" (1875) און אין דער נײַערער צײַט (1923) דורך ש. ש. קאַנטאָראָוויץ. דער „עמק הארזים" איז אַ לאַנגע צײַט געווען דאָס ליבלינגס-בוך פון דער ייִדישער יוגנט, וואָס האָט זיך דערצויגן אויף דער העברעיִשער ליטעראַטור, און דער שרײַבער פון די דאָזיקע שורות געדענקט נאָך דעם רושם, וואָס דער דאָזיקער מאַראַנען-ראָמאַן פלעגט מאַכן אויף זײַנע יונגע לייענער.

ראָמאַנטישע טענער האָבן זיך אָבער געלאָזט הערן נישט בלויז בײַ דער צאַרטער פאַרחלומטער אגילאַר. מיר וועלן ווײַטער זען, ווי בײַ די רוסישע אומשטענדן האָבן ייִדישע ראָמאַנטיש-געשטימטע דיכטער, וועלכע ס'האָט נישט געקענט באַפרידיקן דאָס גרויע נבזהדיקע לעבן פון זייער סביבה, געווענדעט זייערע בליקן צו דער אַנטיקער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט שימערירט פאַר זייערע פאַרחלומטע אויגן אין די וואונדער-באַרסטע פאַרבן. אַן ענליכע דערשײַנונג, אָבער בײַ גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען, האָט זיך געלאָזט באַמערקן אויך בײַ אייניקע ייִדישע שריפט-שטעלער אין די דײַטשע פּראָווינצן. טיפּיש איז אין דער הינזיכט דער דיכטער לודוויג אויגוסט (אברהם אלעזר) פראַנקל.

לודוויג אויגוסט פראַנקל איז געבאָרן [1] אין אַ יחסנישער פאַמיליע, אין אַ קליין בעהמיש שטעטל כראַסט. ער איז דערצויגן געוואָרן אין פּראַגער גימנאַזיע און צו דער זעלביקער צײַט האָט ער געלערנט ייִדישע לימודים בײַ זײַן קרוב, דעם שפּעטער באַוווסטן רב און געלערנטן זכריה פראַנקל (זע אויבן ז״ז 226—232). העכערע בילדונג האָט ער באַקומען אין ווינער אוניווערזיטעט, וווּ ער האָט שטודירט מעדיצין. נאָך אַלס סטו-דענט האָט ער אָנגעפאַנגען צו שרײַבן דײַטשע לידער. די ערשטע לידער זײַנע זײַנען געווען פּאַטריאָטישע: „דאָס האַבסבורג-ליעד" און אַנדערע, וואָס האָבן אים געשאַפן אַ נאָמען אין די ליטעראַרישע קרײַזן. נאָך דער מערץ-רעוואָלוציע האָט פראַנקל פאַרפאַסט דאָס ליד „אוניווערזיטעט",

1 אין 1810, געשטאָרבן אין ווין אין 1894.

וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין די הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן און 27 קאָמפּאָזיטאָרן האָבן פאַרפאַסט מוזיק דערצו. פאַר זיין פּאָעמע „קריסטאָפער קאָלומבוס“ האָט ער באַקומען דעם טיטל ערנבירגער פון דער שטאָט גענוא, און אין 1851 האָט אים דער עסטרייכישער קיסר דערהויבן צום אדלשטאַנד (ריטער פאָן האַכוואַרט).

אַט דער ערנבירגער פון גענוא, אדעליקער ריטער פון עסטרייך און גרינדער און רעדאַקטאָר פון דער פּאָפּולערער עסטרייכישער צייט-שריפט „זאָנטאַגסבלעטער“, — האָט זיך אָבער אויך געפילט אַלס יידישער דיכטער. איבער זיין דיכטערישער פאַנטאַזיע האָבן געוועלטיקט די לעגענדן און זאַגן פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט. אין 1842 דערשיינט זיין ראָמאַנטיש-ביבלישע פּאָעמע „ראַהעל“ (רחל), אין וועלכער עס זיינען איינגעפלאָכטן די אַלע תלמודישע לעגענדן, ווו די מוטער פון די צוועלף יידישע שבטים ווערט געשילדערט ווי דער סימבאָל פון מוטער-ליידן און מוטער-ליבע. די פּאָעמע האָט אויסגעהאַלטן אין א קורצער צייט צען אויפלאַגעס און איז דריי מאָל איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעיש [1]. גרויס דערפאָלג האָט אויך געהאַט זיין פּאָעמע „דער פּרימאַטאָר“ [2], — אויס דער יידישער ליידן-געשיכטע אין מיטלאַלטער. אין א גאַנצער ריי לידער באַזינגט פראַנקל די העלדן פון דער יידישער געשיכטע: משה רבינו, דוד המלך, יוחנן בן זכאי, מהר״ל פון פּראָג. זיין ליבלינגס-העלד איז אָבער דער ציון-זינגער יהודה הלוי. ער באַזינגט אים אין צוויי גרעסערע לידער, ציטירט מיט ליבע שטעלן פון הלוים באַרימטן ציון-ליד „ציון הלא תשאלי“ און אין פּאָעטישע סטראָפן גיסט ער אויס זיין ראָמאַנטישע ליבע צו דעם היסטאָרישן לאַנד, „ווו די פּראָפעטן רוען און דער פלאַם פון די מזבחות האָט אין די הימלען געשטיגן“. נאַציאָנאַל-עלעגישע טענער קלינגען אויך אין זיינע לידער: „דער לעצטער כהן-גדול“, „תשעה באָב“ (וועגן גרוש ספרד), „די עמבלעמען פון יידישן פאָלק“ און אַנדערע.

שטאַרק ראָמאַנטיש באַהערשט איז אויך הערמאַן (שלמה) מאָזענטאַלס [3] דייטשע דראַמע „דבורה“, וואָס איז דערשינען אין 1851 און האָט געהאַט א קאָלאָסאַלן דערפאָלג אויף דער אייראָפּעישער טעאַטראַלישער בינע, און די טיטל-ראָלע איז געוועז איינע פון די באַליבטסטע ביי דער צו יענער צייט באַרימטער דראַמאַטישער שוישפּילערין א. ריסטאָרי. דעם קאָלאָסאַלן דערפאָלג האָט אָבער די דראַמע צו פאַרדאַנקען נישט

1 דורך מ. שטערן, מ. לעטעריס און ש. באַכער.

2 איבערגעזעצט דורך מ. לעטעריס אין העברעיש אונטערן טיטל „נשיא בישראל“.

3 געבאָרן אין 1821, געשטאָרבן אין 1877.

דעם דיכטערישן טאַלענט פון איר פּאַרפאַסער, נאָר בלויז אירע אויסער־ליכע טעאַטראַלישע עפעקטן. די דראַמע קומט פאָר אין אַ דאָרף אין שטיריע (וואָס האָט געהערט צו דער עסטרײַכישער קרוין), די סביבה איז אָבער אַזוי כבֿעמאַטיש געשילדערט, אַז עס איז שווער צו באַשטימען די צײַט, ווען די געשעענישן קומען פאָר: צי אין מיטלאַלטער, צי אין אָנפאַנג 19טן יר״ה. די העלדין פונם שטיק, די שיי־ע יידישע טאָכטער דבורה, וואָס איז פאַרליבט אין דעם קריסט אַלבערט, גייט ווי אויף שטאַלצן און שיט מיט מעלאָדראַמאַטישע רעפּליקעס און מאָנאָלאָגן. אַז רעאַלן לעבן זײַנען אויך געשילדערט די איבעריקע יידישע פּערסאָנאַזשן צוזאַמען מיטן לערער, דעם געשמדטן יידן. עס איז קלאָר, אַז דער פאַר־פאַסער, וואָס איז אויפדערצויגן אין אַן אסימילירטיזר פאַמיליע, האָט שוין קנאַפּ וואָס געוווּסט פונם רעאַלן יידישן שטייגער לעבן. אויך דער קריסטליכער שטייגער לעבן איז געשילדערט ריין מעלאָדראַמאַטיש. די בירגערליכע פּאַרשטייער פונם דאָרף, דער פּאַסטאָר, זײַן גרובה, דער בירגערמייסטער און זײַן זון — אַלע זײַנען זיי אידעאַלע מענטשן, בלויז דאָס פאָלק, דער „פעבל", איז ווילד פאַנאַטיש און איז קאַפּאַבל אומצו־ברענגען די אומשולדיקע יידין דבורה, וואָס איז פול מיט מעלות ווי אַ מילגרוים. דערפאַר אָבער האַלט דער פאַרפאַסער פאַר נייטיק אונטער־צושטרײַכן די טענדענצן, וואָס זײַנען אין זײַן צײַט געווען באַזונדערס פּאָפּולער בײַ די אסימילירטע יידן. דער יונגער ראובן דערקלערט: „אונזער פאָטערלאַנד איז ניט ירושלים. די ערד, וואָס ווערט באַלויכטן מיט אונז צוזאַמען פון איינער און דערזעלביקער זון, די ערד, ווו עס קלינגט די שפּראַך, אויף וועלכער מיר רעדן, די ערד, ווו אונזער וויג איז געשטאַנען, — דאָס איז אונזער פאָטערלאַנד; אָט דאָס שיינע לאַנד, אָט דער באָדן, מיט וועלכן מײַן גאַנצע עקזיסטענץ איז צונויפגעוואַקסן, — דאָס איז אונזער איינציק אמתדיק פאָטערלאַנד". און אַלבערט דערציילט מיט התפּעלות וועגן דער אוידיענץ, וואָס ער האָט געהאַט בײַם קיסר. „מען גייט צו אים, ווי מען גייט אין דער קירך אַרײַן. פאַר יעדן האָט ער צײַט און אויפמערקזאַמקייט. מײַן גאַנץ לעבן לאַנג וועל איך די מינוט געדענקען, ווען איך האָב אים דערזעען".

דער ערשטער צווישן די יידישע שריפטשטעלער, וואָס האָט גע־פּרוּווט באַאַרבעטן היסטאָרישע טעמעס אין ריין רעאַליסטישע טענער, איז געווען דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער ראָמאַניסט בערטאָלד אויערבאַך [1]. געבאָרן אין אַ פרום־רעליגיעזער פאַמיליע, האָט בערטאָלד

---

1 געבאָרן אין 1812, געשטאָרבן אין 1882.

(משה ברוך) אויערבאַך אין די יונגע יאָרן שטודירט דעם תּלמוד און געגרייט זיך צו ווערן רב. די תּלמודישע דיאַלעקטיק איז אָבער געווען ווייניק צום האַרצן דעם צוקינפטיקן דיכטער. ער איז אַוועק קיין טיבינגען און אין דאָרטיקער אוניווערזיטעט שטודירט יורי. מחמת אויסגעבראָכענע סטודענטישע אומרוען האָט אויערבאַך זיין שטודיום ניט פאַרענדיקט, און איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער ליטעראַט. זיינע ערשטע אַרבעטן האָבן געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּן דערפאָלג. אונטער דער ווירקונג פון וואַלטער סקאָטס ראָמאַנען איז אויערבאַך געקומען צום באַשלוס צו שרייבן היסטאָרישע ראָמאַנען פון דעם ייִדישן לעבן. „איך האָב מיר פאָרגענומען — שרייבט אויערבאַך — צו געבן שטייגער-בילדער פונם ייִדישן לעבן אין פאַרשיידענע לענדער און אין פאַרשיידענע צייטן, און אויף דעם דאָזיקן פאָן שילדערן די אַנטוויקלונג פון אינדיווידועלע כאַראַקטערן און פּערזענליכקייטן".

דער ערשטער היסטאָרישער ראָמאַן זיינער איז געווען „שפּינאָזאַ" (1837), וואָס האָט אויסגעהאַלטן העכער דרייסיק אויפלאַגן און איז באַלד איבערגעזעצט געוואָרן כמעט אויף אַלע אייראָפּעיִשע שפּראַכן 1. דעם גרויסן דערפאָלג דאַרף מען אָבער גיכער דערקלערן מיטן שטאַרקן אינטערעס צום נאָונישן אַמסטערדאַמער דענקער, ווי דורך די קינסטלערישע מעלות פונם ראָמאַן גופא. אמת, די ספרדישע קהילה, די סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט און איז אויסגעוואַקסן דער גרויסער דענקער, איז געשילדערט ביי אויערבאַכן אין ברייטע רעאַליסטישע שטריכן, — דערפאַר איז אָבער די צענטראַלע פיגור פונם ווערק זייער ווייניק געלונגען. די טיפע איבערלעבונגען פונם דענקער, זיינע געראַנגלענישן און וועלט-באַנעם זיינען זייער סכעמאַטיש געשילדערט. דער גאַנצער פיגור פעלט בלוט און לעבן.

מער געלונגען איז אויערבאַכן זיין צווייטער ראָמאַן אויס דעם ייִדישן לעבן „דיכטער אונד קויפמאַן" (1839). די צענטראַלע פיגור פון דעם ראָמאַן איז דער דיכטער אפרים קוח (געבאָרן אין ברעסלוי אין 1733, געשטאָרבן אין 1790). אַ קינד פון אַ רייכער פאַמיליע (זיין פעטער איז געווען דער באַוווּסטער הויף-יובעליר אפרים קוה), האָט ער נישט באַדאַרפט זאָרגן וועגן פּרנסה. אין דער יוגנט האָט מען אים געגרייט צו רבנות; דער וויסנס-באַגיריקער אפרים האָט זיך אָבער פרי אָנגעשטעקט מיט אייראָפּעיִשן וויסן, פיל זיך פאַרנומען מיט דייטשער ליטעראַטור. איז ער געוואָרן ניט קיין רב, נאָר אַ סוחר. אים האָט אָבער אויך די

1 אין העברעיִש האָט דעם ראָמאַן איבערגעזעצט (מיט קירצונגען) טף שאַפּיראָ אין 1898.

האנדלס־באַשעפטיקונג נישט באַפרידיקט, — האָט ער פיל געריַיזט איבער דיַיטשלאַנד, פראַנקריַיך, האָלאַנד. אין בערלין האָט ער זיך באַקענט מיט מענדעלסזאָנען, לעסינגן און מיט אַנדערע אָנגעזעענע ליטעראַטן. קוה גופא פאַנגט אָן לידער צו שריַיבן און זיַינע שאַרפע עפּיגראַמען האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג אין מענדעלסזאָנס קריַיז. אַ מענטש מיט ברייטער בילדונג, אַ צאַרט־פילנדיקע דיכטער־נאַטור, נאָר מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער, האָט ער באַזונדערס שמאַרציק געפילט די ייִדישע רעכטלאָזע לאַגע. אַ שטענדיקער נע־ונדניק, האָט ער אין ערגעץ קיין רו נישט געקאָנט געפינען. ער האָט זיַין פאַרמעגן אָנגעוואָרן און איז צום סוף גײַסטיק קראַנק געוואָרן.

אַרום דער דאָזיקער צענטראַלער פיגור גיט אויערבאַך אַ גאַנץ ברייטע גאַלעריע פאַרשיידנאַרטיקע מענטשן און כאַראַקטערן: דעם דיכטערס פאָטער — משה דניאל, אַ טיפּישער ייִד פונם אַלטן שטייגער מיט זיַין פעסטן לעבנס־פּרינציפּ „גם זו לטובה“; דעם דיכטערס רבי — חננאל אויס פּוילן, אַ שאַרפער תּלמודיסט און פאַרבאָרגענער משׂכּיל; מענדעלסזאָנס קריַיז אין בערלין, די שוין פון דער קולטור באַלעקטע פאָרשטייער פון די ייִדישע בורזשואַזע קריַיזן, טיפּישע שנאָרער און אוואַנטוריסטן, מיט וועלכע דאָס 18טע יר״ה איז אַזוי רײַך געווען. אינטערעסאַנט זיַינען די יונגע ייִדישע פרויען־פיגורן, וואָס אויערבאַך פירט אַרויס אין זיַין ראָמאַן. טיפּיש איז קוהס שוועגערין טעאָדאָלינע (טייבכען), אַ גײַסטיקע שוועסטער פון ר׳ העניאַכס טעכטער און יצחק אייכלס פּיעסע 1, וואָס איר גאַנצע בילדונג באַשטייט אין געגאַשטע פראַנצויזישע האַלב פאַרגרייזטע פראַזן. באַזונדערס געלונגען איז קוהס שוועסטער, די אין לעסינגן פאַרליבטע צאַרט־פילנדיקע פייגלען, וואָס לעבט איבער די זעלביקע דראַמע, ווי פיל אַנדערע ייִדישע ראָמאַנטישגעשטימטע יונגע מיידלעך און פרויען פון יענער צײַט, פאַר וועלכע די קוואַלן פון ייִדישן גלויבן זיַינען געווען פאַרשלאָסן, און זיי האָבן דערפאַר מיט לעכצנדיקע אויגן און פאַרשמאַכטע הערצער זיך געצויגן צו דער פּאָמפּעזער קריסטליכער קירך 2.

אַמווייניקסטן געלונגען איז אויערבאַכן די צענטראַלע פיגור מיט אירע קרענקליכע איבערלעבונגען און גײַסטיקע געראַנגלעניש.

ס׳איז אינטערעסאַנט, וואָס אין אַלע זיַינע שפּעטערדיקע ווערק, וועלכע האָבן אים באַרימט געמאַכט, ווי אין די „דאָרפסגעשיכטען“, אויך

1 זע אונזער ווערק, ב׳ VII, ערשטער בוך, 176.

2 דאָרטן, 152—154.

אין זײַנע אומפּאַנגרײַכע ראָמאַנען („אוף דער העהע", „דאָס לאַנדהויז אַם רהײַן" און אַנדערע), האָט אויערבאַך געשילדערט די געגנוואַרט, מענטשן פון זײַן צײַט; בלויז פאַר זײַנע ייִדישע ראָמאַנען האָט ער גענומען טעמען פון דעם פאַרגאַנגענעם לעבן. דער ערשטער בעלעטריסט, וואָס האָט געשילדערט דאָס קעגנוואַרטיקע ייִדישע לעבן און געפּרוּווט באַקענען די אייראָפּעיִשע וועלט מיטן „ייִדישן געטאָ" פון זײַן צײַט, איז געווען לעאָפּאָלד קאָמפּערט.

געבאָרן אין אַ טשעכיש שטעטל מינכענגרעץ אין 1822 [1] אין אַן אָרימער פאַמיליע, האָט קאָמפּערט פאַרבראַכט זײַנע יוגנט־יאָרן אין דחקות און נויט. אַדאַנק זײַן גרויסן ווסנדורשט און גלענצנדיקע פעיִקייטן איז אים דאָך געלונגען צו דערווערבן אַ געוויסן גראַד בילדונג, און צו זעכצן יאָר לאָזט ער זיך צופוס, אָן וועלכע עס איז מיטלען, קיין ווין. נישט געקוקט אויף דער שווערער נויט און הונגער (די ערשטע צײַט האָט ער פאַרבראַכט די נעכט אין אַ ציגײַנער־טאַבאָר), גרייט ער זיך צום אוניווערזיטעט־עקזאַמען און ווערט אויפגענומען אויף דער פילאָזאָפישער אָפּטיילונג. די אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָרן ווערן באַלד אויפמערקזאַם אויף דעם רײַך באַגאַבטן און פילזײַטיק געבילדעטן סטודענט, און ווען דער הויפּטמײַסטער גראַף אַנדראַשי האָט זיך צו זיי געווענדעט מיט דער ביטע אים צו רעקאָמענדירן אַ פּאַסנדיקן לערער פאַר זײַנע קינדער, האָבן זיי אים אָנגעוויזן אויף דעם ייִדישן סטודענט קאָמפּערט. דער בעטלער־סטודענט באַקומט צום ערשטן מאָל זאַט צו עסן. און דאָרט, אויפן לאַנד, אין דער פרעמדער אַדעליגער סביבה, וואַכן אין אים אויף די זכרונות פון זײַנע קינדער־יאָרן; עס שוועבן פאַר אים די געשטאַלטן פון זײַן אייגענער סביבה, די געשטאַלטן פון דעם געטאָ אין בעהמען־לאַנד. ער באַשליסט צו באַקענען מיט זיי די אויסנוועלט, און אַזוי אַנטשטייט זײַן זאַמלונג „אויס דעם געטאָ", וואָס דערשיינט אין 1848. דער דערפאָלג איז געווען אַ גאַנץ אומדערוואַרטעטער, און דער אָרימער ייִדישער סטודענט ווערט מיט־אַמאָל אַ באַרימטער שריפטשטעלער. נאָך דער ערשטער זאַמלונג קומען קאָמפּערטס ווײַטערדיקע זאַמלונגען „בעהמישע יודען", „נויע געשיכטען אויס דעם געטאָ", „געשיכטען אײַנער גאַסע" און אַנדערע. קאָמפּערט האָט דער ערשטער אַנטפּלעקט פאַר דער אייראָפּעיִשער וועלט דאָס ייִדישע געטאָ מיט זײַנע אייגנאַרטיקע איינוווינער און אויסטערלישן שטייגער לעבן. אין דעם באַשטייט זײַן היסטאָרישער באַטײַט. די געטאָ־בילדער ווערן בײַ אים געשילדערט מיט

1 געשטאָרבן אין ווין אין 1886.

פיל ליבע, און א ביסל סענטימענטאלע פארבן. אלס פובליציסט [1] און געשעפטליכער טוער האט ער פיל אגיטירט פאר דער אנערקענונג פון געמישטע ציוויל־שידוכים דורך דער רעגירונגס־מאכט, אן דער קאנפעסיע פון די רעליגיעזע פארשטייער. אט די פראבלעם פון ליבע־ראמאנען צווישן קריסטן און יידן שפילט א גאנץ באדייטנדיקע ראלע אין קאמפערטס שאפן. די סימפאטישסטע פרויען־פיגור ביי קאמפערטן פירט דורך דעם שידוך צווישן יונתן פאלק און דער קריסטין כריסטינא, וואס פארענדיקט זיך מיט א ציוויל־חתונה. דארט אבער, וו א ציוויל־חתונה קאן נישט דורכגעפירט ווערן און עס ווערט געפאדערט, דער יידישער צד זאל זיך אפזאגן פון זיין אמונה און איבערגיין צום קריסטנטום (די דערציילונגען „דער הויזירער" און „דעם רענדארס קינדער"), — דארט איז די צוגע־בונדנקייט צו דער אייגענער סביבה דאך גובר די הייסע ליבע און דער שידוך צעגייט זיך.

ס'איז אויך כדאי אנצומערקן פאלגנדיקן פרט. די ראציאנאליס־טיש־געשטימטע יידישע „אויפקלערער" האבן זיך פארהאלטן מיט א געוויסן ביטול צו פאלקס־לעגענדן, ווי צו „אבערגלויבען" און „פאראורטיילע". קאמפערט אבער זאמלט מיט ליבע „מערכען אויס דעם געטא", אט די פאנטאסטישע לעגענדן, וואס די פאלקס־מאסע האט געשאפן און זיי איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, פון דור צו דור...

קאמפערט האט באקענט מיטן געטא פון די יידן אין בעהמען; מיטן געטא־לעבן פונם פויזנער קאנט האט באקענט קאמפערטס מיט־ציַיטלער אהרן בערנשטיין.

געבארן אין א קליין שטעטעלע פארדאן אין פויזנער געגנט, איז אהרן בערנשטיין דערצויגן געווארן לויטן אלטן שטייגער. ביז דעם צוואנציקסטן יאר פון זיין לעבן האט ער שטודירט אויסשליסליך די תלמודישע ליטעראטור און האט געשמט פאר אן עילוי. דער דורשט נאך וויסן האט אים געצויגן אין דער ברייטער וועלט, קודם־כל צום אורקוואל פון חשכלה — קיין בערלין. דארט, אין בערלין, גיט ער זיך אפ מיט ריזיקן פלייס אלגעמיינע וויסנשאפטן. דער געוועזענער ישיבה־בחור ווייזט ארויס א גרויסן אינטערעס צו אזוינע פארשיידענע געביטן פון וויסן, ווי ביבל־קריטיק [2], פאליטישע עקאנאמיע, אסטראנאמיע און

---

1 קאמפערט האט אנטייל גענומען אין פיל ציַיטשריפטן און איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער פאפולערער ליבעראלער ציַיטונג „נייע פרייע פרעסע".

2 זיין ערשטע געדרוקטע ארבעט (אין 1834) איז געווען א „שיר השירים"־איבערזעצונג מיט א קריטישן ארייַנפיר.

בעמיע. זיין אין 1835 דערשינענע ארבעט „דאס יונגע דויטשלאנד“ [1] האט אים געשאפן א נאמען אין די ליטעראריש קרייזן, און ער ווערט א שטענדיקער מיטארבעטער אין פארשיידענע צייטשריפטן. א באזונדערס אינטענסיווע טעטיקייט באוויזט בערנשטיין אין די פערציקער יארן. א גרויסע סענסאציע האט ארויסגערופן זיין אין 1843 דערשינענער פאלי־טיש־עקאנאמישער פאמפלעט „Zahlen frappieren“; און צו דער זעלבי־קער צייט פארעפנטליכט ער אויך אן אפהאנדלונג איבער דער קרייז־באוועגונג פון די פלאנעטן. ער נעמט אויך אנטייל אין דער יידישער רעפארם־באוועגונג און געהערט צו איר לינקסטן פליגל. ער איז געווען איינער פון די הויפט־באגרינדער און טעארעטיקער פון דער ראדיקאלער „רעפארמגעמיינשאפט“, וועגן וועלכער ס'איז פריער געווען די רייד (זע אויבן ז׳ 223), און ער איז געווען דער פארפאסער פון דעם באוווסטן אויפרוף „צו די איזראעליטישע ברידער אין דייטשלאנד“. נאך דער רעוואָ־לוציע, ווען עס פארשטארקט זיך אין 1849 אלץ מער די רעאקציע, טרעט בערנשטיין ארויס אויף א ברייטערער ארענע. ער ווערט א פאליטי־שער קעמפער, גרינדעט די דעמאקראטישע „אורוועלער צייטונג“, וואס ווערט זייער פאפולער אדאנק בערנשטיינס פובליציסטישן טאלענט. די צייטונג ווערט דערשטיקט דורך דער צענזור און דער קריגערישער פובלי־ציסט באקענט זיך מיט די פרייסישע טורמעס. ער גיט זיך אבער נישט אונטער און גרינדעט באלד (1853) די טעגליכע „פאלקסצייטונג“, וווּ ער פארעפנטליכט אויסער זיינע גלענצנדיקע פובליציסטישע ארטיקלען אויך זיינע באריממטע „נאטורוויסנשאפטליכע פאלקסביכער“, וואס זיינען איבער־געזעצט געווארן כמעט אויף אלע אייראפעיִשע שפראכן. די דאזיקע אין קלאר־פאפולער שפראך געשריבענע אפהאנדלונגען וועגן נאטורוויסנשאפט האבן אויך געשפילט א געוויסע קולטורעלע ראלע אויף דער יידישער גאס. נאך אין 1862 האט שלום־יעקב אבראמאוויטש (דער שפעטערדיקער מענדעלי מוכר ספרים) איבערזעצט אויף העברעיִש און פארעפנטליכט אין „הצפירה“ דעם כעמישן טייל פון בערנשטיינס ווערק. פולשטענדיק האבן עס איבער־זעצט רודערמאן און פרישמאן אונטערן טיטל „ידיעות הטבע“ (1881 — 1835) אין 21 העפטן, וואס האבן געהאט א גרויסן דערפאלג און אויס־געהאלטן עטליכע אויפלאגן. שפעטער (אין 1908—1909) האבן א. ברומקין און מ. שאפירא ארויסגעגעבן בערנשטיינס פאלקס־ביכער אויך אין יידיש.

אבער נישט בלויז אלס אויסגעצייכנטער פאפולאריזאטאר פון נאטור־וויסנשאפטן איז בערנשטיין געווען באקאנט אויף דער יידישער

---

1 דערשינען אונטער דעם דורכזיכטיקן פסעוודאנים רעבענשטיין.

גאַס, נאָר אויך אַלס באַגאַבטער שילדערער פונם ייִדישן געטאָ, אַלס פאַרבאַסער פון „מענדל גבור״ און „פייגעלע מגיד״. צו דער זעלביקער צייַט, ווען בערנשטיין האָט זייַן „פאָלקסצייַטונג״ געגרינדעט און זייַנע פאָלקסביכער״ געשריבן, דערשייַנען אין „יאַהרבוך פיר איזראַעליטען״ זייַנע צוויי אָקאָרשט דערמאָנטע גרויסע דערציילונגען. דאָ דערשייַנט פאַר אונז דער קריגערישער קעמפער אין אַ גאַנץ אומדערוואַרטעטער ראָלע. ער, דער עקסטלינקער רעפאָרם-קעמפער, וואָס האָט מיט אַזאַ היץ געפלייַסט זיך אויפצווייַזן, ווי נייטיק ס׳איז צו רעפאָרמירן די ייִדישע רעליגיע און זי צופאַסן צו די נייַע לעבנס-פאָדערונגען, — ווערט דער באַגייַסטערטער זינגער פון דעם אַלטן פּאַטריאַרכאַלישן לעבנס-שטייגער אין זייַן פאַרוואָרפן שטעטעלע אינם פויזנער קאַנט. ער, דער באַגרינדער פון דער „רעפאָרמגענאָסענשאַפט״ מיט איר רעפאָרמטעמפּל, ווו מען האָט געדאַוונט מיט אַבגעדעקטע קעפּ און דער זונטאָג האָט פאַרדרענגט דעם שבת, — מאָלט אין די צאַרטסטע, מיט לבנה-שטראַלן באַגאָסענע פאַרבן די אידיליע פון „שבת קודש״, ווען איבער די ייִדישע הייַזער לאָזן זיך אַראָפּ די מלאכים פון רו (מלאכי השלום); און ווען נח בראָל זיצט פרייַטאָג-צו-נאַכטס מיט זייַן געליבטער פרוי טויבעלע, נייגן זיך איבער זייערע קעפּ צוויי מלאכים און שמייכלען איינער צום אַנדערן. מיט ליבע און בענקשאַפט שילדערט בערנשטיין די אַלטמאָדישע פערסאָנאַזשן, צווישן וועלכע ער האָט פאַרבראַכט זייַנע קינדער-יאָרן [1]. די גבאיטע גענענדל, די בלינדע מלכּה מיט איר איי‌ניקל, די שיינע הענעלע, דער רב, די צוויי ישיבה-בחורים, חיים מיקוויצער מיט זייַנע צוויי טעכטער, מאיר פויער, חצקל גיבור, זייַן זון מענדל גיבור מיט זייַן פרייַנד זלמע און נאָך און נאָך — אַלע ווערן זיי געשילדערט מיט אַ ליבנדיקער האַנט און גוטמוטיקן שמייכל. מיט איראָניע און סאַרקאַזם פאַרהאַלט זיך דער דיכטער בלויז צו ר׳ אַבעלען מיט זייַנע „גלייַכווערטלעך״ פאַר זייַנע חקרנישע שטיק און טרוקענער איבערגעשפּיצטקייט. און אַדאַנק דער דאָזיקער ליבע און האַרציקייט דערגרייכן צו דער מדרגה פון פּאָעטישער שיינקייט אַזעלכע סצענעס, ווו די בלינדע, שטאָלצע מלכּהלע בענטשט איר איי‌ניקל הענעלע, זי זאָל געהערן צו די מיידלעך „מיט די שטאַרקע הערצער״, און ווי הענעלע באַווייַזט, אַז זי אין טאַקע ווערט דער באָבעס ברכה, און זי, וואָס שטאַמט פון אַ גרויסער יחסנישער פאַמיליע, לייגט עפנטליך פאַר דעם גוטהאַרציקן ריז מענדל גיבור, ער זאָל מיט איר חתונה האָבן, מיט עניוות געברויכנדיק דערבייַ דעם באַקאַנטן תּלמודישן שפּרוך: „טרעט אַראָפּ נידעריקער און נעם דיר אַ פרוי״ (נחית דרגא נסיב איתתא).

[1] די מעשה מיט מענדל גיבור קומט פאָר אין 1831.

בערנשטיין גייט נאָך ווייטער. מיר האָבן שוין געזעען און אין די ווייטערע קאַפּיטלעך וועט נאָך מער אויסקומען וועגן דעם צו ריידן, ווי היים די משכּילים האָבן אַגיטירט, די ייִדישע מאַסע זאָל אַוועקוואַרפן די לופט־פּרנסות און דעם קליין־האַנדל און זיך נעמען צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, צו מלאכות און לאַנדווירטשאַפט. בערנשטיין געפינט זיך אָבער אין פולן קעגנזאַץ צו די דאָזיקע טענדענצן. מיט סאַרקאַסטישער איראָניע רעדט ער וועגן די „גאוניש׳ע" איינפאַלן פון די פּרייסישע געזעצגעבערס, וואָס האָבן בלויז אינוואַלידן און זקנים דערלויבט זיך צו פאַרנעמען מיט פּעדלעריי אין די דערפער, ווי באַלד אָבער א זשאַנדאַר פלעגט „פּאַקן" אין דאָרף א יונגן אַרבעטספעיִקן ייִדן מיט זיין פּעקל סחורה, פלעגט ער די סחורה גלייך קאָנפיסקירן און דעם הענדלער אַרעסטירן. „עס האָט טאַקע, — איראָניזירט דער פּראָפעסער, — געשטעקט א גרויסע געפאַר אין דעם, וואָס ייִדן פלעגן ברענגען אויף זייערע פּלייצעס אין דאָרף צו פאַרקויפן פּאַטשיילעס, סיטץ, בענדער, שפּילקעס, קאָרקנציער, מעסערלעך, קנעפּ־לעך, הויזנטרעגער, קעמעלעך, שפּיגעלעך, קליידער־בערשטלעך און נאָך אַזעלכע זאַכן, און דערמיט צונעמען ביי די פּויערים די מעגליכקייט צו מאַכן די ציוויליזירנדיקע רייזע אין שטאָט אַריין און דאָרטן קויפן די זעלביקע חפצים ביי די שטאָטישע מייסטערס... לויט דער פעסטער איבערצייגונג פון די חכמים־געזעצגעבער איז טאַקע זייער טרויעריק און שעדליך, וואָס די פּויערים דאַרפן נישט אַוועקוואַרפן זייער אַרבעט און בעלי־בתּישקייט און זיך שלעפּן אין שטאָט אַריין, בכדי דאָרטן צו פאַרקויפן אַזוינע דריי־פיר פונט חזיר־האָר, אָדער א קעלבּיש פעלכל, — נאָר זיי פאַרקויפן דאָס אַלץ, נישט רירנדיק זיך פון אָרט, די ייִדישע פּעדלערס, וואָס האַנדלען ביי זיי אַלץ, וואָס זיי פּראָדוצירן אין זייערווירטשאַפט, אַשטייגער: וואַקס, האָניג, שמאַלץ, פעדערן, וואָל, פעל וכדומה". „דערויף, — דערקלערט בערנשטיין מיט איראָניע, — האָבן דאָך שטאַרק פאַראיבּל די סוחרים פון די גרויסע שטעט. זיי געפינען איין, אַז די סאָציאַלע צושטאַנדן וואָלטן זיך באַדייטנדיק געבעסערט, ווען מען זאָל צווינגען דעם פּויער, ער זאָל קויפן אַלץ, וואָס ער האָט נייטיק, און פאַרקויפן זיינע פּראָדוקטן אויסשליסליך אין זייערע קראָמען און וואַרשטאַטן".

און בערנשטיין גיט אונז אַן אינטערעסאַנט זשאַנר־בילד, ווי ווען עס קומט דער זונטאָג, ווערט דאָס שטעטל אויסגעליידיקט פון דער מענער־באַפעלקערונג. עס בלייבן בלויז זקנים, קינדער, וואָס לערנען אין די חדרים, און ישיבה־בחורים אין בית־המדרש. דאָס לאָזן זיך די פאַמיליען־פעטער אין דער „מדינה", אין די אַרומיקע דערפער און פּויערישע

כוטארעס, און דארטן פאנגט זיך אן דער חילוף־האנדל: דער ייד פארקויפט סיטץ, קאלירטע שטיינער און אלערליי גאלאנטעריי־ארטיקלען, וואס „מאכן וואניען שענער אין כריסטים אויגן און כריסטי באקומט חן אין וואניעס אויגן“, און דער ייד באקומט פונם פויער אדער א פעלכל, אדער שטשעטינעס, צי וואקס, האניק, פעדערן וכדומה. פרייטאג קערן די יידן צוריק פון די דערפער און קומען צו דעם הורטאווניע־סוחר נח בראל. יענער קויפט עס אלץ אפ, וואס ס׳איז געקומען פון דער „מדינה“. די באציונגען צווישן די יידישע פעדלערס און פויערים זיינען ביי בערנשטיינען גאנץ פריינדליכע: זונטאג, ווען די פויערטע גייט אוועק אין קירך, בלייבט דער ייד אין שטוב פארוויגן דאס קינד. ביי דער פויערטע ווידער לאזט דער ייד איבער מיט דער אויפשריפט „כשר“ דאס טעפל, אין וועלכן ער האט פאר זיך געקאכט קארטאפל, בכדי ווען עס קומט דערנאך אן אנדער ייד, קען ער רויק דאס טעפל געברויכן.

ס׳איז אינטערעסאנט, מיט וואס פאר אן איראניע בערנשטיין רעדט דערביי וועגן די יידישע „גראנדן“, די באנקירן, פאבריקאנטן און גרויסע סוחרים, וואס גארן אזוי נאך עמאנציפאציע, ווי זיי קלאגן זיך שטארק דערויף, וואס יידן פארנעמען זיך ווייניק מיט פיזישער פראדוקטיווער ארבעט און די צאל פראלעטאריער איז ביי זיי אזוי קליין. פרעדיגן זיי דערפאר, יידן זאלן ווערן שטיינקלאפער, ליימגרעבער, בכדי זייערע אייגענע גבירישע קינדער, וואס פארנעמען זיך מיט איידעלע פראפעסיעס, זאלן באשענקט ווערן מיט גלייכבארעכטיקונג...

ס׳איז כדאי אנצומערקן נאך איין כאראקטעריסטישן פרט. מיר האבן שוין אין זעקסטן באנד (ז׳ 22), אנגעוויזן, מיט וואס פאר א ביטול די דייטשע טרעגער פון חכמת ישראל האבן זיך פארהאלטן צום „זשארגאן“ און זיין ליטעראטור. בערנשטיינס מיטקעמפער פאר רעליגיעזע רעפארמען אברהם גייגער דערקלערט די שפראך פון דער יידישער פאלקסמאסע פארן „ערבערמליכסטען קודערוועלש“, און די יידיש־דייטשע ליטעראטור האלט ער פאר „איין מוסטער פאן אבגעשמאקטהייט“. „איין דייטשער יוסיפון, איין צאינה וראינה, איין תם וישר אונד דערגלייכען — וואהרהאפט דען געשמאק פערגיפטענד“ [1]. אויך אין דעם פונקט גייט זיך ראדיקאל פונאנדער דער פארפאסער פון „פייגעלע מגיד“ מיט זיינע געוועזענע מיטקעמפער. אין די העלסטע, סימפאטישסטע פארבן שילדערט ער די העלדין פון זיין דערציילונג, די קלוגע און באריידעוודיקע יינגערע טאכטער פון חיים מיקוויצער, פייגעלע מיטן ביינאמען מגיד. איר גאנצן

1 נאכגעלאסענע שריפטען, II, 221.

גייסטיקן באַגאַזש האָט די קלוגע פייגעלע געשעפּט פון דער זעלביקער ליטעראַטור, וואָס ווערט מיט אַזאַ שפּאַט אויסגעלאַכט פונם חריף אברהם גייגער. זי פאַררופט זיך יעדעס מאָל אויפן יידישן מנורת המאור, חובות הלבבות, בנות ירושלים, שמחת הנפש, חכמת נשים און עפּטער פון אַלע אויף דעם אומפאַרגלייכליכן צאינה וראינה. די דאָזיקע „ווייבערשע תורה" איז ביי פייגעלען געווען אַזוי באַליבט, אַז זי הייסט ביי איר „מיין צאינה וראינה"...

דער טאַלענטפולער פּובליציסט און וויכנשאַפטסמאַן, וואָס האָט געלעבט אין איינעם פון די וויכטיקסטע צענטרען פון אייראָפּעיִשער קולטור, האָט געקוקט אויף זיין געבורטסשטעטלע מיט פאַרבענקטע אויגן, וואָס זיינען געווען פאַרשלייערט מיט די פאַנטאַסטישע חלומות און ראָמאַנטישן ראָזע-געוועב פון די לאַנג פאַרגאַנגענע קינדער-יאָרן. פונם ענגן גרויען געטאָ-געסל ווערט אַ אידיליע, באַגאָסן מיט ציטערדיקע לבנה-זילבער-שטראַלן, אויף וועלכע עס וויגן זיך די „מלאכי השלום" — די אָנזאָגער פון פרידן און הייליקן שבת-רו...

איצט וועלן מיר אַריבערגיין צו די — וואָס האָבן ערשט געשטרעבט צו די קולטור-קוועלן, וועלכע עס האָט שוין אין אַ ברייטער מאָס פאַרמאָגט דער פּראָפעסאָר פון „פייגעלע מגיד" און „מענדל גיבור". זיי האָבן געשטרעבט און ניט געקאָנט דערגרייכן, ווייל אָט דער אַלטפרענקישער לעבנס-שטייגער, וואָס געוועלטיקט איבער דעם פון בערנשטיין אידעאַליזירטן קליינעם שטעטעלע, האָט זיי די פליגל אונטערגעהאַקט, פאַרשפּאַרט פאַר זיי ווי מיט אַן אייזערנער וואַנט דעם שיין פון אייראָפּעיִשע קולטור און וויסן. די סאָציאַלע יסודות, אויף וועלכע עס האַלט זיך דאָס שטעטעלע פון מענדל גיבור און דעם ישיבה-בחור צעמבעלבורגסקי [1], ווערן צעפּוילט און גבֿנהדיק. די גבירים און קהילה-פירער זיינען לאַנג נישט אַזוינע ליבהאַרציקע מענטשן, ווי בערנשטיינס נח בראַל, — דאָס פילט זייער גוט די אָרעמע מאַסע אויף יעדן טריט און שריט. פון דער אידיליע ווערט אַ טראַגעדיע; די „מלאכי השלום" ווערן פאַרשוווּנדן, ווייל איבערפולט איז די לופט מיט פאַרביטערטן קאַמף און גיפטיקן האַס...

וועגן דעם — אין ווייטערדיקן טייל פון אונזער ווערק.

---

1 אין דער דאָזיקער פיגור שילדערט דער פּראָפעסאָר זיך אַליין.

ביילאַגן

ביילאַגע נומ׳ 1

(זע זייט 126)

הירש (היינריך) רייטמאַן וועגן ליכט־שטייער

הירש רייטמאַן איז געבאָרן אַרום 1810 אין בורזאַנאָוו (גאַליציע). געוועזן לערער אין פּערלס מוסטער־שול, פון 1854 ביז זײַן טויט (אין 1866) געוועזן דירעקטאָר פון דער „דייטש־איזראַעליטישע הויפּט־שולע" אין בראָד [1]. ער האָט פאַרפאַסט אַ קאָמעדיע „דער זיווג", וואָס איז געבליבן אין מאַנוסקריפּט (איר אינהאַלט האָט מ. ווײַנרייך איבערגעגעבן אין „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע", I, 180—185). אין 1863 איז אין ווין [2] דערשינען זײַן פּאָעמע „דער קיטל" (פּאַראַפראַזע פון שילערס „ליד פונם גלאָק"), וואָס איז אין זײַן צײַט געוועזן זייער פּאָפּולער. דאָרט טרעט ער אָגב זייער שאַרף אַרויס קעגן די ליכט־פּאַכטער; ווײַל די דאָזיקע שטעלע האָט אַ קולטור־היסטאָרישן באַדײַט, ברענגען מיר די ערשטע נײַן סטראָפן:

און דאָרט איז אָפן יידן געוועזן אַ צאָרן
און וועד איז ווי ער פאַרשוואַרצט געוואָרן?
מען האָט נים געלאָזט אים דעכן און לעבן,
און אַלץ נאָר געהייסן אים געבן און געבן.
פון טויט און פון לעבעדיק האָט מען געריסן —
פון לעכט און פון פלייש, פון אַ שיין, פון אַ ביסן.

---

1 זע: א. לאַנדוי אין יידישע פילאָלאָגיע, 1924, 211—212; „ייִוואָ בלעטער" IX, 148; פנקס, ניו־יאָרק, I, 271; די העברעישע פובליציסטיק אין חיך, 189.

2 וועגן צווײ לעמבערגער „קיטל"־אויסגאַבעס פּײלן מיט: דער ביבליאָגראַף ג. רובינשטיין אין מינסקער „עקספּרעסער" פון 12טן סעפּטעמבער 1905 און ב. שלאָס־בערג אין „ייִוואָ בלעטער" ב׳ IX, 143—148.

דער לעכט־פאכטער האט די הויט געשונדן
פאר איטליכן לעכט, וואס מען האט אנגעצונדן.

הן מחמת מצווה, הן אין פריידן,
הן מחמת מנהג, הן גאר אין ליידן,
דאס לעכט הן שבת, הן יונטוב צוליב
עס זאל לעבטיק און פרייליך זיין אין שטיב —
דער לעכט־פאכטער האט די הויט געשונדן
פאר איטליכן לעכט, וואס מע האט אנגעצונדן.

איך האב געזעען אפט פריטיק שפעט
אן ארעמאן לויפן פון טיר צו טיר,
איך האב געהערט זיין געוויין און געבעט:
עס קומט אוים אף שבת אויסצוגיין שיר —
דער לעכט־פאכטער האט די הויט געשונדן
פאר לעכט צי יא צי ניט געצונדן.

ווען חנופה איז אין לאנד געווען,
מיר יידן זאלן מיר זיך דערמאנען
די גרויסע ניסים, וואס זענען געשעען,
אז עס בית המקדש איז נאך געשטאנען, —
דער לעכט־פאכטער האט די הויט געשונדן
פאר איטליכן לעכטל, וואס מע האט אנגעצונדן.

און מע האט געמאכט יום־כיפור־לעכט
אפן יום הדין, דעם טאג פון געריכט,
פאר טויטע נשמות און פארן געזינט,
אז גאט זאל זיי מוחל זיין זייערע זינד, —
דער לעכט־פאכטער האט די הויט געשונדן
פאר איטליכן לעכט, וואס מע האט אנגעצונדן.

און האט זיך, נעבעך, א יידל פארגלוסט
גאר חתונה צו האבן אין אונדזער לאנד,
האט איטליכער אונטערפירער געמוזט
א לעכט טראגן אין דער האנט —
דער לעכט־פאכטער האט די הויט געשונדן
פאר איטליכן לעכט, וואס מע האט אנגעצונדן.

דעם יתום איז גענוג געווען ביטער,
אַז ער האָט יאָרצײַט אויפגעשטעלט
דעם טאָג, וואָס אײנער פון פאָטער און מיטער
איז, נעבעך, נעגאַנגען אוים דער וועלט —
דער לעכט-פאַכטער האָט נאָך די הויט געשונדן
פאַר איטליכן לעכט, וואָס מע האָט אָנגעצונדן.

פאַרשוואַרצט איז, נעבעך, געוואָרן דער ייִד,
וואָס האָט ניט געגעבן אין גיטן מיט,
וואָס האָט ניט פאַרזעצט דרוף און דיינטער
געהונגערט אום זומער, געפרוירן אום ווינטער —
אַבי ניט דעם לעכט-פאַכטער שולדיק צו זײַן,
צו פאַלן אינעם לעכט-פאַכטערס הענט אַרײַן

דער פחד איז געווען גאָר קיין קאַטאָוועס,
אַז גלײַך מע האָט דערזעען דעם מלאך-המות,
איז אַזוי אַנטבאַלן די מילך דער מאַמעס
אַז מע האָט דערזעען דעם לעכט-פאַכטערס שמעס,
אַז ער איז געקומען מיטן בעל-מלחמה *
ארויסצוזעצן דעם ייִד די נשמה...

ווײַטער ווערט באַשריבן, ווי דער שמש מיטן זעלנער („בעל מלחמה") נעמען צו פאַרן ניט באַצאָלטן ליכט-שטײַער אַלץ, וואָס ס'איז דאָ אין שטוב: „אַ פענדל, אַ לײַכטערל, אַ שטרײַמל, אַ היטל, אַ טלית, אַ קיטל, אַ ספר, אַ ביכל, דעם קינדס אַ שיכל" אאז"וו.

ער האָט ניט געפרעגט נאָך געשריי און געוויין
און האָט זיך פאַרנומען פון גרויס ביז קליין...

בײלאַגע נומ׳ 2

(זע זײַט 129)

פראַגמענטן אויס דעם אַנאָנימען „זענדשרייבען"

...Verdient der noch Kredit, der um die Beibehaltung einer Steuer bittet, die an dem innersten Mark des

---

* בעל מלחמה — סאָלדאַט, זעלנער.

Lebens unserer Gemeinde zehrt? Ist es nicht eine Ironie auf diese Volksliebe, die sie so gerne zur Schau tragen, wenn sie hinterrücks das arglose Volk mit Dolchstichen des Hasses verfolgen, da sie den wahren Interessen desselben entgegenhandeln? Verdient der noch Liebe, der Anderen Hass predigt? Nicht das Wort, Sondern die That ist es, die den Mann charakterisirt. Durch das Wort habt ihr das Volk irregeführt, durch die That aber verrathen, verkauft an euere Interessen, an eueren Eigennutz, an euern Fanatismus! Und dafür verlangt ihr die Achtung unserer Gemeinde, dafür, dass ihr sie an den Rand der Verzweiflung zu bringen sucht? Welche Verkehrtheit! Hoffet nicht zu ernten, wo ihr die Drachensaat gesäet! Ihr werdet nicht den Strom der Zeit aufhalten, der so mächtig hinbraust!

Das Volk soll und muss gebildet werden, wenn ihr auch jeden Eingang zur Bildung desselben mit euern Dummheits-Barrikaden verrammelt! Gebt auf eine Rolle, die ihr durchzuführen zu ohnmächtig seid! Lasset ab, die Gemeinde zu spalten, deren besserer Theil schon längst euch in euerer wahren Gestalt erkannt! Höret auf, die Regierung mit euern albernen Petitionen zu behelligen; unsere christlichen Mitbrüder haben längst eure Absichten durchschaut und auf das rechte Maass zurückgeführt. Nur dem Blödsinnigen könnt ihr Spreu in die Augen werfen, das Volk wird sich durch euere labyrintische Sophismen nicht beirren lassen. Ihr werdet dastehen in eurer Blösse, ein Spott der Gemeinde und ein Popanz kleiner Geister...

...Ihr klaget die Regirung indirekt an, sie habe einen Eingriff in euere „heiligsten Institutionen“ gemacht. Womit soll nun dieser „Eingriff“ geschehen sein? Etwa, weil sie euch einen geistreichen Führer zum Seelenhirten eingesetzt, der im Stande wäre, den Schmutz aus der Gemeinde wegzuräumen, der sich seit Iahrhunderten daselbst angehauft? Oder weil ihr einen Mann zum Rabbiner erhalten, der das Volk auf die Nothwendigkeit seiner Mün-

digwerdung, seiner Unabhängigkeit von euch, aufmerksam machen sollte? Wir begreifen den Hass, den ihr ihm geschworen, weil er eine Arbeit unternommen, an der Jahrhunderte gescheitert, weil euch ein Mann zu gefährlich ist, dem das Wort zu Gebote steht, mit dem er auf das Volk wirken könnte. Darum hasset ihr, darum nennet ihr einen Fremdling, weil ihr selbst herschen wollet...

הוספות

צו ז׳ 19: כאַראַקטעריסטיש פאַר בן בוֹיִדן אַלס פערזענליכקייט
איז די פון אים אַליין פאַרפאַסטע עפּיטאַפיע, וואָס איז אויסגעקריצט
אויף זיין מצבה: מײַן נאָמע וואַר אליעזר לאַזאַרוס בן־בוֹיִד. גאָט וואַר
מײַנע הילפע, פערגענטע מיר וואָנאַך איך שטרעבטע: אונאַבהענגיגקייט.
געלאָבט זײַ דער נאָמע גאָטעס.

צו ז׳ 26: אין מאַי 1824, ווען דער „קולטור־פעראיין" האָט גע־
גוסעט און די שמד־עפּידעמיע האָט זיך געשטאַרקט, שרײַבט היינעס
אינטימער פרײַנד מאָזעס מאָזער צו עמנואל וואָלווילן: „עס איז פונם
יודענטום מער גאָרנישט געבליבן חוץ דעם שמערץ אין איינינע געמיטער.
די מומיע צעפאַלט אין שטויב בײַ דער באַרירונג מיט דער פרײַער
אַטמאָספערע און דער מיפער זין פון דער הערָאגליפן־שריפט, וואָס זי
טראָגט אויף זיך, ווערט איצט פאַרוואַנדלט אין שפּאָגל־נײַע אַלבאָם־
סענטענצן, גלײַך ווי משה רבנו איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן
אויף דער בוסטאַ־שטראַסע (איינע פון די האַמבורגער גאַסן) און האָט
זײַן סטיל אַזוי פײַן מאָדערניזירט, אַז ער איז שוין ממש ראוי צו ווערן
אַ מיטאַרבעטער אין דער „לייפּציגער ליטעראַטורצײַטונג". קיינער דאַגהט
ניט וועגן יודענטום... פון אַ טויטער ראַבי־פיגור אין אַ זאָאָלאָגישן מוזיי
קאָן מען נאָך מער יודענטום לערנען, ווי פון די לעבעדיקע טעמפּלפּרע־
דיגער. דאָס יודענטום מוז דעמאָלט אויפהערן, ווי נאָר דאָס פאָלק הייבט
אָן צו פאַרלירן דאָס באַוווּסטזיין וועגן זיך ווי וועגן גאָטס פאָלק" (מיר
ציטירן לויט Franz Kolbers, Juden und Judentum, Wien,
1935, 213).

צו ז׳ 121: וועגן די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט אין די
יידישע פּראָגרעסיווע קרײַזן אין גאַליציע אין די ערשטע טעג נאָך דער
מערץ־רעוואָלוציע פון 1848 גיט דער אין די „היסטאָרישע שריפטן פון
ייוואָ", II, 633, איבערגעדרוקטער יידישער אויפרוף „אַן די איזראַע־
ליטישע בעפעלקערונג גאַליציענס", געחתמעט פון איינעם „יצחק יהודה
בן אברהם אוהב ישראל אף חובב עמים". דער דאָזיקער „אוהב ישראל"
שײַנט צו זײַן אַ גאַנץ מעסיקער ליבעראַל, האַלט שטאַרק פונם „גוטן
קייזער פערדינאַנד" און פון דעם „גילדענעם גובערנאַטאָר" אין לעמ־

בערג. ער שרײַבט אָבער אַן אויסגעצייכנט פֿאָלקסטימליך יידיש און פֿאַרשטייט ווי איבערצוגעבן אין פשוטע קלאָרע ווערטער דעם ווערט פון דרוק- און פרעסע-פרײַהייט, דעם באַטײַט פון דער קאָנסטיטוציע א. א. וו.

צו ז' 230: דער ערשטער, וואָס האָט אויסגענוצט די פרעסע-פרײַהייט אין גאַליציע אויף דער יידישער גאַס, איז געווען איינער פון די „רואים" (זע אויבן, ז' 102), אברהם מענדל מאָהר, וואָס האָט דעם פינפטן מאַי 1848 אָנגעפאַנגען אַרויסצוגעבן אַ וואָכנשריפט אין יידיש „לעמבערגער יידישע צײַטונג" (אַרויסגעגאַנגען ביז סוף 1849).

צו ז' 245: אַ העברעיִשע איבערזעצונג פון מאָנטעסקיאַס פּיעסע האָט פאַרעפענטליכט דוד ראדנער (ווילנע, 1880).

זוך-צעטל

אַבראַמאָוויטש, שלום-יעקב, 251.
אברהם אבן עזרא, 57, 148, 172.
אַדלער, אברהם-יעקב, 231.
אַהרנזאָן, משה, 216.
אויערבאַך, בערטאָלד, 222, 245—249.
אויערבאַך, יעקב, 218.
אוצר נחמד, 99, 145.
אחד העם (אשר גינצבערג), 152, 181.
אַללגעמיינע צייטונג דעס יודענטומס, 194.
אָפּאַטאָשו, יוסף, 158.
אַטיציזם און יודאַיזם, 169—170.
„אָפּענעס זענדשרייבען", 129, 130, 139.
אפרים קוה, 247—248.
אריה די מאָדענא, 150.
אָריענט (צייטשריפט), 227, 233.
אָרנשטיין, יעקב-משולם, 61, 62, 108, 113—114, 121, 139,
אַרנשטיין, מרדכי-זאב, 61, 95.
בויער, ברונאָ, 189—190, 196, 219.
בייל, פּיער, 60.
בלומענפעלד, איגנאַץ, 145.
בלומענפעלד, יוסף, 130.
בלומענפעלד, עמנואל, 122.
בן-דויד, אליעזר, 19—20, 28.
ביק, יעקב-שמואל, 69, 70, 71, 72, 73, 74, 80, 96.
בודק, יעקב—זע „רואים".
בכורי העתים, 37—38, 39.
בלאָך, שמשון, 59, 61, 69, 134—136, 143.
בענעט, מרדכי, 135, 136.
בערנייס, יצחק, 206, 220, 226.
בערנע, לודוויג, 13, 14, 145, 182.
בערנפעלד, שמעון, 61, 85.
בערנשטיין, אהרן, 223, 250—255.
בערנשטיין, יעקב-הערץ, 125.
בראָד אַלס האַנדלסשטאָט, 108—109.
בריסילוי, מאיר, 220.
גאָלאָווין, וו. מ., 28.
גאָלדבערג, אברהם, 65, 97.
גאָלדענבערג, שמואל-ליב, 72, 97, 98—99.
גאַליציע אַלס השכלה-צענטר, 40—44.
גאַנז, עדואַרד, 14, 20, 26.
גוצקאָוו, קאַרל, 182.
גייגער, אברהם, 206, 216—222, 223, 224, 230, 235, 239, 254, 255.
גינצבורג, דוד-בער, 56, 57.
גראַף דע ברעצאָ (היינעס פריינד), 15.
גראַציאַ ד'אַגילאַר, 243—244,
גרעץ, היינריך, 77, 184.
דובס, מאַרקוס, 122.
דוקעס, יהודה-ליב (לעאָפּאָלד), 179, 235.
דעליטש, פראַנץ, 77, 151—152.
האַמבערג, הערץ, 10, 41, 55, 120.
האַרטמאַן, עדואַרד, 196.
האָרנשטיין—זע אָרנשטיין.
האָרנשטיין, הערש, 125, 126.
הולדהיים, שמואל, 223—225, 230.
הוליש, ליב, 73.
היילפּערן, פּנחס-מנחם, 232.
היינע, היינריך, 14—17, 21—25, 26—30, 145, 179, 182, 238—245.
היינע, סאַלאָמאָן, 26—27.
הירש, שמשון-רפאל, 206—216, 226, 236.
העגעל, געאָרג-ווילהעלם, 18, 25—26, 57, 85—86, 93, 191.
„העפּ-העפּ"-פּאָגראָמען, 12—13.
הערוועג, געאָרג, 183.
הערץ, הענריעטע, 10, 32.
וואָלף, עמנואל, 17—19.
וואָלפזאָן, אהרן, 10, 49, 138, 192, 219.
וויזל, נפתלי-הערץ, 40, 147, 148, 152.
וויס, אייזיק-הירש, 88.

װײַסבערג, מאיר, 101, 140.
װיסענשאַפט דעס יודענטומס, 9, 18.
װיסענשאַפטליכע צײַטשריפט פֿיר יודישע טעאָלאָגיע, 218.
װיקאָ, דזשיאַמבאַטיסטאַ, 84.
זאַמאָשטש, דוד, 236.
זאַקס, יחיאל־מיכל, 179, 236—238.
זק״ש, שניאור, 98.
זידפעלד, גבריאל, 71.
„החלוץ״, 131, 133.
טראַלער, יוסף, 112.
יאָסט, מרדכי, 32—35, 77, 122.
יוחנן פֿון גוש־חלב, 35.
יולס, מרדכי־צבי, 60.
„יונג דײַטשלאַנד״, 182—183.
ײטלש, יהודה־ליב, 39, 42.
ײַנטילומו, שמשון, 157.
יעלעניק, אהרן, 235.
יעלעניק, הערמאַן, 233.
יעקובזאָן, ישראל, 39.
יש״ר מקנדיא, 80.
כאַן, אברהם, 122—126, 127, 129—130.
כהן, אריה־ליב, 59.
כהן, גאָטהילף, 128.
כהן, רפאל, 184.
כהן, שלום, 36, 37, 38.
כעלמא, שלמה, 45.
כרם חמד, 97, 98, 99—101, 104.
לאַובע, היינריך, 182.
לאַנגבאַנק, 141.
לאַנדוי, י. ל., 85.
לאַנדוי, משה, 38.
ר׳ לוי בן גרשון (רלב״ג), 149.
הלוי, יהודה, 172, 177, 238, 240—241, 245.
לוצאַטו, אוהב גר, 158—159.
לוצאַטו, חזקיה, 152.
לוצאַטו, משה־חיים, 137.
לוצאַטו, שמואל־דוד, 77, 82, 145, 150, 151—181, 205, 242.
ליבערמאַן, אליעזר, 165.
לעװינזאָן, יצחק־בער, 106, 107, 135, 183.
לעטעריס, גרשון, 136—137.
לעטעריס, מאיר, 59, 61, 63, 97, 134, 136—143.
לעפין, מענדל, 56, 79.
לערנער, חיים־צבי, 135.
מאָזענטאַל, הערמאַן, 245—246.
מאַזער, מאָזעס, 14, 24, 25, 27, 29.
ר׳ מאיר (דער תנא), 142.
המאסף, 37, 38, 39.
מאַרקוס, לודװיג, 14.
מאַרקס, קאַרל, 189, 190—193.
מונד, טעאָדאָר, 182.
מונק, שלמה, 235.
מור (מאהר), אברהם־מענדל, זע „רואים״.
מיזעס, יהודה־ליב, 44—56, 60, 62, 70, 80, 84, 138.
מײַזלס, דוב־בערוש, 226.
מילזאהגי, אליק״ם בן יהודה, 102—103.
מינץ, מאיר, 125.
„מיסיאָן־טעאָריע״, 197—205.
מענדעלסזאָן, 56, 60, 62, 79, 148, 150, 174.
מענדעלסזאָן, משה אויס האַמבורג, 232.
מענטש, יעקב — זע „רואים״.
מענקעס, אָסװאַלד, 122.
משה די ליאון, 53.
משה בן מיימון, 45—46, 57, 59, 66, 68, 69, 82, 83, 100, 147, 149, 171—172.
נטקיש, בנימין־צבי, 60, 62.
נייא, ברוך־צבי, 57, 134.
„נײַנצעהן בריעפע איבער יודענטום״ — זע הירש, שמשון־רפאל.
סאַלאָמאָן, גאָטהאַלד, 228.
סופר, משה, 135.
סמאָלענסקין, פרץ, 141.
עזריה די ראָסי, 57, 84.
ערטער, יצחק, 60, 97, 111—121, 131—133.
פאַסטור, לייב, 60.
פילד, א., 232.
פײַערבאַך, לודװיג, 183, 196, 219.
פיכטע, יאָהאַן־גאָטליב, 57, 85.
פיליפזאָן, לודװיג, 165, 193—205, 210.
פיליפזאָן, משה, 193.

פילפול, בערל, 130.
פינסקער, שמחה, 156—157, 160.
פינקעלשטיין, נחום, 111.
פישמאן, נחמן — זע „רואים".
פלאַחיוס, יוסף, 35.
פּלאי (הלל די לצורה), 99 — 100, 108.
פעטער בער, 122.
פעראיין פיר קולטור אונד וויסענשאַפט
דער יודען, 14, 15.
פעראיין פיר רעפאָרם-פריינד, 187, 222.
פערל, יוסף, 44, 95, 105, 111, 138.
פראַנק, אַדאָלף, 235.
פראַנקל, זכריה, 226, 230, 231.
פראַנקל, לודוויג-אויגוסט, 143, 244—245.
פרידלענדער, דוד, 10, 12—13, 19, 20,
28, 32, 33, 34, 45, 49, 55, 188, 192, 219.
פרישמאַן, דוד, 251.
פרענקל, זעקל, 220.
צונץ לעאָפּאָלד (יום-טוב), 9—11, 12,
13, 17, 20—21, 30—31, 77, 84, 94,
103, 159, 164, 179, 183, 218, 234.
צייטשריפט פיר די וויסענשאַפט דעס
יודענטומס, 17, 30.
קאַהען, הערמאַן, 194.
קאַלישער, לעאָ, 122.
קאַמפּערט, לעאָפּאָלד, 249—250.
קאַנט, עמנואל, 19, 57.
קאַסעל, דוד, 232.
קאַפלער, שלמה, 120.
קאַרא, דוד, 45.
קאַרן, יעקב-חיים, 61, 63.
„קול סכל", 150, 156.
קינדערפריינד, אריה ליב, 110.
קעמפּ, שאול, 179, 235.
קעניג, מנחם, 121.
קראָכמאַל, נחמן, 55—59, 60, 63—64,
65—67, 79—94, 97, 132, 135, 137,
143, 172.
קראָכמאַלניק, שלום, 56.
קריינצנאַך, טעאָדאָר. 222.
קרעשקש, חסדאי, 174.
ראבי"ה — זע מילזאַגי.
ראַבינער-צוזאַמענפאָרן, 223, 225, 230, 232.
„ראָדאַ גאַראָדאַחאַ", 127, 129.
ראָזענטאַל, מנחם-מענדל, 104.
ראַפּאָפּאָרט, ברוך, 122.
ראַפּאָפּאָרט, שלמה-יהודה, 54, 58, 59—61,
62, 67—69, 70, 71, 72, 73, 74—78,
94—96, 98, 100—101, 103, 104,
112, 127, 135, 143, 160.
„רואים" (יעקב בודק, יעקב מענטש,
אברהם-מענדל מור און נחמן פישי-
מאַן), 102.
רודערמאַן, פסח, 251.
רוסאָ, זשאַן-זשאַק, 167.
רייטמאַן, הירש, 126, 257—258.
ריסטאָרי, א., 245.
ריסער, אליעזר, 184.
ריסער, גבריאל, 184—189, 222.
ריקערט, פרידריך, 236.
„רעפאָרם-געזעלשאַפט", 230, 250, 252.
רעדזשיאָ, יצחק-שמיאל, 135, 143—150,
162.
שור, יהושע-העשל, 131, 133, 161.
שטיין, לעאָפּאָלד, 230.
שטיינשניידער, משה, 184.
שטערן, זיגמונד, 223.
שטרויס פרידריך, 182, 218.
שיינפעלד, ברוך, 71, 141.
שילער, פרידריך, 38, 72, 140.
שמיד, אַנטאָן, 36, 37, 97.
שמואל אבן תיבון, 81.
שמעון בן גיורא, 35.
שעקספיר, וויליאַם, 239—240.
שפּינאָזאַ, ברוך, 247.
„תורת הקנאות", 226.

אינהאַלט

ערשטער טייל

חכמת ישראל און גאַליציאַנער השכלה

ערשטער קאַפּיטל
זײַט

יום טוב (לעאָפּאָלד) צונץ אַלס גרינדער פֿון חכמת היהדות. — די "העפּ־העפּ"־פּאָגראָמען אויף ייִדן. — לודוויג בערנע און "דער עוויגע יודע". — "דער פֿעראיין פֿיר קולטור אונד וויסענשאַפֿט דעס יודענטומס". — דער יונגער האַרי היינע און זײַנע נאַציאָנאַלע שטימונגען. — זײַן "אַלמאַנזאָר" און "איבער פּאָלען". — די "צײַטשריפֿט פֿיר די וויסענשאַפֿט דעס יודענטומס". — עמנואל וואָלף און עדוואַרד גאַנז. — וויסענשאַפֿט דעס יודענטומס אַלס הכשר אויף גלײַכבאַרעכטיקונג. — בן־דוד וועגן דעם גלויבן אין ביאת המשיח. — היינע און זײַן "רבי פֿון בכרך". — דער אונטערגאַנג פֿונם "פֿעראיין". — די אָפּטריניגע. — מרדכי יאָסט און זײַן "געשיכטע דער איזראַעליטען" 9

צווייטער קאַפּיטל

די "בכּורי העתּים" און זייערע רעדאַקטאָרן. — יהודה־לייב ייִטילש און די גאַליציאַנער מיסאָרבעטער. — די משׂכּילים אַלס פּאַטריאָטן. — זייער איזאָלירטע לאַגע. — משׂכּילים יחסנים און די אָרטיקע "שׂררות". — יהודה־ליב מיזיס און זײַן "קנאת האמת". — נאָכקלאַנגען פֿינם פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערטס. — פֿרידלענדערס און האָמבערגס הסכּמות. — אָנזאָגער פֿון אַ נײַעם וועלט־באַנעם. 36

דריטער קאַפּיטל

נחמן קראָכמאַלס קינדער־יאָרן. — דער יונגער קראָכמאַל אַלס הײַנטיזער און לערער. — ראַפּאָפּאָרט און זײַן משׂכּילישער קרײַז אין לעמבערג. — דער לעמבערגער רב האָרנשטיין און דער "פּסק החרם" קעגן די משׂכּילים. — דער אַרויסטריט קעגן קראָכמאַלן, און קראָכמאַלס "כּתב ההתנצלות". — די בעלי־תּשובֿה צווישן די משׂכּילישע יונגעלײַט. — קראָכמאַל און ראַפּאָפּאָרט קעגן די "בעלי־תּשובֿה". — ראַפּאָפּאָרטס "נר מצוה". — ראַפּאָפּאָרט און ביק: צוויי וועלט־באַנעמען. — ביק רער "אָבסקוראַנטיזער". — "אהבֿת ישׂראל" און ליבע צום מענטשן. — ראַפּאָפּאָרטס וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן 56

זײַט

פערטער קאַפּיטל

דער נײַצײַטיקער „מורה נבוכים". — מײמוני און קראָכמאַל. — קראָכמאַל און די דײַטשע אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע. — העגעל העגעלס השפעה אויף קראָכמאַלן. — די זעלבסט-דערקענטעניש פונם װעלט-גײַסט און דאָס זעלבסטבאַװוסטזײַן פון דער מענטשליכער פּערזענליכקײט. — קראָכמאַלס קולטור-היסטאָרישע מעטאָדע. — דער „קנאת האמת" און דער „מורה נבוכי הזמן". — דער „שר האומה" און „אלוה האומה". — די אײגנאַרטיקײט פון דעם ייִדישן פאָלק. — דער באַדײַט פון „שכינה בישראל". — קראָכמאַלס שטאַנדפּונקט בנוגע דעם נאַציאָנאַלן גײַסט פון דער ייִדישער אומה. — דער באַדײַט פונם „כרם חמד", זײַן פּאָקטישער רעדאַקטאָר. — אליקם מילזאַגי און זײַן „ראביה". — די „רואים" און דער „עמק שושנים" 79

פינפטער קאַפּיטל

יוסף פערלס אַנטװיקלונג. — זײַן סאַטירע „בוחן צדיק". — פּערלס קריטיק בנוגע די פּאַרשײדענע סאָציאַלע שיכטן פונם ייִדישן קיבוץ. — מענטשן פון יושר קאָן מען געפינען בלויז צװישן ערדאַרבעטער. — דער דיכטער אַריה-ליב קינדערפרײַנד. — די אידיליע אין די ייִדישע קאָלאָניעס אין דרום-רוסלאַנד. — יצחק ערטער דער „צופה לבית ישׂראל". — דער משכיל יוסף טראַלער. — ערטערס פּאָעטישער סטיל. — זײַנע „װעאונגען". — ערטערס קאַמף קעגן חסידות און רבנים. — ערטערס פּאַמפלעט „תשליך"; דער באַדײַט פון זײַן סאַטירע „גלגול נפש". — די רעװאָלוציע פון 1848 און אירע אָפּקלאַנגען אין גאַליציע. — דער קאַמף צװישן די אָרטאָדאָקסן און די „דײַטשן". — דער רעפאָרם-ראַבינער אברהם כהן און זײַנע „בריות אויס גאַליציע". — די פּױלישע נאַציאָנאַלע באַװעגונג און דער קאַמף אין דער לעמבערגער קהילה. — די סאָציאַלע יסודות פון דעם קאַמף. — דער אנאָנים און זײַן „װענדשרײַבען". — אברהם כהנס טראַגישער טויט. — ערטערס פּראָגראַם-אַרטיקל „תולדות החלוץ". — ערטערס פּלוצלינג-דיקער טויט 105

זעקסטער קאַפּיטל

משׂכּילים פּשרה-מאַכערס. — דער „מליץ" שמשון בלאָך און זײַן „שבילי עולם". — דער דיכטער מאיר הלוי לעטעריס און זײַן „דברי שיר". — דער סענטימענטאַל-ראָמאַנטישער מאָמענט אין דער השׂכּלה-באַװעגונג, פאוס[illegible] ײַן אלישע בן אבויה. — לעטעריס אַלס פּראָזאַיקער. — די עסטרײַכישע איטאַליענער. — יצחק-שמואל רעדזשיאָ (ריג"יו). — דער גײַסטיקער צושטאַנד פון די איטאַליע-נישע קהילות. — רעדזשיאָס „התורה והפילוסופיאה". — פּראַנץ דעליטש און זײַן „צור געשיכטע דער ייִדישען פּאָעזיע". — עבדות בתוך חרות. — שמואל דוד לוצאַטאָ אַלס פּערזענליכקײט. — די רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין לוצאַטאָס װעלט-באַנעם. — לוצאַטאָ קעגן די דאָגמען פון דער השׂכּלה. — לוצאַטאָס קריטיק קעגן חכמת ישׂראל. — לוצאַטאָ דער ראָמאַנטיקער. — לוצאַטאָס לערע װעגן אַטיציזם און יודאַאיזם. — זײַן קאַמף קעגן דעם רמב"ם און אברהם אבן עזרא. — לוצאַטאָס לערע װעגן לעבן-אילוזיעס. — „חלק כחלק" 134

זיבעטער קאַפּיטל

זייט

די באַפרייַונגס-שטרעמונגען אין דייַטשלאַנד. — „יונג-דייַטשלאַנד". — די אָפּקלאַנגען אויף דער ייִדישער גאַס. — גבריאל ריסער, דער קעמפער פאַר זעלבסטאַכטונג און ערנגעפיל. — „דער יודע" אַלס קאַמפס-אָרגאַן. — ברונא בויער װעגן דער ייִדן-פראַגע. — קאַרל מאַרקס און זייַן „צור יודענפראַגע". — „לי נקם ושלם". — די ייִדישע אינטעליגענץ און דער „קבע שבלב". — לודװיג פיליפּסאָן און זייַן „אַללגעמיינע צייַטונג דעס יודענטומס". — די „מיסיאָנס-טעאָריע" בײַ פיליפּזאָנען 182

אַכטער קאַפּיטל

דער אָרטאָדאָקסישער ראַבינער שמשון רפאל הירש. — דער באַדייַט פון זייַנע „ניַינצעהן בריעפע". — די ייִדן אַ „גייַסטיג פאָלק". — הירשס פאַרהאַלטן זיך צו עמאַנציפּאַציע און רעפאָרם. — צוריק צו די אַלטע קװאַלן. — אברהם גייַגער אַלס רעפאָרם-קעמפער און פרייַדענקער. — זייַן „װיסענשאַפטליכע צייַטשריפט פיר ייִדישע טעאָלאָגיע". — דאָס פרייַע זיטליכע באַװוסטזייַן. — דער באַנייטער קאַמף קעגן די האַמבורגער רעפאָרמיסטן. — יצחק בערנייס און זייַן אָרטיסטריט קעגן דעם רעפאָרמירטן סידור. — אברהם גייַגער און זייַנע ראַדיקאַלע פאָדערונגען. — די פראַנקפורטער און בערלינער רעפאָרמיסטן. — דער ראַבינער-צוזאַמענפאָר אין ברױנשװייַג. — שמואל הולדהיים אַלס רעפאָרם-קעמפער. — דער „תורת הקנאות" אַלס װידערקול פונם „אלה דברי הברית". — זכריה פראַנקל און זייַן װעלט-באַנעם. — די קאַמף-ליטעראַטור נאָכן צװייטן ראַבינער-צוזאַמענפאָר. — די רעװאָלוציע פון 1848 206

נייַנטער קאַפּיטל

די „אַנטפּלעקער" פון די שײַנקייטן פון דער העברעיִשער ליטעראַטור. — לעאָפּאָלד דוקעס און יצחק קעמפף; אַדאָלף פראַנק און שלמה מונק. — יחיאל מיכל זאַקס און דער באַטייַט פון זייַן „רעליגיעזער פּאָעזיע דער יודען אין שפּאַניען". — היינריך הײַנעס פאַרהאַלטן זיך צו שעקספּירס שײַלאָק. — הײַנעס „העברעיִשע מעלאָדיען". — גראַציאַ ד'אַגילאַר און איר מאַראַנען-ראָמאַן. — לודװיג-אויגוסט פראַנקל און זייַנע ראָמאַנטישע פּאָעמעס. — הערמאַן מאָזענטאַל און זיין דראַמע „דבורה". — בערטאָלד אויערבאַך און זייַנע היסטאָרישע ייִדישע ראָמאַנען. — לעאָפּאָלד קאָמפּערט און זייַנע געטאָ-שילדערונגען. — אהרן בערנשטיין און דער באַטייַט פון זייַנע נאַטורװיסנשאַפטליכע פאָלקסביכער און געטאָ-דערציילונגען. — די אידיליע װערט מגולגל אין אַ טראַגעדיע 234